STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06046

BREYSHES FUN MEDINES YISROEL

Jacob Botoshansky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב באָטאָשאַנסקי

בראשית

— פון —

מדינת ישראל

(רעפּאָרטאַזשן)

ערשטער באַנד

שער־בלאַט געצייכנט פון
משה פייגנבלום

התש״ט בוענאָס איירעס 1948

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
Copyright by
J. Botoshansky

JACABO BOTOSHANSKY

"BERESHIT FUN MEDINAT ISRAEL"

(EL GENESIS DEL ESTADO DE ISRAEL)

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
BUENOS AIRES

זוך - צעטל

1 איז געפלויגן אַ ייד אַ שרייבער קיין ארץ ישראל

זען בראשית (במקום הקדמה) — — — — — — 5

2 „מאָרגן וועט זיין מדינה און מלחמה" — — — — — 18

3 „היום יהיה האות הזה" — — — — — — — — — 33

4 און מיינע אויגן האָבן געזען און מיינע אויערן

האָבן געהערט די הכרזה פון מדינת ישראל — — — — —45

5 דער ערשטער שבת אין מדינת ישראל — — — — — — 57

6 דער טאָג פון דער ערשטער יידישער מיניסטאָרן זיצונג 73

7 געשלאָגן נאַפּאָלעאָנען — — — — — — — — — — — 95

8 די משוגעים פון עכו האָבן דאָס שוין אויך געוווסט — 117

9 „הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל — — — — — 127

10 דורך קאַטאַקאָמבן, „געהיימשטאָט" און תעלות

צו בית ביאַליק — — — — — — — — — — — — 161

11 העברעאיש־טעאַטער, העברעאישע פּרעסע,

יידיש און די גאָלדענע קייט — — — — — — — — 179

12 געפאָלגט און געזען דרום־זייט — — — — — — — — 204

13 קיבוץ, קבוצה און וואָס זיי זיינען — — — — — — — 242

רשימה פון בילדער — — — — — — — — — — — — 268

רעגיסטער פון נעמען — — — — — — — — — — — 269

קוקט אייך גוט אַרום,
ס׳איז אַ שיין מדינהלע
(גאָלדע מאירסאָן)

I

איז געפלויגן אַ ייד אַ שרייבער קיין ארץ ישראל זען „בראשית"

(במקום הקדמה)

אַ ייד — אַ יידישער שרייבער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל צו דער פראָקלאַמירונג פון דער מדינת ישראל; געפאָרן פון בוענאָס איירעס...

..ניין, ניט אינגאַנצן אַזוי: געפאָרן פון דעם געבורט שטעטל אין בעסאַראביע, וואָס געפינט זיך ביים ברעג פון טייך דונאי, געפאָרן, זיצנדיק אויף דעם אָרט, לערנענדיק אין חדר, הערנדיק מעשהס פון טאַטן און דער מאַמען, געפאָרן דורך קעשענעוו, אדעס, בוקארעשט, יאַסי, גאַלאַץ, ווין, בערלין, פאַריז, בוענאָס איירעס, וואַרשע, ווילנע, ניו־יאָרק, לאָנדאָן, סאַן פראַנציסקאָ... געפאָרן דורך ישיבות, געפאָרן דורך פּאַרטייען, געפאָרן דורך קאָנגרעסן און קאָנפערענצן...

אין רומעניע איז געווען אַ ווערטל „ער פאָרט דורך מאַינעשט קיין ארץ ישראל". דאָס יידישע שטעטל מאַינעשט ליגט ניט אויף דעם וועג קיין ארץ ישראל, אָבער עס איז געווען אין דער מאָלדאַווע דאָס ציוניסטישסטע שטעטל און דערפאַר האָט עס זוכה געווען צו אַריין אין יידישן פאָלקלאָר. דער ייד, דער יידישער שרייבער, וועגן וועלכן איך דערצייל אייך, איז געפאָרן דורך אַ סך מאַינעשטן קיין ארץ ישראל. אויך דורך ניט־ און אַנטי־ציוניסטישע מאַינעשטן געפאָרן. אומעטום געזוכט ארץ ישראל, מיטן גאַנצן האַרצן געגלייבט אין דעם „עתידה ארץ ישראל להתפשט בכל הארצות".

אינעווייניק האָט שטענדיק עפּעס „געקראַבעט", אַז אַן אייגן לאַנד וואָלט געווען מער זיכער און דערפאַר קיינמאָל זיך ניט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק, אַז יידן וועלן אַמאָל דאָך האָבן אַן אייגן לאַנד. אינעווייניק האָט אים שטענדיק „געקראַבעט", אַז אפשר זאָל דאָס יידישע לאַנד פאָרט זיין דאָס דאָזיקע, וואָס גאָט ברוך הוא האָט

צוגעזאָגט אברהמען, ווען ער האָט מיט אים געשלאָסן א בונד (ניט קיין יידישן אַרבעטער בונד...) צווישן די שטיקער, אָבער — דער געדאַנק האָט געפּלאָגט און דאָס לעבן איז געגאַנגען...

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אז מסתמא איז אָט דער געדאַנק געבליבן פון יענער זייט, טאקע, ווייל דער דאָזיקער ייד איז געווען א יידישער שרייבער. מיטן וועג קיין ארץ ישראל ממש איז געגאַנגען איין גרויסער יידישער שריפטשטעלער — שלום עליכם. מענדעלע מוכר ספרים האָט אַ גאַנץ לעבן געלעבט צווישן ציוניסטן און ער האָט מורא געהאַט, אז אוסישקין וויל ביי אים צונעמען זיין ארץ ישראל און ער האָט אזש געזאָגט „ולירושלים עריך ברחמים תשוב — יאָ", אָבער „ואוסישקין (ותשכון) בתוכה — ניט". פּרץ האָט אויסגעדרייט דעם וואָגן פון יידישן שרייבער און אים געפירט קעגן השכלה און צו יידישקייט. ער האָט אים געפירט קיין „ירושלים של מעלה", אָבער ניט קעגן „ירושלים של מטה". ערגעץ אין אַ שטאָט האָט איין יידישער שרייבער געזאָגט אַ צווייטן, אַז ער איז אַ ציוניסט, האָט אים יענער געענטפערט: „אין וואַרשע וואָלט זיך אַ יידישער שרייבער געשעמט דאָס צו זאָגן". דאָס דאָזיקע האָב איך אַמאָל אַליין געהערט...

...און ערשט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט פון איין זייט זיך פאַר־וואַנדלט אין נאַציזם און פון דער אַנדערער זייט האָט מען דערזען, אַז די שפּראַך־אַסימילאַציע איז אַזאַ פאַרשלעפּנדיקער שטראָם, פאַר וועלכן עס איז קיין אַנטרינונג ניט פאַראַן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיבת ציון ביי יידישע שריפטשטעלער אין אַלע עקן וועלט.

..ביי אַ סך, ניט ביי אַלע! זייער אַ סך זוכן נאָך עד היום אַלערליי רפואות און ווילן ניט אָנערקענען, אַז די הויפּט־רפואה איז דאָס אייגענע לאַנד און אָן דעם איז דאָס איבעריקע קאַלטע פּריפּאַרקעס, ריידנדיק פאָלקסטימלעך.

און דער דאָזיקער יידישער שרייבער וועגן וועלכן איך דערצייל אייך האָט זיך אָנגעהויבן אומקערן צו ציון נאָך פופצן יאָר בלאָנדזשען. זייט 1922 ביז 1937 האָט ער געהערט צום ניט־ און אַמאָל אויך אַנטי־ציוניסטישן לאַגער. (ביז דעמאָלט איז ער געווען אַן אַקטיווער אַלגעמיינער ציוני, אַ פּועלי ציון און אַ לינקער פּועלי ציון). דער ניט־ציוניסטישער אַרגומענט זיינער פלעג זיין: ניט מען דאַרף ניט ארץ ישראל, נאָר מ'קען ניט. האָט דאָס לעבן אים אַליין איבערצייגט, אַז ווי שווער עס איז צו בויען ארץ ישראל, איז אָבער מער ווי שווער צו בלייבן אַ יידיש פאָלק

אין גלות. (די דאָזיקע, וואָס טשעפּען זיך צו אָט דעם וואָרט, האָבן פונ־דעסטוועגן ניט געפונען קיין אַנדערס... און די דאָזיקע, וואָס לאַכן, ווען מען רופט ניו־יאָרק גלות, האָבן דאָך אַמאָל געלאַכט אויך ווען מען האָט בערלין און וואַרשע גערופן גלות!) עס איז ניט נאָר שווער, נאָר טאַקע אוממעגלעך צו בלייבן אַ יידיש פאָלק נאָר אין גלות! און אַזוי ווי דער אני מאמין פון אונדזער שרייבער איז שטענדיק געווען יידישער קיום, איז פאַר אים געווען איין וועג...

ער איז געבליבן דער זעלביקער יידישער שרייבער, וואָס ער איז געווען, אָבער ער האָט אַזוי פיל מאָל אין טאָג גערופן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אַן אייגן לאַנד, וויפל מאָל זיין פרומער טאַטע, אברהם שוחט פון קיליע, האָט געזאָגט אין טאָג „ותחזינה עינינו בשובך לציון"... און געזעגנט האָט ער זיך מיט זיינע אייגענע, נאָענטע און לייענער אין אַרגענ־טינע אין דער סאַמע מיט פון אַ גרויסן קאַמפּיין פאַר יידישער קולטור און פאַר דעם יידישן בוך, וואָס ער האָט אָנגעפירט, האָבנדיק די הילף פון אַ גרויסן טייל ישוב. און ער האָט טאָג־איין, טאָג־אויס פאַרבונדן אין ריידן און שרייבן דאָס יידישע לשון מיט ארץ ישראל. און געפילט האָט ער ווי ער וואָלט זיך מכבד געווען אויף אייגענע זינד לגבי ארץ ישראל און אויף די זינד פון אַ סך יידישע שרייבער אין משך פון אַ סך יאָרן לגבי ארץ ישראל.

אים איז אויסגעקומען זיך געזעגענען מיט אַ גרופּע פון אַ פּופּצן בועגאָס איירעסער טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן זייערע זין און טעכ־טער אין „ארץ" און ער האָט זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון די מאַמעס, וואָס האָבן אים איבערגעגעבן גרוסן. זיי האָבן ניט געוויינט. ווי שיין זיי האָבן זיך באַהערשט און ווי שיין און גרויס עס האָבן געשיינט שטראַלן פון גלויבן און האָפענונג אין זייערע מיט טרערן אָנגעגאָסענע אויגן! און די ברידער און שוועסטער פון די קינדער, וואָס זיינען שוין דאָרט, האָבן אים שטילערהייט געזאָגט בסוד, אַז זיי וועלן אינגיכן אויך זיין דאָרט. קלענערע שוועסטער און ברידער, אייניקע פון זיי — כמעט נאָך קינדער...

ער האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע טייערע קינדער און ער האָט זיך געקלערט, אַז אַזאַ פייער פאַר דער יידישער קולטור האָט מען ניט באַוויזן צו אָנצינדן ביי דער יוגנט! און ער האָט אפשר מקנא געווען אויך, אָבער פאַרגונען האָט ער נאָך מער! און געקלערט האָט ער זיך, אַז כאָטש דער אומקער צו ארץ ישראל איז דער גרויסער חלום, איז יידישע קולטור

ניט קיין קליינער חלום, אָבער מסתמא האָט מען ניט געטאָן פאַר דעם דאָס דאַזיקע, וואָס מען דאַרף...

און ער האָט געזאָגט:

„כאָטש אונדזער ישוב איז אַ סך מער פאַרבונדן מיט ארץ ישראל ווי מיר אַלע ווייסן, פאַר איך צו מאַכן נאָך שטאַרקער די פאַרבינדונג. אין דער וווּלגאַריטעט פאַרקניפּט מען מיט פעדעם און מען פאַרבינדט מיט שטריק. אין דעם איידעלן מענטשלעכן לעבן פאַרבינדט מען מיט אויגן, אויערן און הערצער. מען פאַרבינדט מיטן וואָרט... דאָס יידישע לעבן איז זייט אייביק אָן געקניפּט און געבונדן דורך דעם וואָרט —

דעם וואָרט פון דער תורה,

דעם וואָרט פון די נביאים,

דעם וואָרט פון די גרויסע העברעאישע און אידישע דענקער און פּאָעטן!

און איך — אַ לעצטער און אַ קלענסטער אין דער משפחה פון די דאָזיקע, וואָס ציען ווייטער און ווייטער דאָס וואָרט אונדזערס, פאַר אין דעם לאַנד אריין פון אונדזער עבר און עתיד צו פאַרבינדן מיט דעם אונדזער ישוב מיט נאָך און נאָך שטאַרקערע פעדים... און אויך איצטער, ווען ארץ ישראל שטייט אין גרויסן און שווערן און גערעכטן קאַמף, וועלכן דאָס יידישע פאָלק מוז און וועט זיכער געווינען, אויך איצטער גלויב איך אין כוח פון אונדזער וואָרט און איך בין איבערצייגט, אַז דורך אָט דעם וואָרט קען מען העלפן געווינען די מלחמה פון יידישן פאָלק.

פאָר איך...

און זייט געזונט!

און לאָמיר טאָן אַלץ צו געווינען אונדזער גרויסע לעבנס מלחמה!"

און ווען זיין ווייב מרים און זיין בן יחיד אברהם האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן און זיי האָבן אַרויסגעוויזן מורא פאַר זיין לעבן, האָט ער זיי געזאָגט: „פאַראַן נאָך אלמנות און יתומים"... און צוגעגעבן האָט ער: „איך פאָר זען ווי דאָס יידישע פאָלק ווערט אויס אַלמן און אויס יתום"... 8טן מאַי 1948 (כ"ח ניסן התש'ח).

און דעם 8טן מאַי (כ"ח ניסן 1948 ה'תש'ח) איז דער ייד — דער יידישער שרייבער אָפּגעפלויגן פון בוענאָס איירעס און פון די אַלע אויסגערעכנטע און ניט אויסגערעכנטע שטעט, ווו ער האָט אַ לעבן לאַנג געזוכט ארץ ישראל — טאַקע קיין ארץ ישראל, טאַקע אין אמתן ארץ ישראל. געפאָרן דורך דער אייביקער שטאָט רוים און דאָרט געטראָפן אַ

סך מער שפורן פון דעם אמאליקן נצחון פון רוימישן אדלער איבער דעם לייב פון יהודה, ווי פון דעם ניט־לאנג געפאלענעם דוטשע. וואו ער איז געגאנגען און ווו ער איז געשטאנען, האט ער געזען סמנים פון טיטוס, אדריאנוס, פאנטיוס פילאטוס א. א. וו. און אים האט זיך געדאכט, אז ניט נאר מאנומענטן דערציילן דא וועגן זייער נצחון און אונדזער מפלה, נאר אויך דער טייך טיבער, וואס שטראמט א שמאלער, א קויטיקלעכער און געצווימטער, דערציילט וועגן דעם און די ערד אליין וואס איז דא אנגעזאפט מיט בלוט פון אלע פעלקער און באזונדערס מיט יידיש בלוט, דערציילט וועגן דעם...

און פונקט ווי עס האבן אים אין רוים פארפאלגט די שאטנס פון אונדזערע אמאליקע באזיגער, האט אים ניט אויפגעהערט צו פארפאלגן דער שאטן פון משה העס, דעם מחבר פון „רוים און ירושלים", וועלכער האט אזוי קלאר פארמולירט דעם מוז, אז נאך דעם, וואס די אייביקע שטאט באם טיבער האט אויפגעלעבט, זאל אויך אויפשטיין די אייביקע שטאט ביים ירדן. אט פארט ער דאך צו דער פראקלאמירונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל, וואס וועט דאך פארקומען, ווייל ביים ירדן האט ווידער אויפגעלעבט א ניי יידיש לעבן...

...אין יאר 1945 איז דער דאזיקער ייד, דער יידישער שרייבער, געווען אין סאן פראנציסקא, ער איז אהין געפארן זען די גרינדונג פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, וואס מען רופט היינט „יון" און ער האט דארט געזען זייער קלאר דעם טרויריקן אמת, אז די פארשטייער פון די אלע פעלקער, וואס האבן באזיגט דעם, ימח שמו, אומברענגער פון זעקס מיליאן יידן, האבן קיין שום פארשטענדעניש ניט און קיין שום געפיל ניט פאר דעם עצם קיום פון יידישן פאלק. יידן עקזיסטירן פאר זיי אויף אזוי פיל, וויפל זיי „דערקוטשען" זיי און מ'קען אויף זייער חשבון טרייבן פאליטיק, אבער זיי ווילן ניט און קענען ניט זיך אפילו צורירן צו דער נאציאנאלער יידישער פראגע, פונקט ווי זיי ווילן ניט און קענען ניט זיך צורירן צו דער לייזונג פון דער גאנצער וועלט־פראגע. ער האט געזען, אז אין דער שיינער שטאט סאן פראנציסקא, דורך דעם גאלדענעם טויער פון קאליפארניע, וועט משיח ניט קומען און ער בלייבט ווייטער א געקאוועטער אין קייטן בא די טויערן פון רוים.

...און אין דריי יאר ארום האט דער זעלביקער ייד, דער יידישער שרייבער, געזען ווי אין רוים פרווט משיח ווידער צערייסן די קייטן. ער פרווט... ניט ווייט פון רוים איז פאראן א פארשלאפן שטעטל, וואס

הייסט „טשינע טשיטאַ” — די קינאָ־שטאָט. מען האָט דאָס דאָזיקע שטעטל געבויעט ספּעציעל פאר דער איטאַליענישער קינאָ־פאַבריקאַציע, וואָס האָט געזאָלט וואַקסן. אין אָט דער „שטאָט” האָבן זיך באַזעצט פּליטים פון פאַרשידענע פעלקער און במילא אויך פון יידן. איז אונדזער העלד געפאָרן אָנקוקן אָט די „שטאָט”, אפשר בכדי צו זען דעם מאַק־סימום גלות; און ער האָט דאָרט געטראָפן יידן אַזוי־אָ „לעבן”: אין איין גרויסן בנין, וואָס איז חצי־גאַראַזש און חצי־מאַרק, זיינען געווען צוויי הונדערט יידישע משפחות, וואָס האָבן זיך ווי לייבן געראַנגלט מיט דער אַנטי־היגיענישקייט און מיט די שלעכטע ריחות, פּונקט ווי רביים פלעגן אַמאָל זיך ראַנגלען מיט בייזע רוחות... יעדער נפש איז דאָרט געווען אַ געראַטעוועטער, איינער פון הונדערט. ניין און ניינציק האָט מען אומ־געבראַכט; די איבערגעזעטיקטע יידן אין אַרגענטינע האָבן ניט געגלייבט אין דעם, אַז עס איז טאַקע געווען אַזוי. איז באַשערט געווען, אַז זייער שרייבער זאָל ד אָ ס זעען מיט זיינע אייגענע אויגן. טאַקע געטראָפן אַ פּאָר פון זיין שטאָט און אויף וועמען ער האָט געפרעגט, איז דער ענטפער געווען: „אומגעבראַכט געוואָרן”... געטראָפן באַקאַנטע פון אַנ־דערע שטעט, ווו ער האָט געוווינט און אז ער האָט געפרעגט אויף די דאָרטיקע באַקאַנטע און פריינט זיינע, איז דער ענטפער געווען דער זעלביקער. דער חשבון האָט געשטימט — איינער פון הונדערט... און חוץ קליינע אויסנאַמען, האָבן אַלע געראַטעוועטע אויסגעהאַלטן דעם ווייַ־טערדיקן פּיין צוליב דעם גלויבן אין ארץ ישראל. אַ דאַנק דעם גלויבן זיינען זיי נישט געוואָרן קיין גנבים און קיין פאַרברעכער און קיין דעגע־נעראַטן און זיי האָבן געשיקט די קינדער אין דער יידישער שול, וואָס זיי האָבן אַליין אָרגאַניזירט. (מען האָט אין דער דאָזיקער שול געלערנט נאָר העברעיש, ווייל כמעט אַלע האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרט איז דאָך די שפּראַך פון די קינדער העברעיש. די קינדער אַליין האָבן גערעדט יידיש. די לערער, צום מיינסטן געשיקטע פון ארץ ישראל, האָבן זיך אַרויסגעהאָלפן מיט דער יידישער שפּראַך. דאָס דאָזיקע איז דער אַבסאָלוטער און פאַקטישער אמת וועגן די יידישע שולן אין אַלע לאַגערן — וואָס מען רופט זיי אין נאָרד אמעריקע „קעמפּס” און אין ארץ ישראל „מחנות” — און איך געפין אים פאַר נויטיק צו דערציילן אַזוי ווי ער איז, בלי כחל ושרק. צוגעבן דאַרף מען, אַז די קינ־דער אונדזערע פון די לאַגערן זיינען מסתמא כמעט די איינציקע אין דער וועלט, וואָס זייער נאַטירלעכע שפּראַך איז יידיש און הלואי זאָלן מיר

אזוי זיכער זיין, אַז די קינדער פון אַלע אונדזערע שולן וועלן אזוי קענען יידיש, ווי אַט אַ די קינדער וועלן שוין קענען!) אַ דאַנק דעם גלויבן אין ארץ ישראל האָבן זיי ניט פאַרלוירן דאָס מענטשלעכע און יידישע אין דער מיט פון טייוולאָנישסטן דזשונגל, ווו זיי האָבן ניט געהאט קיין פּלאַץ צו קענען פאַרזוכן אַ רגע דעם טעם פון אינטימיטעט.

...און אַ מאָדנער געדאַנק איז איינגעפאַלן דעם יידן דעם שרייבן, וואָס איז געפאָרן צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל; אים איז איינגעפאַלן, אַז ער דאַרף זיך דערנענטערן צו דער טיטוס־אַרקע אין רוים. יידן דערנענטערן זיך ניט צו אַט דעם בויגן, וואָס דערציילט זיי די טרויעריקסטע געשיכטע פון זייער לעבן, אָבער — האָט זיך דער שרייבער געקלערט — אויב מען גייט פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה און אויב דורך רוים אַליין און דורך גאַנץ איטאַליע פאָרן און פליען יידן קיין ארץ ישראל, מעג מען שוין...

— עמיצער דאַרף מתיר נדר זיין?

ער האָט טאַקע געקלערט וועגן דעם און אַ כוח האָט אים פאָרט געשטויסן דערצו. אַ מאָדנער כוח. דערצו האָט מען אים געהאַלטן אין איין דערציילן, אַז די איטאַליענער זיינען אין דער גאַנצער צייט פון צווייטן וועלטקריג געווען בעסער צו יידן ווי אַלע אייראָפּעישע פעלקער. ביי פראַנצויזן זיינען געווען אַ סך גוטע, אָבער נאָך מער שלעכטע, וואָס האָבן פאַרקויפט און פאַרמסרט יידן צו די דייטשן; ביי די איטאַליענער זיינען כמעט אַזעלכע ניט געווען; כמעט נאָר גוטע געווען. און אַט דער פאַקט האָט אים צערודערט דאָס בלוט און אים איז איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ מאַניפעסטאַציע, וואָס זאָל אַרונטערגיין אונטער טיטוסעס בויגן און שרייען:

יודעא אינוויקטא,
יודעא נאָ קאַפּטא...
(יהודה איז ניט באַזיגט און ניט געפאַנגען.)

אַזאַ מאַניפעסטאַציע האָט ער ניט אָרגאַניזירט, אָבער אַליין איז ער אַרונטערגעגאַנגען אונטער יענעם טרויעריקן בויגן. ער האָט זיך פאַוואָליע דערנענטערט צו די חורבות פון „קאָליסיי", וואָס איז אַמאָל געווען דאָס רוימישע „בית המקדש" — מיט דעם אונטערשיד, וואָס בעת אין ירושלימער בית המקדש האָט מען מקריב געווען בהמות פאַר קרבנות, האָט מען אין רוימישן מקריב געווען מענטשן — און ער איז צוגעקומען צו דער טיטוס־אַרקע און געמאַכט מיט זיך אַליין אַט דעם תנאי: אויב עס

וועט דורכגיין כשורה, וועט ער עס דערציילן, אויב ניט וועט ער אַ טראַכט טון. אין סאַמע צענטער געפינט זיך דאָ די קאָנסטאַנטין אַרקע, וואָס דער־ציילט וועגן נצחון פון קריסטנטום און די אַרקע פון רשע טיטוס, וואָס גאָט האָט אים געשטראָפט מיט אַ פליג, וועלכע האָט אים געזשומעט אין מוח, געפינט זיך אין אַ זייט, רעכטס, אַביסל פאַרהוילן פון אויג. און אָט איז ער אונטער דער אַרקע. אויבן זעט מען דעם אימפּעראַטאָר, וואָס אַן אָדלער ציט אים אין הימל אַריין; און אונטן זעט מען צוויי באַרעליעפן: איינע איז אַ פיגור, וואָס שטעלט פאָר דעם סימבאָל פון רוים און איינע אַ וואָגן, אויף וועלכן עס געפינט זיך טיטוס, יידישע געפאַנגענע און די טייערע כלים פון בית המקדש... אין יאָר 70 האָט מען די דאָזיקע אַרקע אויסגעבויט און אָט איז געקומען אַ ייד מיט 1878 יאָר שפּעטער און ער איז אַרונטערגעגאַנגען אונטער איר און ער האָט צו זיך געזאָגט:

קען זיין, אַז — שוין...

דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט. קיינער האָט נישט באַמערקט, אַז דאָ געשעעט עפּעס אויסערגעוויינלעכס. מענטשן האָבן געזען אַ מענטשן פאַר־ בייגיין. זיי האָבן זיך ניט געגעבן חשבון, אַז דאָס איז אַ ייד. דער הימל האָט געקוקט מילד, ער קוקט שוין אַזוי־אַ מילד קנאַפּע ניינצן הונדערט יאָר אויף דעם נצחון פון רשע און רשעות.

דערנאָך האָט דער ייד דער שרייבער נאָך געוואַנדערט איבער רוים און זיך אָנגעטראָפן אויף אַ מאָנומענט פאַר אַדריאַנען.

אַ ד ר י אַ ן...
אין די יידישע ספרים הייסט ער אדרינוס.
בר כוכבא האָט זיך מיט אים געשלאָגן.
טיטוס־אַדרינוס...

קען זיין, אַז שוין...

...ארץ ישראל איז דעמאָלט געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט. ענגלאַנד האָט געמאָלדן, אַז זי גאַראַנטירט ניט פאַר די ערדראָמען פון לאַנד, האָבן די אַוויאַציע געזעלשאַפטן ניט געשיקט זייערע עראָפּלאַנען און אונדזער העלד איז געבליבן אין רוים שיר־ניט ווי אין עק וועלט און געזוכט אַ שיף, וואָס האָט שוין געמעגט פאַרשפּעטיקן. דרך אגב האָט מען דעם יידן דעם שרייבער באַגנבעט און איבערהויפּט האָט מען ביי אים צוגענומען די דאָקומענטן און ער איז ממש געווען פאַרצווייפלט. אַ קול אין אים האָט אים געזאָגט: „דו ווילסט ס'זאָל דיר אָנקומען גרינג דאָס קומען קיין ארץ ישראל צו דער הכרזה פון דער יידישער מדינה? געדענקסט

ניט, אַז אפילו קענן דעם שופר בלאָזן שטעלט זיך דער שטן?" און אַ באַקאַנטער האָט אים געזאָגט: „געקומען אַ ייד פון אַרגענטינע קיין אייראָפּע און ער וויל, אַז אַלץ זאָל פאַרבייגיין גלאַטיק... זאָל ער דאָס פאַרגלייכן מיט אונדזערע איבערלעבונגען..." און מיטוואָך דעם 12טן מאַי, ג' אייר, אין דער פרי האָט מען געמאָלדן, אַז עס גייט אַ טשעכישער עראָפּלאַן קיין ארץ ישראל. ער גייט כלומרשט קיין לוד און ער קומט קיין תל אביב.

מיט ניט־זיכערע טריט איז מען אריינגעגאַנגען אין עראָפּלאַן, וואָס האָט געהאַט דרייסיק פּלעצער און איז געווען ליידיקלעך, אָבער פּאַוואָליע האָט מען געזען, אַז די צען פּאַסאַזשירן און די צוויי קינדער זיינען אַלע יידן. פון ניט־יידן איז באַשטאַנען נאָר דער פּערסאָנאַל. און אַלע פּאַסאַ־זשירן, חוץ דעם שרייבער, זיינען געווען ארץ ישראל אידן און דער עראָפּלאַן האָט באַלד געהייסן „אוירון". נו, יאָ, אויר הייסט לופט אויף העברעיש און אַ לופטפליער הייסט „אוירון", און אונדזער העלד האָט געוואָלט וויסן, צי נאָר „אווירא דארץ ישראל מחכים" (די לופט פון ארץ ישראל מאַכט קלוג), צי מ'קען שוין קריגן עפּעס חכמה אויך אין דעם „אוירון", וואָס פליט קיין ארץ ישראל.

...און באַשערט געווען צו זיין אונדזער יידן דעם שרייבער אַ גאַנצע נאַכט אין אַטען. אין דער שטאָט פון די „חכמי אתונא", אין דער שטאָט פון סאָקראַט, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעל. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געוואַנדערט איבער דער דאָזיקער שטאָט, וווּ עס זיינען אים נאָכגעגאַנגען שאָטנס פון פּערזאָנען, וואָס האָבן געשאַפן די וועלט־פילאָזאָפיע און געלייגט די באַזע פאַר דער וועלט־וויסנשאַפט און אפשר אויך אַזעלכע, וואָס האָבן גע־שאַפן די יסודות סיי פון ערגסטן, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, אי פון שענסטן. זיי האָבן ניט אָפּגעטיילט דאָס שיינע פון אומגערעכטן און ניט געשאַפן קיין פאַרבינדונג צווישן שיינעם און גוטן... אַטען פון היינט האָט אויסגעזען אָרעם אין גייסט און אָרעם אין כוח. מען האָט ניט געזען ניט קיין פונק פון אַמאָליקן אַטען און ניט קיין סימן פון ספּאַרטאַ... אַ קליין שטעטל! די צענטע שטאָט אין די פאַרייניקטע שטאַטן און די דריטע שטאָט אין אַרגענטינע האָבן מער רייץ ווי די אַמאָליקע וועלט־שטאָט אַטען. צוליב וואָס דער גורל האָט געפירט אונדזער העלד איבער רוים, האָט ער פאַרשטאַנען, אָבער צוליב וואָס איבער אַטען? האָט אים עמיצער געוואָלט סוגערירן אַ געדאַנק, אַז ווען יידן בלייבן אין ארץ

ישראל, וואָלט ירושלים היינט אויסגעזען אַזוי ווי דאָס איצטיקע אַטען? אפשר!

פאַר אַט דעם געדאַנק האָט ער זיך נישט איבערגעשראָקן. ער האָט ניט אויפגעהערט פילן, אַז כאָטש אַזוי, מוזן אידן זיך אומקערן! וואָרום דאָס היינט קליינע גריכישע פאָלק קען נאָך אַמאָל ווערן גרויס אויך בעת ווען אַלע יידן וואָלטן געלעבט אונטער דעם האַקנקרייץ, וואָלט שוין ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו האָבן אפילו אַ קליין אידיש פאָלק. זעקס מיליאָן יידן פאַר דעם ברוינעם מולך, ווער ווייסט וויפל מיליאָנען יידן פאַר דעם מולך פון אַסימילאַציע זיינען געגוג צו איבערשרעקן אויף טויט, אַז עס קען, חלילה, קומען אַ סוף צום גאַנצן פאָלקס לעבן... איידער אַ גרויס פאָלק אַ טויטס, בעסער אַ קליין פאָלק אַ לעבעדיקס. פון קליין גרויס קען מען ווערן, פון טויט לעבעדיק — ניט!

פאָרן יידן צוריק גרעסער קיין ארץ ישראל ווי זיי זיינען געווען, ווען זיי זיינען פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן?

עלטער, רייכער אין עקספּעריענץ און פּראַקטיק — זיכער.

אָבער די דאָזיקע עקספּעריענץ האָבן זיי אַליין געהאָלפן שאַפן.

און ניט־ביליק באַצאָלט פאַר דעם.

אין רוים אַליין האָבן וועגן דעם ערשט־אַ דערציילט די קאַטאַקאָמבן און דער קאָנצענטראַציע לאַגער אין „טשינע טשיטאַ" און די גאַנצע „מיט" צווישן זיי — אַ מיט פון צלם־טרעגער, אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען, הריגות, שחיטות, גייסטיקע אויסראָטונגען דורך אַלערליי שמד־צוואַנגענישן און דורך „אין אונסדיקע" עמאַנציפּאַציעס.

און דאָנערשטיק אין דער פרי האָבן מיר זיך ווידער אַריינגעזעצט אין זעלביקן עראָפּלאַן און איבערגעלאָזט די אַטענער שאָטנס אין אַטען און געפלויגן קיין ארץ ישראל און געדאַכט האָט זיך, אַז מ'איז שוין אין ארץ ישראל, כאָטש פליען האָט מען געדאַרפט פערטהאַלבן שעה. אָט וואָס אונדזער ייד דער שרייבער האָט פאַרצייכנט בײַ זיך אין פּנקס אין יענע פערטהאַלבן שעה:

„פון דעם מאָמענט אָן, וואָס איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין אַטען אין עראָפּלאַן אַריין, האָב איך שוין געפילט, אַז איך בין אין ארץ ישראל. דריי מיט אַ האַלבע שעה פליט מען נאָך, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דער הימל וואָס איך זע דורך דעם פענצטערל, איז שוין ארץ ישראלדיק, אַז ער ווערט וואָס אַמאָל מער ארץ ישראלדיק. די העלקייט פון הימל ווערט וואָס אַמאָל העלער, די בלויקייט ווערט וואָס אַמאָל בלויער. דער עראָפּלאַן

פֿאַרט רואיק און ער וויגט זיך ריטמיש, קוים, וואָס מען פֿילט זיין באַוועגונג, אָבער אינעווייניק אין מיר וואַרפֿט אַלץ און טרייסלט און מיר דאַכט זיך, אַז איך אַליין בין אַ עראָפּלאַן, אָדער גאָר עפּעס אַ פֿויגל און איך פֿלי צווישן צעשטורעמטע לופֿט־כוואַליעס קיין ארץ ישראל.

מיר דאַכט זיך, אַז אין איין זיידן כמאַרעלע, וואָס בלאָנדזשעט אין אַ ווינקל ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעט שעפֿעלע, אַן אָפּגעריסנס פֿון דער סטאַדע, זע איך אברהם אבינו אליין, דעם טאַטן פֿון אונדזער פֿאָלק. איך זע אים אַ גרויסן, אַ ווייסן, מיט אַ שטעקן אין האַנט, פֿאַרדעקט מיט ווייסע קליידער און קוקט מיט שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן — די אויגן פֿון מיין פֿאָלק... און אין די שוואַרצע אויגן זע איך טרערן... און נעבן אים זע איך, אין אַ צווייטער כמאַרע, יצחקן, דעם צווייטן טאַטן פֿון אונדזער פֿאָלק, דעם אומשולדיקן, דעם שעמעוודיקן, דעם בלינד געוואָרענעם, וואָס איז געלעגן קינדווייז אַ געבונדענער אונטער זיין טאַטנס מעסער... אים, יצחקן, האָט גאָט ניט געהייסן טשעפּען, אָבער מיליאָנען אַנדערע יצחקס האָט מען יאָ געטשעפּעט, האָט מען יאָ געקוילעט...

און איך זע אין אַנדערע כמאַרעס און אין פֿרייען הימל יעקב אבינו איניינעם מיט די צוועלף זין זיינע. און ערגעץ צווישן הימל און כמאַרע זע איך די פֿאַרוויינטע מאַמע לאה מיט די טונקל געוואָרענע אויגן און די צאַרטע מוטער רחל מיט דעם איבערגעריסענעם לעבן צוליב געבורט און ליבע... און איך זע משה רבינו, דעם פּאַסטוך, דעם לערער, דעם אויספֿורעמער פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס האָט געקענט דאָס לאַנד פֿון זיינע חלומות נאָר פֿון דער וויטנס. מיר שיינט, אַז ערגעץ דאָרט גרינט זיך דאָס קליינע בערגל פֿון וואַנען ער האָט די גרויסע תורה געגעבן און ווייסט זיך דער באַרג פֿון וואַנען ער האָט ארץ ישראל געזען...

עס ציטערט אין מיר אַלץ, וואָס איז יידיש און אַלץ, וואָס איז מענטשלעך. די ערשטע סדרות פֿון חומש לעבן אינגאַנצן אויף אין מיר, קיין איין וואָרט זייערס בלייבט ניט אין דער אָפּגערוקטקייט און פֿאַרגעסנקייט. זיי ציטערן אין מיר אין זייער עברי לשון און אין דער טייטשחומשדיקער איבערזעצונג פֿון רבין און אין די שפּעטערדיקע „טייטשן” פֿון פֿאַרשידענע פּרשנים און קריטיקער און עס וואַקסט אין מיר אויס אַזאַ פֿאָעמע, וואָס האָט אַלע מענטשלעכע מאָטיוון —

ליבע און שלאַנגישקייט,

ברודער־ליבע און ברודער־מאָרד,

קאָנקורענץ און אָפּנאַרעריי,

אייפערזוכט און רשעות,
נסיונות און לוין פאר אויסהאַלטן,
קאַמף פאַר גערעכטיקייט
און קאַמף פאַר אַן אָרט אין לעבן.
און חלומות, חלומות און חלומות...

און די צייט יאָגט זיך דערווייל און יאָגט זיך. געוויינלעך קריכן די מינוטן און עס לויפן די טעג און דאָ, דוכט מיר, לויפן די מינוטן אויך. אפשר איז עס מיין אימפעט, וואָס יאָגט אַזוי די צייט.

וואָס אַזוינס איז פאַראַן אין אָט אָ דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט עס אויסגעקליבן און איז מיט דעם אַריינגעדרונגען אין די הערצער, נשמות און חלומות פון אונדזער פאָלק? וואָס איז אַזוינס דאָ אין אָט דעם לאַנד וואָס האָט אַזוי צוגעצויגן די אידן און האָט זיי געמאַכט גיין פערציק יאָר איבער מדבר און קעמפן דערנאָך מיט אַן אַ שיר פעלקער, בכדי דאָס איינצונעמען טיילווייז און אויף דערווייל און ניט האָבן איין רעכט רואיק יאָר? און ווען די יידן האָבן שוין דאָס לאַנד געהאַט, האָבן זיי ערשט אָנגעהויבן זיך קריגן צווישן זיך און זיך אָפּשוואַכן אין אייגענע קאַמפן און זיי האָבן געמאַכט, אַז דער שונא זאָל מוזן שטאַרקער ווערן... און וואָס אַזוינס פאַרמאָגט אָט דאָס לאַנד, וואָס האָט געקענט מיטגעבן די יידן אַ כוח אַזאַ און אַ בענקשאַפט אַזאַ, וואָס זיי האַלטן אין צעמענטירן אין דער ווייטסטער צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט?

און אין וואָס שטעקט דער כוח פון אָט דעם לאַנד, וואָס עס האָט אַזוי צוגעצויגן די יידן אין אַלע צייטן און באַזונדער אין אונדזער צייט? עט־לעכע לענדער האָט מען יידן געוואָלט געבן אין אונדזער צייט. גרעסערע און רייכערע לענדער און מער זיכערע און פונדעסטוועגן האָבן מיר זיי ניט געוואָלט. אייניקע האָבן יאָ געוואָלט, אפשר אַ סך האָבן געוואָלט, אָבער די מינדערהייט האָט געהאַט גענוג כוח ניט צו לאָזן. די מערסטע פון אונדז האָבן שוין גאָר געגלויבט, אַז מיר וועלן קענען בלייבן אין דער צעשפּרייטקייט ווי אַ פאָלק און אַז מיר וועלן ניט אינגאַנצן און ניט טייל־ווייז זיך אומקערן אַהער און די קלענערע צאָל האָט געזיגט. יידן לויפן היינט צוריק קיין ארץ ישראל, ווי צו אַ לעצטער רעטונג. יידן פון אַלע עקן וועלט. ניט נאָר געראַטעוועטע יידן פון אַלע טיילן אייראָפּע, וואָס האָבן אויסגעטרונקען דעם בעכער צרות ביז אין סאַמע דנאָ, נאָר אויך יונגע יידן פון אַלע אַמעריקעס, וואָס האָבן נאָך ניט פאַרזוכט דעם טעם פון רעכטע צרות...

איך יאָג די צייט. איך מאַך פון די פערטהאַלבן שעה פליען צווישן אַטען און תל אביב מינוטן און די מינוטן ווערן גרויסע און איך זע אויפן וועג העסן, פינסקערן, הערצלען, ברענערן, גאָרדאָנען, טרומפעלדאָרן, זשאַבאָטינסקין, בערל קאַצענעלסאָנען, באַלפורן — און אפילו — בעווינען להבדיל... איך זע אונדז אַליין, איך זע פריינט, איך זע שונאים, איך זע מענטשן קעגנער צווישן זיך, וואָס זיינען דאָך געגאַנגען דעם זעלביקן וועג...

אַלע פאָרן זיי מיט מיר. אַלע פאָרן זיי מיט אונדז.

דער עראָפּלאַן ווערט פול.

עס ווערט ענג ווי צו כל נדרי.

און אַלע זינגען: „עוד לא אבדה תקוותנו"...

די קעגנער זינגען אויך...

די שונאים שווייגן".

און דאָנערשטיק דעם 13טן מאי 1948, ד' אייר התשח, איז דער ייד דער שרייבער אָנגעקומען קיין ארץ ישראל און ער איז דאָרט געווען וואָכן און וואָכן און געזען דעם סאַמע בראשית פון דער יידישער מדינה און געזען —

און וואָס ער האָט געזען און געהערט, איז פאַרשריבן אין אָט דעם בוך.

II

„מאָרגן וועט זיין מדינה און מלחמה"

אין דער צייט, וואָס יידן האָבן אַפּלאָדירט דעם אָנקום פון עראָפּלאַן אין דעם קליינעם „רידינג"־עראָדראָם פון תל אביב, האָב איך באַהאַלטן און שעמעוודיק זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטון די ערד. מיין טאַטע האָט גע־בעטן צוריק מיט אַ יובל ביי זיינעם אַ שוואָגער פון צפת אַ זעקל ארץ ישראל־ערד און איך האָב דאָ פאַר זיך די גאַנצע ארץ ישראל־ערד.

פאַרוואָס האָט מען אַפּלאָדירט אונדזער אָנקום?

ווייל זייט אַ פּאָר טעג, אַז מען קומט אַהער פון ערגעץ ניט. דאָס לאַנד איז אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט.

מען פירט אונדז אַריין אין אַ מין צאָל־אַמט און מען הייסט אויף העברעאיש עפענען די רענצלעך. אַ יונגער אָפיציר זוכט לאַנג. שוין אַביסל צו־לאַנג. און ווען איך באַמערק אים דאָס, פאַרשעמט ער זיך און ער זאָגט, אַז ער טוט אָט די אַרבעט צום ערשטן מאָל און ער ווייסט נאָך ניט ווי אַזוי מען מאַכט דאָס. ער ווייסט אפילו ניט אין וועמענס נאָמען ער טוט דאָס. די מאַנדאַטן־מאַכט איז שוין ניטאָ און קיין יידישע מדינה איז נאָך ניטאָ. מען זאָגט, אַז „היינט איז ערב מאָרגן". ער ווייסט ניט. פאַלט איין אַ מיידל מיך צו פרעגן: „נשק יש"? צי איך האָב געווער, הייסט עס. ווייז איך איר מיין פעדער און זאָג איר, אַז „הנשק היחידי שלי" — מיין איינציק געווער. זאָגט זי, אַז — דאָס איז ניט גענוג...

און ווען די רענצלעך זיינען שוין אויף דעם אויטאָבוס, רופט מען צוריק אין דער „מאָרגנדיקער גובערניע" אַריין. וואָס איז? מען האָט דאָך אונדז פאַרגעסן צו שטעמפּלען די פּעסער. מען דאַרף דאָך וויסן, אַז מיר זיינען אָנגעקומען און ווען מיר זיינען אָנגעקומען. מיט וואָס־זשע אָבער שטעמפּלט מען? די יידישע מדינה איז נאָך ניטאָ, האָט זי במילא נאָך ניט קיין שטעמפּל...

ניט מען ווייסט ווי צו רעווידירן די רענצלעך,
ניט מען געדענקט, אַז מען דאַרף שטעמפּלען דעם פּאַס

און ניט מען האָט מיט וואָס צו שטעמפּלען.

אָבער — עס איז ניט אַזאַ גרויסע תורה — מען וועט זיך אויס־געַרנען!

ווערליק אַ „מאָרגנדיקע מדינה", מאַכט מען עס נאָך געַנוג גוט. הפקר וועט דאָ ניט זיין.

די טרעגער, וואָס שלעפּן די רענצלעך פון עראָפּלאַן אין צאָלאַמט און פון דאָרט אויף דעם אויטאָבוס, זיינען קליינע און שטאַרקע תימנער יידן. זיי טראָגן אַלע גאַנצע בערד און לאַנגע פאות. און זיי טוען דאָס אַזוי בדחילו ורחימו, אַז עס דאַכט זיך, אַז זיי מאַכן אַ ברכה אויף דעם טראָגן. זיי טוען דאָס פאַר דער יידישער מדינה פון מאָרגן. און פּרוּווסטו זיי געבן טרינקגעלט, שפּרינגען זיי אויף. אַנדערע טרעגער ווי אין דער גאַנצער וועלט. אויך דער הימל איז אַנדערש ווי אומעטום. העלער און בלויער. ניט אַנדערש זיינען די סאָלדאַטן און אָפיצירן. די סאָלדאַטן פאָלגן, וואָס די אָפיצירן הייסן. די אָפיצירן זיינען נאָר וויניקער שטרענג ווי ערגעץ אַנדערש צו די סאָלדאַטן. און זיי זיינען שוין יידישע מיליטערלייט, כאָטש „היינט איז ערשט ערב מאָרגן".

— פאַראַן דאָ אַ יידישע אַרמיי אָן אַ יידישער מדינה...

— ניט נאָר אַן אַרמיי! פאַראַן אַלצדינג, וואָס אַ מדינה דאַרף האָבן! אויב מאָרגן וועט זיין מאָרגן, וועט מען נאָר באַשטעטיקן דאָס דאָזיקע, וואָס עס עקזיסטירט שוין זייט לאַנג און וואָס די ענגלענדער האָבן גע־שטערט עס זאָל ווערן.

— און איצטער וועלן זיי שוין נישט שטערן?

— פון דער נאָענט ניט, פון דער ווייטן, אָהאָ...

גייענדיק צום אויטאָבוס, זע איך אַ בחור טראָגן אַ ביקס. און איך קוק אויף דער ביקס מיט די זעלביקע פאַרחידושטע אויגן מיט וועלכע איך קוק אויף אַלץ. און ווען איך פרעג דעם סאָלדאַט צי די ביקס זיינע שיסט טאַקע, קוקט ער אַזוי אויף מיר, אַז ער זאָגט מיר מיט די אויגן, אַז ער ווייסט ניט, וואָס צו טראַכטן וועגן מיר; און ער זאָגט מיר שוין מיטן מויל, אַז ווען איך וועל אָפּזיין אין לאַנד נאָר אַ פּאָר טעג, וועל איך שוין אַזעלכע שאלות ניט שטעלן.

דער עראָדראָם איז אַ קליינער און ער איז אַלט ניט מער ווי אַריבער צען יאָר. צום ערשטן מאָל האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט אַ פּוילישער עראָ־פּלאַן צוריק נאָך מיט אַ יאָר 13. ער דינט נאָר פאַר די קליינע, איין־מאָ־טאָרדיקע עראָפּלאַנען פון לאַנד פון דער קאָמפּאַניע „נתיבי אויר ארץ

ישראל". מיר זיינען ניט ווייט פון דעם פּלאַץ, ווו דער טייך ירקון פאַלט אַריין אין ים. ער ווערט דערמאָנט אין „יהושוע" דער דאָזיקער טייך און ער איז אַזוי שמאָל און אַזוי ניט אימפּאָזאַנט... אָבער פאַראַן דאָ מסתמא אַ סך קליינע זאַבעלעך, וואָס ווערן דערמאָנט אין גרעסטן ספר! אָט דאָרטן איז די עלעקטרישע סטאַנציע „רידינג", אויף דעם נאָמען פון דעם ענגלישן דיפּלאָמאַט, דעם געוועזענעם וויצע קעניג פון אינדיע, דעם יידן, וואָס האָט געהייסן דניאל רופוס אייזיקס רידינג. און אָט פאָרן מיר אַריבער די „וואָקאָפ בריק", וואָס פאַרבינדט תל אביב מיט יענער זיין ירקון, מיט עבר־הירקון, הייסט עס. דעם „עבר הירקון" האָבן די ענגלענדער קיינעם ניט אַוועקגעגעבן. וואָקאָפ האָט געהייסן דער פּערטער ענגלישער הויכקאָמיסאַר אין היינטיקן ארץ ישראל. אין דער גרינדונג־מגלה פון אָט דער בריק, דערציילט מען מיר, איז אַריינגעשריבן דער ווונטש, אַז די דאָזיקע בריק זאָל ברייט מאַכן די גרעניצן פון תל אביב קיין צפון זייט און די זאַמדן פון דאָרט זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין בליענדיקן ישוב...

— רידינג, וואָקאָפ... ענגלישע נעמען. אָבער די ענגלענדער איז ניט געווען געגנוג די יידישע פּריינטשאַפט. עס איז זיי ניט געווען געגנוג דאָס דאָזיקע, וואָס יידן האָבן די וויכטיקסטע פּלעצער געגעבן ענגלישע „נ ע מ ע ן", זיי האָבן געוואָלט אַלץ „צ ו נ ע מ ע ן".

מען מאַכט אידישע וואָרטשפּילן אין ארץ ישראל. מען זאָגט מיר, אַז דאָס לאַנד קען מען אָנרופן „קליין ענגלאַנד". עס איז אַ קליין און ענג־לאַנד... איך פרעג ווי אַזוי מען זאָגט דעם דאָזיקן וואָרטשפּיל אויף העברעאיש, קוועטשט מען מיט די פּלייצעס. איינער גיט זיך דאָך אַן עצה און ער זאָגט מיר: „אין העברעאיש שפּילט מען זיך איצטער ניט, מען שלאָגט זיך"... און מען זשאַלעוועט מיר ניט קיין וויצן וועגן דעם, וואָס דאָס לאַנד איז קליין. איינער דערציילט, אַז דאָ איז געווען צו־גאַסט אַ נ. אַמעריקאַנער יידיש פּאָרל בעת דער צעטיילונג, איז ער פאַרבליבן אין דער יידישער טייל און זי אין דער אַראַבישער... אַן אַנדערער דער־ציילט, אַז שמונה עשרה שטייט מען אין יידישן טייל, אָבער אויסגיין מוז מען אין אַראַבישן טייל... אַ דריטער דערציילט, אַז ווען מען גייט אום סוכות מיט „נענועים", גרייכט מען מיטן לולב אַריבער דער גרעניץ... און דעמאָלט ווען דיר ווערט אביסל קשה למאי מען חכמהט זיך וועגן דעם, דערפילסטו, אַז דאָס איז אַ חכמהן זיך אויף זיך צו טרייסטן און מען זאָגט דיר מיט פּאַטעטישן ברען, אַז אַ שפּאַן וועט מען ניט אָפּטרעטן.

אזעלכע יידישע וויצן האָב איך שוין געהערט, אָבער אַזאַ יידישן פּאַטאָס — ניט. ביז איצטער איז אָפּטרעטן געווען אַ יידישער מנהג.

מען וויל מיר דערציילן וועגן יעדן שפּאַן. אויף יענעם בערגל שטייט אַ נצחון־זייל צום זכר פון איינגעמען די „ירקון״־בריקן. דער באַרימטער ארכעאָלאָג פּראָפ. א. ל. סוקעניק און זיין געהילף ש. ייבין, ביידע פון העברעאישן אוניווערסיטעט, האָבן דאָרט געמאַכט אויסגראָבונגען און געפונען רעשטן פון אַ פּאָרט און פון אַ פעסטונג, אָבער דער אויטאָבוס לויפט אַוועק און דאָס בערגל פאַרשווינדט פון אויג. אַמאָל איז דאָ מסתמא געווען די שטאָט רקון, וואָס האָט געהערט צום שבט דן. איך אַליין באַמערק אַ סך זאַמד. אָן אַ שיעור זאַמד. אָט ווי קליין דאָס לאַנד, איז נאָך דאָך פאַראַן געגנט פלאַץ צו אויסרייניקן און פאַרבויען.

און אָט בין איך אין האָטעל און מען נעמט מיך אויף ווי אין אַלע האָטעלן פון דער וועלט און מען טראָגט מיר די רעכנצלעך און מען רעדט צו מיר אויף עטלעכע שפּראַכן און מען מישט העברעאיש מיט דייטש, ענגליש און יידיש. מען גיט מיר אַ קליין צימער מיט אַ „מקלחת״. ביז איצטער האָט עס פאַר מיר געהייסן „דוש״, „שפּריץ״, „שאַוער״, „דורטשע״, וועט עס שוין הייסן „מקלחת״ אויך. איך מערק, אַז אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך מען זאָל דאָ ניט ריידן, נוצט מען די הויפּט־טערמינען אויף העברעאיש. מען וועט ניט זאָגן „עלעקטריק״, נאָר „חשמל״, ניט סטאַנציע, נאָר „תחנה״ א. אַ. וו.

און איידער וואָס ווען מעלדעט מען מיר טעלעפאָניש פון דעם „מועדון עתונאי חוץ״ (קלוב פון אויסלענדישע זשורנאַליסטן), אַז אַרום פיר אַזייגער וועט פאָרקומען אַ פרעסע־קאָנפערענץ פון משה שערטאָק. גייענדיק צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ, מערק איך דערווייל די נעמען פון די גאַסן, וואָס שניידן דורך די גרויסע בן יהודה גאַס, אויף וועלכער עס געפינט זיך דער האָטעל ווו איך וווין און וואָס האָט דעם שיינעם נאָמען „ירדן״. איין גאַס הייסט „י. ל. גאָרדאָן״, אַ צווייטע „דוד פרישמאַן״, אַ דריטע — „מענדעלע מוכר ספרים״. באַקאַנטע נעמען...

דורך „מענדעלע מוכר ספרים״ גאַס פאַרבייג איך רעכטס און איך קום צו ביז צום האַפן. ניט קיין גרויסער האַפן, אָבער אַ שיינער. אויסערלעך דערמאָנט עס ריאָ דע זשאַניירא, אָבער דער ים האָט דאָ אַ סך העלערע קאָלירן. אָט דאָ איז די פּליאַזשע (זאַמד־ברעג) און אָט דאָרט שטייען שיפן. אַביסל צו נאָענט דאָס באָדן זיך פון די שיפן, אָבער מען גלויבט אין אַ „כשירהיב״.

האָטעלן קוקן אַרויס מיט באַלקאָנען און מיט טעראַסן צום ים. קאַפעען קוקן צום ים און וואַנדערנדיקע פאָטאָגראַפן לאָזן דיך ניט רוען. און יעדער דערציילט עפּעס. יענע שיף איז אַ פּוילישע און זי האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ זאַמד־באַנק; און יענע שיפן קומען פון פאַרשידענע לענדער און זיי ברענגען סחורות און ניט נאָר סחורות... איין שיף מיט געווער האָבן די ענגלענדער געוואָלט צונעמען, ווייל זי איז געקומען מיט צוויי טעג איידער דער מאַנדאַט איז אויסגעגאַנגען. די שיף האָט מען דאָך אויסגעלאָדן... די טאַנקען, וואָס אויף יענער שיף, קען מען ניט אויס־לאָדן, ווייל עס פעלן ספּעציעלע קייטן. דאָס אַלץ דערציילט מען מיר אויף העברעאיש און אויף יידיש און אויף דייטשמעריש.

איינער צום אַנדערן האָט צוטרוי. אפשר צופיל צוטרוי ווערדליק אַזאַ צייט און ווען אַזעלכע ענינים.

שיפן שטייען אַ סך. אפשר צופיל שיפן פאַר אַזאַ קליינעם פּאָרט. מסתמא איז עס ניט פאַר תענוג, מ׳קען זיי מיט אַמאָל ניט אויסלאָדן. אין חיפה איז דער פּאָרט גרעסער, אָבער מען דאַרף די אַלע זאַכן אין תל אביב. און אין חיפה באַלעבאַטעווען נאָך די ענגלענדער...

אָבער — דאָס איז טאַקע אַ יידישער פּאָרט? אונדזער אַלעמענס פּאָרט? מיינער אויך, כאָטש איך האָב אין אים אַזוי ווייניק אַריינגעלייגט... פון אָט דעם פּאָרט וועט מען קיינעם ניט צוריקשיקן נאָר ווייל ער איז אַ ייד... קיינעם ניט!

און איך ווייס ניט, וואָס ס׳איז מער וווּנדער — די גאַנצע יידישע שטאָט תל אביב, וואָס איז אינגאַנצן געבויט און באַזעצט פון יידן און האָט גאַסן מיט סאַמע יידישע נעמען, צי דער פּאָרט פון תל אביב, וואָס איז אָט ערשט אַ געוואָרן אויסגעבויט פון יידן...

די פּרעסע־קאָנפערענץ פון משה שערטאָק דאַרף פאָרקומען אויף דער גאַס טרומפּעלדאָר, עק בן יהודה. איך גיי אַרונטער הינטער אַ וואַנט פון זעק מיט זאַמד און איך קום אַריין אין אַ גרעסער צימער, ווו עס זיינען ווידער פאַראַן אַ סך זעק מיט זאַמד אַ „סגולה" קעגן קוילן זיינען זיי, די דאָזיקע זעק. זיי לאָזן ניט דורך קיין קוילן. מען זעט זיי ביי אַ סך טירן. ביי די ראָגן פון איינציקע גאַסן זעט מען ליידיקע קעסלען, וואָס שטייען אין געשלענגלטע רייען. מען רופט די קעסלען־באַריקאַדן „מחסום". אָך, יאָ — „לא תשים מחסום לפיו". אַ פאַרצוימונג מיינט „מחסום". עס איז אַזאַ אָבסטאַקל, אַז אויטאָס זאָלן ניט קענען לויפן און מען זאָל זיי קענען קאָנטראָלירן. איבערהויפּט שטייען אַזעלכע „מחסומים" נעבן יעדן

ווּיכטיקן אַנשטאַלט, ווי — „קרן קיימת", „קרן היסוד", „הסתדרות", וויצאָ, יידישע אַגענץ, שפּיטאָלן א. א. וו. עס האָט שוין פּאַסירט, אַז אַראַבער זיינען אַריין מיט אויטאָס, איבערגעלאָזט אַ באָמבע און אַוועק. עס שמעקט מיט קריג, כאָטש מען וויצלט זיך אויף שריט און טריט. דערציילט איינער, אַז אַ קליין קינד האָט געפרעגט: „די ענגלענדער זיינען שוין אין ענגלאַנד? אויף וועמען וועלן זיי שיסן?" און אַ צווייטער דערציילט, אַז אַ קינד האָט געפרעגט: „די ענגלענדער זיינען שוין אין ענגלאַנד? ווו זשע מאַכן זיי „עוצר"? (האַלט־סיגנאַל), ביי זיך? די מערסטע וויצן דערציילט מען דאָ פון קינדער.

משה שערטאָק האָט פּאַרשפּעטיקט. דער עולם אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָט געטומלט און געליאַרעמט און געטרונקען קאַלטע געטראַנקען און טיי און געריכערט. און אויסגעזען האָבן די מערסטע פון זיי ווי יענער, וואָס קאָנקורירן צווישן זיך און יעדער פון זיי וויל כאַפּן די אמתע חיה, אָדער דעם אמתן פויגל. די דריי פערטל מיליאָן יידן דאָ גייט אין לעבן, די זשורנאַליסטן גייט אין כאַפּן סענסאַציע. די אימפּעטיקייט און די באַוועגלעכקייט האָט דערמאָנט אין די אייביקע סצענעס פון די האָליוואָדער פילמען וועגן געשלעגן צווישן זשורנאַליסטן איבער אַ שטיקל ניים. אַפילו די שמועסן צווישן מענער און פרויען זיינען אויך געווען וועגן נייעס.

אויף אַ גאַנצער האַלבער שעה האָט משה שערטאָק פּאַרשפּעטיקט. אַפילו אַ מיניסטער פּאַרשפּעטיקט אויך ניט אַזוי פיל. און ער איז דאָך געווען אַ מאָרגנדיקער מיניסטער. אייגנטלעך האָבן אַלע זשורנאַליסטן אים גענומען שטעלן די פראַגע: „ווען?". ער איז אַריינגעקומען אַרומגערינגלט פון אַ גאַנצער סוויטע, ווי אַן אמתער מיניסטער. עטלעכע בחורים פון דער סוויטע האָבן אויסגעזען צו זיין באַוואָפנט, כאָטש מען האָט זייערע כלים ניט אָנגעזען. איין מיידל איז געווען אין דער סוויטע — אַ הויכע און אַ דאַרע. העכער מיט אַ קאָפּ ווי ער אַליין, דער מאָרגנדיקער אויסערן־מיניסטער, וואָס איז ווי אַ סך מפּאַי־פירער אין ארץ ישראל, ניט קיין הויכער. דאָס מיידל, וואָס באַגלייט אים, האָט אַ פייגלישן אויסדרוק אין איר גאַנצן וועזן און אויך אַ פויגלשן אויסזען אין אַ געוויסער מאָס. זי האָט אין זיך עפּעס אַ סודותדיקייט; בעת די מענער האָבן אַלע שווער און פעסט אַריינגעשפּאַנט, האָט זי טייל־וויז אַריינגעשוועבט און טייל־וויז אַריינגעטאַנצט; און זי איז, דאַכט זיך, אויך געווען באַוואָפנט. זי האָט געקוקט אויף אַלע זייטן און גאָרניט געזאָגט מיט איר קוקן, אָבער ווען שערטאָק

האָט געענטפערט אויף אַ פראַגע שפּאַסיק, האָט זי די ערשטע געלאַכט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ שטאַרק פאַרגלויבטע אין דעם מאָרגנדיקן מי־ניסטער, וואָס האָט אין זיין אויסזען עפּעס אַ רמז אויף טשאַרלי טשאַפּלין, ער איז נאָר קיילעכדיקער פון יענעם און אַביסל קינדישער. צוריק מיט דרייצן יאָר האָט אים מיר דוד ווערטהיים פאָרגעשטעלט אין לוצערן, ביים ניינצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַלס די „בייבי" (דאָס קליינע קינד) אין עקזעקוטיווו. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 41 און שוין אין יענער צייט איז מען אין אָט די יאָרן געווען אַ „בייבי". אַ זשורנאַליסט האָט מיר אין לוצערן געזאָגט: „ער איז געווען אַ משמש ביי אַ רבין, האָט מען דעם רבין געהרגעט און ער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ". (געמיינט האָט ער אַרלאָזאָראָווון, ביי וועלכן שערטאָק איז געווען סעקרעטאַר). דאָס איז געווען, האָט די צוקונפט דערוויזן, אַ טעות. שערטאָק איז ניט געוואָרן אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי אַרלאָזאָראָוו, אָבער ער איז געוואָרן אַ זייער באַרופענער דיפּלאָמאַט. און באַזונדער איז ער געווען אַ בריה אַ אָריענטאַלישער דיפּלאָמאַט. ער איז געקומען אַ קינד קיין ארץ ישראל און ער האָט דאָרט געענדיקט די „הרצליה"־גימנאַזיע און ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער טעטיקייט פון אַרבעט און קאַמף און ער איז אויסגע־וואַקסן געוואָרן צו אַן אייגנאַרטיקער פּלאַנץ — דער ייִנגסטער פון דער צווייטער עליה. אַלע אָנפירער פון דער צווייטער עליה זיינען געקומען קיין „ארץ" רייפע מענטשן, שערטאָק האָט פון חוץ לארץ כמעט גאָרניט געבראַכט מיט זיך, ער האָט נאָר געכאַפּט „ביידע" גלות־שפּראַכן — יידיש און רוסיש. איז ער פון דער זעלביקער תקופה וואָס בן גוריון, ד. רמז, י. שפּרינצאַק און — דאָך אַנדערש.

דער מאָרגנדיקער מיניסטער האָט דערפילט אויף זיך אַ ים מיט בליקן און אַ הויפן מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און ער האָט זיך אַנט־שולדיקט, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט און ער האָט צוגעגעבן אויף פראַנצויזיש „סע לאַ גער" — ס'איז מלחמה. עס קען זיין, אַז ער האָט אומישנע פאַרשפּעטיקט, בכדי צו דערציילן די זשורנאַליסטן, אַז עס איז טאַקע מלחמה. דאָס איז וואַרשיינלעך אַזאַ יידישע חכמה.

פאַקטיש בין איך פון יענער פּרעסע־קאָנפערענץ אַוועקגעגאַנגען אין יענעם „ערב־מאָרגן" מיט דער איינציקער קלאָרער ידיעה, אַז עס איז מלחמה. אין אַרגענטינע האָב איך דאָס געוווסט און ניט געוווסט, גלייך מיט אַלע. אין אַרגענטינע האָט עס געהייסן קאַמף, אָדער גאָר „געראַנגל". (אין חומש איז געראַנגל אַ קאַמף צווישן אַ מלאך און אַ מענטשן...) דאָ

האָט מען דאָס קלאָר אָנגערופן מלחמה. דער מאָרגנדיקער אויסערן־מיניס־טער האָט דאָס קינד אָנגערופן ביים נאָמען. וועגן אַלע אַנדערע זאַכענישן האָט ער גערעדט אַזוי, אַז מען האָט געקענט טייטשן ווי מען וויל. געווען איז ער מ אָ ר ג נ ד י ק ע ר אויסערן־מיניסטער, אָבער ער איז שוין ה יי נ ט געווען דיפּלאָמאַט.

און אויב מלחמה, בין איך געגאַנגען שטודירן אַ מאַפּע מיט שפּיל־קעלעך. און געזען האָב איך, אַז די אַראַבער געפינען זיך אויף אַלע שליסל פּאָזיציעס און אַז אַ סך וויכטיקע מיליטערישע באַלוארטן זיינען ביי זיי אין די הענט, ווייל די ענגלענדער האָבן זיי איבערגעגעבן. מען האָט זיך רעכט ניט געקענט אַ ריר טון אין לאַנד. אין דרום איז געווען סאַראַפּענד, אין צפון זשענין, קיין ירושלים־צו — לאַטרון, אין ירושלים אַליין איז די אַלטע שטאָט געווען שטאַרק באַדראָעט און די נייע שטאָט נאָך היפּש אין אַראַבישע הענט. דער נגב איז געווען בלאָקירט אין אָן אַ שיר פֿלעצער. דער וועג איז אויף שריט און טריט באַדראָעט ניט נאָר פאַר איבערפירן סאָלדאַטן און געווער, נאָר אויך פאַר איבערפירן שפּייז. ניט געווען קיין איין פּינטל, וואָס זאָל זיין אויסער געפאַר. תל אביב איז געווען צום ווייטסטן פון פראָנט, איז עס אויך געווען ניט ווייטער ווי אַ 15 קילאָ־מעטער. און דאָס איז געווען, ווייל יפו האָט זיך אין יענעם טאָג אונטערגע־געבן די יידן. פון די פינף און זיבעציק טויזנט אַראַבער זיינען אין יפו געהאַט געבליבן נאָר דריי טויזנט. די מערסטע אַראַבער זיינען שוין געהאַט אַנטלאָפן פון דעם יידישן טייל. די ענגלענדער האָבן זיי, האָט מען געזאָגט, געלערנט דאָס צו טון, כדי צו אָנרייצן די אַרומיקע זעקס אַראַבישע מדינות אויף יידן. די יידן האָבן טאַקע ביים אָנהויב שטאַרק מורא געהאַט, בן גוריון האָט געהייסן קניען פאַר זיי און זיי בעטן ניט אַנטלויפן און בלייבן בויען איניינעם דאָס לאַנד. באַלד האָט מען געזען, אַז די ווירקונג איז געווען אַ פאַרקערטע: די פערטהאַלבן הונדערט טויזנט אַנטלאָפענע א״י אַראַבער האָבן איבערגעשראָקן די אַרומיקע אַראַבער. זיי האָבן דאָך געמוזט אָנגעבן אַ מאָטיוו פאַר זייער פּחדנותדיקן אַנטלויפן, האָבן זיי דערציילט, אַז די „יאַהודן״ און „מאָסקובן״ (מאָסקווער — רוסישע יידן) זיינען מוראַדיק שטאַרק. יידן האָבן זיך טאַקע געטרייסט מיט דעם, וואָס מען וועט זיי איבערשרעקן, די ישמעאלים. פון די פראָנטן האָט מען שוין טאַקע געוווסט, אַז דאָס קליינע קאַנאָנדל „דודקע״, וואָס מאַכט מער רויש ווי עס שיסט, און וואָס טראָגט בן גוריונס נאָמען,

כאָטש בן גוריון אַליין איז מער אַקטיוו, ווי ער מאַכט רויש, שרעקט איבער די אַראַבער.

אַלע האָבן מיר געוווּסט, אַז די ענגלענדער האָבן געגעבן יידן טויט־שטראָף פאַר האַלטן געווער און אַז זיי האָבן געזוכט ביי יידן כלי־זין מיט מאַגנעט. די אַראַבער האָבן זיי באַוואָפנט ביז איבער די ציין. אין ארץ ישראל האָט מען דאָס בעסער געוווּסט. די „אינטעליגענט סערוויס" האָט אָנגעווענדט די גאַנצע חכמה און די גאַנצע פּראַקטיק צו געפינען געווער ביי יידן. על פּי שכל האָבן יידן געדאַרפט מורא האָבן און — זיי האָבן ניט מורא געהאַט. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר די וואַרשיינלעכע לופט־באָמבאַרדירונגען, פאַר די פאַרלוסטן, וואָס מען מוזן ליידן אויף די פראָנטן. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז אין דעם אָרטאָדאָקסישן קיבוץ „כפר עציון", וואָס געפינט זיך אַזש אין די חברון־בערג, אין סאַמע אַראַבישן ים, איז זייער טרויעריק. די ענגלענדער האָבן דאָרט געלאָזט די אַראַבער איבערפאַלן נאָך איידער דער מאַנדאַט איז אויסגעגאַנגען. מען האָט זיך געשראָקן פאַר אַלע יידישע לעבנס אין כפר עציון. אָבער ק ײ נ ע ר ה אָ ט נ י ט מ ו ר א ג ע ה אַ ט, אַ ז י י ד ן ו ו ע ל ן פ אַ ר ל י ר ן ד י מ ל ח מ ה. פון קיינעם האָט מען ניט געהערט קיין דעפעטיסטישן געדאַנק. קיינער האָט ניט געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט טון דאָס דאָזיקע, וואָס מען גייט טון.

און איך, וואָס בין אַ גאַנץ לעבן געווען איבערהויפּט אַ ליטעראַטור־און טעאַטער־קריטיקער און אַמאָל אויך אַ שטיקל לירישער הומאָריסט, האָב פלוצים געדאַרפט ווערן אַ קריגס־קאָרעספּאָנדענט. און איך האָב נאָך אין יענעם טאָג געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אַן אָפיציר, צו וועלכן איך האָב געהאַט אַ פאַראַל און איך האָב אים געפרעגט אין וואָס עס שטעקט דער יידישער כוח, האָט ער מיר געענטפערט מיט דעם וואָרטשפּיל, וואָס מען האָט דעמאָלט בכלל גענוצט אין ארץ ישראל. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דעם גורל וועט דעצידירן ניט דער „כח האש" (כח פון פייער), נאָר דער „כח האיש" (כח פון מענטשן). מען האָט געגלויבט אין דעם יידישן שכל, אין דעם יידישן ווילן, אין דעם יידישן — גלויבן.... דאָס לאַנד איז שמאָל. איין שלעכטער שפּאַן קען אין עמק חפר, ביי כפר מונש, זיין פאַטאַל, ווייל אינגאַנצן איז דער פּאַס דאָרט קוים צען קילאָמעטער די ברייט. אין אויבערשטן גליל זיינען פאַראַן קיבוצים, וואָס האָבן פראָנטן אי מיט סיריע, אי מיט עבר הירדן. איז טאַקע דערפאַר וועט מען זיך היטן און מען וועט ניט פאַרלירן קיין שום שפּאַן.

טאקע נאָך אין יענעם אָוונט האָט מיר אַ „צברא" (אַזוי רופט מען אַ געבוירענעם אין ארץ ישראל. „צברא" איז די פרוכט פון דער קאַקטוס־פּאַלמע, צו וועלכער עס איז שווער צוצוקומען איבער די שטעכערס, אָבער זיי זיינען זייער געשמאַק. מען זאָגט, אַז די געבוירענע אין „ארץ" זיינען אויך אַזוי: שטעכיק און ליבנסווירדיק) געזאָגט: „פון דאַנען וועלן מיר ניט אַוועקגיין!" און געזאָגט האָט ער מיר דאָס נאָך אַ גאַנץ לאַנגער דיס־קוסיע מיט אים וועגן יידישקייט און אפילו יידיש. איך האָב געהאַט טענות צו אים פאַרוואָס די צבראָס זיינען ניט גענוג יידישלעך און ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ געדאַנק, וואָס אַן אָפיציר האָט אים גע־זאָגט:

„היינט מוזן מיר זיין די אייניקלעך פון די מכבים, מאָרגן, אַז מען וועט לאָזן, וועלן מיר ווערן ישעיהו הנביאס אייניק־לעך"...

און ווען איך האָב אים געזאָגט: „זיינען די יידן פאַרטריבן געוואָרן מיט קנאַפּע ניינצן הונדערט יאָר צוריק, האָבן זיי מיטגענומען אַזויפיל יידישקייט, אַז עס האָט געקלעקט אונדז צו דערהאַלטן ביז היינט. וואָס האָט איר, חלילה, אין פאַל...

— מיר האָבן! — האָט ער מיר ניט געלאָזט אויסריידן — אַ באַשלוס ניט אַוועקצוגיין פון דאַנען. קיינמאָל ניט... די אַראַבער האָבן זיבן לענדער אַרום, מיר האָבן נאָר דעם ים!

און אין דעם זעלביקן טאָג, שפּעטער צו, האָב איך גערעדט מיט אַ סאָלדאַט אַ פּליט, וואָס איז געקומען אין לאַנד אַריין מיט עליה „בית". האָט ער מיר געזאָגט: „מיר ווייסן שוין, וואָס טרעבלינקע איז".

איך האָב פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האָט ניט מורא און איך האָב געזען דעם טאָפּלטן „כח האיש" צו וועלכן מען האָט צוטרוי.

און מיט דער זעלביקער זיכערקייט, וואָס אַלע יידן אין תל אביב האָבן געפילט, האָב איך געשפּאַנט איבער דער שטאָט פון עק צו עק און איך האָב זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט אַ סך אַלטע פריינט און באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיר אַלע געזאָגט, אַז היינט איז „ערב מאָרגן". אַלע האָבן מיך געפרעגט ווי אַזוי עס געפעלט מיר ארץ ישראל, גלייך איך וואָלט שוין דאָ געווען ווער ווייסט ווי לאַנג. און זיי האָבן ניט געפרעגט אַזוי מעכאַניש ווי מען פרעגט אין די פאַראייניקטע שטאַטן „געפעלט דיר אַמעריקע?" דאָרט פרעגט מען און מען וואַרט ניט אויף קיין ענטפער, דאָ האָט מען

געוואָלט האָבן אַן ענטפער און מען האָט ארויסגעוויזן אַזאַ פאַרינטערע־סירטקייט, ווי אַ מאַמע ווייזט ארויס צו אַ בחור, וואָס זי וואָלט געוואָלט האָבן פאַר אַן איידעם און וועלכן זי פרעגט: „ווי געפעלט אייך מיין טאָכטער?״ קיינמאָל האָב איך נאָך ניט געזען, אַז יידן זאָלן אַזוי שטאַרק וועלן, אַז אַ גאַסט זאָל געפעלן אַ לאַנד.

איך האָב אין יענער נאַכט גערעדט מיט שלום עליכמס גייסט אויף דער שלום עליכם גאַס. מיט מענדעלעס גייסט אויף דער מענדעלע מוכר ספרים גאַס. מיט פרצס גייסט אויף דער פרץ גאַס און איך האָב ביי זיי געפרעגט:

„נו?״

שלום עליכם איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געענטפערט:

„איך האָב דאָס געוווּסט״...

און מיט די שטערן פון תל אביבער הימל האָב איך אויך אין יענער נאַכט גערעדט. אין ערגעץ נאָך האָב איך ניט געזען אין אַ הימל אַזוי פיל שטערן און אַזעלכע גרויסע שטערן ווי דאָ. ווי אויגן פון מלאכים האָבן זיי אויסגעזען די שטערן, פון ברענענדיקע מלאכים. און אפשר ווי אויגן פון יידישע קדושים אין אַלע דורות.

יידישע מיליטער־פּאָליציי האָט געהאַלטן וואַך אין גאַנץ תל אביב. ווייסע פאַסן אויף די אָרעמס האָבן זיי און אָנגעשריבן איז אויף זיי די צוויי אותיות מ. צ., „משטר צבאי״, פּאָליציי מיליטערישע. רוסיש־ריידנדי־קע רופן זיי „דרעווניע יעווריעסקיע גאָראָדאָוויע״ (העברעאישע „גאָראָדאָ־וואָיעס״), פרומע יידן האָבן געזאָגט, אז „מ. צ.״ מאַכט „משיח צדקנו״. און סאָלדאַטן האָבן שוין געזאָגט „משתמטים צבאים״ (אַזעלכע, וואָס דרייען זיך אויס פון מיליטער). פאַרלאָזט אייך אויף יידן, ווען עס האַלט ביים אַריינזאָגן.

און איך אַליין האָב שווער געגלויבט, אז דאָס אַלץ קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט. איך בין ביים טייך ירקון, אין דעם חלק פון שבט דן, אין דער שטאָט תל אביב, וואָס עקזיסטירט ערשט 39 יאָר און איז אינגאַנצן אויסגעבויט פון יידן און אירע אַלע צוויי הונדערט טויזנט איינוווינער זיינען יידן און יידישע מיליטער־פּאָליציי באַוואַכט און מאָרגן וועט מען דאָ דערקלערן אַ יידישע מדינה און טאַקע באַלד וועט שטאַר־קער ווערן די דאָזיקע מלחמה, וואָס ציט זיך דאָ זייט לאַנג און באַזונדערס זייט דעם 29טן נאָוועמבער פון פאַרגאַנגענעם יאָר און איבערגעפאַלן וועט די נייע מדינה ווערן פון אַלע זעקס ארומיקע אַראַבישע מדינות, וואָס

האָבן געווער און די יידן האָבן ניט קיין געווער און זיי האָבן דאָך ניט קיין מורא. איז דאָס אַלץ טאַקע אַ ווירקלעכקייט, צי איז עס אַ חלום.

הנה לא ינום ולא ישון שומר ישראל...

ווען מען האָט אויסגעהרגעט די זעקס מיליאָן יידן, האָט ער גע־דרימלט און ער איז יאָ געשלאָפן דער שומר פון די יידן.

פאַרדרימלט און פאַרשלאָפן זעקס מיליאָן לעבנס.

מיר איז זיך אין יענער נאַכט אויך ניט געשלאָפן, כאָטש קיין שומר בין איך ניט געווען. איך האָב געוואָלט ריידן מיט גאָר נאָענטע און איך האָב געפּרוווט ריידן דורך טעלעפאַטיע מיט, קודם כל, מיין פרוי און זון און דערנאָך מיט חברים שרייבער — מיט אפרים אויערבאַך, יוסף אָפּאַ־טאָשו, שלמה ביקל, יעקב גלאַטשטיין, ה. לייוויק און אפילו מיטן בונדיסט ב. שעפנער.

האָבן זיי מיך געהערט?

איך האָב אייגנטלעך ביי זיי געפרעגט פאַרוואָס קיינער איז פון זיי ניט געקומען אַהער? קיין איין יידישער שרייבער, אויסער מיר, איז דע־מאָלט ניט געקומען ספּעציעל אַהער און איך האָב דערפילט אַ שווערן עול אויף זיך. איך וועל דאַרפן קוקן פאַר אַלע און שרייבן פאַר אַלע יידישע שרייבער...

און איך האָב אין יענער נאַכט ביז אין ווייסן טאָג אַריין געלייענט דאָס זאמל־בוך „העליה השניה", וואָס דער פאַרלאַג „עם עובד" פון דער „הסתדרות" האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר התש"ז אונטער דער רעדאַקציע פון ברכה חבס און אליעזר שוחט. סוגערירט אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע זאַמל־בוך האָט בערל קאַצענעלסאָן אין יאָר תש"ג אין ירושלים, בעת דער שפּאַלטונג־קאָנפערענץ פון מפאי. ער האָט געגערט וועגן אַזאַ זאַמל־בוך אין וועלכן עס זאָלן פאַרצייכנט ווערן די זכרונות און די איבערלע־בונגען פון די „ראשונים", בכדי זייער זכר זאָל ניט פאַרלוירן גיין. און פון יענער סוגעסטיע איז אַרויסגעקומען אַ בוך אין אַן אַלבום־פאָרמאַט פון קנאַפּע אכט הונדערט זייטן מיט זכרונות און עסייען פון לערך הונ־דערט דרייסיק בויער און קעמפער, מענער און פרויען.

„העליה השניה" איז אַ זאַמלבוך, וואָס האָט אַ היפשן טייל פון דעם נויטיקן מאַטעריאַל פאַר די „ראשונים" פון דעם נייעם ארץ ישראל. עס איז די געשיכטע פון דער צווייטער עליה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַרום 1904, אין אַן עפּאָכע ווען דער ציוניזם האָט זיך געפונען אין אַ זייער שווערער לאַגע. עס האָט זיך דעמאָלט ביי זייער אַ סך אָפּגעטון דער גלויבן

אין גרויסן ציון־חלום. די ערשטע עליה, די „בילו״, האָט געהאַט אין זיך דעם אידעאַל פון י. ל. פינסקער און מ. ל. ליליענבלום, די צווייטע עליה האָט געהאַט אין זיך דעם טראַגישן צוזאַמענברוך פון הערצלס דיפּלאָמאַטיע. און עס זיינען געקומען אינטעליגענטע בחורים און מיידלעך און זיך גענומען בויען ביי די שווערסטע באַדינגונגען און זיי האָבן געמוזט אי האָרעווען ממש איבערמענטשלעך, אי קעמפן. און זיי האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פון דעם נייעם ישוב און זיי האָבן אים געגעבן דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן טאָן. אייגנטלעך ווערט עד היום געפירט די אַרבעט און די מלחמה אין יענעם גייסט. וואָס האָט געשטויסן יענע יונגע מענטשן צו פאַרמשפּטן זיך אויף פאַרשיקונג און עבודת פרך און אויף כסדרדיקער מלחמה מיט דעם פאַרלאָזטן און פאַרפּעסטעטן לאַנד און מיט דעם פאַרעטערישן שכן, וואָס איז באַלד געוואָרן א שונא? בערל קאַצענעלסאָן זאָגט, אַז די צווייטע עליה איז געהאַט געווען א נס. אין ארץ ישראל נוצט מען א סך מאָל דאָס וואָרט „נס״. ווען מען קען נישט קלאָר פאַרטייטשן א דערשיינונג. עס איז א לאַנד מיט טראַדיציע פון נסים...

און איך האָב אין יענער וואָך־נאַכט איבערגעלעבט דאָס גיין קיין ארץ ישראל צוריק מיט אַריבער פערציק יאָר פון די אמתע טאַטעס און מאַמעס פון דעם דאָזיקן ישוב, וואָס האָט מאָרגן געדאַרפט ווערן אַן אייגענע מדינה; איך האָב איבערגעלעבט זייער איינגעמען די אַרבעט, זייער ביטערן קאַמף מיט די יידישע באַלעבאַטים, וואָס האָבן געוואָלט נאָר אַראַבישע אַרבעטער און דווקא פון א ציוניסטישן שטאַנדפּונקט... איך האָב איבערגעלעבט זייער קאַמף פאַר איינגעמען דעם גליל, דעם עמק הירדן, זייער קאַמף פאַר יידישער שמירה און יידישע פאַסטוכער און פאַר העברעאישע שולן (קעגן פראַנצויזיש און דייטש), זייער פיבערדיק בויען תל אביב און די סאַמע ערשטע קיבוצים... איך האָב מיט זיי אינאיינעם „געזייעט מיט געזאַנג און געשניטן מיט טרערן״ (טאַקע אַזוי און ניט אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין תהילים!) אין דעם היינטיקן בליענדיקסטן עמק — אין עמק יזרעאל און אינאיינעם מיט דער דיכטערן רחל האָב איך געפּאַשעט גענדז אויף א באַרג ביים כנרת.

איך בין גייסטיק צוגעגרייט געוואָרן דורך אָט דעם זאַמלבוך צו באַנעמען דאָס נייע ארץ ישראל. דאָס דאָזיקע ארץ ישראל, וואָס מען איז אין דעם געקומען על פי נס. מען האָט אין דעם געאַרבעט ווי אין קיין שום לאַנד ניט און זיך איינגעשטעלט ווי אין ערגעץ ניט און וואָס האָט

זיך דערפירט דערצו, אַז עס האָט געקראָגן מוט זיך צו דערקלערן מאָרגן אַלס יידישע מדינה. כאָטש ענגלאַנד האָט דאָס אויסגעלייזט פון געוועזער און האָט די זעקס אַלטע מדינות פון אַרום באַוואָפנט און זיי אַרויפגעלאָזט אויף די שליסל־פּאָזיציעס. עס איז אַ נס ניט פון אומנאַטירלעכקייט, נאָר פון איבערנאַטירלעכער אַרבעט און קאַמף. פאַרטאָג האָב איך געהערט ווי אַ צייטונג־פאַרקויפער האָט געזאָגט צו אַ גאַסן־קערער: „די ענגלענדער גלויבן, אַז מיר וועלן בעטן זיי זאָלן אונדז קומען ראַטעווען. זיי וועלן זען, אַז זיי מאַכן אַ גרויסן טעות. אונדזער חברה ווייסט, אַז ס׳איז בעסער צו שטאַרבן פאַר דער פרייהייט ווי צו לעבן אין קנעכטשאַפט!״

איך בין צוגעגאַנגען צום צייטונגס־פאַרקויפער — אַ קליין יידל מיט אַ שוואַרץ, אַרומגעשוירן בערדל — און איך האָב אים געפרעגט:

— וואָס זשע וועט היינט זיין?

— ווי לאַנג זיינט איר אין לאַנד?

— פון נעכטן אָן.

ער האָט זיך ניט געקענט אָנחידושן פון דעם, וואָס נאָך נעכטן איז אַהער געקומען אַ ייד און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ געוויסער צעטומלטקייט און ער האָט געזאָגט:

— עס וועט זיין אַלץ, וואָס אַ פאָלק מוז האָבן. אַ מדינה, אַ מלחמה און אַ נצחון. דער רבונו של עולם האָט אָנגעצייכנט „מי לחיים ומי למות״ אָבער דעם יידישן פאָלק און דער יידישער מדינה האָט ער אָנגעשריבן „לחיים״. די ענגלענדער האָבן די אנטלאָפענע אַראַבער צוגעזאָגט אונדזער האָב און גוטס און איבערהויפּט די שיינע יידישע ווייבער... אַזוי ווי אין „שירת דבורה״: „רחם רחמתים לראש גבר״... באַקומען וועלן זיי אַ מכה.

דער צייטונגס־פאַרקויפער האָט מיר אָנגעוויזן אויף דעם ערשטן בולוואַר, וואָס שניידט דורך די בן יהודה גאַס און ציט זיך פון מזרח ביז מערב און ער האָט מיר געזאָגט:

— שדרות קרן קיימת הייסט אָט אַ די גאַס. דאָרט אַהין, קיין מזרח צו איז דער „גן החיות״ (זאָאָלאָגישער גאָרטן). און אַהין, קיין מערב־צו איז דער ים... און מיר קענען זיין אַזוי ווילד ווי די חיות און אַזוי שטורמיש און עקשנותדיק ווי דער ים... אָט־אַ־דאָ־אָ, ניט ווייט, וווינט זלמן רובאַשאָוו, דער רעדאַקטאָר פון „דבר״. ער איז אַ סאָציאַליסט און ער געדענקט דעם רמב״ם אויטנווייניק און ער טאַנצט אַמאָל מיט די ליובאַ־

וויטשער חסידים אויך און ער זאָגט זיי תורה און הערט ביי זיי תורה..
און אָט אהין, דאָרט, וווּ די סאָלדאַטן שטייען, ווויינט בן גוריון.

דער ייד האָט מיך אָנגעקוקט און איך האָב געפילט, אַז ער קען ניט זאָגן דאָס דאָזיקע, וואָס ער וויל זאָגן וועגן בן גוריונען. עפּעס פילט ער זיך ווי איינער, וואָס דאַרף און וויל אויפהייבן אַ שווערע משא און ער קען ניט. און ער האָט נאָר עפּעס געוויזן מיט ביידע הענט... און ער האָט צוגעגעבן:

— און מנחם בייגין איז דאָ אויך ערגעץ... מען ווייסט נאָך ניט ווו ער איז דאָ. ביי די ענגלענדער האָט מען ניט געוווּסט, ביי אונדז וועט מען שוין וויסן. ער איז צעקריגט מיט בן גוריונען, אָבער — ניט מיטן יידישן פאָלק... אייניקע זיינען דאָ צו־ווייט אַוועקגעגאַנגען, אַזוי ווי אַמאָל די סיקאַריקן... אפילו מיט בר כוכבאַן זיינען אויך די פרומע יידן ניט געווען צופרידן. מיטן יידישן פאָלק איז דאָ קיינער ניט צעקריגט. דער רבונו של עולם זאָל נאָר אַלעמען צושיקן דעם שכל הישר.

און טויטע זיינען אויך פאַראַן, וואָס לערנען אונדז לעבן. אין דגניה — א. ד. גאָרדאָן, צווישן כפר גלעדי און תל חי — טרומפּעלדאָר און אין כנרת — בערל קאַצענעלסאָן.

איך האָב מיט שטוינונג געקוקט אויף דעם דאָזיקן יידל. אַזעלכע יידלעך האָבן מורא געהאַט אין דער „אַלטער היים" פאַר דעם „גאָראָדאָ־וואָי" ניט ווייניקער ווי פאַר גאָט אליין נעפּריטשקעס און דאָ רעדט ער וועגן —

מדינה און מלחמה.

III

היום יהיה האות הזה

„היינט וועט עס געשען".

אויגן זאָגן דאָס. אויגן פון מאַן און ווייב. אויגן פון גרויס און קליין. קינדער קוקן זיך טיפזיניק אין די אויגן אַריין. רייזן רעדט קיינער ניט וועגן דעם. איך גיי איבער גאַסן, וואָס רייזן און דערציילן. אייניקע גאַסן רייזן שוין מיט זייערע נעמען. די ליליענבלום גאַס דערמאָנט אין דעם ערשטן גרויסן משכיל, וואָס איז אַוועק צום ציוניזם און געקעמפט פאַר זיין

די גרינדונג פון תל אביב

פאַרווירקלעכונג מיט דער נאַאיוויטעט פון אַ קינד און מיט דער קאמפסגרייטקייט פון א מארטירער. ער האָט עס געזאָגט דווקא אין רוסיש: „בעסער פאַר מיר אַ געקויפטע ציג אין ארץ ישראל, ווי צוואנציק יידן ריידן עברית אין גלות". ער האָט אַ גרויסן חלק אין די ציגן, שטיינער און מענטשן, וואָס זיינען דאָ פאַראַן... די גאַס נחלת בנימין איז אַ געמיש פון נאַלעווקי מיט אָריענט. געגרינדעט האָבן זי בעלי מלאכות. מען האָט זי געבויט — זע איך אין א האנטבוך — ווי אַ באזונדער שטעטל און ערשט אין יאָר 1912 איז זי געוואָרן א טייל פון תל אביב. „אַ באַזונדער שטיבל פאַר יעדן מענטש און מענטש, דאָס איז דאָס גליק פון וועלכן

עס הלומען די חברים פון נחלת בנימין". אי טעאָדאָר הערצל, אי עדמאָנד ראָטשילד האָבן געהייסן בנימין און די בויער פון נחלת בנימין האָבן געזאָגט: „אויב דער קרן קיימת וועט אונדז העלפן, וועט דער בנימין געהערן צו הערצלען און אויב ראָטשילד וועט העלפן, וועט דער נאָמען געהערן צו אים"... עס איז אָבער דאָ באַזונדער אי אַ הערצל־גאַס, אי אַ ראָטשילד־בולוואַר. די הערצל־גאַס איז די סאַמע ערשטע אין תל אביב און זי איז פּאַרבליבן איינע פון די גרעסטע. דאָ האָבן יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין יפו און זיך געפילט שלעכט צו וווינען צווישן די אראבער, געגרינדעט א חברה „אחוזת הבית" און אין יאָר תרס"ט (1909) האָבן זיי געלייגט דעם גרונטשטיין פאר אַ קליין און רואיק שטעטל און האָבן אָפּגערייניקט די ערד פון זאמד און אויסגעגליכן די בערגלעך. פון דעם קליינעם רואיקן שטעטל איז עס אויסגעוואקסן אין משך פון 39 יאָר אַרבעט און מלחמה — אַ גרויסע, רוישיקע שטאָט.

נאָר איין גאַס הייסט דאָ הערצל. אָבער דערמאָנען אין הערצלען דערמאָנט דאָ אַלץ. היינט באַזונדער. מען זעט טאקע אין אַ סך פענצטער זיין בילד מיט דער יידישער פּאָן. אָט וועט ווערן 44 יאָר זייט ער איז אַוועק און געלעבט האָט ער אויך 44 יאָר. ער האָט דאָך נאָך געקענט לעבן. אָט וועט דאָך בערנארד שאָו ווערן 92 יאָר און ער גיט נאָך אינטערוויוען און ער הכמהט זיך נאָך. די מלכותדיקע צורה הערצלס רעדט אַרויס פון א סך פענצטער. „מ'קען בלייבן לעבן און זיין טויט און מ'קען שטארבן און בלייבן לעבעדיק". א קליין יידל, וואָס גייט אינאיינעם מיט אַ גרויסן, שיינעם יידן מיט א ברייטער באָרד און מיט א זיידענער קאפּאָטע, און עס מאַכט דעם איינדרוק, אז ער לויפט אים נאָך, זאָגט: „היום יהיה האות הזה" — היינט וועט זיין דער דאָזיקער צייכן. פרעג איך אים:

— וואָס?

— מען ווייסט שוין.

— עס שטייט דאָך אָבער געשריבן „מחר" — וויל איך עפּעס אַרויסברענגען פון אים.

— עס וועט אָבער זיין „היום"!

און ער גייט אַוועק און קוקט שוין אַפילו ניט אויף מיר. ער מאַכט דעם איינדרוק, אז ער האָט מורא צו ריידן מיט מיר. וועגן „דעם" רעדט מען ניט. נעכטן האָט מען געהאלטן אין איין זאָגן, אז „היינט איז ערב מאָרגן" און ווען „מאָרגן" איז געוואָרן „היינט", רעדט מען ניט... און איך גיי אויך אַ שווייגנדיקער, אָבער איך קוק אין די אויגן אריין פון די

דורכגייער. צו טויזנטער קוק איך אריין אין די אויגן אריין, מענער, פרויען, קינדער. איך וויל ארויסלייענען פון די אויגן. עפּעס געשעט דאָך היינט דאָ נס און לעגענדע און — וואָס ניט? די אויגן שווייגן און ריידן. פאַראַן אין זיי גלאַנץ פון טרויער און גלאַנץ פון פרייד. ביי יוגנט איז פאַראַן זיכערקייט און צערודערונג איז פאַראַן. ביי מיטליאָריקע איז פאַראַן די ערעק פון טאַטעס און מאַמעס פאַר די קינדער, וואָס זיינען אויף די פראָנטן. אָבער מיר דאַכט, אַז אלעמענס אויגן זאָגן:

היום יהיה האות הזה...

אָט איז די „הרצליה", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1906, ווען תל אביב האָט נאָך ניט עקזיסטירט. געגרינדעט געוואָרן ווי אין א פאָרשטעטל פון יפו און איז געוואָרן דאָס ערשטע הויז פון תל אביב. זי האָט מסתמא באַווירקט, אַז מען זאָל בויען תל אביב. זי האָט צוגעגעבן דעם גאַנצן ישוב קולטור־אינהאַלט. אַ סך פון אירע אביטוריענטן זיינען אַוועק אַרבעטן אין די קיבוצים און האָבן אויסגעבויט דעם גאַנצן אייגנאַר־טיקן סיסטעם פון אָרגאַניזירטער אַרבעט און פון מסירת נפשדיקער פאַר־טיידיקונג. משה שערטאָק, וואָס וועט היינט ווערן אויסערן־מיניסטער, איז אַן אַביטוריענט פון ערשטן „הרצליה"־אַרויסלאָז; אליהו גאָלאָמב און דוב האָז, פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אויסגעפורעמט דעם ישוב און געשאַפן און פאַרטיפט די אַרבעטער־ און קאַמף־אָרגאַניזאַציעס, אָנהייבנדיק פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז צו אונדזער צייט און זיינען אַוועק פרי פון דער וועלט, זיינען ביידע געווען אביטוריענטן פון ערשטן אַרויסלאָז פון דער „הרצליה". אליהו האָט געפּרווט אָרגאַניזירן דעם גאַנצן ערשטן אַרויסלאָז אין אַ געזעלשאַפט, וואָס אירע חברים זאָלן זיך אינגאַנצן אי־בערגעבן דער נאַציאָנאַלער ארבעט און פאַרבינדן זיך אין א קעגנזייטיקער דיסציפּלין אויף זייער גאַנצן לעבן. פון די צוועלף אביטוריענטן האָבן זיבן געענטפערט אויף אליהוס רוף. און כאָטש אָרגאַניזאַציאָנעל זיינען זיי ניט געבליבן אויף שטענדיק אינאיינעם, האָבן זיי דאָך קיינמאָל ניט אויפגע־הערט צו דורכפירן זייער מיסיע. אליהו איז אין א גרויסער מאָס געווען דער גרינדער פון דער הגנה.

איידער איך קוק זיך רעכט אום, בין איך אויף דער אחד העם־גאַס נעבן „בית אחד העם". די „הרצליה" געפינט זיך אַ שפּאַן פון אָט דעם הויז, וואָס די „עיריה" (מוניציפּאַליטעט) האָט געקויפט און ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר דעם גייסטיקן ציוניסטישן מנהיג. היינט איז אין אָט דעם הויז פאַ־ראַן אַ פאָלקס־ביבליאָטעק און אַ געוויסער אחד העם־מוזיי. פאַקטיש איז

פֿאַראַן אַ שייכות צווישן אחד העמען און דער דאָזיקער גימנאַזיע. אחד העם האָט דאָך כסדר פֿאַרלאַנגט אַ גייסטיקן רענעסאַנס אַלס אַ מוז פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון לאַנד. און אליהו גאָלאָמבס אָרגאַניזאַציע פֿון די ערשטע אַביטוריענטן האָט עפּעס געהאַט אַ קרובהשאַפֿט מיט אחד העמס „בני משה". ביידע האָבן געשטרעבט צו פֿאַרוואַנדלען זייערע מיטגלידער אין מענטשן, אידעאַליסטן, וואָס זייער ציל איז — נאַציאָנאַלע דערלייזונג. אָבער ווי ווייט די גאָלאָמבס און די האָזס זיינען אוועקגעגאַנגען פֿון אחד העמס גייסטיקער אַבסטראַקטקייט! זיי האָבן אַליין געאַרבעט אין קיבוצים, דערצו געהאָלפֿן אָרגאַניזירן די אַרבעטער צו קאַמף פֿאַר יידישער אַרבעט, פֿאַר גערעכטיקייט צום אַרבעטער, פֿאַר פֿאַרטיידיקונג און מלחמה. עס איז דער וועג פֿון קאַבינעט צום קיבוץ און צום פֿראָנט. אָבער אויך אין קיבוץ און אויף דעם פֿראָנט ניט אָן אַ בוך. אין איין האַנט אַ פּיאָש און אין דער אַנדערער אַ בוך, אין איין האַנט אַ ביקס און אין דער אַנדערער האַנט אַ בוך...

און איך שפּאַן איבער דער זויבערער שטאָט, איך שפּאַן איבער רוישיקע גאַסן, איבער שטילע גאַסן. איך שלאָג זיך אָן אין דער גאַנצער געגנט אין גאָר קליינע, הילצערנע אָריענטאַלישע שטיבלעך. אין צוועלפֿטן יאָרהונדערט האָבן שוין מענטשן געהאַט ניט קיין ערגערע ווי אָט די שטיבלעך. אין מיטן לויף פֿון לעבן האָט זיך דאָ איין ווינקל אָפּגעשטעלט. די געגנט געהער צו אַן אַראַבישן פֿריץ, וואָס וויל ניט בויען און ניט פֿאַרקויפֿן. ער וויל אַז דאָס לעבן זאָל שטיין בלייבן און זיך ניט רירן. און באַלד אַ פּרעכטיקער סקווער מיט ביימער, וואָס האָבן שוין אויסגעוואַקסן און מיט ביימער, וואָס האַלטן אין וואַקסן. באַקאַנטע גאַסן און ניט־באַקאַנטע. מיטליאָריקע און עלטערע יידן אין אַלערליי שפּראַכן. מען הערט דאָס גאָרגלענדיקע אַראַביש, שפּאַניאָליש, רוסיש, פּויליש, דייטש און — יידיש. אַראַביש און שפּאַניאָליש הערט מען נאָר אין געוויסע געגנטן, די אַלע אַנדערע שפּראַכן הערט מען אומעטום. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז יידיש און — להבדיל — דייטש זיינען די גערעדסטע שפּראַכן. יידיש רעדט מען אַ סך מערער, דייטש — אַזוי דאַכט זיך מיר — חוצפּהדיקער... מענטשן פֿון פֿאַרשידנסטן אויסזען — פֿון כמעט נעגערס, ביז העל־ווייסע און רויטע.

— וויפֿל פֿעלקער זיינען דאָ פֿאַרהאַן?

— איין יידיש פֿאָלק..

און עפּעס טאַקע איין יידיש פאָלק, כאָטש דאָס אויסזען איז פון — הונדערט פאַרשידענע פעלקער. די קינדער ריידן אלע העברעאיש. ניט אלע אלצאיינס העברעאיש. איייניקע זאָגן אַרוים די „חית" און די „עין" אַזוי ווי אמתדיקע אָריענטאַלער, אנדערע ריידן נאָך אזוי ווי די עלטערן און זיי האָבן נאָך דעם גאָרגל ניט פאַראָריענטאַלעוועט. אָבער אַלע ריידן זיי העברעאיש, אַזוי ווי אלע קינדער ריידן ענגליש אין די פאַרייניקטע שטאַטן און שפּאַניש אין אַרגענטינע. זיי ריידן אַזוי העברעאיש, ווי מיר וואָלטן געוואָלט, אונדזערע קינדער אין ניו יאָרק און בוענאָס איירעס זאָלן ריידן יידיש. ווי מיר וואָלטן געוואָלט... ניט ווייט פון „ככר מגן דוד" (ככר הייסט אַ סקווער, אין אַרגענטינע רופט מען דאָס „פּלאַסאַ"), וואָס האָט זעקס שפּיצן אַזוי ווי אַ מגן דוד. איך באַמערק צוויי יאַטן, וואָס האָבן אַראָפּגעשלעפּט אַ שילדל אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן „רחוב אלנבי". לאָרד עדמאָנד אַלענבי איז געווען דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון בריטישן מיליטער, וואָס האָט אין יאָר 1917-18 איינגענומען ארץ ישראל. אין 1918 איז אַלענבי פּערזענלעך געווען אין תל אביב און מען האָט אַ זאַמד־אַליע, וואָס האָט געדאַרפט ווערן אַ גאַס, געגעבן זיין נאָמען. ער אַליין האָט בעת דער צערעמאָניע צוגעקלאַפּט דאָס ערשטע שילדל מיטן נאָמען פון דער גאַס, וואָס איז היינט די צענטראַלסטע, ברייטסטע און רוישיקסטע. זיין נאָמען נעמט מען אַראָפּ אָן צערעמאָניעס פון דער דאָזיקער גאַס, וואָס הייסט שוין „חרות". איך פאַרבינד אַ שמועס מיט די צוויי יאַטלעך און איינער זאָגט מיר מיט שטאָלץ:

„אני נכדו של משה העם" (איך בין דאָס איייניקל פון משה העם).

אויף ניט שולדיק צו בלייבן נעמט דאָס צווייטע יאַטל און פאַררייסט צו מיר דאָס קעפּל און ווייזט מיר אַ חוצפּהדיק חנוודיק נעזל און ברענענדיקע אייגעלעך פון ביאַליקס אַ „משהלע", אָדער אַ „שלמהלע" און ער זאָגט מיר:

„ואני נכדו של אדם הראשון". (און איך בין אדם הראשונס איייניקל).

אַבי איך האָב געמיינט, אַז מען טראַכט דאָ אוים די חכמהס פון די קינדער!

אַ גאַס יהודה הלוי ציט זיך אַוועק ביז צום סאַמע טייך „ירקון". מען ווייזט מיר אָן אויף אַ שטוב נומער 25 און מען זאָגט מיר — די ערשטע שטוב פון תל אביב. די ערשטע שטוב, וואָס מען האָט געבויט ווי אין תל אביב. די „הרצליה" האָט מען דאָך געבויט ווי אין יפו. נו, ווען דען קומט אַ נאָמען פון אַ גרויסער גאַס אין תלאביב, אַז ניט ר' יהודה

הלוי? ער האָט דאָך געזונגען די פאַרבענקטסטע און פאַרליבטסטע לידער צו דער מוטער און כלה ציון. ער איז דאָך געווען גרייט אומוואַנדערן טאָג און נאַכט אויף די חורבות פון ציון און אויסמעסטן מיטן שטעקן אַלע קברים און ביז צום בלינד ווערן באַוויינען דעם חורבן פון ציון. מיט אַריבער אַכט הונדערט יאָר צוריק האָט ער אַזוי געזונגען. ער האָט געגלויבט, אַז דאָ וועט נאָך אַמאָל בליען אַ לעבן, אָבער מסתמא האָט ער ניט געטראַכט, אַז עס וועלן זייט דעמאָלט אַריבער מער ווי זיבן הונדערט יאָר ביז ווען מען וועט אָנהייבן בויען און עס וועט זיך באַווייזן יענער מאָרגנשטערן, וואָס מוז העל און ליכטיק זיך אָנצינדן אויף ציונס בלויע הימלען ער האָט דאָס געוואָלט זען אין חלום און שטאַרבן... און אַט זע איך דאָס און לעב. און הונדערטער טויזנטער זעען דאָס און לעבן. אָבער — וויפל זיינען געפאַלן ביי דער אַרבעט אין קאַמף, פון קראַנקייטן? יצחק טורנער, איינער פון די סאַמע ערשטע גימנאַזיסטן אין „הרצליה" האָט, האַלטנדיק ביים פינפטן קלאַס, געזאָגט, אַז עס איז גענוג געלערנט און ער איז אוועק אַרבעטן אין פעלד און ער איז געוואָרן אַ שומר אין עמק הירדן און אין אַ רעגנדיקן טאָג האָט ער זיינע שיך אָוועקגעליען אַ חבר, וואָס איז געווען אַ פּאַסטוך און ער איז געשטאַנען אַ באָרוויסער און האָט זיך פאַרקילט און געשטאָרבן. ניט געווען יהודה הלוי און זיך אויך אויסגעטאָן באָרוויס, אָבער ניט צו וויינען... אַ סך אַזעלכע יצחקס זיינען דאָ געווען, און וויפל וועלן נאָך דאַרפן זיין?

נעמען פון נביאים טראָגן גאַסן, נעמען פון ציוניסטישע פּיאָנערן, פון העברעאישע און יידישע שרייבער, פון בויער, גבורים און קדושים. נעמען פון אַזעלכע קעמפער, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין קעגנער און נעמען פון אַזעלכע, וואָס האָבן פון איין זייט פאַנאַטישע אָנהענגער און פון דער אַנדערער זייט פונקט אַזעלכע קעגנער. אַ זשאַבאָטינסקי־גאַס. קעגנער זאָגן אויך ניט, אַז אים קומט דאָ ניט אַ נאָמען פון אַ גאַס. קעגנער לייקענען אויך ניט, אַז ער האָט געוועקט און געשטורעמט די יוגנט צו גבורה, צו שמשוני־שער גבורה. זיינע קעגנער האָבן פאַראייניקט בויען מיט מלחמה, ער איז געווען נאָר אַן איש מלחמה... איין גאַס טראָגט דעם נאָמען פון ר' שמואל מאָהילאָווער, דעם פרומסטן פון די ציוניסטן, אַ צווייטע גאַס טראָגט דעם נאָמען פון מאַקס נאָרדוי, וואָס איז געווען אַן אַטעאיסט.

און אָט טראָגט אַ גאַס דעם נאָמען פון א היינטצייטיקן העברעאישן שרייבער, ש. בן־ציון, וואָס האָט דערלעבט צו זען דעם אָנהייב פון סוף

חורבן און דעם אָנהייב פון בנין. ער האָט געהאָלפן אויסבויען תל אביב און זי גערופן „עיר התחיה".

אַ גאַס מיטן נאָמען מ. ז. פייערבערג. דער גרויסער צוזאָג פון דער העברעאישער ליטעראַטור איז ער געווען און ער האָט קיין וועג ניט געפונען. ער האָט אינאיינעם מיט זיין העלד געפרעגט „לאן" — וווהין? און ער האָט טאַקע ניט געוווסט וווהין. ער האָט געפונען דעם וועג צום טויט, אָבער ניט צום לעבן. נעבן דער רחוב „פיארברג" געפינען זיך צוויי געסלעך, איינס הייסט „לאן א'" און איינס „לאן ב'". צוויי מאָל „לאן". כאָטש די בויער פון דאנען האָבן ניט געפרעגט וווהין...

איך שפּאַן און שפּאַן... אַ שטאָט, וואָס איז אַלט 39 יאָר און טויזנטער יאָרן ריידן צו מיר. א שטאָט, וואָס געפינט זיך אָט־א־דאָ־אָ, אין אַ באַשטימטן ווינקל, אין שפלת הים, ניט ווייט פון טאָל „שרון" און אַלע עקן וועלט ריידן פון איר אַרוים. אָט אַהין איז פאַראַן אַ געגנט, וואָס באַשטייט נאָר פון מזרח־יידן און אַ שטעטל פון סאַמע תימנים־יידן, וואָס זיינען כמעט אכצן הונדערט יאָר געווען אָפּגעריסן פון כלל ישראל און זיי האָבן זיך צוריק באַהעפט. אפשר ווייסט עמיצער צו זאָגן, וואָס פאַראייניקט די יידן פון תימן מיט די ניט־לאַנג געקומענע פראַנצויזיש־יידישע יאַטן און יאַטעכעס, וואָס זיינען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען „מאַקים" און היינט פאַרטיידיקן זיי די הרי יהודה און בויען דאָרט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז פייער שפּריצט? ראַסע? רעליגיע? שפּראַך? די תימנים זיינען געבליבן מיט דער רעליגיע פון צוויטן יאָרהונדערט, זייער שפּראַך איז אַראַביש, די „מאַקים" זיינען ניט רעליגיעז און זיי ריידן פראַנצויזיש. אין אויסזען געהערן זיי צו די פאַרשידנסטע ראַסן און — יידן. און האַלטן זיך פאַר ברידער...

וואָס איז דאָ געשען?

ווי אַזוי איז דאָס געשען?

און ווען און ווי אַזוי וועט דאָ אויפגעבויט ווערן איין פאָלקס־נשמה?

ניט אומזיסט האָט דער דיכטער יעקב שטיינבערג נאָך צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט געבעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל דאָ אויסבויען די יידישע נשמה, אַזוי ווי די יידן בויען דאָ פון פעלד צו פעלד און פון מויער צו מויער און ער זאָל אויסלייזן די נשמות אויף די בערג, אין טאָל און אין די פאַרשאָלטענע בלאָטעס.

און וואָס מערער איך בין געגאַנגען, אַלץ מערער עפּאָכן און ווינקלען און פאַרזענלעכקייטן פון אונדזער לעבן זיינען מיר אנטקעגן געקומען און

איך בין דווקא וואָס אמאָל געוואָרן ווייניקער מיד. איך בין נאָר געוואָרן מער פול מיט פּראָבלעמען.

פון דעם דאָזיקן קאָלאָסאַלן לאַבירינט — וואָס וועט ווערן?

און אַ קול פרעגט:

וועלן מיר דאָ בלייבן דאָס זעלביקע פאָלק, וואָס מיר זיינען געווען אין וואַרשע, אָדעס, ווילנע, קעשענעוו, לאָדזש, לעמבערג, קראָקע, בוקאַ־רעשט, מינסק, יאַסי, איישישאָק, קיליע?

און אַ קול ענטפערט:

אין די אַלע שטעט זיינען שוין כמעט קיין יידן ניטאָ און אין ניו יאָרק און אין שיקאַגאָ און בוענאָס איירעס ווערט מען דאָך אויך אַנדערע יידן איז ווו זשע בלייבט מען זיכערער אַלה יידן?

וואָס זשע פּאָרט פאַר אַ יידן וועט מען דאָ ווערן?

איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי, אָבער איך בין געווען ביים פּאָרט. אַ ווינטל האָט פריש געבלאָזן און געקילט. דאָס איז דאָך דער דאָזיקער פּאָרט וואָס יידן האָבן אַליין אויסגעבויט אין יאָר 1936, ווען די אַראַבער פון יפו האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוצולאָזן און אויסלאָדן שיפן מיט סחורה און שפּייז פאַר יידן. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי מאַכן אַ סוף צו די יידן דער־מיט און זיי האָבן זיך ניט צום ערשטן מאָל אָפּגענאַרט. יידן האָבן זיך אַליין אויסגעבויט אַ פּאָרט אין תל אביב און די געליטענע זיינען געבליבן די אַראַבער.

אָט אַזעלכע יידן וואַקסן דאָ אויס.

יידן, וואָס בויען אויס אַ פּאָרט אין עטלעכע טעג און פאַר זיך.

איצטער מיינען אויך די אַראַבער, אַז זיי וועלן דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ די יידן אויף דעם שלאַכטפעלד. און אפשער מיינען זיי גאָר אַליין ניט דאָס, נאָר מען לערנט זיי צו מיינען אַזוי. אַ פּאָרט־פאָטאָגראַף דער־קלערט מיר אויף העברעאיש, אויף וואַרשעווער יידיש און לאָדזשער דייטש, אַז יענע שיף האָט טאַנקען, אָבער מ׳קען זיי ניט אויסלאָדן. ניטאָ די נויטיקע הייב־מאַשין פאַר זיי. פאַר דעם ברעג איז שוין פאַראַן אַ הייב־מאַשין, וואָס וואָלט געקענט אַראָפּנעמען טאַנקען, אָבער פאַר דעם מיט ים איז נאָך ניטאָ. און די שיף קען דאָך ניט אַרויפגיין אויף דעם ברעג. אין חיפה זיינען נאָך פאַראַן די ענגלענדער און זיי קאָנטראָלירן אי־בערהויפּט דעם פּאָרט. זיי גייט אין לעבן אַריין, אַז אַראַבער זאָלן האָבן געווער און יידן — ניט.

פאַרלאָז איך דעם פּאָרט און איך גיי אין האָטעל אַריין און די שיף

מנהלת העם

תל-אביב, ד׳ אייר תש״ח
13 . 5 .1948

לח׳ י׳ בוטושנסקי

"די פרעסע"

א. נ.,

הננו מתכבדים לשלוח לך בזה הזמנה

למושב

הכרזת העצמאות

שיתקיים ביום ו׳, ה׳ באייר תש״ח
(14.5.1948) בשעה 4 אחה״צ באולם
המוזיאון (שדרות רוטשילד 16).

אנו מבקשים לשמור בסוד את תוכן
ההזמנה ואת מועד כינוס המועצה.

המוזמנים מתבקשים לבוא לאולם
בשעה 3.30.

בכבוד רב

המזכירות

ההזמנה היא אישית – תלבשת: בגדי חג כהים

די פארבעטונג פאַר דעם מחבר צו דער הכרזה

מיט די טאנקען רייצט מיך אזוי ווי עס פלעגט מיך אמאָל רייצן אַ שיין ליד, אַ ראפינירטע דערציילונג, אַ פאַרביקער ספּעקטאקל, אַ סימפאָנישער קאָנצערט און אפשר נאָך מער. און אפשר אנדערש... אויב מען וועט אָנהייבן באָמבארדירן, וועט די שיף מיט די טאנקען מוזן אנטלויפן.

אַ שאָד די טאנקען.

זיי וואָלטן אַזוי צונוץ געקומען...

אין האָטעל האָט געוואַרט אויף מיר אַ „הזמנה" (איינלאַדונג) צו דער „הכרזה" פון דער מדינת ישראל.

— האַ?

אפשר איז עס אַ חלום?

אין דער „הזמנה" איז פאַראַן מיין נאָמען און עס זאָגט זיך, אַז איך בין איינגעלאַדן צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינת ישראל, וואָס וועט פאָרקומען פרייטיק ה' אייר אין „מוזיאון" פּינקטלעך פיר אזייגער. עס זאָגט זיך אויך, אז איך ווער געבעטן צו אָנטון טונקעלע יום־טובדיקע קליידער און אַז איך זאָל קיינעם פון מיינע פריינט ניט אויסזאָגן וווּ און ווען די הכרזה וועט פאָרקומען.

איך האָב געמיינט, אז די הכרזה וועט פאָרקומען אויף אַ גרויסן ככר (סקווער) פון תל אביב און זיין דערביי וועלן די מערסטע יידן פון ארץ ישראל און עס וועלן קומען יידישע דעלעגאַציעס פון דער גאנצער וועלט. צום סוף מאַכט מען „אַ שטילע חתונה".

די „יון" האָט טאקע געשטימט פאַר, אָבער דערנאָך האָט זי חרטה געהאַט.

ענגלאַנד איז קלוימערשט ניטאָ און איז דאָך דאָ.

מען מוז עס מאַכן שטיל...

מען רופט עס ניט „ארץ ישראל", נאָר „מדינת ישראל", זיי האָבן דאָך באַקומען נאָר אַ טייל פון דעם. און מען דערציילט באַלד, אז דער קלוגער און האַרציקער מזרחי־מנהיג, דער באַלדיקער מיניסטער הרב י. ל. פישמאַן איז פריער געווען קעגן דער „חלוקה" (צעטיילן דאָס לאַנד) און דערנאָך איז ער געווען פאַר, ווייל ס'איז דאָך אַ יידישע מדינה. און צוגעגעבן האָט ער: „עפּעס דאַרף מען דאָך לאָזן פאַר משיחן". אַ „שומר הצעירניק" האָט מיר געזאָגט: „מיר זיינען קעגן אַ יידישער מדינה? מיר זיינען פאַר דעם גאַנצן לאַנד, ווייל מיר האָבן דאָס אינגאַנצן ליב". און אַן אַ וויץ פון אַ קינד גייט ניט אין ארץ ישראל. „מען האָט צעטיילט —

האָט אַ קינד געזאָגט — ארץ ישראל און אזוי ווי דער יידישער טייל הייסט „ישראל", דאַרף דער אראבישער טייל הייסן „ארץ"...

וועט דאָס טאַקע היינט געשען.

אין מוזיי וועט דאָס פאַרקומען.

אַ בוך אַ „מורה דרך" דערציילט מיר, אַז דער מוזיי געפינט זיך אויף שדרות רוטשילד. געגרינדעט האָט אים דער ערשטער בירגערמייסטער פון תל אביב און איינער פון די הויפּט־גרינדער פון דער שטאָט, מאיר דיזענגאָף. ער איז געקומען קיין ארץ ישראל אין יאָר 1892 און ער איז אַוועק אין דער אייביקייט אין יאָר 1936, אין זעלביקן יאָר, ווען מען האָט געפייערט זיין 75־יאָריקן יובילײ. אין יאָר 1921 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דער ערשטער בירגערמייסטער פון דער ערשטער יידישער שטאָט אין דער



שדרות אין ראָטשילד אין תל אביב אין 1910

וועלט. זיין פּריוואַט־הויז האָט דיזענגאָף געהייליקט פאַר דעם מוזיי און ער האָט דאָס איבערגעבויט און צוגעפּאַסט און געקויפט די ערשטע בילדער פון יידישע און ניט־יידישע קינסטלער. אין זיין צוואה רופט ער אָן דעם מוזיי „בן זקונים" און „ילד שעשועים" און ער בעט מען אָל אים אָפּהיטן, ווייל „דער דאָזיקער אנשטאַלט איז גרייט צו ווערן אַ פּרעכטיקייט און אַ כבוד פאַר אונדזער שטאָט". ער האָט מסתמא דאָך ניט געחלומט, אַז פּונקט אין אָט דעם הויז וועט פּראָקלאַמירט ווערן די יידישע מדינה.

מאָדנע, וואָס עס גיט מיר אַ צופּ ביים האַרצן מיט אַ געווויסן תענוג פון דעם, וואָס מאיר דיזענגאָף איז געווען מיינער אַ בעסאַראַבער לאַנדסמאַן, אַ בעלצער ייד. און עס ווערט מיר אויך אַנגענעם וואַרעם פון דעם, וואָס הרב פישמאַן איז אַ לאַנדסמאַן, און ער איז געווען רב אין בעסאַראַבישן שטעטל אונגען. אמאי גיט מיר אַלע מאָל אַ טיאָבקע אין האַרצן פון די באַגעגענישן

מיט אַרגענטינער בחורים און בחורות, מיטגלידער פון קיבוצים, וואָס האַלטן אין ווערן העלדישע סאָלדאַטן אויף די פראָנטן. אַלע מאָל באַגעגן איך זיי, אַלע מאָל רופט מיך אָפּ און קומט צו מיר אַן אַנדערער. זיי זיינען דאָך אויך לאַנדסלייט מיינע. אַ בעסאַראַבער לאַנדסמאַן, אַן אַרגענטינער לאַנדסמאַן, אַ יידישער שרייבער און דאָ גייט מען מכריז זיין אַ מדינה פאַר אַלע יידן און ניט אויף יידיש, נאָר אויף העברעיש. און דאָך פיל איך, אַז מען גייט דאָ שאַפן אַ מאַקסימאַלע זאַך פאַר אַלע יידן... דאָס העברעישע פון דאַנען איז אויך פאַר אַלע יידן און עס איז אויך גוט פאַר אַלע יידן. ס׳איז דאָס לשון פון אברהם אבינו, משה רבנו און ישעיהו הנביא.

ריידן מיט אַ נאָענטן וועגן דער גאַנצער זאַך, קען מען ניט. אין דער איינלאַדונג זאָגט זיך קלאָר, אַז מען זאָל ניט אויסזאָגן. שווייג איך. און אַלע שווייגן מיר! און אַלע ווייסן מיר, אַז מיר שווייגן אויף דער יעלביקער טעמע. און עס גלוסט זיך וויינען און קיין טרערן קומען ניט, און עס גלוסט זיך טאַנצן און מען שעמט זיך... און אַלע זאָגט, אַז היינט וועט דאָס זיין.

היום יהיה האות הזה!

IV

און מיינע אויגן האָבן געזען און מיינע אויערן האָבן געהערט די הכרזה פון מדינת ישראל

פון דריי אַזייגער אָן האָט מען געזען מענטשן זיך איילן איבער די גאַסן פון תל אביב און מען האָט געוואוסט, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט „דעם”. אויף אייניקע פון די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך געאיילט האָט מען אָנגעוויזן, אַז זיי וועלן באַלד ווערן מיניסטאָרן. מיט אַ באַזונדער ציטער האָט מען אָנגעוויזן אויף אַן עלטערן מאַן מיט אַ ווייסער, פיין ארומגע־שוירענער באָרד, וואָס האָט געשפּאַנט געשטרעקט און עלעגאַנט און עס האָט פון אים אַ ווי געטון מיט דעם ווין פון אַמאָל. ער האָט אויסגעזען אַנדערש ווי אַלע ארומיקע. אין אַ וועלט פון פעלד־גרוי און פראַנט איז ער געווען דער איינציקער, וואָס קומט פון סאַלאָן. „שאַליט” האָט מען געשעפּטשעט. „ער איז געווען הערצלס סעקרעטאַר”. ניט הערצלס הדרת פּנים און מאַיעסטעטישקייט אין דער פולסטער מאָס, אָבער — עפּעס דערפון. געדאַכט האָט זיך, אַז דורך שאַליטן גייט אַ שטיקל הערצל, אַ שאָטן פון הערצלען צו דער דעקלאַראַציע.

פון „יודענשטאַאַט” ביז „מדינת ישראל”,

פון נאָך דרייפוס ביז נאָך מיידאַנעק־טרעבלינקע...

אָט דאָרטן איז עס. דאָרטן וואו קינדער, סאָלדאַטן און סתם מענטשן שטייען אין דרויסן. איך גיי און איך לויף. איך וויל איינהאַלטן די צייט און כ׳וויל, אַז עס זאָל שוין געשען. אָט בין איך שוין ביים „מגדל המים” (וואַסער־טורעם), וואָס איז הויך צוועלף מעטער און ער האָט אַ זייגער מיט יידישע אותיות. אַמאָל איז דאָ געווען די שטאָט־פּאַרוואַלטונג און היינט איז דאָ די צענטראַלע פּאָליציי. „יידישע פּאָליציי”. עפּעס פיל איך, אַז זי וועט האָבן ווייניקער אַרבעט ווי אַלע פּאָליצייען אין דער גאַנצער וועלט. אָט בין איך שוין דאָ 25 שעה און איך בין אומעטום פול געווען און איך האָב קיין איין מאָל ניט געזען קיין געשלעג. אַ העכערער פּאָליציי־מאַן האָט מיר געזאָגט: „ווייניקער אַרבעט ווי אַנדערע פּאָליצייען האָבן

מיר, אָבער דערפאר קאָמפּליצירטערע״. און אָט בין איך שוין טאַקע ביי דעם מוזיי־שדרות רוטשילד נומער 16. און דער נאָמען „ראָטשילד״ רופט ביי מיר אַרויס אַן אַסאָסיאַציע פון שלום עליכמען, וואָס האָט דאָך אָנגעשריבן „ווען איך בין ראָטשילד״. „ווען שלום עליכם וואָלט עס דערלעבט און ער וואָלט געקענט דערציילן, וואָס טביה דער מילכיקער האָט וועגן דעם צו זאָגן״...

אַ מיידל שטייט מיט דער יידישער פאָן. אַמאָל האָט מען עס גערופן ציוניסטישע פאָן, היינט איז עס די פאָן פון אַלע יידן. אַ פּעסט מיידל,

דאָס מיידל מיט דער יידישער פאָן ביים אַריינגאַנג צו דער הכרזה פון דער יידישער מדינה

סאָלדאַטסקע געקליידעט. אַ טונקלהויטיקע, זי האָט פאַרטראַכטע אויגן. זי האַלט פעסט די פאָן און איר בילד וואַקסט אויס צו אַ סימבאָל. אַ מאָלער וואָלט עס בעסער ניט געמאַכט... אויף אַ מעדאַל פון אַלטן רוים איז די „יודעא וויקטא״ (באַזיגטע יהודה) אויסגעמאָלן ווי אַן איינגעבויגענע פרוי, וואָס וויינט. דאָס דאָזיקע אויסגעשטרעקטע מיידל מיט דער־

אויסגעשטרעקטער יידישער פאָן איז דער ענטפער אויף יענעם מיראַל. אַ ניט גרויסע ערן־וואַך שטייט ביים אַריינגאַנג. חברה איינס און איינס. אָנגעטאָן טראָפּיקאַליש־מיליטעריש. קיין שום יידישער סימן אויף די קליידער. יידיש זיינען די אויגן. אַן עולם ניט קיין גאָר גרויסער, אָבער אַ גאַנץ היפּשער. און ער שטראָמט און ווערט גרעסער. גרויס און קליין, יונג און אַלט. אויך עלטערע מענטשן ניט ווייניקער ווי קינדער. מען שטופּט זיך, יעדער וויל עפּעס זען, אָדער עמיצן זען. דאָך איז פאַראַן דרך ארץ און מען קען דורכגיין. אַ סאָלדאַט פרעגט: „הזמנה"? און אַז מען ווייזט, לאָזט ער דורך און די זייטיקע מאַכן פּלאַץ. אַז ער מעג אַריינגיין, דאַרף ער מסתמא.

און אָט בין איך איינעווייניק. נאָך דעם פּאָרצימער אַ ניט גרויס צימע־ מיט בענק ווי אין אַ שול. דאָס איז דאָס צימער פאַר זשורנאַליסטן. אין דער דריטער ריי געפינען איך נאָך אַ פּלאַץ און איך זעץ זיך אַנידער. הערצלס בילד שיינט פון אַנטקעגן אויף דער וואַנט פון גרויסן זאַל צווישן צוויי מגן דודס. דער גרויסער זאַל, וואו מען דאַרף פּראָקלאַמירן די יידישע אומאָפּהענגיקייט איז ניט צו־גרויס. פאַראַן אַ צוויי הונדער זיצפּלעצער. אויף אַ פּאָדיום, אונטער הערצלס בילד שטייט אַ גרויסער טיש און אַרום אים זיצן די מיניסטאָרן און די דעפּוטאַטן. מען האָט געבעטן קומען אין טונקעלע יום־טובדיקע קליידער. אין גאַלאַ איז קיינער ניט געקומען. פולשטענדיק יום־טובדיק זיינען געקומען נאָר די רבנים פון די אשכנזים און ספרדים. בן גוריון גייט אין אַ טונקעלן, אָבער ניט גלאַטן אָנצוג. פּאַקטיש איז עס אפילו ניט האַלב גאַלאַ. דוד רמז טראָגט יאָ אַ שוואַרצן, גלאַטן אָנצוג. אויך דר. פּ. בערנשטיין און משה שאַפּיראָ טראָגן האַלב־יום־טובדיקע קליידער. משה שערטאָק טראָגט אַ גרויען אָנצוג און אפילו דער „יעקע" פעליקס ראָזנבליט טראָגט אַ העלן אָנצוג. אהרן ציזלינג און מרדכי בן טוב — די צוויי מפּמניקעס, וואָס לעבן נאָך אין די קיבוצים — טראָגן אָפענע ספּאָרט־העמדער, אָן קראַוואַטן. ישראל גלילי, הויפּט־קאָמענדאַנט פון הגנה (היינט שוין ניט מער) גייט אויך אָנגעטון ספּאָרט־מעסיק — ציוויל. גאָלדע מאירסאָן, די איינציקע פרוי צווישן דעפּוטאַטן, גייט אויך ניט אָנגעטון צו יום־טובדיק.

און די שטימונג איז אַזאַ ניט קלאָרע. מיר וואַרפן זיך כסדר אין די אויגן אַ שמאָל טרעפּל, וואָס פירט אַרויף צו דער בילדער גאַלעריע און אויף די ווענט זעט מען צייכענונגען און קליינע בילדער. בן גוריון זיצט ניט איין. עפּעס איז מסתמא אים נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר ווי אַזוי דאָס צו מאַכן. ער האָט דאָס דאָזיקע נאָך קיינמאָל ניט געטון... שוין געטון,

דאַכט זיך, אַלץ אין ארץ ישראל, אָבער אַ יידישע מדינה האָט ער נאָך ניט פּראָקלאַמירט. מען ווייסט, אַז די הכרזה איז אויסגעאַרבעט געוואָרן ביי דער לעצטער זיצונג פון אַקציאָנס קאָמיטעט און אָנגעשריבן האָט זי זלמן רובאַשאָוו, וואָס האָט געהאַט אין געדאַנק אויך די דעקלאַראַציע פון דער אומאָפּהענגיקייט פון די פאַרייניקטע שטאַטן, אָבער איבערהויפּט די דעקלאַראַציע, וואָס נחמיה, דער שעף פון שיבת בבל האָט פאַרגעלייענט. נחמיהס דעקלאַראַציע הייבט אָן מיט גאָטס צוזאָג צו אברהמען. אָבער נאָכמאַכן יענער פּראָצעדור קען מען היינט ניט. דעמאָלט האָבן זיך דאָס פאָלק און די כהנים צונויפגענומען פאַר דעם „שער המים" און זיך ניט אַוועקגערירט פון דאָרט זיבן טעג און זיבן נעכט און זיי האָבן געלערנט אין ספר פון גאָטס תורה. און זיי האָבן געפאַסט און געטראָגן זעק מיט ערד אויף זיך. און זיי האָבן געציטערט און פון אַ סך אויגן האָבן גערונען טרערן. היינט זיינען אַנדערע צייטן! היינט קען מען ניט שטיין קיין זיבן טעג און נעכט אויף אַ פּלאַץ און היינט טראָגט מען ניט קיין זעק מיט ערד. אָבער טרערן אין אויגן הייב איך אָן באַמערקן.

בן גוריון פאַרלירט דעם לעצטן שאָטן פון זיין שמייכל. דער ווייסער לייבן־קאָפּ האַלט זיך פעסט, די אויגן קוקן אָנגעשטרעקט. ער זיצט נעבן דעם 75־יאָריקן הרב פישמאַן און ער זעט אויס ניט ווייניקער רב ווי ער. ער באַראַט זיך מיט הרב פישמאַן און מיט פעליקס ראָזנבליט און פּריץ בערנשטיין, די איינציקע מערב־אייראָפּעישע יידן צווישן די מיניסטאָרן. ביי הרב פישמאַן פרעגט ער מסתמא וועגן רעליגיעזן צערעמאָניאַל און בא די „יעקעס" וועגן פּראָצעדור. הערצער קלאַפּן. מען ווייסט שוין, אַז אין כפר עציון איז קיינער ניט געבליבן. דאָ זיינען געווים פאַראַן עלטערן וואָס האָבן דאָרט (געהאַט) קינדער... „רבדים" און „עין צורים" זיינען אויך געפאַלן. אין „משואות יצחק" קעמפט נאָך אַ רעשטל אויף טויט און לעבן. און די עלטערן דאַרפן זיך פרייען מיט דער יידישער מדינה, ווען די הערצער וויינען אויף די קינדער, וואָס... קיינער וויל ניט דערלאָזן, אַז זיין קינד איז שוין טאַקע ניטאָ... און נאָר אויף אָט די קינדער גלוסט זיך וויינען? און וואו זיינען די אַלע קינדער, וואָס זיינען געפאַלן אין ארץ ישראל? און וואו זיינען די יידישע גבורים פון דער גאַנצער וועלט? און די יידישע קדושים פון אַלע צייטן און באַזונדער די זעקס מיליאָן קדושים פון די לעצטע יאָרן?

אין גרויסן זאַל זיינען אַרום און אַרום פאַראַן אַ צוויי הונדערט פּערזאָן, אין קליינעם זאַל אַ פּאָר און דרייסיק זשורנאַליסטן, צווישן זיי אַ

קליינע צאָל ניט־יידן. אָבער עס דאַכט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן מיליאָנען. מען דערציילט, אז אין קיטעוו, אין גלויז, איז אמאָל געוואָרן זייער ענג צו כל נדרי, האָט ר׳ גרשון קיטעווער געהייסן אויסטון די טליתים, בכדי די טייטע זאָלן מוזן ארויסגיין. זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די טליתים,

ד. בן גוריון לייענט די הכרזה פון מדינת ישראל

די טויטע. זיי האָבן אויך געוואָלט זיין ביי כל נדרי. קיינער האָט אין יענעם ה׳ סיון התש״ח ניט געטראָגן אין זאַל פון תל אביבער „מוזיאון״ קיין טלית, אָבער אַלע אומגעקומענע און לעבעדיקע יידן זיינען דאָרט געווען און אַלע האָבן זיי געוואָלט אי פרייען זיך, אי וויינען און זיי האָבן ביידע ניט געקענט.

און מיט אַ בערטל שנה פאַרשפּעטיקונג, פיר מיט אַ פערטל ארץ

ישראל צייט, האָט בן גוריון זיך אויפגעהויבן אַ בלייכער און אַן אָנגע־שטרענגטער און ער האָט גענומען לייענען די היסטאָרישע הכרזה. זיין קול ציטערט: „בארץ ישראל קם העם היהודי". אין ארץ ישראל איז אויפגעשטאַנען דאָס יידישע פאָלק. דאָ איז אויסגעפורעמט געוואָרן זיין גייסטיק, זיין רעליגיעז און זיין פּאָליטיש געשטאַלט. מיט ווערטער, וואָס זעען טאַקע אויס ווי שוואַרץ פייער אויף ווייסן ווערט ארויסגעבראַכט די יידישע געשיכטע, די געשיכטע פון ציוניזם, דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער מאַנדאַטן־מאַכט און ווי אויסגעוואַקסן פון דער סאַמע ערד און ווי באַשיינט מיט דער זון אַליין האָבן געקלונגען די ווערטער „זוהי זכותו הטבעית של העם היהודי להיות ככל עם ועם עומד ברשות עצמו במדינתו הריבונית". (דאָס איז דאָס נאַטירלעכע רעכט פון דעם יידישן פאָלק צו לעבן ווי יעדער פאָלק און פאָלק, וואָס שטייט אין זיין אייגענעם רשות אין זיין זעלבסטשטענדיק לאַנד). בן גוריון ווערט יינגער, ווען ער גיט אַ שמייכל, אָבער ער גיט דאָס מאָל ניט קיין איין שמייכל... און ער זעט טאַקע אויס עלטער ווי תמיד. אויף טויזנטער יאָרן עלטער. מיר דאַכט זיך, אַז אים וואַקסט אויס אַ לאַנגע, ווייסע באָרד. אים פעלט אויס אָטעם. און אַלע פעלט אויס אָטעם. און אָט זאָגט ער:

„און דערפאַר האָבן מיר זיך צונויפגענומען, מיר די חברים פון דעם פאָלקס־ראַט, די אָנפירער פון יידישן ישוב און פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג. אין טאָג, ווען דער בריטישער מאַנדאַט איבער ארץ ישראל האָט זיך געענדיקט און מיטן כוח פון אונדזער נאַטירלעכן און היסטאָרישן זכות און אויפן גרונט פון באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער, דערקלערן מיר דערמיט דאָס אויפשטעלן די יידישע מדינה אין ארץ ישראל, דאָס איז די „מדינת ישראל".

אַ ציטער איז דורך איבער אַלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, איבער די הערצער און דעם בלוט פון אונדז אַלע... און מיר האָבן אַלע זיך אויפגעהויבן און אָוואַציאָנירט אַן אויפהער... אפשר האָבן מיר אָוואַציאָנירט אַ שעה, אפשר אַן אייביקייט...

און מיר זיינען ניט געווען נאָר די פּאָר הונדערט.
אַלע 750 טויזנט ארץ ישראל יידן זיינען געווען.
אַלע 12 מיליאָן יידן פון דער גאַנצער וועלט.

און מיר האָבן געזונגען אין איין אָטעם די „התקוה" אין ארץ ישראל נוסח. אנשטאָט „התקוה הנושנה, לשוב לארץ אבותנו, עיר בה דוד חנה", זינגט מען אין ארץ ישראל: „התקוה משנות אלפים: להיות עם חפשי

הכרזה על הקמת מדינת ישראל

בארץ-ישראל קם העם היהודי, בה עוצבה דמותו הרוחנית, הדתית והמדינית, בה חי חיי קוממיות ממלכתית, בה יצר נכסי תרבות לאומיים וכלל-אנושיים והוריש לעולם כולו את ספר הספרים הנצחי.

לאחר שהוגלה העם מארצו בכוח הזרוע שמר לה אמונים בכל ארצות פזוריו, ולא חדל מתפילה ומתקווה לשוב לארצו ולחדש בתוכה את חירותו המדינית.

מתוך קשר היסטורי ומסורתי זה חתרו היהודים בכל דור לשוב ולהאחז במולדתם העתיקה; ובדורות האחרונים שבו לארצם בהמונים, וחלוצים, מעפילים ומגינים הפריחו נשמות, החיו שפתם העברית, בנו כפרים וערים, והקימו ישוב גדל והולך השליט על משקו ותרבותו, שוחר שלום ומגן על עצמו, מביא ברכת הקדמה לכל תושבי הארץ ונושא נפשו לעצמאות ממלכתית.

בשנת תרנ"ז (1897) נתכנס הקונגרס הציוני לקול קריאתו של הוגה חזון המדינה היהודית תיאודור הרצל והכריז על זכות העם היהודי לתקומה לאומית בארצו.

זכות זו הוכרה בהצהרת באלפור מיום ב' בנובמבר 1917 ואושרה במאנדאט מטעם חבר הלאומים, אשר נתן במיוחד תוקף בין-לאומי לקשר ההיסטורי שבין העם היהודי לבין ארץ-ישראל ולזכות העם היהודי להקים מחדש את ביתו הלאומי.

השואה שנתחוללה על עם ישראל בזמן האחרון, בה הוכרעו לטבח מיליונים יהודים באירופה, הוכיחה מחדש בעליל את ההכרח בפתרון בעית העם היהודי מחוסר המולדת והעצמאות על-ידי חידוש המדינה היהודית בארץ-ישראל, אשר תפתח לרווחה את שערי המולדת לכל יהודי ותעניק לעם היהודי מעמד של אומה שוות-זכויות בתוך משפחת העמים.

שארית הפליטה שניצלה מהטבח הנאצי האיום באירופה ויהודי ארצות אחרות לא חדלו להעפיל לארץ-ישראל, על אף כל קושי, מניעה וסכנה, ולא פסקו לתבוע את זכותם לחיי כבוד, חירות ועמל ישרים במולדת עמם.

במלחמת העולם השניה תרם הישוב העברי בארץ את מלוא חלקו למאבק האומות השוחרות חירות ושלום נגד כוחות הרשע הנאצי, ובדם חייליו ובמאמצו המלחמתי קנה לו את הזכות להמנות עם העמים מייסדי ברית האומות המאוחדות.

ב-29 בנובמבר 1947 קיבלה עצרת האומות המאוחדות החלטה המחייבת הקמת מדינה יהודית בארץ-ישראל; העצרת תבעה מאת תושבי ארץ-ישראל לאחוז בעצמם בכל הצעדים הנדרשים מצדם הם לביצוע ההחלטה. הכרה זו של האומות המאוחדות בזכות העם היהודי להקים את מדינתו אינה ניתנת להפקעה.

זוהי זכותו הטבעית של העם היהודי להיות ככל עם ועם עומד ברשות עצמו במדינתו הריבונית.

לפיכך נתכנסנו, אנו חברי מועצת העם, נציגי הישוב העברי והתנועה הציונית, ביום סיום המאנדאט הבריטי על ארץ-ישראל, ובתוקף זכותנו הטבעית וההיסטורית ועל יסוד החלטת עצרת האומות המאוחדות אנו מכריזים בזאת על הקמת מדינה יהודית בארץ-ישראל, היא מדינת ישראל.

אנו קובעים שהחל מרגע סיום המאנדאט, הלילה, אור ליום שבת ו' אייר תש"ח, 15 במאי 1948, ועד להקמת השלטונות הנבחרים והסדירים של המדינה בהתאם לחוקה שתיקבע על-ידי האספה המכוננת הנבחרת לא יאוחר מ-1 באוקטובר 1948 — תפעל מועצת העם כמועצת מדינה זמנית, ומוסד הביצוע שלה, מנהלת-העם, יהווה את הממשלה הזמנית של המדינה היהודית, אשר תיקרא בשם ישראל.

מדינת ישראל תהא פתוחה לעליה יהודית ולקיבוץ גלויות; תשקוד על פיתוח הארץ לטובת כל תושביה; תהא מושתתה על יסודות החירות, הצדק והשלום לאור חזונם של נביאי ישראל; תקיים שויון זכויות חברתי ומדיני גמור לכל אזרחיה בלי הבדל דת, גזע ומין; תבטיח חופש דת, מצפון, לשון, חינוך ותרבות; תשמור על המקומות הקדושים של כל הדתות; ותהיה נאמנה לעקרונותיה של מגילת האומות המאוחדות.

אנו קוראים לאומות המאוחדות לתת יד לעם היהודי בבנין מדינתו ולקבל את מדינת ישראל לתוך משפחת העמים.

אנו קוראים — גם בתוך התקפת-הדמים הנערכת עלינו זה חדשים — לבני העם הערבי תושבי מדינת ישראל לשמור על השלום וליטול חלקם בבנין המדינה על יסוד אזרחות מלאה ושווה ועל יסוד נציגות מתאימה בכל מוסדותיה, הזמניים והקבועים.

אנו מושיטים יד שלום ושכנות טובה לכל המדינות השכנות ועמיהן, וקוראים להם לשיתוף פעולה ועזרה הדדית עם העם העברי העצמאי בארצו. מדינת ישראל מוכנה לתרום חלקה במאמץ משותף לקידמת המזרח התיכון כולו.

אנו קוראים אל העם היהודי בכל התפוצות להתלכד סביב הישוב בעליה ובבנין ולעמוד לימינו במערכה הגדולה על הגשמת שאיפת הדורות לגאולת ישראל.

מתוך בטחון בצור ישראל הננו חותמים בחתימת ידינו לעדות על הכרזה זו, במושב מועצת המדינה הזמנית, על אדמת המולדת, בעיר תל-אביב, היום הזה, ערב שבת, ה' אייר תש"ח, 14 במאי 1948.

דוד בן-גוריון

דניאל אוסטר, מרדכי בנטוב, יצחק בן-צבי, אליהו ברלין, פרץ ברנשטיין, הרב וולף גולד, מאיר גרבובסקי, יצחק גרינבוים, ד"ר אברהם גרנובסקי, אליהו דובקין, מאיר וילנר-קובנר, זרח ורהפטיג, הרצל ורדי, ר' כהן, הרב קלמן כהנא, סעדיה כובאשי, הרב יצחק מאיר לוין, מאיר דוד לוינשטיין, צבי לוריא, גולדה מאירסון, נחום ניר, צבי סגל, הרב יהודה ליב הכהן פישמן, דוד צבי פנקס, אהרן ציזלינג, משה קולודני, אליעזר קאפלאן, אברהם קאצנלסון, פליכס רוזנבליט, דוד רמז, ברל רפטור, מרדכי שטנטר, בן-ציון שטרנברג, בכור שיטרית, משה שפירא, משה שרתוק.

דער טעקסט פון דער פראָקלאמירונג

בארץ אבותנו — ארץ ציון ירושלים". אומעטום זינגט מען וועגן זיך אומקערן אין אונדזער לאַנד, אין ארץ ישראל זינגט מען וועגן לעבן ווי א פריי פאָלק אין אייגענעם לאַנד.

און מיר זיינען ביים זינגען אויך ניט געווען אַליין. מיר האָבן געהערט זינגען אַלע דריי פערטל מיליאָן ארץ ישראל יידן און אַלע 12 מיליאָן פון דער גאַנצער וועלט...

און בן גוריון האָט ווייטער געלייענט די הכרזה, וואָס האָט געקלונגען ווי אן אמתדיקע „מגלת האש". ער האָט געזאָגט, אַז די יידישע מדינה וועט געבויט ווערן אויף דעם יסוד פון דער מאָראַל פון די נביאים און פון זייער געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט. און ער האָט גערופן די שכנים צו שלום און געגומען פאַר עדות דעם גאָט פון ישראל, דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים אונדזערע. א ציטער איז דורכגעגאַנגען...

און מען האָט לאַנג געשוויגן און לאַנג אָוואַציאָנירט.

און הרב י. ל. פישמאַן האָט א רגע פאַרנומען בן גוריונס פּלאַץ און געמאַכט א שהחיינו אויף דער יידישער מדינה... שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה... אויף דער יידישער מדינה... ערב־שבת, ה' אייר התש"ח איז עס געשען.

טאַקע געשען, צי איז עס א חלום?

אָט שרייבן אונטער די מיניסטאָרן די הכרזה. דער ערשטער שרייבט אונטער דער פּרעמיער מיניסטער דוד בן גוריון. יצחק גרינבוים, דער אינערן מיניסטער, איז אין ירושלים. א ליבעראַל פון אַלטן שניט, וויל ער ניט זיין — דערציילט מען — מיניסטער איבער דער געהיים־פּאָליציי, ווי אַלע אינערן מיניסטאָרן זיינען דאָס, מוז מען די פּאָליציי איבערגעבן אַן אַנדער מיניסטער. דער צווייטער שרייבט אונטער דער אויסערן מיניסטער משה שערטאָק. נאָך אים שרייבט אונטער, מיט א קוים באַמערקבאַרן שמייכל, דער פּאָסט־ און קאָמוניקאַציע־מיניסטער דוד רמז. משה שערטאָק האַלט שוין צו די דעקלאַראַציע פאַר די מערסטע מיניסטאָרן. ער מאַכט דעם איינדרוק פון יינגסטן און באַוועגלעכסטן צווישן די מיניסטאָרן, כאָטש אהרן ציזלינג — אַגריקולטור, מרדכי בן טוב — אַרבעט און משה שאַפּירא — עליה זיינען יינגער פון אים אויף 5־6 יאָר. הרב י. ל. פישמאַן — רעליגיעס, שרייבט אונטער טיף אַריינגעטון, ווי א סופר וואָלט געשריבן א וויכטיקן פּסוק. ערנסט און זיגעריש שרייבט אונטער פעליקס ראָזנבליט, יוסטיץ און פּרץ בערנשטיין (א האָלענדישער ייד) האַנדל און אינדוסטריע מיניסטער. שטרענג מיליטעריש ביים אונטערשרייבן זעט אויס בכר

שיטריט, דער מיניסטער פאר מינאָריטעטן און פּאָליציי, אַ ספרדישער ייד, אַ געבוירענער אין ארץ ישראל. דער מיניסטער פאר פאָלקס־געזונט, יצחק מאיר לעווין, דער איירעם פון גערער רבין, דער פאָרשטייער פון אגודת ישראל, איז אין ניו יאָרק און ער דאַרף קומען. עס שרייבן אונטער די דעפּוטאַטן. די גרעסטע אָוואַציעס קריגט גאָלדע מאירסאָן, די איינציקע פרוי, וואָס שרייבט אונטער די „הכרזה״.

און די צערעמאָניע איז געענדיקט... מען נעמט זיך ארום. איינזקע צעקושן זיך. אַ סך האָבן טרערן אין די אויגן. איינזקע גייען אוועק וויינען אין די ווינקלען.

מען קען ניט זיך פרייען.
מען קען קוים וויינען.
איך זע משה שערטאָקן וויינען אין איין ווינקל,
איך זע גאָלדע מאירסאָן וויינען אין אַ צווייטן ווינקל.
איך זע אַנדערע וויינען...
איך זע מיליאָנען יידן וויינען...
איך זע מיליאָנען אומגעקומענע יידן זיך פרייען...
מען גייט ארויס און מען גייט ניט ארויס...
איך פּרוּוו אויס מיינע אויגן,
איך פּרוּוו אויס מיינע אויערן,
איך פּרוּוו אויס מיין הארץ...
איך זע, איך הער, איך פיל...
איך האָב געזען, געהערט און געפילט די „הכרזה״ פון דער יידישער מדינה.
איך באַגריס בן גוריונען אין נאָמען פון אַלע אַרגענטינער יידן.
איך באַגריס שערטאָקן אין נאָמען פון אַלע אַרגענטינער יידן...
זיי הערן מיך...
זיי פרעגן זיך אפילו נאָך, ווען איך בין געקומען.
און איך ווייס ניט, צי זיי זעען מיך און הערן מיך טאַקע.
אָבער איך בין זיכער, אַז זיי זעען אין מיר און הערן אין מיר און פילן אין מיר אַלע אַרגענטינער יידן...
גאָלדע מאירסאָן זאָגט מיר:
„קוקט אייך אַרום... קוקט אָן אַלץ! עס איז אַ גאַנץ שיין מדינהלע!״
אוודאי וועל איך זען...
אָבער איך האָב געזען עפּעס, וואָס מ׳האָט נאָר איין מאָל געקענט זען...

פאַר אַלע אַרגענטינער יידן געזען. פאַר אַלע דרום אַמעריקאַנער יידן געזען. פאַר אַלע יידישע שרייבער געזען...

איך האָב דערפילט מיין שליחות, כאָטש קיינער האָט מיך ניט געשיקט. עס האָט מיך געטריבן אַ כוח. געטריבן מיך מער ווי געשיקט...

איך האָב געהערט, געזען און געפילט די פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל...

מיינע אויגן האָבן געזען, מיינע אויערן האָבן געהערט, מיין האַרץ האָט געפילט...

ביים אַרויסגיין ווערן די מיניסטאָרן סאַלוטירט פון די סאָלדאַטן. יידישע מיניסטאָרן ווערן סאַלוטירט פון יידישע סאָלדאַטן. די יידישע אַרמיי האָט באַלד אָנערקענט די יידישע מדינה. איין ייד מאַכט אַ חכמה דווקא אויף העברעאיש: „נכנסו יהודים פשוטים ויצאו שרים" (זיי זיינען אַריינגעגאַנגען פּשוטע יידן און אַרויסגעגאַנגען מיניסטאָרן.)

שווער צו מאַכן, אַז יידן זאָלן ניט שאַפן קיין וויצן אין אַלע צייטן אין די טרויעריקסטע, טראַגישסטע און הייליקסטע מאָמענטן מוז מען זיך אַ שטעך טון און אַ טרייסט טון מיט אַ וויץ. איידער וואָס־ווען האָט מען דערציילט, אַז אַ קינדעלע האָט געפרעגט: „די יידישע מדינה האָט מען אויפגעשטעלט? און פריער וואָס האָט זי געטון? און אַזוי קליין איז זי, אַז זי קען זיך אַליין ניט אויפשטעלן?"

גרויסע, אָבער, האָבן ניט געפרעגט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די יידישע מדינה וועט שטיין פעסט און „אייזן". דאָס וואָרט „אייזן" נוצט מען אין ארץ ישראל אויך, ווען מען רעדט העברעיש. ספרדים זאָגן אויך „אייזן". אַ תימנער ייד קען זאָגן, אַז דאָס ווייב האָט אים געבוירן אַ יינגעלע און די קו אַ קעלבל אוןביידע זיינען „אייזן". און איך האָב טאַקע געהערט ווי אַ בחור האָט געזאָגט ווי אַן ענטפער אויף דעם קינדס פרעגן וועגן דעם, צי אונדזער מדינה איז אַזוי קליין, אַז — „מדינתנו נולדה רק עכשיו אבל היא תחיה אייזן".

יינגלעך זיינען נאָכגעלאָפן אַלע מיניסטאָרן, ווי נאָך עפּעס אַ חידוש, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען. „שרים יהודים"... אַנדערע האָבן געזאָגט: „מיניסטורים יהודים".

איך האָב צוגעשפּאַנט ביז נעבן דער פּאָסט, וווּ עס איז פאַראַן אַ סטאַנציע פון טאַקסים און גערופן אַן אויטאָ אויף צו פאָרן אין האָטעל אַריין און זיך גרייטן צו שבת. איין שאָפער האָט מיר געעפנט דאָס טירל און פּלוצים האָט ער זיך באַטראַכט און מיר געהייסן פאָרן מיט אַ צווייטן.

און די זאַך איז מיר פֿאַרגעקומען מאָדנע. און נאָך מער מאָדנע איז מיר פֿאָרגעקומען, ווען נאָך דעם ערשטן ווערטער־טויש אויף העברעאיש מיט דעם צווייטן שאָפֿער, האָב איך זיך דערוווּסט — שוין אויף יידיש, רוסיש און רומעניש — אַז עס פֿירט מיך אַ בחור פֿון מיין שטאָט — אַ קיליער. געווען איינער פֿון די גרעסטע גבירים אין קיליע, אַ שניט־קרעמער אורי גאָלדנעבערג, אַ בעל מלאכה, וואָס האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט. די עלצטע טאָכטער זיינע האָט געהייסן שפרה, זי איז געווען אַ געשוווירענע חברטע מיט מיין עלטערער שוועסטער מאַמציע. איך געדענק ווען שפרה אורים האָט חתונה געהאַט אין אַ שפּייכלער, וואָס מען האָט אויסגעפּוצט ווי אַ זאַל. שפּרהס מאַן הייסט שמחה ברענער. אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין דער רומענישער שטאָט גאַלאַץ און ער איז דאָרט געוואָרן אַ גביר אדיר. דער שאָפֿער, וואָס האָט מיך געפֿירט, איז שמחהס צווייטער זון. דער ערשטער זון איז אומגעקומען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. די אָנוועזנהייט פֿון אַ קיליער בחור פּונקט אין מאָמענט באַלד נאָך דער פּראָקלאַמירונג פֿון דער יידישער מדינה האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ האַנט פֿון גורל. דער גורל אַליין האָט מיר געהייסן אין יענעם מאָמענט אויפֿלעבן אין גאַנצן געמיט אין מיינעם דאָס געבוירן שטעטל מיינס, דעם טאַטן מיינעם אברהם שוחט, דעם גרויסן מכנים אורחים, אברהם אבינוס אַ ווירדיק איינינקל; מיין מאַמען, די וווילקענעוודיקע, די ביז־פּיין פֿאַרגלויבטע אין גאָט לאה, מיין אויף קידוש השם אומגעקומענע עלטערע שוועסטער מאַמציע און איר מאַן זיידל שוחט; מיין אויף קידוש השם אומגעקומענעם פֿעטער נח מיט זיין פֿרוי הוה און זיין טאָכטער מאַניע... איך האָב זיך דערמאָנט אין — ווייט אָפּגעשיידט זאָלן זיי זיין — מיין שוועסטער מרים און איר מאַן יעקב וויינבערג און מיין יינגערן ברודער לייב מיט זיין פֿרוי ריטאַ און זייערע קינדער, וואָס לעבן אַלע אין בוענאָס איירעס; אויך האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין יינגסטער שוועסטער שפרה, וואָס לעבט ערגעץ נאָך און איך קען זיך ניט דערוויסן וווּ, ווייל אַזאַ וועלט איז היינט... און איך האָב ווידער דערמאָנט מיין ווייב מרים און מיין זון אברהם, וואָס באַהעפֿטן זיך דורך מיר מיט קיליע און מיט — מדינת ישראל.

דער נהג ברענער, וואָס שטאַמט פֿון צוויי דורות גבירים און ער באַשטעטיקט די טעאָריע, אַז יידיש פֿאַרמעגן גרייכט קיינמאָל ניט ביז צום פֿינפֿטן דור, איז געווען ענטוזיאַזמירט פֿון דער געשעעניש, אָבער אַ געוויסן סקעפּטיציזם האָט ער דאָך אַרויסגעוויזן. מען דאַרף נאָך וואַרטן!

משיח וועט אַזוי אַ גרינג ניט קומען. אָ, נאָ! מען וועט אים נאָך דארפן שווער שלעפן. איך פרעג אים, צי אין זיין צייט וואָלט מען אין קיל ע געווען געגלייבט, אַז עס וועט געשען דאָס דאָזיקע, וואָס היינט פאַרנאַכט איז געשען און ער האָט קוים גענוג ווערטער אין די אַלע פיר שפּראַכן, וואָס מיר ריידן צו זאָגן ניין...

מיר איז געווען שווער זיך אָפּצורייסן פון שאָפער.

ער איז פאַר מיר געווען מיין שורש.

ער איז געווען פאַר מיר די אויפלעבונג פון מיין קינדהייט.

נאָר דער גורל האָט אים מיר געשיקט!

די זון איז אַוועק צום ים.

דער וואָגן האָט אָנגעזאָגט שבת.

ליכט האָבן זיך אָנגעצונדן.

דער ערשטער פרייטיק צו נאַכט אין מדינת ישראל.

דער ראַדיאָ מעלדעט: די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן אָנערקענט „דע פאַקטאָ" די יידישע מדינה...

— ? ? ?

— ! ! !

מיינע אויגן האָבן עס געזען, מיינע אויערן האָבן עס געהערט.

V

דער ערשטער שבת אין מדינת ישראל

שוין לאַנג ניט געפילט אַזוי דעם טעם פון שבת ווי דאָ. וואַרשיינלעך פילן קריסטן דעם ריכטיקן טעם אין זונטיק. איך האָב קיינמאָל ניט געפילט קיין טעם אין דעם זונטיקדיקן רו־טאָג און זייט ביי מיר איז שבת ניט־שבת, האָב איך קיין שבת־טעם ניט פאַרזוכט.

און אין תל אביב האָב איך ווידער דערפילט דעם טעם פון שבת. עס איז פאַר מיר געווען דער ערשטער שבת אין ארץ ישראל און פאַר אַלע אין איינעם מיט מיר איז דאָס געווען דער ערשטער שבת אין מדינת ישראל. דאָס געפיל פון זיין אין דער אייגענער מדינה איז געקומען צום אויסדרוק אויף פאַרשידענע אופנים. איין באַקאַנטער האָט מיר ביי אַ סך געלעגנהייטן געזאָגט: „אני במדינת ישראל". איך בין אין דער יידישער מדינה. און געזאָגט האָט ער דאָס, גלייך ער אליין וואָלט דאָס געווען...

דער שבת אין תל אביב איז אַ געמיש פון רו־טאָג אין אַ מאָדערנער שטאָט מיט אַלט־יידישן שבת. פּראָפּאָרציאָנעל איז אין ארץ ישראל היינט פאַראַן מער פרומע יידן ווי אין דער גאַנצער וועלט. לויט אַ גאַנץ גרינט־לעכער סטאַטיסטיק באַטרעפן די רעליגיעזע ארבעטער אין ארץ ישראל אַ צוואַנציק פּראָצענט. די „הסתדרות" אליין האָט 22 טויזנט מיטגלידער, וואָס פאָדערן, אַז זייער אָרגאַניזאַציע זאָל באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע הצטרכותן. אין „הפועל מזרחי", וואָס איז די פּראָפעסיאָנעלע צענטראַלע פון די רעליגיעזע אַרבעטער, זיינען אָרגאַניזירט זיבן־אַכט טויזנט אַרבעטער און אין דער רעוויזיאָניסטישער צענטראַלע, אין „הסתדרות הפועלים הלאומית", זיינען מסתמא אויך פאַרהאַן רעליגיעזע אַרבעטער. מען מעג רעכענען, אַז עס זיינען פאַרהאַן 32 טויזנט רעליגיעזע ארבעטער און דאָס מיינט אַ זעכצן פּראָצענט. צווישן די באַלעבאַטים איז געוויס דער פּראָצענט פון די אדוקים גרעסער. אַזעלכע פרומע, וואָס טראָגן גאַנצע בערד, לאַנגע קאַפּאָטעס און פאות זיינען צווישן די אייראָפּעאישע יידן ניט פאַראַן קיין סך, (צווישן די תימנים זיינען פאַראַן אַ סך, אַ סך מער) די פרומע

אַרבעטער האָבן אין גאַנצן ניט קיין פּרומע אויסערלעכקייט, אויסער דעם, וואָס זיי טראָגן קאַשקעטן. אָבער שבת איז ביי זיי אַלע שבת און דאָס דאָזיקע ליגט אַ הותם אויף דעם גאַנצן שבת. פּונקט ווי איר וועט אין גאַנץ תל אביב ניט געפינען קיין טיר אָן אַ מזוזה, וועט איר ניט זען פּרייטיק צו נאַכטס קיין פענצטער אָן בענטש־ליכט. די אויטאָבוסן, וואָס זיינען די הויפּט־באַוועגונג־מיטלען פון דער שטאָט, שטייען פון פרייטיק פאַרנאַכט ביז עס באַווייזן זיך די שטערן פון שבת צו נאַכט, ווי געליימטע גולמס. צוליב מלחמה זיינען זיי קאַמופלאַזשירט און האָבן אַ מאָדנע גרינע קאָליר און זיי זעען אויס ווי עפּעס מאָדנע לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס זיינען ניט מעלה גרה. עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז אַנשטאָט „אתה ושורך" זאָגט מען „אתה ואוטובוסך"... מ'קען אַ פּאָר טון, אַז עס איז שטאַרק נייטיק, אָבער ניט מיט צו גרויסן רויש. עס איז אַ מין פּאָרן בצנעא און עס קאָסט טאַקע טייערער אויך. אויב מען טוט שוין אַן עבירה, זאָל זיין פאַר עפּעס. און אויב אַ דזשיפּ גייט אַ לויף מיט חוצפּה און אַ קאַמיאָן גייט אַ קוויטש, ווייסט מען שוין, אַז ס'איז פאַר דער מלחמה. צוליב מלחמה האָט מען מתיר געווען חילול שבת. די פּראַקטיק פון אַמאָל איז אַ גוטער רבי.

רויכערן רויכערט מען אין תל אביב אום שבת, אָבער עס זיינען אויך דאָ פאַראַן אַזעלכע, וואָס כאָטש זיי זיינען דורכויס ניט פרום, טוט מען דאָס ניט פאַר דרך ארץ. אַן אָנגעשטעלטער פון קרן קיימת, אָדער קרן היסוד, מעג ער זיין ווי וועלטלעך, וועט עפנטלעך ניט רויכערן. אַז איינער רויכערט אום שבת אין גאַס, קען ער זיך ריכטן, אַז אַ קלוגער שיינער ייד מיט אַ באָרד זאָל צו אים צוגיין און אַריינזאָגן אַ „גוט שבת", אָדער „שבת שלום". און אַ תימנער ייד קען אים גלאַט פרעגן: „אינך יודע ששבת היום" — ווייסטו ניט, אַז היינט איז שבת?

קליינע יאַטן זיינען ביים אַרויסגיין פון דער מדינה־פּראָקלאַמירונג, נאָכגעלאָפן מיניסטאָרן, עלטערע יידן זיינען געלאָפן אין די שילן אַריין און מענער און פרויען האָבן אויסגעקויפט די לעצטע בלומען אין די בלומען־געשעפטן. אַז איינער גייט צו גאַסט פרייטיק צו נאַכטס, ברענגט ער דאָ בלומען און אַז מען האָט ניט קיין געסט, באַפּוצט מען זיך אַליין די שטוב מיט בלומען. אָוי, ווי מען וויל דאָ לעבן שיין! פאַראַן דאָ אַ בענקשאַפט נאָך שיינקייט, אַ נייגונג צו שיינקייט, אָבער מען מוז פירן מלחמה.

אויף דעם ערשטן פרייטיק צו נאַכטס אין ארץ און מדינת ישראל

בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו מיינעם אַן אַלטן פריינט פון רומעניע, צו מישו ווייסמאַן. איך בין מיט אים היימיש געוואָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַ גימנאַזיסט. ער האָט אין רומעניע געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע אַלס אַדוואָקאַט און ציוניסטישער רעדנער און פירער. ער איז געווען דער בעסטער ציוניסטישער רעדנער אויף רומעניש אין לאַנד. ער איז דערנאָך געווען אַ דעפּוטאַט. ער איז געווען אַן אַלגעמיינער ציוני און כמעט אַ רעוויזיאָניסט. אין ארץ ישראל איז ער אַריין אין מפאי. אַ שפּראַכן־קענער, אַ סאַלאָן־פּעאיקער, איז ער ווי געבוירן צו זיין אַן אַמבאַסאַדאָר און מען האָט געוווסט, אַז עס וואַרט אויף אים אַ פּאָסטן. ער איז טאַקע שפּעטער באַשטימט געוואָרן אַלס אַמבאַסאַדאָר פון ישראל פאַר בענעלוקס (בעלגיע, האָלאַנד און לוקסעמבורג). איך האָב זיך ביי מישו ווייסמאַן אין הויז געטראָפן מיט אַ סך אַלטע באַקאַנטע פון רומעניע און עס האָט אויף אונדז אַלעמען אַ ווייע געטון מיט אונדזער איינגענער יוגנט. יאָרצענדליקער זיינען אַראָפּגעפאַלן, דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטון אויף צוריק. עס זיינען געקומען אויך יונגע חברה, קינדער פון אַמאָליקע פריינט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די קינדער זיינען מיר אַליין. דעמאָלט, ווען מיר זיינען געווען חברים, האָבן מיר דאָך אויסגעזען אַזוי ווי היינט די קינדער זייערע.

עס איז ניט געווען קיין צו פריילעכער פריטיק צו נאַכטס אין תל אביב. מען האָט איינגעפירט „אפלה" (פאַרפינצטערונג) און מען האָט געמוזט פאַרהענגען די פענצטער מיט שוואַרצע פאָרהענגלעך, אַז קיין ליכט זאָל ניט אַרויסשפּאַרן. און האָט פון ערגעץ אַרויסגעשפּאַרט אַ שיין, האָט מען באַלד דערהערט אַ „לכבות האור" — פאַרלעשן דאָס ליכט. און דאָס מורא האָבן פאַר ליכט האָט אָנגערעגט צו ניט־ליכטיקע געדאַנקען. אָבער — מיר האָבן זיך אַלע פאַרשיכורט מיט די דערינערונגען פון אַמאָל און אונדז איז סוף־כל־סוף געוואָרן ליכטיק. מיר איז געווען ליכטיק שוין פון דעם, וואָס אויף דעם טיש זיינען געשטאַנען בענטש־ליכט און וואָס דער באַלעבאָס האָט געגעבן אַ טוראָן אַ יאַרמעלקעלע און געמאַכט קידוש. אַ מפּאַיניק אין בוענאָס איירעס וועט מסתמא זיך ניט באַשליסן צו מאַכן קידוש און הייסן דעם ווייב בענטשן ליכט. אַ שטוב דאַרף זיין אָדער אַ יידישע, אָדער אַ — גוישע... אַ וואָכעדיקע שטוב, אָן זכר פון שבת און יום־טוב איז אַזוי פּוסט. מישו ווייסמאַנס וואונדערלעכער איין־און־צוואַנציק יאָריקער בחור כרמי, האָט הנאה געהאַט אי פון קידוש, אי פון מיין יידיש ריידן. וואָס פאַר אַ שטראַלנדיקער בחור ער איז. ער האָט אַלע טעמים און אַלע חנען. נאָך איידער איך האָב זיך דערוווסט, אַז ער קאָמפּאָנירט מוזיק

און אז ער האט שוין אייניקע דערפאלגרייכע סימפאניעס, האב איך זיין מוזיקאלישקייט דערפילט. ער איז אליין א סימפאניע. איך האב זיך דורך אים און אדאנק אים פארליבט אין אלע ארץ ישראל בחורים.

שפעט אין אוונט, נאך דער וועטשערע, איז אנגעקומען דער אייגנארטיקער קינסטלערישער דאן קיכאט יאשע ראזנבערג פון גאלאץ, וואס האט געלערנט כעמיע און האט געמאכט א קליין קונסט־טעאטער און האט געפטרט דעם רייכן ברומען טאטנס א פארמעגן אויף כעמיע און האט געבלאנדזשעט אין טעאטער. א נאכוווקס פון מיין דור אין רומעניע. מיט א צענדליק יאר שפעטער געקומען, א יינגערער פון מיינע בני דור מיט א יאר זעקס און א ווייסן קאפ האט ער. אינערלעך איז ער געבליבן דער זעלביקער באהעם, וואס אמאל און שפעטער האב איך זיך דערוווסט, אז צו יעדער פארוויילונג פון די רומענישע, קומט ער צום סאמע סוף. ער מאכט א לעצטן אויבטריט, טעאטראליש געערדט. און ער ווייזט טאקע באלד א קונץ. מיט דעם קלענסטן מיטל פארשטעלט ער זיך פאר עפעס א כינעזער, אדער אן אנדער עקזאטישן טיפ און ער שפילט אויס דאס ניט־דערשפילטע.

דער הארציקער פרייטיק צו נאכטס איז איבערגעריסן געווארן, ווייל כרמי האט געדארפט גיין אויף שמירה און דער פאטער האט אזוי שטארק געציטערט פאר זיין יונג, שיין לעבן און ער איז א ביסל געגאנגען אים פארטרעטן. שערטאק האט דאך נעכטן געזאגט: „סע לא גער". ס'איז מלחמה. פרייטיק צו נאכטס און מלחמה.

ווען איך בין אהיים געגאנגען אין איינעם מיט יאשען, האב איך אלץ געוואלט קלערן, אז ס'איז צוריק מיט כאטש א פערטל יארהונדערט, אבער — ניין. עס איז געווען נאך דער הכרזה פון דער יידישער מדינה און עס איז געווען אין ארץ ישראל, דער הימל האט מיר געטוטשעט די שטערן אין די אויגן אריין.

שטערן האט עס ארץ ישראל.
כ'וועל דאס ניט אויפהערן זאגן:
ווי אויגן פון מלאכים זעען זיי אויס...
און ווי כרמים אויגן.

אזעלכע זאפטיקע שטערן, אזעלכע פיל־שטראלנדיקע, אזעלכע גרויסע און אזעלכע גרויסע־גרופעס פון גרויסע שטערן...

דא מוז מענטש חבר ווערן מיט די שטערן...
דא דאכט זיך דיר, איז ניט נאר דו קענסט די שטערן,
נאר אז אויך די שטערן קענען דיך...

און יאָשע האָט מיך אויך געפרעגט דאָס זעלביקע, וואָס א סך האָבן מיך שוין געפרעגט: „וועט מען אונדז דאָ לאָזן לעבן?" איך זאָל ענטפערן אויף דעם, איך, דער ערשט־אָנגעקומענער. אָבער אויך ער האָט זיך אליין געענטפערט, ווי א סך אנדערע האָבן עס געטון. ער האָט געזאָגט:

„מיר וועלן סיי ווי לעבן"...

איינער, אַ נאָענטער פון אליעזר קאפלאן, וואָס איז היינט פינאנץ־מיניסטער, האָט איבערגעגעבן אָט א דעם שמועס פון דעם דאָזיקן טויט־ערנסטן פינאנציסט:

ווי מען האָט אונדז דאָ געשטערט און ווי מיר האָבן געוואקסן! געטראָפן אַ מדבר דאָ... זאמד, זאמד, זאמד...

קעגנער האָבן פאָרויסגעזאָגט, אז דאָ וועט גאָרניט ווערן, ווייל עס פעלט וואסער.

קעגנער זיינען געוועזן בונדיסטן, קאָמוניסטן, פרומע...

און פעלקער פון אלע לענדער האָבן געזוכט גליקן אין אָט די זאמדן.

ענגלאנד האָט געוואָלט ווערן באלעבאָס;

פראנקרייך האָט געזוכט סיריע.

דייטשלאנד האָט געזוכט דעם וועג צו באגדאד.

איטאליע האָט געזוכט קאָלאָניעס.

דער טערק האָט געזוכט — דעם אמאָל.

רוסלאנד האָט געזוכט די דארדאנעלן.

און די אראבער האָט מען געלערנט צו זוכן אָפּפאל פון דעם, וואָס אנדערע וועלן צערייסן, ווי דאָס טוען שאַקאלן.

און יידן האָבן גענומען בויען.

באזייטיקט די זאמדן און ס'האָט גענומען וואקסן. ווי דאָ וואקסט עס אלץ!

און ס'האָבן גענומען וואקסן שטעט און שטעטלעך און קיבוצים און קבוצות און מושבים און מושבות און שאָסייען...

און ס'איז געוואָרן וואסער; און ס'איז געוואָרן עלעקטריק; און ס'איז געוואָרן א בליענדיק לעבן...

מ'האָט געשטערט, און, ווי מ'האָט געשטערט.

און מ'האָט געבויט... און ס'האָט געוואקסן...

און ס'האָט אויסגעוואקסן א יוגנט — שטאָל און אייזן און הארץ און נשמה.

א גאנצע וועלט וואָלט די דאָזיקע יוגנט בליענדיק געמאכט.

דארף זי זיך שלאָגן, דארף זי מאכן אנדערע פאלן און אליין פאלן...

קיין איין טאָג איז דאָ נאָך קיין רו ניט געווען! און ערשט איצטער איז קיין רו ניטאָ...

אַ קליין לענדל. אָן וואסער... זאמדן... אַ שמאָלער פאס... און דאָך — לאָזט אונדז און מיר וועלן ברענגען מיליאָנען יידן אהער. און זיי וועלן לעבן. און זייערע קינדער וועלן וואקסן. און דאָס לעבן וועט וואקסן... לאָזט אונדז צען יאָר און דער גאנצער מזרח וועט גליקלעך ווערן...

אָבער — מען לאָזט ניט...

ביינאכט האָב איך ניט געקענט שלאָפן און איך האָב זיך ארויסגע־שלייכט פון מיין האָטעל־צימער. איך האָב געקוקט אויף די שילדן, געזען אַ „מרקחת" (אפטייק), וואָס הייסט „רמבם", געזען אַ געגנט, וואָס הייסט „שכונת הבימה" און ווו די שוישפילער פון דער הבימה האָבן דירות צום וווינען, וואָס זיי האָבן באקומען פון קרן קיימת און פון דער עיריה (מוני־ציפאליטעט). איך האָב געזען נאָך און נאָך... וואָס מען קען ניט זען אין א גאנצער נאכט... און איך האָב געזען דעם ים — דעם זאמד ביים ים. די שטערן אין הימל און איך האָב געפילט, אז עס וועט קיינעם ניט העלפן —

דאָ וועלן מיר עס ווערן! נאָר דאָ! ווי זאמד באם ברעג פון ים און ווי שטערן אין הימל...

און אָט איז שבת אין דער פרי... די נאטור זעט דאָ שטענדיק אויס יום־טובדיק; יעדנפאלס זעט זי אזוי אויס איצטער אום פרילינג. דער הימל איז דאָ כסדר העל־בלוי, און אז עס האָט א ביסל כמארעס, איז דאָס עפּעס אויך ווי פאר שיינקייט. קליינע כמארעלעך, אָפט זעען זיי אויס ווי זילבער־פלעקן אויף דער אומענדלעכער בלויקייט, אמאָל זעען זיי אויס ווי באַזונדערע שאָף אויף אַ לאָנקע; קיין גאַנצע סטאַדע פון כמארעס האָב איך נאָך ניט געזען. און צוליב שבת איז די גאַנצע נאַטור מיטן הימל־קרוין אויפן קאָפּ געוואָרן נאָך יום־טובדיקער.

מענטש האָבן זיך ניט געדאַרפט איילן צו דער אַרבעט. ביי די „תחנות" (סטאנציעס) פון די אויטאָבוסן האָט מען ניט געדאַרפט שטיין און זיך בעטן ביים שאָפער, אז ער זאָל אַריינלאָזן. דאָך איז מען אויפגעשטאנען פרי. עס איז זיך ניט געשלאָפן אין דער יידישער מדינה. חלומות האָבן געצויגן... מען האָט זיך געוואָלט דורכריידן מיט א פריינט, מיט א שכן וועגן דעם, וואָס עס וועט ווייטער זיין... און טאקע וועגן די קינדער האָט מען געוואָלט א רעד טון... ווער ס'האָט שוין ניט געזען פיר וואָכן אַ טאָכ־

טער און ווער — זעקס וואָכן אַ זון... יידן פאַלן טאַקע ווייניק, גאָט זיי דאַנק, אָבער ס'איז פאָרט מלחמה. און אַלעמענס קינדער זיינען דאָס! און זיי לויפן גלייך אין פייער אַריין. איך הער ווי איין מאַמע דערציילט אַ צווייטער, אַז איר טאָכטער האָט איר געזאָגט:

— פאַר דיר איז עס ציוניזם, אָבער פאַר מיר איז עס מולדת (געבוירנלאַנד). דאָס גאַנצע לעבן איז עס...

רואיק איז. די גאַסן דרימלען. דער ים דרימלט. דאָ און דאָרט גיט אַ לויף דורך עפּעס אַ פאָר־געצייג מיט עפּעס אַן אימפּעט און גיט צו פילן, אַז ס'איז ניט נאָר שבת, נאָר אויך מלחמה. און ווען דער טאָג ווערט גרעסער, הייבן אָן גיין יידן מיט טליתים. אייניקע טראָגן די יינגלעך נאָך די טליתים, אַזוי ווי אַמאָל אין שטעטל. אָבער „דזשיפּן" און מאָטאָציקלעטן זשומען.

שבת און מלחמה...ביידע זיינען אין איינעם און ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן ביידע!

די יינגלעך, וואָס טראָגן נאָך די טליתים זיינען שיין און געזונט. וועלן זיי נאָך אויך דאַרפן גיין אין מלחמה אַריין, צי וועלן זיי שוין ניט דאַרפן און זיי וועלן קענען רואיק בויען?

דאָס גיין אין שול אַריין ווערט אָפּטער און איך גיב אַ קלער, אַז אפשר איז אַ פּלאַן, אַז איך זאָל אויך גיין אין שול אַריין. מען האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז די שולן אין תל אביב זיינען ניט אינטערעסאַנט, נאָר אין ירושלים און צפת זיינען זיי אינטערעסאַנט, אָבער באַשטראָפן וועט מען מיך דאָך ניט פאַר דעם גיין אין תל אביב אין שול אַריין. עס איז דאָך דער ערשטער שבת אין דער יידישער מלוכה, איז פאַר וואָס ניט אַריינגיין אין שול? קען וועמען וועל איך דערמיט באַגיין אַ זינד?

איך דערמאָן זיך, אַז אין האָטעל האָב איך נאָך אַ שטיקל קאַפּעליוש.

איך טו אָן דעם קאַפּעליוש און איך נעם זוכן אַ שול. איך געפין אַ שולעכל אין אַ הויף אויף דער ביאַליק־גאַס. אַ חסידיש שטיבל פון סניאַטינער רבין. דער רבי אַליין איז אַלט אַ יאָר ניינציק, דער זון איז שוין אין די טיפע זעכציקער און אַן אייניקל איז שוין אויך אין די פערציקער. דריי דורות רביים און דרייערליי חסידים — גאָר אַלטע, מיטליאָריקע און יונגע. חסידים מיט גאַנצע בערד, חסידים מיט האַלבע און חסידים אָן בערד. און די לעצטע דאַווענען גאַנץ היציק. די בערד זיינען אָדער געצופּט, אָדער אַראָפּגענומען מיט אַ סם. דאָס דאַווענען איז אין אַ סך דיאַלעקטן — בעסאַראַביש, פויליש, ליטוויש. קיין ספרדית הערט מען ניט פאַר קיין

רפואה. מען קוקט אויף מיר ווי אויף אַ פּרעמדן און מיר ווערט מאָדנע דערפון. אַמאָל פּלעג איך פּונקט אַזוי דאַוונען ווי אַט די אַלע יידן אין אַזאַ שטיבל.

— וויפל איז שוין אין דעם?

— לויטן קאַלענדאַר — פערציק יאָר און לויט די געפילן און איבערלעבונגען — אַ פּאָר טויזנט יאָר.

היינט בין איך אַ פּרעמדער דאָ. צום ערשטן מאָל זיך דערפילט אין ארץ ישראל ווי אַ פּרעמדער.

— בין איך טאַקע לחלוטין אַ פּרעמדער?

— איך וויל איצטער ניט טראַכטן וועגן דעם. זיי קוקן אויף מיר ווי אויף אַ פּרעמדן, פּיל איך זיך פרעמד. זייער פּשוט.

די גאַנצע צייט פּיל איך זיך אין דער היים. ווייל איך ניט זיין קיין פּרעמדער אין ארץ ישראל און איך גיי אַוועק...

און איך דערמאָן זיך אין מיין אַמאָליקן פריינט י. ל. טויבמאַן, וואָס איז היינט גענעראַל־סעקרעטאַר פון לאַנד־ביוראָ פון קרן קיימת אין ארץ ישראל. אַ זון פון אַ וואָלינער גוטן יידן, אַן איידעם פון אַ בעסאַראַבישן גוטן יידן, צוריק מיט אַ יאָר 27 איז ער געווען אינסטרוקטאָר פון קרן היסוד אין רומעניע און אַ יונגער העברעאישער שרייבער. אַ פרומער געווען און אַ שעמעוודיקער, ער פּלעגט זיך רויטלען פון אַ מענעריש וואָרט, האָב איך אים גערייצט. איך בין דעמאָלט געווען אַ לינקער, האָט ער מיך דווקא געהאַלטן פאַר אַ גוטן נאַציאָנאַלן אידן. געשטאַנען אַ תחום פון אידעאָלאָגיע אין מיטן צווישן אונדז און דאָך אָנגעהויבן באַפריינדעט ווערן. ער האָט געשריבן האַרציקע שטימונג־זאַכן אין אַ לירישן העברעאיש. און אַ חסידישן ניגון האָט ער געזונגען, אַז עס האָט אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן. איך האָב זיך שוין געטראָפן מיט אים טאַקע אין ביוראָ פון קרן קיימת אויף „רחוב שאַפּיראָ". (הערמאַן שאַפּיראָ האָט דאָך געשאַפן דעם קרן קיימת) ער איז געבליבן אַזוי צאַרט ליריש, ווי ער איז געווען. כמעט זיך גאָרניט געעלטערט. ווייניקער שעמעוודיק ווי געוועזן. ער לאַכט פון זיין אַמאָליקער שעמעוודיקייט. און אַ חסידישן ניגון זינגט ער אַזוי שטיל און האַרציק ווי אַמאָל. און דאַוונען גייט ער נאָך אַלץ אום שבת. שרייבן שרייבט ער זעלטן און אַז ער שרייבט, דרוקט ער אין דער מזרחי־צייטונג „הצופה". י. ל. טויבמאַן דאַוונט אין דער בילו־שול, וואָס איז, זאָגט ער, גאַנץ אייגנאַרטיק. דאָס איז אַ שול צום דאַווענען איינעם מיט אַ שולע פאַר קינדער. ביידע געהערן זיי צום מזרחי. גיי איך אַהין. די שול געפינט

זיך אויף „שדרות ראָטשילד" און בילו־גאַס. נאָך איידער וואָס האָט פון גאַנצן אַרום אַ ווייַע געטון מיט עכטן שבת־רו.

אַ גרויסע און העלע שול מיט סאַמע פענצטער. דער הימל קוקט אַריין אין שול, די שול קוקט אַרויף צום הימל. אַלערליי יידן מיט בערדלעך און אינגאַנצן אָן בערדלעך. אַביסל יידן מיט גאַנצע בערד. אייניקע מיט לאַנגע טליתים, אייניקע מיט קורצע. די קינדער גייען אַלע אָנגעטון ארץ ישראלדיק — קורצע הייזלעך, כאַקי־העמדלעך. אייניקע מיט וועלאָסיפּעדנע היטלעך, אַנדערע מיט יאַרמעלקעס. אייניקע האָבן אויך געטראָגן קליינע טליתימ־לעך, אַזוי ווי אין די מאָדערנע שולן פון ב. איירעס און ניו יאָרק. די קינדער זיצן אין אָט דער שול פּאַרנט און אין דער מיט, די עלטערע זיצן ביי די זייטן און אונטן. מען האַלט די קינדער נאָענט צום עמוד און במילא צום חזן, בכדי זיי זאָלן מוזן אַריינגעצויגן ווערן אין דאַווענען און האָבן אַן אויפזיכט איבער זיך און ניט קענען אַ וואָיווע טון; אָבער די קינדער זייַ־נען אייגנטלעך די משוררים, זיי זינגען אויס גאַנצע זאַכן און ענטפערן „ברוך הוא וברוך שמו" און „אמן". פאַרשטייט זיך, אַז די עלטערע לאָזן די קינדער אַליין ניט צו דאָס זינגען, זיי זינגען אויך מיט. אייגנטלעך איז עס אַ מין דאַווענען, וואָס באַשטייט פון דעם, וואָס אַ טייל זאָגט און זינגט נאָך דער חזן און אַ טייל דער גאַנצער עולם און איבערהויפּט די קינדער.

נעבן די קינדער שטייט אַן עלטערער ייד מיט דינע פעדעמלעך פון אַ בערדל, וואָס איז עפּעס יאָ און עפּעס ניט אַ בערדל און וויפל מאָל די קינדער דאַרפן זינגען, גיט ער אַ דיריזשיר. ער הייבט אָן מעשה־אמתער דיריזשאָר, אָבער די קינדער קוקן זיך ניט רעכט אום אויף אים און ער הערט אויף. די קינדער זייַנען פאַרט קינדער, טאַקע זייער נאָענט צום עמוד און ביי דער זייט גיבן אַכטונג לערער און פון דעסט וועגן גיבן זיי פון צייט צו צייט אַ קאָמאַנדעווע און איינער דעם אַנדערן דערלאַנגט אַ שטורכע און אַ שטופּ. די אָנוועזנהייט פון די קינדער פילט אָן די ליכטיקע שול מיט אַ געוויסער לייכטקייט און מאַכט, אַז עס זאָל זיין אַ געמיש פון געבעט און פרייד. עס פעלט אָבער פאַרט ניט דער ערנסט דעמאָלט, ווען עס איז נויטיק. ווען די קינדער דאַרפן טאַקע זינגען אַן אמתע קאָמפּאָזי־ציע, וואַקסט אויס אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן און ער דיריזשירט מיט ברען און דער עלטערער ייד מיטן שיטערן בערדל דיריזשירט אונטן און מיט די הענט און ער בלאָזט זיך...

דאָ און דאָרט טרעט דער חזן אָפּ דאָס פּלאַץ אַ ייִנגל, וואָס זינגט אַ תפילה. פאַרשטייט זיך, אַז מען קלייבט אויס אַ ייִנגל מיט אַ גוט קולעכל.

ם׳איז מהנך די קינדער וואָס האָבן שטימעס, זיי זאָלן מיט דער צייט קענען „אין שטרייט פאַרנעמען דאָס פּלאַץ״...

איינס פון די יינגלעך, וואָס האָט פאַרנומען דעם עמוד, איז געגאַנגען אָנגעטון אַזוי וואָכעדיק, וואָס וואָכעדיקער קען שוין ניט זיין און ער האָט ניט געטראָגן קיין יאַרמעלקע און ניט קיין טלית, אָבער אַ קולעבל האָט ער געהאט, האָט עס געהאט אַלע טעמים: ס׳האָט געקלונגען ווי אַ גלעקל ס׳קולעכל זיינס און ער האָט געזונגען מיט האַרץ און מיט נשמה און באַזונדער געווירקט האָט זיין זינגען „ויהי בנסוע״; ער האָט ווי אַריינגעלייגט אין מויל און אין האַרצן אַריין די ווערטער:

„קומה ה׳ ויפוצו אויבך וינוסו משנאך מפנך״ —

שטיי אויף, גאָט, און עס וועלן פאַרשפּרייט ווערן דיינע פיינט און דיינע שונאים וועלן אַנטלויפן פאַר דיר...

דאָס גאַנצע דאַווענען האָט אין יענעם שבת געמאַכט אַן איינדרוק פון עפּעס אַ באַנייטן מין. אָן אַ שיעור אַלט־געוואָרענע פראַזן, האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט נייעם אינהאַלט. די רבנים האָבן געהייסן זאָגן גאַנץ הלל און כהנים האָבן אין יענעם „פּראָסטן״ שבת געדוכנט. און דאָ האָב איך ווידער איבערגעלעבט אַן עמאָציע פון אַ נייעם מין — מען האָט געמאַכט אַ „הנותן תשועה״ פאַר דער יידישער מלוכה... דער חזן האָט געזאָגט די אַלטע תפילה, וואָס פלעגט אין רוסלאַנד זיין כאַרן צאַר, אין עכטרייך פאַרן קייזער, אָבער אָנשטאָט „את אדוננו הקיסר״... האָט ער געזאָגט „את הממשלה היהודית״... אַלע האָבן דערפילט אַ ציטער. — — ווידער האָבן יידן געהאַט טרערן אין די אויגן און ווידער האָט מען זיך אַרומגענומען...

איך בין געזעסן פונקט אַנטקעגן טויבמאַנען און ער האָט געקוקט צו מיר און איך צו אים און מיר האָבן ביידע הנאה געהאַט און איך האָב געקלערט דאָס זעלביקע מסתמא, וואָס ער, און נעמלעך: אַז מען קען זיך אַזוי אָ טרעפן נאָך עטלעכע און צוואַנציק יאָר, האָט דאָס לעבן אַ זין.

אויף דעם תל אביבער שטייגער בין איך געגאַנגען אויף קידוש. צו אַן אַנדער אלטן חבר געגאַנגען — צום מאַלער רובין, וואָס הייסט אין ארץ ישראל ראובן. צוריק מיט 33 יאָר האָב איך זיך מיט אים באַפריינדעט אין רומענישן שטעטל פּאָלטיטשען. ער האָט געלערנט אין „בצלאל״ אין ירושלים און אין פּאַריז. ער איז געווען פון די סאַמע ערשטע מאַלער אין נייעם ארץ ישראל, ער איז דער פּיאָנער פון דער דאָרטיקער מאַלעריי. איך פלעג אים זאָגן, אַז די הימלען אויף זיינע בילדער זיינען צו שיינע. איצטער פאַרפאָלגט מיך כסדר אַ געדאַנק, אַז איך קען דעם ארץ ישראל הימל שוין

פון לאַנג און כ׳דערמאָן מיך, אַז פונקט אַזוי זעט ער אויס אויף ראובנס בילדער. מיט אים האָב איך זיך אַמאָל געטראָפן אין פאַריז, אין ניו יאָרק. פאַר 3 יאָר האָב איך אים געטראָפן אין ניו יאָרק, היינט וווינט ער אינײנעם מיט זיין שיינער און אינטערעסאַנטער אסתרקע אין תל אביב אויף דער ביאַליק־גאַס, ניט ווייט פון ביאַליק־הויז און ער האָט א בכור אַ בן־יחיד אַ בן זקונים פון פינף יאָר, וואָס שיינט ווי אַלע וועלטן. דאָס דאָזיקע, וואָס ביי מיר איז אויף דער צונג, זאָגט ראובן:

אויב מ׳קען זיך אַזוי אָ באַגעגענען, איז פאַראַן אַ זין אין לעבן.

און איך טרעף זיך מיט נאָך אַ פריינט פון יענע אַלטע גוטע צייטן — מיט מאָטיע ראַבינאָוויטש, וואָס איז סעקרעטאַר פון לאַנד ביוראָ פון



ראובן, מאָטיע ראַבינאָוויטש און י. באָטאָשאַנסקי (עפּילאָג פון „ליכט“)

קרן היסוד. ער איז געווען אַ צוזאָגנדיקער יידישער שרייבער. ער האָט געשטאַמט פון יאַסי, איז געווען א בית המדרשניק און איז אַרויס „לתרבות רעה“. ער האָט געשריבן הומאָריסטישע און אויך לירישע לידער און הומאָרעסקן און פעליעטאָנען. ער האָט אויך געשריבן פיין העברעאיש. אַ קלוגער געווען, אַ געצוימטער און טאַקטישער. געקענט, ווי קיינער ניט, פאַרשווייגן עוולות. מיר האָבן אינײנעם אַרויסגעגעבן דאָס זאַמל־בוך „ליכט“, וואָס איז דערשינען אין פיר נומערן און איז געווען עפּאָכע־מאַכנדיק אין רומעניע. ער האָט באַטייט אַ רענעסאַנס פון יידיש און פון

ציוניזם געפּאָרט, דווקא געפּאָרט! מיט אונדז אין דער גרופּע זיינען געווען נאָך דריי: אפרים וואַלדמאַן, טאַקע מאָטיעס שוואָגער, אַ יינגער צוזאָגנדיקער ליטעראַטור קריטיקער, דער דיכטער יעקב גראָפּער און דער אייגנאַרטיקער רבייש־אפּיקורסישער שרייבער, מאַטעסל פרידמאַן, דעם אדזשודער רבנס זון. וואַלדמאַן איז געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, מאַטעסל פרידמאַן איז אומגעקומען פון טיפוס, אויך אין יענער צייט. יעקב גראָפּער איז געבליבן אין רומעניע. אויך דער מאָלער ראובן האָט געהערט צו דער גרופּע. ער האָט געצייכנט דעם שער־בלאַט צום זאַמלבוך און ער האָט אילוסטרירט אייניקע זאַכן. מיר זיינען געבליבן פיר, האָבן זיך דריי פון די פיר באַגעגנט אין תל אביב... אונדזער באַגעגעניש אין תל אביב האָט געהאַט דעם טעם פון אַן עפּילאָג צו „ליכט", אָבער אויך פון אַ פּראָלאָג צו נייע באַגעגענישן אין ישראל.

ראובן וווינט אויף ביאַליק גאַס און מאָטיע אויף מענדעלע מוכר ספרים גאַס און ביידע נומער פּערצן. און מאָטיעס פרוי, מאַליע, די זעלביקע גוטע, ליבנסווירדיקע און האַרציקע מאַליע פון אַמאָל און זי וויל דווקא וויסן וויפל יאָר עס איז דאָ זייט איך האָב געגעסן פּורים צו דער סעודה ביי איר טאַטן אין שטוב אין יאַסי. עס איז דאָ 33 יאָר, פּרוּוו איך זאָגן, אַז זיבעצן... און מאָטיעס זון „יינגו" (געוואָרן אַזוי פאַרצויגן פון (יינגל) איז שוין אַ בחור אין די צוואַנציקער און ער איז איינער פון די בעסטע איבערזעצער אויף העברעיש פון ענגליש, רומעניש, יידיש און אַנדערע לשונות. ער אַרבעט שטענדיק אין דער טעגלעכער צייטונג „על המשמר", אין ראַדיאָ און אין אַ פאַרלאַג. ער איז איינער פון די בעסטע העברעאישע סטיליסטן צווישן איבערזעצער און הייסט „יינגו"... אַמאָל האָט מען מאָטיען אַמאָל גערופן „מאָקיע". רומענישע יידן זאָגן אַנשטאָט מאָטיע „מאָקיע".

און געטראָפן אין זעלביקן שבת זיך אויך מיט לייבוש גאָלד. צוריק מיט דרייסיק יאָר זיך באַפריינדעט מיט אים און מיטגעאַרבעט אין זיין רומעניש־ציוניסטישן וואָכן־זשורנאַל „התקווה" און ער האָט טאַקע איבערגעזעצט מיינע אַרטיקלען אויף רומעניש און געהאַט צרות פון דער צענזור צוליב מיין רעוואָלוציאָנערישקייט. אַ שטילער געווען שטענדיק אָט דער לייבוש און עס איז געווען אַנגענעם מיט אים אי צו ריידן, אי צו שווייגן. און אַזאַ שטילע געטריישאַפט אַרויסגעוויזן. ער האָט התונה געהאַט פאַר דער האַרציקער עלאַ קליין, וואָס שטאַמט פון אַ ציוניסטישער גאַלאַצער משפחה. און עלאַ פאָרט אַרום איבער דרום אַמעריקע אַלס אַ

שליחה פון דער וויצאָ און דאַרף אָנקומען קיין בוענאָס איירעס, פונקט דעמאָלט ווען איך בין אין תל אביב און איך זע איר מאַן, איר טאָכטער, איר איידעם און איר אייניקל. מסתמא איז אין דעם אויך פאַראַן אַ זין פון לעבן. עלאַס טאָכטער איז אַזאַ ווייסע און זי זעט אויס אַזוי ווי די מיידלעך האָבן אַלע אויסגעזען „דעמאָלט" און מען רופט זי „מיאַ". און מיר פאַלט מאָדנע אויף דעם זכרון, אַז ע ל אַ מיינט אויף שפּאַניש ז י און מ י אַ — מ יי נ ע.

זיך געטראָפן דעם זעלביקן שבת מיט דעם אמאָליקן פריינט אָסקאַר קרעמער, וואָס האָט געשריבן רומעניש און איז געווען היציק פאַר ציוניזם, קעגן אַסימילאַציע און האָט געחלומט. אליין געבליבן אין שאָטן, אָבער זכרונות פעלן ניט און דער חלום ווערט וואָר...

אין איין שבת איז דאָס געשען. עס האָט זיך מיר ניט אויפגעהערט צו דאַכטן, אַז עס איז אין יאָר 1914 אין פאַליטשען, אין יאָר 1915 אין יאַסי, אָדער אין יאָר 1918 אין גאַלאַץ. עס איז אָבער פאָרט געווען אין התש״ח אין תל אביב און דער ערשטער שבת אין דער יידישער מדינה.

אַרום פיר אַזייגער באַטאָג האָט מיך מיין פריינט יוסף לערנער גע־פירט צום גענעראַל סעקרעטאַר פון דער הסתדרות יוסף שפרינצאַק. מיט לערנערן האָב איך זיך אָנגעהויבן באַפריינדן אין רומעניע צוריק מיט אַ יאָר 28, ווען ער איז געווען אַ יונגער סטודענט און איך האָב זיך איצטער שטאַרק באַפריינדעט מיט אים, ווען ער איז געקומען אין אַ האַלב־קאָמער־ציעלער, האַלב־געזעלשאַפטלעכער שליחות פון ארץ ישראל קיין אַרגענ־טינע. ער האָט געבראַכט אַ שטיק ארץ ישראל קיין אַרגענטינע און זייענדיק מיט אים אינײנעם אין ארץ ישראל האָב איך ערשט געזען ווי גוט ער קען דאָס לאַנד און אַז ער קען אַ האַלבן ישוב מיט מענטשן. גייענדיק צו שפרינצאַקן, האָב איך געזען ווי מענטשן הערן ניט אויף צו קוקן אין הימל אַריין. איך האָב זיך באַלד דערוואוסט, אַז מען האָט ניט אומזיסט געקוקט. נאָך איידער מיר האָבן זיך רעכט אַנידערגעזעצט, האָט אַ סירענע זיך צעפייפט און איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט דאָס וואָרט „אזעקה". צום ערשטן מאָל... איך קען, מאָלט אייך דאָס דאָזיקע וואָרט פון לאַנג, אָבער איך קען דאָס מיט דער אשכנזישער הברה אַלס „אַזאָקאָ" מיט דעם אַקצענט אויף דעם פאָרלעצטן טראַף, און די באַדייטונג דערפון איז אַ געשריי. דאָ זאָגט מען עס מיט דער ספרדישער הברה „אַזאַקאַ", מיט דריי פתחן און מיט דעם אקצענט אויף דעם לעצטן טראַף און עס מיינט אַן אַליאַרם און עס האָט טאַקע דעם קלאַנג פון אַן אַלאַרם. די סירענע פייפט

לאַנג און זי רופט זיך צו באַהאַלטן אין „מקלט" (שעלטער). עס גלוסט זיך ניט, אָבער מען מוז. שפּרינצאַק, וואָס קען אי קלוג שווייגן, אי קלוג ריידן, זאָגט: „די זאַך הייבט אָן פאַרדריסן"...

און דער שעלטער מיט די זעק זאַמד ווערט פול. קינדער ווילן ניט אַריינגיין. איין קינד וויל דווקא זען דעם „אווירון". מען הערט באָמבעס אויפרייסן.

פרעהס אייניקלעך האָבן זיך אויסגעלערנט באָמבאַרדירן.

דער אַלטער יידישער שונא ווערט גערייצט פון אַ נייעם אינטריגאַנט.

פרעהס אייניקלעך פעלט ניט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר ארץ ישראל, — זייער אייגן גרויס און שמוציק לאַנד האָבן זיי שוין באַהערשט. אַ רייזנדער האָט דאָ ניט לאַנג געשריבן, אַז פון די צען מכות, וואָס עס איז אַראָפּ אויף דער ערד, האָט מצרים אַליין געירשנט ניין מאָס. דאָס לאַנד האָט גאָרניט קיין אייגנס, אַלץ דאַרף עס אימפּאָרטירן. אפילו די פּשוטסטע לייוונט פאַר העמדלעך מוז מען קיין מצרים ברענגען פון אויסלאַנד. דאָס לאַנד לעבט איבערהויפּט פון דעם, וואָס ס'האָט אַ סטראַטעגישן ווערט און ס'האָט דעם סועץ־קאַנאַל. קיין אַרמיי האָט עס ניט; די יוגנט האַלט אין איין פאַרלאַנגען, אַז ענגלאַנד זאָל זיך צוריקציען מיט דער אַרמיי און ענגלאַנד מאַכט זיך טויב אויף ביידע פאות און די קלוימערשטע עגיפּטישע רעגירונג קריגט זיך אַמאָל קלוימערשט מיט ענגלאַנד, אָבער זי ווייסט, אַז דאָס ביסל היונה האָט זי פון אָט דער אַרמיי.

עגיפּטן באָמבאַרדירט...

אַלצייִנס ווי מ'זאָל זאָגן — דער קליינער נאָגל טראַכט!

אין גאַנצן געמיט האָט זיך אויסגעמישט:

יידישע מלוכה —

כפר עציון — אַן אָפּגעווישטער יידישער קיבוץ —

מיט אַ צוגאָב פון אַ פּאָר צענדליק יידישע סאָלדאַטן,

„הנותן תשועה" פאַר יידישער מלוכה —

באָמבאַרדירונג —

דריי טויטע,

עטלעכע פאַרוואונדעטע...

און מען האָט זיך באַלד דערוווסט, אַז מען האָט איין עראָפּלאַן אַראָפּגעשאָסן. און דער פּילאָט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט, האָט געזאָגט, אַז ער איז דער בעסטער אַוויאַטאָר אין מצרים. אַ ייד באַמערקט: „אַז מען האָט אַראָפּגעשאָסן דעם בעסטן, וועט מען זיך מיטן ערגערן אויך אָן

עצה געבן". דאָס דאָזיקע זאָגט ער אויף צו טרייסטן זיך און אַנדערע, אָבער ער באַמערקט, אַז צרות וועלן זיי אָנאַרבעטן, גרויסע צרות.

צו הבדלה בין איך ביי א. ש. יורים אין שטוב. מיט דעם דאָזיקן פּועלי ציון טריבון און אייגנאַרטיקן יידישן באַהעם פאַרבינדט מיך פריער א קעגנערשאַפט און דערנאָך א פריינטשאַפט פון אַרגענטינע זייט א סך יאָרן. זיין פרוי לידיאַ איז אַן אַרגענטינערן געבוירענע, א טאָכטער פון באַרמעגלעכע עלטערן. זיין טאָכטער קיסריה איז א געבוירענע אין ארץ ישראל, אָבער זי האָט די גאַנצע צייט פון צווייטן וועלט־קריג געלעבט אין אַרגענטינע און האָט זיך אַביסל אַרגענטיניזירט. יורים איז ניטאָ אין ארץ. צו דער פרוי האָב איך א בריוו פון אירע עלטערן און שוועסטער, וואָס זיינען אַלע איבערגעשראָקן, ווייל זיי האָבן ניט קיין בריוו. און ביי יוריסן אין דער וווינונג אויף דער גאָרדאָן־גאַס איז פול מיט מענטשן און ס'איז גאַנץ פריילעך. אָבער עס איז אויך געווען טונקל. די שטוב איז נאָך ניט געווען צוגעגרייט צו דער „אפלה". ניט געווען נאָך קיין שוואַרצע פאַרהענגלעך אויף די פענצטער, האָט מען ניט געטאָרט מאַכן קיין צופיל ליכט און מען איז געזעסן אין דער טונקל. אין דער טונקל האָבן לידיאַ און קיסריה איבערגעלייענט די בריוו, וואָס איך האָב זיי געבראַכט און געקוקט אויף די בילדער. דאָס גאַנצע בילד איז געווען רירנדיק. א יונגע פרוי און גאָר א יונג מיידעלע, וואָס וואָלטן געקענט לעבן אין רייכקייט און אין לוקסוס אין אַרגענטינע, וווּ עס זיינען קיין „אזעקות" ניטאָ, פילן זיך גליקלעך דווקא אין ארץ ישראל. א סך גליקלעכער. אפשר טאַקע אין גאַנצן גליקלעך. איך ווייס גאָרניט, צי אויסער ארץ ישראל איז פאַראַן אָט דער סאָרט גליק, וואָס מען פילט דאָ אפילו בשעת מלחמה און באַמבאַרדירונגען... איך האָב לידיאַן דערמאָנט, ווי זי האָט מיך געפרעגט מיט שרעק בשעת די נאַצים זיינען געשטאַנען ביי על אַלאַמעין, צי זיי וועלן פאַרנעמען ארץ ישראל... היינט זיינען מיר ביידע אין ארץ ישראל אין דער יידישער מדינה און ענגלענדער שיקן אַהער פייער מיט עגיפּטישע הענט...

מיר טרינקען עפּעס אין דער פינצטער.
מיר ריידן אין דער פינצטער.
און מיר זעען אַזאַ גרויס ליכט...

מען הערט ראַדיאָ. שווער צו אָנשטעלן. אַרום און אַרום ווימלט מיט אַראַביש און ענגליש. מען קומט דאָך איבער איין יידישער אווידיציע און

איבער אַ צווייטער... מען דערוויסט זיך ערשט איצט קלאָר, אַז אין כפר עציון איז קיינער ניט געבליבן לעבן.

קיינער ניט...

מנחם בייגין, דער קאָמענדאַנט פון „אירגון" האַלט זיין רעדע צום ישוב נאָך דער „הכרזה". ער רעדט העברעאיש אָן דעם אָריענטאַלישן אַקצענט. ער דעקלאַמירט אביסל. ער רעדט דעמאַגאָגיש און היסטעריש. אָבער איך מיט הארץ רעדט ער. ער רירט ביז טרערן אויך אַ סך פון זיינע קעגנער. (אויף מאָרגן האָט מיר א טיימאַנישע „עוזרת" — דאָס איידעלע וואָרט פאַר אַ דינסט — ביי איינעם אַ פריינט געזאָגט, אַז איר גאַנצע פאַמיליע האָט געוויינט, ווען ער האָט גערעדט). ער האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס יהודה, גליל, שרון, די בערג פון אפרים, די בערג פון יהודה, דער עמק יזרעאל און דער עמק הירדן זיינען יידיש... אָט דאָס אַלץ איז יידיש און ער האָט געפרעגט: „היש אושר כזה?" איז דאָ נאָך אַזאַ גליק... און די פראַגע האָט מיך פאַרפאָלגט, פונקט ווי דער גאַנצער בייגין האָט מיך גענומען פאַרפאָלגן. ווער איז ער און וואָס וויל ער? ער זאָגט, אַז ער איז נאָר אַ קעמפער פאַר ארץ ישראלס פרייהייט, זיינע קעגנער זאָגן, אַז ער קעמפט פאַר א פינצטערן רעזשים. זיין פראַגע געדענקט זיך: „היש אושר כזה?"

ס'איז מלחמה, באָמבאַרדירונג, אָבער ניט קיין פּאָגראָם... אַ יידישע מדינה. היש אושר כזה? טאַקע ניט מסכים מיט אים, אָבער די פראַגע „היש אושר כזה?" איז געבליבן.

אַהיים געגאַנגען בין איך אין דער פינצטער, געהערט מענטשן, אָבער ניט געזען, ווייל ס'איז געווען פינצטער. דער גאַנצער שבת האָט זיך פאַר מיר געצויגן אייביקייטן און ער איז אַזוי שנעל אַוועק. אַרום און אַרום איז פינצטער און אויף דער נשמה ליכטיק... אַ צוזאָגנדיקע ליכטיקייט.

VI

דער טאָג פון דער ערשטער יידישער מיניסטאָרן-זיצונג

פאַראַן אייניקע יידישע שרייבער, וואָס האַלטן, אז ווען מען קומט אין אַ שטאָט, וואָס מען קען ניט, דאַרף מען צום סאַמע ערשטן גיין אויפן בית־עולם, ניט נאָר, ווייל מען דאַרף די דאָזיקע, וואָס לעבן שוין ניט, אָפּגעבן דעם ערשטן כבוד, נאָר ווייל מ'קען דורך די אַוועקגעגאַנגענע בע־סער דערקענען דאָס לעבן. אין תל אביב איז אפשר ניט נויטיק צו מאַכן דעם ערשטן באַזוך די ניט־לעבעדיקע, ווייל די גאַנצע געשיכטע פון דער שטאָט, איז דיר אויף שריט און טריט פאַר די אויגן. דו גייסט צו צו דער גימנאַזיע „הרצליה", וווּ די הערצל־גאַס טיילט זי אָפּ (אָדער קומט זיך צונויף) מיט דער „אחד העם"־גאַס און וווּ תל אביב טיילט זיך אָפּ פון יפו און דו נעמסט גיין און די געשיכטע פון דער שטאָט עפנט זיך פאַר דיר בלעטל נאָך בלעטל, ביז וואַנען דו קומסט צו אין מערב זייט צום ברעג ים און אין צפון צום טייך „ירקון"; און דו זעסט ניט נאָר אַ שטאָט פון צוויי הונדערט טויזנט איינוווינער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין 39 יאָר, נאָר דו זעסט אַ פילפאַכיקע יידישע וועלט און אַ האַלבע געשיכטע פון נייעם ארץ ישראל.

בין איך דאָך געגאַנגען אויף דעם אַלטן בית־עולם פון תל אביב, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1903, ווען אין יפו איז געווען אַ יידישע קהלה, וועלכע האָט מיט שווערער מי באַקומען ביי דער טערקישער רעגירונג אַ „טשאַרטער" אויף אַ בית־עולם. אין יאָר 1939, איז דער דאָזיקער בית־עולם געשלאָסן געוואָרן. מסתמא איז דאָס געשען, ווייל ער געפינט זיך צופיל אין צענטער פון שטאָט. מען גייט אין אים אַריין אָדער דורך דער טרומ־פעלדאָר גאַס, אָדער דורך דער „חברון"־גאַס. לערך פינף טויזנט נפטרים זיינען באַהאַלטן אין אָט דעם בית־עולם. ניט ווייט פון איין אַריינגאַנג געפינט זיך אַ ישיבה אויפן נאָמען פון רב הראשי פון תל אביב, הרב אהראָנסאָן. ביי דער זייט געפינט זיך אַ שול, וואָס היטלערס באָמבעס האָבן

צעשטערט דעם 9טן סעפּטעמבער פון יאָר 1940. אַלטע לייט זיינען דאָרט דערהרגעט געוואָרן אין מיטן דאַוונען.

ביי דעם צענטראַלן אַריינגאַנג אין דער הברון־גאַס, וואַרפט זיך דיר אין די אויגן מאַקס נאָרדוים עקספּרעסיוו פּנים, וואָס איז א געמיש פון אַלטער און נייער יידישקייט. א ווייסע באָרד און דאָך ניט קיין יידישע. אויגן מיט יידישער חכמה און יידישע ליידן. נאָרדויםביינער האָט מען אַהער געבראַכט אין 1926 און דו זוכט אומזיסט הערצלען... ניט ווייט פון אַריינגאַנג — דער ברודער־קבר פון די געשעעניש אין יאָר 1921, ווען עס איז אומגעבראַכט געוואָרן פון מערדערישע הענט אַ גאַנצע גרופּע יידן אין יפו צווישן וועלכע עס איז געווען י. ח. ברענער.

אַ יידישער פּאָעט האָט אין אַ ליד מקנא געווען דעם „טויט" פון דער זון, וואָס פּאַרגייט אַזוי שיין. ברענערס איינגעזאַמלט ווערן צו זיין פאָלק איז באמת צום מקנא זיין! אין אַ ברידער־קבר ליגט ער דער גרויסער און איינגאַרטיקער העברעיש־יידישער שריפטשטעלער, דער שטראָפער, וואָס האָט מער פון אַלע זיך אליין געשטראָפט, איינער פון די גרעסטע לערער פון נייעם ארץ ישראל. כאָטש גאָר באַשטימט קען קיינער ניט זאָגן, וואָס ברענער האָט געוואָלט. א. ד. גאָרדאָן האָט געוואָלט ארבעט. ער האָט געוואָלט, אַז אפילו ביאַליק און אוסישקין זאָלן נעמען לאָפּעטעס און זיך שטעלן אַרבעטן. ברענער האָט געוואָלט אויפריכטיקייט, יושר, אחדות, ברידערלעכקייט. ער האָט געוואָלט, אז די אוטאָפּיע אליין זאָל ווערן ווירקלעכקייט.

און אָט איז נאָך אַ ברידער־קבר פון 1929, פון 1936, פון 1938. דער מלאך המוות האָט דאָ אַ גרויסן „זכות" — אַ סך פון זיין אַרבעט ווערט געטון דורך אנדערע.

און אָט א קבר ווי אין א שטעטל אין דער „אַלטער" היים. אַ קבר פון אַ קרבן פון דער מגפה אין 1903 אין יפו. מען האָט ווי פאַר א סגולה קעגן דער מגפה דאָ באַהאַלטן פאַרפוילטע שטיקער פאַרמעט פון אַ ספר תורה און צעריסענע סידורים. און צווײ פאַרלעך האָט מען חתונה געמאַכט אויף דעם קבר מיט פויק און טאַץ. אויף דער מצבה איז אָנגעשריבן „האבן הזאת תזעק מרה על מות" — דער דאָזיקער שטיין שרייט ביטער אויפן טויט פון"...

און אָט איז דער קבר פון יעקב שערטאָק, משה שערטאָקס טאַטע וועגן וועלכן עס ווערט געזאָגט אויף דער מצבה, אז ער איז געווען דער ערשטער

פון די „בילו” און ער האָט זיין לעבן געהייליקט דער אויפלעבונג פון זיין פאָלק.

און אָט שטיי איך ביים קבר פון מנחם שיינקין, איינער פון די גרינדער פון תל אביב און איינער פון די וויכטיקסטע בויער פון ארץ ישראל. איך געדענק אים פון אָדעם פון די יאָרן 1911-12-13. ער האָט שוין דעמאָלט געוווינט אין ארץ ישראל און ער פלעגט אלע מאָל קומען און זיך באוויזן אין דער שול „יבנה” און וועקן און רופן און מאָנען און צוזאָגן, אַז עס וועט זיין גוט. ער איז וואָס אמאָל געוואָרן שווארצער. די ארץ ישראל זון האָט געלאָזט אירע סימנים אויף אים. ער האָט געטראָגן אַ גרויסע באָרד און ער האָט געהאט קינדישעם אין זיין אויסדרוק. איך האָב שיינקינען געהאט „פארלוירן”. איך האָב ניט געוווסט וווהין ער איז פארשוווּנדן און איך האָב דעם אַלטן באַקאַנטן געטראָפן דאָרט, ווו מען טרעפט סוף־כל־סוף אַלע. ער איז נאָך צוריק מיט 23 יאָר דערהרגעט געוואָרן אין אַן אויטאָ־אקצידענט און ער איז געבראכט געוואָרן אהער. ניט ווייט פון שיינקינען יואל ענגעל — דער גרויסער יידישער מוזיקער, דער באנייער פון דער יידישער מוזיק, דער דאָזיקער, וואָס האָט אומגעקערט די יידישע מוזיק צו איר שורש. און אָט איז דער קבר פון שמעון רוקח, דער פאָטער פון היינטיקן תל אביבער בירגערמייסטער ישראל רוקח, צו לענגערע יאָר אים און דער ברודער פון מאָדנעם און ניט דערשאצטן העברעיש־יידישן פובליציסט אליעזר רוקח, וואָס האָט ארויסגעגעבן זשורנאַלן אין רומעניע אינאיינעם מיט גאָלדפאדן, וועלוול זבארזשער און דר. ליפע (דער ערשטער פּאָרזיצער פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס). שמעון רוקח האָט אויסגעוווירקט אָט דאָס פלאַץ פאר דער אייביקייט און אויף דער מצבה זאָגט זיך: „זאָלן זיין גוטער נאָמען און זיין גערעכעניש זיין געבענטשט פאר זיין הייליקן ווערק”...

און אָט איז אַ ווינקל פון רבנים. געוויינלעך זיינען רבנים קריגער, זיי זיינען גרייט צו גיין אין אַ ווערטער־מלחמה פאר אַ קוצו של יוד. דאָ ליגן זיי שטיל. עס ציט צו מיין בליק דער קבר פון תל אביבער רב הראשי ר׳ שלמה אהראָנסאָן, וואָס איז געווען דעם מחבר פון „ר׳ אבא”, ז. י. אָנכים אַ פעטער און דעם קריטיקער נחמן מייזלס שוואָער. אפנים, אַז די יידישע ליטעראַטור איז דאָך ניט גאָר ווייט פון שורש...

נעבן קבר פון מאַקס נאָרדוי — דער קבר פון אחד העם. ביים לעבן האָבן די ביידע געפירט אַ שאַרפן קאַמף. אחד העם האָט געוואָלט אויסלייזן די יידישקייט פון אירע צרות, נאָרדוי האָט געוואָלט אויסלייזן די יידן פון

זייער נויט. אמאל האט זיך געדאכט, אז נארדוי נעמט צו לייכט אחד העמען; ער נעמט אים אזוי ווי די מערסטע מערב־אייראפעאישע האבן גע־נומען די „אסטיודען". אחד העם האט געטענהט, אז ביי הע צלען אין „אלטניילאנד" ווערט גארניט געזאגט וועגן העברעיש אין באנייטן ארץ ישראל, האט אים נארדוי געענטפערט, אז ווען דאס ווערק איז געשריבן אויף דייטש, איז נאטירלעך, אז די דיאלאגן זאלן זיין אויף דייטש. אזוי ענט־פערט מען א קינד, ניט אזא דענקער ווי אחד העם... מאקס נארדוי האט דערנאך סיי ווי שלום געמאכט מיט א סאך יידישע זאכן. ער איז געווען דערפאר, אז די יוסטיץ זאל אין ארץ ישראל איינגעפירט ווערן אויף דער באזע פון די עשרת הדיברות און מען זאל איינפירן די „ארבע מיתות בית דין", אפילו, ווען מען וועט אים אליין, נארדויען דארפן פארמשפטן צו איי־נעם פון די דאזיקע פיר טויטן, ווייל ער איז אן אפיקורס און אן אטע־איסט. אויף דעם תל אביבער בית עולם לעבן אט דיביידע קעגנער אין גר־טער שכנשאפט. דער טויט איז א רודף שלומניק...

ביאליקס קבר... דא ווערט באזונדער שטארק באטאנט, וואס דער גרעסטער נאציאנאלער העברעאיש־יידישער משורר איז אוועק כ"א תמוז תרצ"ד, 34 יאר מיט א טאג נאך הערצלען און זיין יארצייט קומט פאר א טאג נאך הערצלס יארצייט. א צווילינג־יארצייט: כ, כ"א תמוז. ווי לאנג האט ער געזונגען אין זיינע ווינטער־לידער, אז ער פילט זיך אזוי שטארק, אז ער וואלט א לייב צעריסן און א ריז צעמאלן אויף שטויב. איצטער ליגט ער שטיל און רואיק. ער האט געהאט אזוי פיל צרות פאר זיין ליב האבן צו ריידן יידיש און ער האט וועגן דעם אזויפיל קלוגע וויצן געמאכט. היינט האט ער קיין צרות ניט און ער מאכט קיין וויצן ניט. ער איז א שטיק קולט פאר ארץ ישראל — דער שטורמער קעגן גלות, אבער אויך זיין באזינגער און דער וועקער פאר ארץ ישראל.

אט ליגט שמריהו לעווין און ער מאכט אויך קיין וויצן ניט מער. און ער האט דאך באשאפן צענדליקער פון די בעסטע וויצן. ער האט געזאגט, אז אין דער תורה איז געשריבן, אז אין ארץ ישראל רינט מילך און האניק, ווייל זי האט ניט געוואלט אויסזאגן, אז עס רינט דארט ניט קיין וואסער. ניט ווייט דא ליגט חיים ארלאזאראוו, דער טיפזיניקער און גייסטרייכער ארץ ישראל בויער און דיפלאמאט, וואס איז דערהרגעט געווארן, ווי מען מיינט, פון א יידן. חיים ארלאזאראוו האט אויך א ברוס געטון קעגן דעם וואס אין ארץ ישראל רינט מילך און האניק און „ניט קיין נאפט". האבן זיי ביידע ניט געוואוסט, אז וואלטער, דער פראנצויזישער אפיקורס, וואס

האָט שטענדיק ליב געהאַט אַ שטעך צו טאָן דער ביבל, האָט אַ בורטשע גע־טאָן: „רינט מילך און האָניק, בעסער וואָלט גערונען ברויט און פלייש". וואָס פאַר אַ ריזיקער מהלך איז גייסט צווישן דעם אַבסטראַקטן שמריהו לע־ווין און דעם ביז פּיין קאָנקרעטן אַרלאָזאָראָוו און דאָ ליגן זיי אַזוי נאָענט. שמריהו לעווין האָט געבויעט ציוניזם, אַרלאָזאָראָוו האָט געבויעט ארץ ישראל. אַלציינס און ניט אַלציינס.

קברים... ש. ל. גאָרדאָן, דער מאָדערנער תנ"ך קאָמענטאַטאָר, דער לע־רער פון אַ דור. אויך איך האָב פון זיין קוואַל געטרונקען, אויך איך האָב ביי אים געלערנט פאַרשטיין דעם תנ"ך. אלתר דרויאַנאָוו, יאָרנלאַנגער רעדאַק־טאָר פון „העולם", פאָרשער פון יידישן פאָלקלאָר, פאַרליבטער אין יידישן פאָלקלאָר, היסטאָריקער פון ציוניזם. ווי לאַנג האָב איך אים געהערט לאַכן אויף אַ קול אין אָדעס? און אָט איז משה גליקסאָן, וואָס איז געווען אַ מזרח און מערב אייראָפּעער אינאיינעם און האָט, אַלס רעדאַקטאָר פון „הארץ", געשאַפן אַ נייעם צייטונג־שטייגער אין ארץ ישראל, אַ געמיש פון מזרח און מערב־אייראָפּע מיט אַ טראָפּן אָריענט. ער איז אומגעקומען אין אַן אַקצי־דענט. און אָט יוסף אהראָנאָוויטש, משה ביילנסאָן און דוב האָז — דריי ריזן פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל. אַלע דריי זיינען פאַר־שניטן געוואָרן אין בלי פון זייערע יאָרן. דוב האָז איז אומגעקומען אין אַן אַקצידענט אינאיינעם מיט זיין פרוי און טאָכטער. און אָט איז דער קבר פון דעם גרינדער און ערשטן בירגער־מייסטער פון תל אביב מאיר דיזנגאָף און אָט פון גרינדער פון „הרצליה" ד"ר מטמון כהן.

ביים צוריקגיין קוק איך נאָך אַמאָל אויף דעם ברידער־קבר מיט ברע־נערן. אויף דער מצבה זאָגט זיך: „בדמן יחיה עם ישראל ובקדושתן תקדש" — אין זייער בלוט וועט דאָס יידישע פאָלק לעבן און אין זייער קדושה גע־הייליקט ווערן. מיט אַ סך בלוט אָפּגעגאַנגען דאָס יידישע פאָלק. און אויב בלוט איז אַ סגולה צו לעבן, וועט דאָס לאַנג לעבן...

שוין זייענדיק ביים טויער זאָגט מיר אַ באַגלייטער: ווען חיים אַרלאָ־זאָראָוו וואָלט געלעבט, וואָלט ער געקענט זיין אַ פּרעמיער מיניסטער פון „ישראל" און עס וואָלטן געווען צוויי באַרעכטיקטע פּרעטענדענטן, האָט דער גורל עס געמאַכט, אַז עס זאָל זיין איינער? האָט דאָס דער גורל גע־שאַפן אויף אים מיט יענער אומבאַקאַנטער האַנט?

האָט אין מיין געמיט זיך אויסגעמישט דער טויט מיטן לעבן און אין יעדן שפּאַן פון אַ לעבעדיקן האָב איך געפילט עמיצן, וואָס לעבט שוין ניט. און אין זכרון איז מיר אויפגעגאַנגען אַ סעריע בריוו פון בן גוריונען, וואָס

איך האָב ערשט צוריק מיט קנאַפּע צוויי טעג געלייענט אין זאַמלבוך „העליה השניה". אין איינעם פון אָט די בריוו רופט דער ערשטער פּרעמיער מיניסטער פון ישראל אָן יידיש „זשאַרגאָן". דאָס דאָזיקע האָט מ ר זייער פאַרדראָסן. סיי ווי האָט בן גוריון אַ מער זינדיקן אויסדרוק לגבי יידיש, וואָס ער האָט נאָך ניט מכפּר געווען. אָבער אין דעם זעלביקן בריוו דערציילט דער היינטיקער פּרעמיער מיניסטער ווי אַזוי עס איז דער סדר פון זיין טאָגאַרבעט אין סעדזשערא (סג'רה) און עס קומט אויס אַזוי: פיר מיט אַ פערטל פאַרטאָג שטייט ער אויף, גייט אַריין אין שטאַל, גיט עסן „זיינע" בהמות, דערנאָך קאָכט ער אָפּ טיי פאַר זיך, עסט עפּעס און ווען עס באַווייזן זיך די רויטלעכקייטן פון דער זון, פירט ער אַרויס זיין סטאַדע —צוויי אָקסן, צוויי קי, צוויי קעלבלעך און אַן אייזל— צום טרינקען. נאָך איידער עס גייט אויף די זון, טוט ער זיינע אָקסן אָן דעם יאָך, לייגט אַנידער די זריעה אויף דעם אייזל און ער באַוואָפנט זיך מיט אַזאַ כלי, וואָס איז פון איין זייט אַ שטעקן צו שטעכן די אָקסן, אַז זיי זאָלן גיין גיכער און פון דער צווייטער זייט אַ לאָפּעטקעלע צו אַראָפּשאַרן די ערד פון אַקער און ער גייט אין פעלד אַריין און אַקערט אַ גאַנצן טאָג. מיט דער לינקער האַנט האַלט ער דאָס הענטל פון אַקער, אין דער רעכטער — די דערמאָנטע „כלי" און ער זעט ווי אַזוי די ערד ווערט צעגראָבן. די אָקסן גייען אַזוי פּאַוואָליע, אַז ער האָט צייט צו פאַנטאַזירן און חלומען. און ווי אַזוי —האָט אין יאָר 1948 געשריבן דער היינטיקער פּרעמיער— קענסטו ניט חלומען, ווען דו אַקערסט די ערד פון ארץ ישראל און דו זעסט אַרום זיך יידן אַקערן ערד אין זייער לאַנד? די ערד אַליין, וואָס דו טרעטסט אויף איר, דאָס לאַנד, וואָס ווערט אַנטפּלעקט פאַר דיינע אויגן מיט איר גאַנצן כישוף און מיט דער פּראַכט פון אירע פאַרבן.. איז דען ניט קיין חלום?" און פאַרנאַכט פירט ער צוריק די סטאַדע, אין אָוונט לערנט ער מיט אַרבעטער עברית און פאַרן שלאָפן גיט ער ווידער עסן די אָקסן.

עפּעס אין מיר האָט געפרעגט: האָט אַרלאָזאָראָוו אַמאָל אויך געהאַט אַזאַ סהר היום? און דאָס זעלביקע האָט געענטפערט: אויב ניט, וואָלט ער ניט געווען קיין פולער פּרעטענדענט...

ווען איך בין שוין געווען פון יענער זייט טירל, האָט מיך עפּעס אָפּגעשטעלט און מיך ניט געלאָזט גיין. און אַ קול האָט געפרעגט:

און הערצל? ווו איז הערצל? איז דען זיין פּלאַץ ניט דאָ?

— פאַרוואָס דאָ? —האָט אַן אַנדער קול צוריק געפרעגט— איז דאָך אוסישקינס קבר אין מערת נקנור, א. ד. גאָרדאָנס קבר אין דגניה, טרומ־

פעלדאָרס אין תל חי, בערל קאַצענעלסאָנס אין כנרת... אפשר הייסט דער גורל נאָך ווארטן מיט ברענגען הערצלס ביינער, ווייל דאָס פּלאַץ איז נאָך ניט באַשטימט פאר זיי? אפשר וועט מען מיט הערצלס רעשטן אָנהייבן אַ נייע „מערה" אויף אַ פּלאַץ, וואָס איז נאָך ניט באַשטימט? און אפשר וויל עמיצער, אַז הערצלס קערפּערלעכע רעשטן זאָלן פארפאלן ווערן און מען זאָל קענען אַריינשרייבן „איש לא ידע את קברו"?

דער דאָזיקער דיאַלאָג האָט אין מיר אַרויסגערופן אַזעלכע מאָדנע גע־דאַנקען. איך האָב אָנגעהויבן קלערן, אַז עס איז דאָך פאָרט ניט צו פאר־שטיין פארוואָס מען האָב ביז איצטער ניט געבראַכט אהער הערצלס ביינער. מען רעדט וועגן ציוניסטישער נאַכלעסיקייט. אָבער אויך די דאָזיקע נאַכלע־סיקייט דארף דאָך האָבן ערגעץ אַ שורש. פארוואָס איז מען געווען נאַכ־לעסיק גראָד נאָר לגבי הערצלען? אויב ציוניסטן זיינען בכלל נאַכלעסיק, איז דאָך נאָרדוי פאָרט ניט געווען הערצל און מען האָט זיינע ביינער יאָ געבראַכט! און מנחם שיינקין איז דאָך שוין אוודאי און אוודאי ניט הערצל. איז ניט פאַראַן א האנט פון גורל, וואָס לאָזט ניט ברענגען זיין רעשט?

און אָט מיט די דאָזיקע ניט־קלאָרע געדאַנקען וועגן דעם אומפאַר־שטענדלעכסטן ענין אין דער געשיכטע פון ציוניזם, איז אונדזער העלד דער ייד, דער שרייבער געגאַנגען איבער תל אביב און ער איז אָנגעקומען אין אַ גאַס, וואָס הייסט שלמה המלך. עפּעס האָט א קלאַפּ געטון אין דעם פּלאַץ, וו די געהירן געפינען זיך. אַ גאַס אויף דעם נאָמען פון מענדעלע מוכר ספרים און אַ גאַס אויף דעם נאָמען פון שלמה המלך. דער גרעסטער הכם, דער מלך פון ירושלים און אַ גרויסער חכם אַ שרייבער און א מלמד פון גלופסק. עפּעס צ׳ט זיך א פאָדעם פון ערשטן ביז צום צווייטן. עפּעס איז פאַראַן א שייכות צווישן „משלי" און דער „קליאַטשע"...

און מאָדנע: ביי דעם ראָג, וו די גאַס שלמה המלך באַגעגנט זיך מיט קרן קימת איז פאַראַן אַ זאָאָלאָגישער גאָרטן (אויף העברעאיש הייסט ער „גן החיות"). האָט דאָך שלמה המלך א שייכות אויך מיט היות. ער האָט דאָך געקענט זייער אַלעמענס שפּראַך. און איך בין אַריינגעגאַנגען אין דעם דאָזיקן גאָרטן אַריין און אַ ייד מיט אַ יארמעלקע האָט מיר געוויזן אַלערליי חיות, בהמות און עופות. ער האָט אויך דערמאָנט דעם נאָמען פון שלמה המלך. ער האָט אויך ציטירט פון „משלי". און ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז זייט אין ארץ ישראל זיינען פאַראַן אַזוי ווייניק אַראַבער און קיין תל אביב קומען זיי אינגאַנצן ניט, איז דאָ פאַראַן ווייניק פּדיון. אהער פּלעגן קומען יידישע קינדער און דערוואַקסענע אראבער, קומען איצטער יידישע

קינדער אַליין. די דערוואַקסענע יידן האָבן שוין געזען גרעסערע זאָאָלאָגישע גערטנער און די דאָזיקע, וואָס האָבן ניט געזען, מיינען, אַז זיי האָבן געזען, יידן זיינען אַ סאַך זאַכן משיג מיט דעם שכל.

און איך אַליין, וואָס האָב שוין געזען אַ סך זאָאָלאָגישע גערטנער אין אַ סך גרויסע שטעט, האָב געזוכט עפּעס אַ חיה, וואָס איך האָב נאָך ניט געזען. איך בין זיך מודה, אַז עפּעס איז מיר געפעלן געוואָרן, וואָס די אַראַבער לויפן אַזוי אין גאָרטן פון די חיות. דאָס דערציילט וועגן אַ געוויסער קינדישקייט. אַ גרויסער יידן־שונא האָט דערציילט אַ מעשה, אַז די יידן וואָס קומען אין די זאָאָלאָגישע גערטנער, ציט זיי צו די סאַמע בלוט־דורשטיקסטע באַשעפענישן, ווייל — ווי קען אַנדערש זאָגן אַ בלוטדורשטיקער פאַרשוין אויף צוויי פיס, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע בלוטדורשטיקייטן פון אַלע חיות? — עס ציט זיי צו זייער מין. און מיר מאַכט דעם איינדרוק, אַז אַ דערוואַקסענער, וואָס האָט אַ שוואַכקייט צו קוקן אויף חיות, איז דווקא אַ ביסל קינדיש. און אפשר איז דאָ דער ווילן דער פאָטער פון געדאַנק: מיר האָט זיך געגלוסט זען די אַראַבער דווקא ניט ווי די ערגסטע מענטשן אין דער וועלט.

און מאָדנע איז מיר פאַרגעקומען נאָך עפּעס: איך האָב זיך פאַרקוקט אויף די פּאָר מינים שאַקאַלן. עפּעס האָב איך דעם דאָזיקן מין חיה יאָ און ניט געזען. איך געדענק שוין ניט. דער שאַקאַל האָט מיר דאָ אויסגעזען ווי אַ געשלאָגענער הונט, אָדער ווי אַ נאַרישער פוקס. עפּעס האָט ער אַ קאָפּ, וואָס איז צוגעשלאָגן און צוגעפּלעטשט. און ער זעט אויס אַזוי מרה שחורה־דיק, אַז אפילו ווען ער וואָיעט ניט, הערסטו אויך ווי עס וואָיעט אַרויס פון אים. ער זעט אויס ווי מען וואָלט אים געגעבן איבער דער פּאַטילניצע.

יידישע שונאים זאָגן, אַז יידן האָבן פאַרנומען אין ארץ ישראל דאָס פּלאַץ פון די אַראַבער. ווען דאָס וואָלט אמת געווען, וואָלט נאָך אַלץ געווען אַ פראַגע ווען מען דאַרף אָנהייבן מאַכן דעם חשבון. אין מ׳וואָלט חוץ דעם געדאַרפט מאַכן דעם חשבון פון דער ערד, וואָס אַראַבער האָבן און פון דעם, וואָס זיי פעלט, אָדער וואָס ביי זיי איז איבעריק... אָבער פאַקטיש האָבן יידן ניט פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון די אַראַבער, ווייל דאָס לאַנד איז נאָך עד היום וויסט. מען זעט דאָ אַ סך מער זאַמד ווי פעלדער. און אויב יידן האָבן דאָך אַביסל פאַרנומען עמיצנס פּלאַץ, איז עס פון די שאַקאַלן. זיי האָט מען „עקסימירט" פון דאַנען. און די שאַקאַלן זיינען בשום אופן ניט אַזאַ גערעכטער און העלדישער „שבט", אַז מען זאָל זיך דאַרפן אָננעמען זייער קריוודע. זיי זיינען חיות פּאַראַזיטן. זיי גייען נאָך שטאַרקערע חיות פון זיי

און אז יענע פארציקן, כאפן זיי א ביין, וואס בלייבט. די לעדער פון די היינטיקע אראבער האבן, ווייזט אויס, גענומען לעקציעס ביי די שאקאלן. יידן האבן דעסלאזשירט די שאקאלן פון זייער לאנד און זיי וועלן אויס־ ־ארצלען דאס שאקאלישקייט פון דעם נאענטן אריענט. עפעס וועט מען פון את דעם „גן החיות" אמאל אריינשרייבן אין ספר החיים.

און את איז אונדזער העלד אנגעקומען אין האטעל אריין און ער האט באלד געקראגן צוויי טעלעפאן־רופן. אין ערשטן האט מען אים געמאלדן וועגן דער היינטיקער ערשטער יידישער מיניסטארן־זיצונג און אין צווייטן האט מען אים געפרעגט אין נאמען פון דער יידישער מדינה ווי אזוי הייסט אויף שפאניש „מדינת ישראל" און ווי אזוי עס הייסט „ממשלה זמנית" (צייט־ ווייליקע רעגירונג). ער, יאנקל אברהם שוחטס פון קיליע זאל איבערזעצן דעם נאמען פון דער יידישער מדינה אויף שפאניש.

דאס איז פארגעקומען אין דער ווירקלעכקייט, כאטש עס האט זיך עפעס ניט געגלייבט, אז עס איז ניט קיין חלום...

צו דער ערשטער מיניסטארן זיצונג בין איך ניט געגאנגען, נאר גע־ לאפן. דער וועג איז מיר אנטרונען פון אונטער די פיס, ווייל אן אויטא איז מיר צוגעקומען נאענט און דער „נהג" האט מיך אפילו ניט פרעגנדיק גע־ עפנט דאס טירל. ס'איז געווען דער זעלביקער טאקסי פון דעם זעלביקן שא־ פער ברענער, וואס האט מיך אהיים געפירט נאך דער „הכרזה", דער זעל־ ביקער ווילנגערישער זון פון שמחה ברענער און אייניקל פון אורי גאלדנ־ בערג, וואס איז דערצויגן געווארן אין עשרות און האט זיך, בעת דער צוויי־ טער וועלט־מלחמה, קוים געראטעוועט פון טויטס נעגל, ווו זיין עלטערער ברודער איז געבליבן און וואס לעבט איצטער ווי אן ארנטלעכער הארעפאש־ ניק און עפעס איז אין אים פאראן א סקעפטיציזם צו דער גאנצער זאך, וואר־ רום — זיין זיידע און זיין טאטע זיינען דאך געווען אזוי רייך. דער בחור האט מיר דאס מאל עפעס דערציילט וועגן זיין אייגן לעבן. ער האט א פרוי מיט צוויי קינדערלעך... איינס לעבט שוין ניט, דערציילט ער, און גיט צו אויף רומעניש: „גאט זאל דעם מוחל זיין, כאטש עס איז דאך געשטארבן אזוי קליין און אזוי אומשולדיק". ער קען עפעס ניט זאגן, אז ער האט איין קינד. ער קען נאך ניט אויסמעקן דאס דאזיקע טייערסטע מיידעלע פון זיין זכרון. א טאטע קען!

מיט דעם טרויער פון א יונגן טאטן, וואס פאררעכנט א געשטארבן קינד צווישן די לעבעדיקע און מיט דעם פאטאליטעט־געפיל, אז ניט את א דאס מיידעלע און ניט די זעקס מיליאן אומגעבראכטע יידן וועלן שוין וויסן,

אַז אַט־אָט קומט פֿאָר די ערשטע מיניסטאָרן־זיצונג פֿון דער יידישער מדינה, בין איך אַריינגעגאַנגען צו דער אייגנאַרטיקער זיצונג, וואָס איז געווען אי הילפֿלאָז, אי היסטאָריש.

מענטשן, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין מיניסטאָרן און אַפֿילו קיין דעפּוטאַטן, האָבן געפּראַוועט אַן ערשטע מיניסטאָרן־זיצונג. דער אי־נערן־מיניסטער ד״ר יצחק גרינבוים איז יאָ געווען אַ דעפּוטאַט און ער קען מסתמא די פּראָצעדורן, איז ער אין באַלאַגערטן ירושלים און ער וויל ניט פֿארלאָזן די דאָרטיקע יידן. פֿאַראַן אַ פּאָר יידן אין תל אביב, וואָס קענען גענוי אַלע פּראָצעדורן און ווייסן ווו יעדער מיניסטער דאַרף זיצן, אָבער מען האָט זיי נאָך ניט גערופֿן. דער יוסטיץ־מיניסטער ד״ר פֿעליקס ראָזנ־בליט האָט געהאַט דעם כבוד צו פּרעזידירן די דאָזיקע זיצונג — מסתמא „פּאָלאָגאַיעט" זיך אַזוי — און ער האָט ניט געוואָלט געבן דעם אַגריקולטור־מיניסטער אהרן ציזלינג אַ וואָרט צו דער טאָג־אָרדענונג, ווייל ביי אַ מי־ניסטאָרן־זיצונג איז די פּראָצעדור אַן אַנדערע (געדאַרפֿט צוגעבן: ווי ביי אַ פּועלי ציון־מיטינג). מען האָט זיך גערופֿן ביי די נעמען אויף אַ היימישן אופֿן און דער זעלביקער יוסטיץ־מיניסטער האָט געוואָלט מען זאָל רופֿן די מיניסטאָרן מיט דעם פֿולן טיטל „אדוני השר". (הער מיניסטער). גיי מאַך, אַז בן גוריון זאָל דעם האַרציקן בחור משה שערטאָק רופֿן „אדוני השר". ווען ער וואָלט ניט געווען אַזוי פֿאַרביסן אַנטי־יידישיסטיש, וואָלט ער אים גערופֿן ניט נאָר ספֿרדיש „מאָשע" (מיטן טאָן אויף דעם צווייטן טראַף), נאָר פּשוט היימיש „מוישע"... און ציזלינג וויל אוודאי ניט הייסן הער מיניס־טער, צי דער טויט־ערנסטער, דיקלעכער אליעזר קאַפּלאַן וויל עס אויך ניט, איז שווער צו וויסן. זיין פּנים שווייגט אַזוי שווער, ווי שווער עס איז דאָס פּראָבלעם פֿון פֿינאַנצן אין אַ מדינה, וואָס דאַרף ווערן... אַז דער „השומר הצעיר׳ניק", דער אַרבעט־מיניסטער מרדכי בן טוב איז ניט קעגן דעם מען זאָל אים רופֿן „הער מיניסטער", איז כמעט זיכער. עפּעס האָט ער אַזאַ אַריסטאָקראַטישע פּרעטענציעזקייט אין זיין גאַנצן אויסדרוק, אַז עס פֿעלט אים נאָר אַ מאָנאָקל. עס גלייבט זיך קוים, אַז ער געהער צו דער סאַמע לינ־קער ריכטונג. דערפֿאַר שמייכלט האַרציק און אָפֿן דער פּאָסט און קאָמוני־קאַציע מיניסטער דוד רמז. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט מער הומאָר ווי אַלע אַנדערע מיניסטאָרן. און ווען מען קיבוצט אים וועגן דעם, וואָס ער איז מיניסטער איבער אַ פּאָסט, וואָס דירט זיך דערווייל ניט, ווייל ענגלאַנד האָט אַלץ אָפּגעשניטן און אַז די קאָמוניקאַציע־מיטלען זיי־נען אויך ניט צו דער האַנט — אָפֿיציעל קומען פֿון אויסלאַנד ניט קיין עראָ־

פלאַנען און ניט קיין שיפן; די רעלסן פון די באַנען האָט דער אירגון אויפ־געריסן; ווערט אַרויסגעלאָזט דאָס קלוגע וואָרט, אַז ביי קאַפּלאַנען איז מיט פינאַנצן ניט בעסער ווי ביי רמזן מיט קאָמוניקאַציע. מען שמייכלט פון די אייגענע צרות עכט־יידישלעך. און מען הערט דעם קלאַסיש־געוואָרענעם וויץ וועגן דעם גערער רבינס איידעם, דעם מנהיג פון אגודת ישראל, ר׳ יצחק מאיר לעווין, וואָס איז געוואָרן מיניסטער פאַר פאָלקס־געזונטהייט און מען זאָגט, אַז זיין עובדא וועט זיין: ווען מען וועט אים זאָגן „גוט מאָרגן״ וועט ער ווינטשן א רפואה שלימה. און וועגן דעם ווי אזוי די קליינע מטבע וועט הייסן אין דער מדינה וויצלט מען זיך אויך. מען זאָגט „רחמנותל״, „גמילת חסדל״, „טובהלע״ און אַפילו „פּראָטעקציעלע״ און מען מאַכט אַ חשבון, אַז פון צען רחמנותלעך וועט מען מאַכט אַ גמילת חסדל, פון צען גמילת חסדים־לעך — א טובהלע, פון צען טובהלעך אַ פּראָטעקציעלע און פון צען פּראָ־טעקציעלעך וועט מען אפשר האָבן פּרנסה...

צווישן די ענינים, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער טאָג אָרדענונג, איז געווען אַ שטעמפּל פאַר דער מדינה. שבת האָט מען דאָך ניט געקענט באַ־שטעלן. און ס׳איז ניט געווען ווער. צווישן די אַנדערע ניט גרויסע פראַגן: זאָל מען בייטן די נעמען פון די אַלע געזעלשאַפטן, וואָס הייסן „פּאַלעסטי־נע״ אויף „ישראל״? און צווישן זיי איז דאָך פאַראַן די „אַנגלאָ פּאַלעסטינאַ־באַנק״. און האָסט געפילט, אַז די יידישע מדינה וועט האָבן צו דערליידיקן אַ סך טויזנטער קלייניקייטן, וואָס וועלן צונעמען אַ סך צייט ביי גרויסע און וויכטיקע מענטשן. און דאָס בייטן די נעמען וועט אויך שאַפן פּלאָנטערס. קלייניקייטן מאַכן שווערער דעם גאַנג פון גרויסיקייטן.

און ביי יענער זיצונג איז געשטאַנען די פראַגע פון ירושלים. זעקסט־האַלבן חדשים איז שוין די הייליקע שטאָט געווען באַלאַגערט. איצטער איז די מלחמה פאַרשטאַרקט געוואָרן. און ירושלים האָט ניט קיין געווער און ניט קיין שפּייז און וויייניק וואַסער. און דער וועג איז איבערגעריסן ביי לאַטרון צוליב אַ פּאָר קילאָמעטער. ביי אָט א דער שווערער פראַגע האָט זיך שוין קיינער ניט געוויצלט. עפּעס האָסטו דערפילט, אַז ירושלים געפינט זיך היינט אין אזא שווערער לאַגע ווי אַמאָל, אין דער צייט פון טיטוס. די פּנימער האָבן אויסגעזען אַנדערש. די רייד האָבן געקלונגען אַנדערש. מען האָט פּאַק־טיש מער געשוויגן ווי גערעדט. אָבער דאָס שווייגן האָט צוגעזאָגט. אפשר איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן געפינען אַ נייעם וועג קיין ירושלים. מען האָט סיי ווי דעמאָלט געטראַכט וועגן אַ נייעם וועג פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

די ערשטע מיניסטאָרן־זיצונג האָט נאָך אין זיך געהאַט די זעלביקע קאָנפוזיע, וואָס די פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה האָט געהאַט. עפּעס האָבן אַלע געקלערט מיט אַ ניט־זיכערקייט וועגן אַלץ. מען האָט דער־ציילט, אַז בן גוריון האָט נאָך צוריק מיט אנדערהאַלבן יאָר געזאָגט, אַז די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און די יידן וועלן שאַפן אַן אייגענע מדינה. דאָס דאָזיקע האָט ער געזאָגט נאָך איידער די „יון" האָט באַשלאָסן. און ווען מען האָט אים געפרעגט: און וואָס וועט זיין, אַז די אַראַבער וועלן אַרוים אין אַ מלחמה, האָט ער געענטפערט: „וועלן אָדער מיר זיין אין דמשק, אָדער זיי אין תל אביב". און אַלע זיינען ניט געווען זיכער, אַז „זיי" וועלן טאַקע ניט זיין אין תל אביב. אויך בעת יענער זיצונג נאָך אויך ניט. בן גוריון האָט געקראָגן אַן אַנדער אויסזען אין מיינע אויגן. איך האָב אים דאָ געזען אַנדערש ווי אין דער געזעלשאַפט פון ניו־יאָרקער יידישע שריי־בער בא חיים גרינבערג אין הויז; דאָרט האָט ער זיך באַוויזן ווי אַן עקשן פון אַ שווערן מין. זיין עקשנות קעגן יידיש און קעגן גלות, האָט אַרויסגערופן צאָרן און פאַרביטערונג. דאָ האָב איך אים געזען ווי דעם עקשן פאַר ארץ ישראל. און זיין עקשנות פ אַ ר האָט אַרויסגערופן נאָך מער באַוווּנדע־רונג, וויפל זיין עקשנות ק ע ג ן האָט אַרויסגערופן קעגנערשאַפט. אין דיפּלאָמאַטישע קרייזן האָט מען בן גוריונען געקרוינט פאַר אַ האַלבן גאַנדי און אַ האַלבן טשורטשיל. אין ארץ ישראל זעט ער אוים אי אַזוי, אי אַנדערש. ער זעט אוים ווי דער, וואָס ברענגט דעם מ ו ז... אויך זיינע פּאָליטי־שע קעגנער, וואָס האַלטן אים אויך פאַר אַ „פּאָליטישאַן", זיינען מודה אַז זיין עקשנות איז בויענדיק און פרוכטבאַר.

איך האָב אַרויסשפּאַצירט פון דער זיצונג און יעדער שפּאַן האָט ניט אויפגעהערט צו פרעגן: „זיי אין תל אביב, צי מיר אין דמשק"? און איך בין ווייטער געגאַנגען איבער תל אביב.

— געגאַנגען סתם אַזוי?

— ניט סתם אַזוי. געגאַנגען אי מיט פרייד, אי מיט שרעק.

די פרייד האָט אָנגעהייבן צו וואַקסן אין מיר אַלץ מער און מער. אַ שטאָט, וואָס איז געבויעט פון סאַמע יידן און איז באַזעצט פון סאַמע יידן. אָט בין איך שוין דאָ דעם פערטן טאָג (טאַקע ניט מער ווי דעם פערטן?) און קיינער האָט מיר נאָך קיין איין מאָל ניט געזאָגט ניט „זשיד" און ניט „זשי־דאָן" און ניט „יודע" און ניט „זשידזשי" און ניט „כודיאָ" און „יופּאָן" און ניט „דזשו"... דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן פיר טעג נאָכאַנאַנד אין אַ שטאָט און ניט געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט.

אַ סירענע האָט זיך צעפּייפּט — אַן אַליאַרם. פּרעהם אייניקלעך זייַנען שוין ווידער געקומען אַראָפּוואַרפן באָמבעס.

און אינעווייניק אין מיר זאָגט מיר עמיצער:

— שרייט מען ניט „ייד", וואַרפט מען באָמבעס.

און מאָדנע ווי עס האָט מיך איין רגע ניט אָפּגעלאָזן דער געדאַנק, אַז איך בין אַ יידישער שרייבער און אַז איינעם מיט דעם חלום קיינמאָל ניט באַליידיקט צו ווערן אַלס ייד, האָב איך שטענדיק געהאַט אויך אַ חלום צו זיין אין אַ שטאַט, וואָס איז דורכויס יידיש און ווו די צוקונפט פון מיין לשון זאָל ניט זיין אין די לאַפּעס פון טויט אַליין. ניין, אָט אַ דאָס געפיל איז דאָ בשום אופן ניט פאַרשוואונדן. די צוקונפט ווייזט זיך דאָ ניט אין מיין יידיש, נאָר טיילווייז אין יידיש פון משה רבנו און ישעיה הנביא און איבערהויפּט פון — אליעזר בן יהודה... מיין חלום ווערט דאָ מקוים אין איין העלפט אַזוי ווי איך האָב געוואָלט און אין דער צווייטער העלפט — אַנדערש. און דאָך פיל איך ווי די פרייד וואַקסט אין מיר אָן אויפהער און ווי איך באַקום ליב תל אביב.

און אין שעלטער אַריין מוז מען גיין זיך באַהאַלטן. קינדער ווילן ניט אַראָפּגיין, זיי ווילן דווקא זען דעם „אויורון". מאַמעס זאָגן: „הוא רוצה להיות גבור" — ער וויל זיין אַ העלד. אָבער פאַר דעם העברעישן „משטר" (פּאָליציימאַן) האָבן אפילו קינדער מורא. עס ווערט אַ מדינה. אַ סימן: קינ־דער האָבן שוין מורא פאַר פּאָליציי. אַ צייטונגס־פאַרקויפער וויל דווקא אַריינכאַפּן דאָס פאַרקויפן אַ צייטונג, לאָזט אים ניט דער פּאָליציימאַן און ער נעמט אים צו די בלעטער און טראָגט אים זיי אין שעלטער אַריין און ער לויפט נאָך. דער צייטונגס־פאַרקויפער האָט שוין אויך מורא פאַר דעם „דרעווניע יעווריסקי גאָראָדאָוואָי" (העברעישן פּאָליציימאַן). און אַ סאָל־דאַט פאָלגט אויך. און אַ סאָלדאַטקע פאָלגט אויך.

און אין שעלטער רעדט מען אַלערליי שפּראַכן און מען האָט אַלערליי אויסזענס. מען רעדט העברעאיש און יידיש גלייך. און אפשר מער יידיש. די דאַזיקע, וואָס ריידן העברעאיש, וואַרפן אויך אַריין יידיש. ווען איינער פרעגט דעם צווייטן ווי ער פילט זיך, גיט ער אים אַן ענטפער: „אני נישקשה". מען הייבט אָן אַ פראַזע אין העברעאיש און מען ענדיקט זי אין יידיש, ווייל עס קומט אונטער אַ זאַפטיקער יידישער אויסדרוק. מ'קען אַ זאָג טאָן „ראית איך ס'האָט געמאָרדעוועט אתו"... מען רעדט אויך היפש

דייטש און פּויליש. און מען רעדט אַביסל אַראַביש, אָדער אַ מין העברעאיש, וואָס קלינגט ווי אַראַביש. און איך הער אַ פּאָר שפּאַניאָלישע ווערטער אויך. אַן עלטערע פרוי רעדט צו אַ שטיוול־פּוצער לאַדינאָ. איך דערהער די שפּראַך פון מיין זונס געבוירן־לאַנד (ניט פּונקט די שפּראַך, אָבער ענלעך) און איך ווער נייגעריק צו וויסן פון וואַנען ס'איז די עלטערע ספרדיטשקע, וואָס זעט אויס ווי פון זעכציק און איז, זאָגט זי און ס'איז אמת, אַלט פערציק; זאָגט זי מיר מיט שטאָלץ: „יאָ (איך) צברא". עס פעלט נאָך צו הערן רוסיש, אָבער עס פעלט ניט. מען רעדט. דווקא גאָר עלטערע ריידן רוסיש. און ענגליש אויך און פראַנצויזיש אויך. דער שעלטער איז אַ גרויסער. עס באַהאַלטן זיך אין אים אפשר טויזנט מענטשן און מען רעדט אַ מנין שפּראַכן. און געדאַנקען — כּחול היום. ווער עס זאָגט, אַז מען איז זינדיק און גאָט שטראָפט און ווער עס זאָגט, אַז מען דאַרף מער צוריקשיסן אַזוי ווי די „אצלניקעס" (אַזוי רופט מען די „אירגוניסטן" אין ארץ ישראל. „אצל" מאַכט: „אירגון צבאי לאומי".) און ווער עס שרייט, אַז מען דאַרף זיך וויי־ניקער שיסן. אין איין קליינעם רעדל עטלעכע מיינונגען.

אַ ים מיט שפּראַכן,
אַ ים מיט געדאַנקען.
און איין יידיש פאָלק.
מען וויל ווערן איין יידיש פאָלק...

און ווען נאָך דער „אזעקה" (אַליאַרם) איז געקומען די „ארגעה" (באַרואיקונג), האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו גיין אין געגנט, וואָס הייסט „כרם התימנים" — דער גאָרטן פון די תימנים. די תימנישע יידן זיינען געווען לענגער אָפּגעריסן פון אַלע אַנדערע יידן אין דער וועלט, ווי יעדער אַנדער יידישער שבט און מיר גלוסט זיך זיי דערפילן. און איך גיי צו דער הערצל און אחד העם גאַס און אָט בין איך אין דער „שלום שבזי" גאַס. שלום שבזי איז געווען אַ תימנישער העברעאישער דיכטער, וואָס האָט געלעבט אין זעכצנטן יאָרהונדערט. די תימנער יידן זינגען עד היום זיינע פּיוטים און שירים. ער האָט געשריבן אויך שטאַרקע ציון־לידער. מיר לאָזן אויס דאָס פאַרשטעטל „מחנה יוסף", ווו עס לעבן אַלערליי מזרח־יידן און ווו מען הערט אַ סך שפּאַניאָליש און מיר גייען דורך דעם גרעסטן מאַרק פון תל אביב, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון באַליבטן אָדעסער העברעאישן פּעליעטאָניסט א. ל. לעווינסקי (רבי קרוב) און וואָס איז אָריענטאַליש פאַרביק און זייער היגיעניש און מיר גייען צו דרום־זייט דורך

דער „כרמל־גאַס" און מיר קומען אָן צו דער היפּער־אָריענטאַלישער געגנט, וואָס הייסט, גיי ווייס פאַרוואָס, „כרם התימנים". דאָס איז אַן עכט אָריענטאַלישע געגנט מיט קרומע און שמאָלע געסלעך, וואָס דערמאָנען אין די גאָר אַלטע געסלעך אין די טערקישע, עגיפּטישע און אַראַבישע שטעט און שטעטלעך.

די געגנט געפינט זיך ניט ווייט פון יפו און זי האָט שטאַרק געליטן פון די ביטערע שכנישע באַשיסונגען. די ענגלענדער האָבן ניט געזשאַ־לעוועט קיין געווער און קיין פּולווער די אַראַבער און די אַראַבער האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין פּולווער פאַר די יידן. ווען עס האָט זיך די יפוער אַראַבער געגלוסט, האָבן זיי געשאָסן. וואָס האָבן זיי מורא געהאַט? מען האָט דאָך צוריק אַף זיי ניט געשאָסן.

עס זיינען אָבער שפּעטער פאָרגעקומען אויך אינערלעכע שלאַכטן אין דעם וויינגאָרטן פון די תימנים. עס האָבן אין אָט דער געגנט געוווינט אויך אַראַבער. מסתמא די איינציקע געגנט אין תל אביב, ווו עס האָבן גע־וווינט אַראַבער. האָבן די דאָזיקע אַראַבער אויך גענומען דערקוטשען זייערע יידישע שכנים, וואָס ריידן זייער שפּראַך. און עס זיינען פאָרגע־קומען קאַמפן צווישן די תימנער יידן און אַראַבער און אויך צווישן „הגנה" און „אירגון" און אַראַבער. אין דער דאָזיקער געגנט איז דער „אירגון" באַזונדער טעטיק. זיין שטאַב געפינט זיך דאָרט און א גאַנצע ריי קלובן.

שפּאַנסטו איבער דעם „כרם התימנים" און דו ווילסט זען דאָס עקזאָ־טישע לעבן פון די אָפּגעפרעמדטע ברידער אונדזערע, באַ וועלכע דאָס יידישקייט איז געבליבן פאַרגליווערט אין משך פון הונדערטער יאָרן, אָבער קודם־כל זעסטו די חורבות, וואָס די באַשיסונגען, באָמבאַרדירינגען און שלאַכטן האָבן אָנגעאַרבעט. איניקע גאַסן זיינען אין גאַנצן חרוב און עס געפינט זיך אין זיי ניט קיין לעבעדיקער מענטש און עס איז זייער שווער צו געפינען אַ שטיקל שטעג אין זיי. די פיס זינקען אין שטויב, פאַרטשעפּען זיך אין בלעך, און זאַמד קריכט אין די אויגן. קינדער אָבער האָבן פאַר גאָרניט מורא און זיי פילן אָן אויך אָט א די גאַסן מיט רויש און טומל. זיי שפּילן זיך און זוכן אין די חורבות. פאַר קינדער איז דאָך אַלץ אַ סחורה. מען וואָרנט זיי, אַז אין מיסט קענען נאָך זיין באָמבעס און גראַנאַטן, אָבער זיי שרעקן זיך פאַר דעם ניט. תל אביבער קינדער האָבן דאָך שוין געזען, וואָס באָמבעס קענען אויפטון און דאָך שרעקן זיי זיך פאַר זיי ניט.

פונדעסטוועגן האָט מיר איינמאָל פּאַסירט, שפּאַנענדיק איבער דעם

אָריענטאַלישן גאָרטן, אַז מען האָט געגעבן אַ באַפעל זיך צו באַהאַלטן אין די שטיבער, ווייל מען דאַרף אין דער נאָענט אויפרייסן אַ „מוקש" — מסתמא אַ באָמבע, אָדער אַ גראַנאַט. איך בין אַריין אין דער ערשטער שטוב פון אַ תימנער. די „שטוב" איז געווען האַלב קעלער און האַלב הויז. געווען אין איר עפּעס פון אַ הייל. פאַר וואָס מען האָט זי געבויט אין דער טיף און ניט אין דער הויך, איז ניט צום פאַרשטיין, סיידן מען זאָל זיך דענקען, אַז מענטשן האָבן מער צוטרוי צו אונטן ווי צום אויבן. אין אַ סך אָריענטאַלישע געגנטן, די אַלטע שטאָט פון ירושלים אינקלוסיוו, לעבן מענטשן דווקא אין דער ט ף. אפשר אויך בכדי צו מקיים זיין דעם „ממעקים קראתיך ה'" — פון דער טיפקייט רוף איך דיך, גאָט... דער האַלבער קע־לער איז געווען פול מיט קינדער פון אַלע עלטערס.

דאָס מעבל און דאָס געשיר איז אין דער תימנער שטוב געווען פּרימי־טיווער פון פּרימיטיוו. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב דאָס איז ניט קיין שטוב פון קיין רייכן תימנער, איז דאָס אָבער אויך ניט פון קיין זייער אָרעמען. עס איז די מיטעלע שטוב פון תימנער. געשמעקט האָט מיט רויטן פעפער און מיט אַלערליי געווירצן. דער פּיקאַנטער ריח פון מזרח. פון רומעניע און אונגאַרן בין איך יאָקאָס געוווינט צו שאַרפע ריחות, אָבער די שאַרפקייט איז דאָ צענפאַכיק. עס איז ממש געוואָרן שרעקלעך צו אָטעמען. עס האָט זיך געהערט אַן אויפרייס און איך האָב געקענט פאַרלאָזן דאָס הויז פון די ווייטע ברידער און שוועסטער. וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט אַראַביש און מיט מיר — אַן אַראַביזירטן העברעאיש.

איך בין אַריין אין די ווייניקער צעשטערטע געסלעך, וואָס זיינען געווען מער באַלעבט און איך בין צוגעקומען צו די כמעט דורכויס גאַנצע גאַסן, וואָס האָבן געווימלט און געשוויבלט מיט מענטשן. עס זיינען אין אָט די געסלעך פאַראַן בופעטן, אין וועלכע מען טרינקט די זעלביקע זאַפטן, וואָס אין צענטער שטאָט און אויך אַנדערע, עקזאָטישע משקאות. אָן אַ שיר קליינע קיבלעך און אין די אייוועלעך, די מאכלים און געבעקסן שטויסן ניט אָפּ, ווי אַ שטייגער די מאכלים און געבעקסן, וואָס מען פאַרקויפט אין די גאָר אָרעמע גאַסן פון מעקסיקע, אָבער פרעמד זיינען זיי. צוליב דער פרעמדקייט ווילסטו אַמאָל דווקא פאַרזוכן אַ קיבל, טשיפּעט דיר דערנאָך אַ שטיק צייט אין דער צונג און דו מוזט נעמען אַ פּאָר לעפעלעך ביקאַר־באָנאַט, ווייל עס ברענט אויך באַם האַרצן.

די עלטערע און מיטעלאַריקע מענטשן גייען אָנגעטאָן אָריענטאַליש און זיי זיינען איינגעהילט אין אַ סך שמאַטעס, צום מיינסטן שוואַרצע און

ווייסע, אָבער אמאָל אויך פארביקע. די קינדער גייען שוין אַלע אין כאקי־קליידער און זיי זעען דורכדעם אויס ווי צווישן זיי און די עלטערן שטייען דורות. די תימנער זיינען אַלע קליינע און דארע, כמעט אָן אויסנאַם. דו זעסט דאָ ניט קיין הויכע און קיין באוואקסענע מיט פלייש און שמאלץ. זייערע באוועגונגען זיינען פוילע און זיי גייען גאנץ לאנגזאם. א רויש מאכן זיי א גרויסן. מען הערט א שטענדיקן טומל. עס זיינען אָבער פאראן זייער א סך צווישן זיי, וואָס שווייגן. אָט זיצט אַ קליינער אַלטיטשקער מיט א שווארץ פּנים און א ווייסער באָרד און ער שווייגט. ער קוקט אויף דיר און קוקט, דאכט זיך אין ערגעץ ניט און ער שווייגט. ביי א צווייטער טיר זיצט פּונקט אזא אלטיטשקער אויף אַ קליין בענקעלע און ער האלט אויך די קליינע פיסלעך אויף דעם בענקעלע און ער שווייגט אויך. דו פארשטייסט ניט, ווי אזוי באווייזט ער צו האלטן אי דאָס געזעס, אי די פיס אויף דעם זעלביקן בענקעלע און דיר ווייזט זיך אויס, אַז אים דארף זיין זייער ניט באקוועם צו זיצן, אָבער וועדליק דער אויסדרוק פון זיין פּנים, איז ער צופרידן. האָסט דעם איינדרוק, אַז ער וואָלט אזוי געוואָלט זיצן ביז הונדערט און צוואנציק יאָר. ער דארף גאָרניט און ער וויל גאָרניט. איינעם האָב איך דאָ געפרעגט, וואָס זיין באגער איז. ער האָט מיך אָנגעקוקט גאנץ פארדעכטיק און ער האָט געקלערט א שטיק צייט, צי ער זאָל ענטפערן. ער האָט מיר דאָך געענטפערט. ער האָט מיר געזאָגט:

„שלא יורו" (מען זאָל ניט שיסן).

אזוי פרימיטיוו ווי דער אַלטיטשקער איז און ער וויל אייגנטלעך, וואָס אַלע מענטשן וואָלטן געוואָלט. איינשטיין וויל דאָך אייגנטלעך אויך מען זאָל נישט שיסן.

עלטערע פרויען זיצן אויך שווייגנדיקע, אָבער ווייניקער. ערשטנס צוליב צניעות. אַ פרוי קען ניט זיצן אַזוי פריי ווי אַ מאַן, און צווייטנס — דארף זי אַרבעטן. אַ מאַן קען זיך פארגינען דעם לוקסוס פון ניט ארבעטן, אַ פרוי — ניט. און די פרויען זיינען טאקע דאָ אומרואיקער פון די מענער. זיי שמייען מער אַרום און זיי קאָכן און זיי וואַשן און זיי קריגן זיך מיט די קינדער. און מען דערקענט, אַז דאָס איז היפּש דערפאַר, ווייל די קינדער ווילן ניט זיין אַזוי ווי די עלטערן. אַ סך יינגלעך טראָגן פאהלעך־פּלעשעלעך, אָבער אויך זיי טראָגן שוין קורצע כאַקי־הייזעלעך און אַ סך גייען שוין אָן פּאות. און די מערסטע גייען דאָ אוועק צום „אירגון". יאָ, צום אירגון מער ווי צו דער „הגנה". אפשר איז עס אויך דערפאַר, ווייל דער אירגון איז דאָ טעטיקער, אָבער עס איז געווים אויך דערפאַר, ווייל

ער אַפּעלירט דאָ בעסער צו דער מענטאַליטעט. ער רעדט מיט אַ פּרימיטי־וועך שפּראַך וועגן קריג מיט דעם שונא... און די עלטערן ווייסן גאַנץ גוט, וואָס דער שונא מיינט. זיי זיינען אין תימן געווען פאַרשקלאַפּט און זיי פלעגן דאָרט געפּייניקט ווערן. און זיי האָבן זייערע קינדער דערציילט וועגן זייערע ליידן אין דער פרעמד.

די תימנער האָבן זיך אין דער געגנט פון יפו באַזעצט אין יאָר 1908 און זיי האָבן דאָרט גענומען בויען ביידלעך און געצעלטן אויף דעם זאַמד און פּאַוואָליע איז אויסגעוואַקסן זייער פאַרשטעטל (שכונה — זאָגט מען אויף העברעאיש). זיי זיינען קיין ארץ ישראל ניט געקומען, נאָר מען האָט זיי אַהער געבראַכט. עס איז איינגעפאַלן אין פאַרשידענע קרייזן דער געדאַנק, אַז זיי וועלן זיין אַ ריכטיקער עלעמענט פאַר ערד־אַרבעט אין ארץ ישראל. זיי זיינען נאָענט, זיי קומען פון זעלבן קלימאַט, זיי ווייסן ניט פון קיין וווילטאָג.

די תימנער זיינען געווען די איזאָלירטסטע יידן. דאָס יידישע פאָלק האָט מיט זיי קיין קאָנטאַקט ניט געהאַט. אין די צייטן פון רמב״ם האָט מען מיט זיי מסתמא אָנגעבונדן אַ געוויסן קאָנטאַקט, אָבער ניט אויף לאַנג. מען האָט ביי זיי געפונען ספרים, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן צוריק מיט דריי הונדערט יאָר, אָבער געקומען אַהין זיינען זיי מסתמא אין דער לעצטער צייט, איבערהויפּט, ווען „אבן ספיר" איז צו זיי געקומען צוריק מיט אַ יאָר עטלעכע און אכציק. מיט דעם פּלאַן זיי צו ברענגען קיין ארץ ישראל איז צו זיי געפאָרן קיין תימן אין יאָר 1901 ש. יבנאלי. דער אַלטער ארץ ישראל ישוב האָט שוין פון פריער געהאַט מיט זיי אַ קאָנטאַקט. שליחים פון ישיבות און בתי־מדרשים זיינען געקומען בעטן געלט ביי זיי און זיי האָבן שטענדיק געפרעגט, צי עס איז נאָך ניטאָ די „בשורה". זיי האָבן געלעבט אין נויט און אין פאַרפאָלגונג. זייט הונדערטער יאָרן, זיי זיינען אין די טויזנטער אומגעקומען פון הונגער און פּלאָג, זייערע שטיבער זיינען חרוב געוואָרן, זייערע בתי־מדרשים זיינען וויסט געוואָרן, גאַנצע ישובים זייערע זיינען אָפּגעווישט געוואָרן און זיי האָבן געלעבט אין אַ האַלבן הינערפּלעט, געפילט ליידן און גע־חלומט וועגן משיחישער דערלייזונג. און ווען יבנאלי איז געקומען צו זיי, האָבן זיי אים געפרעגט נאָר אויף דעם אַלטן ישוב, אויף דעם „כותל המערבי", אויף דער מוטער רחלס קבר, אויף ר׳ שמעון בן יוחאיס קבר. ער האָט געוואָלט זיי אַרויספירן אין דער רעאַלער וועלט און ריידן וועגן דעם דערוואַכנדיקן יידישן פאָלק און וועגן אויפגעלעבטן יידישן לאַנד. אָבער

זיי זיינען געבליבן אין זייער אילוזיע. און ווען ער האָט זיי שוין געהאַט באַוויזן צו פאָרן, זיינען אָנגעקומען צוויי עלטערע יידן, וואָס זיינען געווען אַ שטיק צייט אין ארץ ישראל און זיי זיינען צוריק געקומען אַנטוישטע און זיי האָבן איבערגעשראָקן זייערע לאַנדסלייט און זיי נישט געהייסן פאָרן. זיי זיינען אין תימן געווען די רייכסטע און זיי זיינען געווען זיכער, אַז אין ארץ ישראל וועלן זיי זיין נאָך רייכער און זיי זיינען געווען צו אַלט צו קענען אָנהייבן אַ ניי לעבן. זיי האָבן געזאָגט, אַז אין תימן איז מען אין גלות ביי גויים און אין ארץ ישראל איז מען אַ ן גלות ביי יידן. דער אדענער רב יצחק בן יצחק הכהן האָט זיך אַריינגעמישט און געביטן די שטימונג. צייטן זיינען געווען שווערע אין תימן און די יידן האָט מען דאָרטן באַזונ־דערס געטומען פאַרפאָלגן און דער דערמאָנטער רב האָט אויסגעפונען לויט דעם אר״י, אַז ווען עס איז „כלו כל הקיצין״ קען מען דורך מסירת נפש דערנענטערן דאָס קומען פון משיחן. דער „הפועל הצעיר״ האָט איינגע־שטעלט אַ ספּעציעלן אַמט צו איינאָרדענען די תימנים. ניט גרינג האָט מען געפונען דעם וועג צו זיי. ביי זיי איז נאָך אַלץ אויסגעקומען, אַז משיח דאַרף אַליין קומען און ער דאַרף ברענגען דעם גן־עדן אויף דער וועלט..

אין דער תימנישער געגנט אין תל אביב וווינען אויך אנדערע יידן — בוכאַרן, קורדן, מאַראָקאַנער און סתם ספרדים. די מערסטע איינוווינער זיינען דאָ גאָר אָרעם, אייניקע זיינען וווייניקער אָרעם. רייכע זיינען פאַראַן זייער געציילטע. צווישן די ספרדים זיינען דאָ און דאָרט פאַראַן גבירים אדירים, וואָס ווייסן אַליין ניט וויפל זיי פאַרמאָגן און זיי האַלטן באַהאַלטן זייערע גאָלדענע רענדלעך אין קאַסטנס און היילן. און אַ סך באַהאַלטן זיך אומישנע צווישן די אָרעמע, אַז עס זאָל ניט פאַלן קיין פאַרדאַכט אויף זיי.

די תימנים וווינען אויך אין אנדערע שטעט. זיי זיינען פאַראַן אין חיפה, טבריה און צפת און איבערהויפּט אין ירושלים, פאַראַן אויך אַ פּאָר תימנישע קיבוצים. זייער הויפּט־רעזידענץ איז אָבער דער „כרם התימנים״ אין תל אביב. זייער צאָל איז בעת דער פאָלקס־ציילונג אין יאָר 1937 געווען אַריבער זעקס טויזנט, היינט זיינען זיי מסתמא שוין צען טויזנט. זיי באַטרעפן אַ פינף פּראָצענט פון דער תל אביבער באַפעלקערונג.

די מצווה פון „אינווייניקסטער עליה״ זיינען די תימנים מקיים איני־נעם מיט דער מצווה „פרו ורבו״. זיי פאַרמערן זיך אַ סך, אַ סך מער ווי די אייראָפּעאישע יידן און זיי וועלן אין דער סאַמע נאָענטער צייט זיין אַ גאָר שטאַרקער כוח. היינט זיינען זיי דאָס אָריענטאַלישע הן־פינטל אין

„קיבוץ־גליות" פון אונדזער לאנד. זיי זיינען נישט אַזוי פארביק־שטורמיש ווי די בוכארער, ניט אַזוי פּרימיטיוו־ווילד ווי די קורדן און ניט אַזוי תקיפדיק, וו די אנדערע מזרח־יידן. זיי זיינען באשיידן, געצווימט, קליין אין וווקס און זיי האַלטן זיך קליין. זיי אַרט ניט וואָס זיי אַרבעטן היינט ביי פּראָסטערע און ערגער באצאָלטע ארבעטן, זיי ווייסן, אז קיין דיס־קרימינאציעס זיינען חלילה קענן זיי ניט פאראַן און מאָרגן, אז זיי וועלן זיין בעסער צוגעגרייט, וועלן זיי גרייכן צו די זעלביקע פּאָזיציעס, צו וועל־כע עס האָבן געגרייכט זייערע אייראָפּעאישע ברידער (וועלכע די עלטערע רופן נאָך „מאָסקובן" — מאָסקווער) עס זיינען שוין היינט פאראַן צווישן זיי גאַנץ־אינטעליגענטע און געבילדעטע מענטשן און שרייבער. עס זיינען פאַראַן צווישן זיי וויכטיקע אָנגעשטעלטע אין די פאַרשידענע אנשטאַלטן און אָפיצירן אין דער „הגנה" און איבערהויפּט אין אירגון און עס זיינען שוין אפילו פאַראַן שוישפּילער, וואָס זייער ספּעציאַליטעט איז צו שפּילן תימנער... פּונקט ווי אין אַרגענטינע איז אַמאָל געווען אַ גרויס פּאַך צו קענען שפּילן איטאַליענער, פראנצויזן, גאַזשעגאָס, יידן און אנדערע אימי־גראנטן, פּונקט אַזוי ווערט אין ארץ ישראל אַ פּאַך צו שפּילן פארשידענע עקזאָטישע אידן, אינקלוסיוו דייטשן, וואָס ריידן אָפט אַ גאַנץ אייגענעם העברעאיש, מיט אַ סך „זינס" אנשטאָט „סמכן"... די תימנער באַווירקן מיט זייער אַקצענט דאָס גאנצע ריידן פון העברעאיש, ווייל זיי — האַלט מען — זאָגן ריכטיק אַרויס מיטן גאָרגל די „חית" און די „עין". זיי העלפן אַוועקשלעפּן דאָס גאַנצע אידישע לעבן פון דעם אייראָפּעישן צום אָריענ־טאַלישן. היינט טוען זיי דאָס אין אַ קלענערער מאָס, מאָרגן וועלן זיי דאָס טון אין א גרעסערער מאָס.

בכדי איר זאָלט פארשטיין ווי ווייט די תימנים זיינען שוין אריבער די גרענעץ פון דעם „כרם התימנים", וועל איך אייך דערציילן, אז גאָלדע מאירסאָנס טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ תימנער בחור און די באַליבטסטע פרוי פון ישוב (עס קאָנקורירט מיט איר אין ליבשאַפט די שוישפּילערן חנה ראווינא, אָבער ס'איז א ליבשאפט פון אַן אנדער מין) איז זייער באַגייסטערט פון איר איידעם.

איך האָב זיך געוואָלט מאַכן אַ סך־הכל פון מיינע תימנער איינדרוקן און ניט געקענט. זיי זיינען אויסערלעך וויניקער ענלעך צו מיר ווי אי־טאַליענער, אָדער רומענער, אָבער קיין „זשידאַן" זאָגן זיי נישט און — ניט נאָר דאָס... זיי זיינען יידן. זיי ווילן ווערן די זעלביקע, וואָס מיר.

און בשותפותדיקער ווילן איז מסתמא אַזאַ מין כוח, וואָס צעמענטירט. און זיי ווילן דאָך מען זאָל ניט שיסן. דאָס איז דאָך פּונקט אַזוי יידיש ווי אונדזער יידיש לשון.

אוודאי האָב איך זיך דערנאָך געפילט אַ סך היימישער אין דער קאַפע „גנתי", אין שטורמישן צענטער פון שטאָט, וווּ מען האָט גערעדט און פּאָלעמיזירט כמעט נאָר אויף יידיש ווענן אַלץ אין דער וועלט און אויך ווענן יידיש און העברעאיש און וווּ מען האָט געשפּילט אַ שאָך אויף אַ געשמאַקן יידיש.. מ'קען אַ סך זאַכן טון בעסער ווי אויף אַלע שפּראַכן, אויף יידיש, אָבער אַזוי ווי מ'קען לערנען אַ בלאַט גמרא און שפּילן אַ שאָך אויף יידיש — גייט ניט ווייטער... און דער כרם התמנים איז מיר דאָך פאַרבליבן ווי אַן אייגן ווינקל און ווען איך האָב ניט אויפגעהערט זיך פרייען מיט תל אביב, האָב איך זיך געפרייט אויך מיט דעם וויינגאָרטן פון אונדזערע אָפּגעפרעמדטע ברידער און ווען איך האָב זיך געשראָקן פאַר תל אביב (ווייל בן גוריון האָט געזאָגט: אָדער מיר אין דמשק, אָדער זיי אין תל אביב), האָב איך זיך געשראָקן אויך פאַר דעם וויינגאָרטן פון די תימנים. ווען איך וואָלט געווען פרום און איך וואָלט געבעטן גאָט, וואָלט איך פאַר זיי געבעטן ניט ווייניקער און אפשר מער ווי פאַר אונדז. זייער יידישקייט איז פּרימיטיווער ווי אונדזערס, זיי פילן געוויס אין דעם ניט אַזויפיל טעם ווי מיר (מיר האָבן אי לומדים, אי קענער פון העברעאיש, אי חסידים, אי מתנגדים, אי חסידישע מוזיק, אי פאָלקסטימלעכע מוזיק, אי אַזאַ פּרעכטיקע יידישע ליטעראַטור און זיי וואָס האָבן?) און זיי קענען ניט האָבן אַזוי פיל יידיש פאַרגעניגן, ווי מיר, און ליידן האָבן זיי ניט קיין קלענערע פון אונדז.

און דער טאָג האָט זיך געענדיקט נאָך האַלבער נאַכט אין דעם קאַפע „כסית" (אַ קעלישיקל) אויף דער דיזענגאָף גאַס, וווּ עס קומען זיך צו־נויף העברעאישע און יידישע שרייבער און קיבעצער און מענטשן, וואָס האָבן אַ שייכות צו קונסט און וווּ מען איז געזעסן אין דער טיפער פינצטערניש, בכדי די אַראַבישע עראָפּלאַנען זאָלן ניט זען. מען האָט מיך באַקענט מיט נייע מענטשן און זיי האָבן מיך ניט געזען און איך האָב זיי ניט געזען. די וועלט וואָלט געקענט זיין אַזאַ ליכטיקע, מאַכט מען זי פינצטער. אַ וועלט פון מורדי אור!

און אפילו די פינצטערקייט האָט אויך דערציילט, אַז מען דאַרף זיך נישט נאָר שרעקן, נאָר מען דאַרף זיך אויך פרייען. מען האַלט דאָך פינצטער, ווייל מען געפינט זיך אין דער יידישסטער שטאָט אין דער וועלט, וואָס איז די הויפטשטאָט פון דער יידישער מדינה, וווּ עס איז היינט פאָרגע־קומען די ערשטע מיניסטאָרן זיצונג. אפשר איז דאָס אַ פינצטערניש פון וועלכער עס וועט ארויס אַ גרויס ליכט.

VII

געשלאָגן — נאַפּאָלעאָנען

פון פראָנט קומען אומבאַשטימטע נייעס. ניט קיין צו־גוטע, אָבער ניט קיין שלעכטע. צוויי וועלט־מלחמות האָב איך שוין איבערגעלעבט און אַ סך קלענערע מלחמות. אָפיציעלע קאָמוניקאַטן, ווייס איך, מאַכן שטענדיק קלענער די אייגענע דורכפאַלן און גרעסער די אייגענע נצחונות. שרעקט מיר דאָס האַרץ, אַז די ייִנגסטע מדינה גיט ניט אַנדערש די אָפיציעלע קאָמוניקאַטן ווי אַנדערע. גאַראַנטירן מיר באַקאַנטע מיליטער־לייט, אַז אין די ייִדישע קאָמוניקאַטן איז לא כחל ולא שרק — מען דערציילט די פאַקטן. ייִדן קען מען ניט און מען טאָר ניט אָפּנאַרן. דאָס לאַנד איז ניט גרויס און אַלץ שווימט אַרויס גאָר גיך ווי בוימייל אויף דעם וואַסער און מען טאָר ניט אַרויסרופן קיין אומצוטרוי צום אָפּי־ציעלן וואָרט פון דער מלוכה. די אַראַבישע קאָמוניקאַטן דערציילן נסים ונפלאות און די ייִדישע סאָלדאַטן האָבן אַ וואָרט דערפאַר — „טשיז־באַט". עס זאָל מיינען אַ גוזמע. שטאַמען שטאַמט דאָס וואָרט פון דעם אַראַבישן „קיזעב", וואָס זאָל זיין דאָס זעלביקע, וואָס דאָס העברעאישע „כזב". מען כאַפּט די אַראַבישע קאָמוניקאַטן־טשיזבאַטן ביי די הענט, די ייִדישע איז ניטאָ ביי וואָס צו כאַפּן.

ווערליק די פּאָזיציע האָט אויסגעוויזן, ביים אָנהויב, איז ניט אַזוי שרעקלעך. קיין שטאַרקן ריר האָט מען זיך ניט געטון. פון ביידע זייטן ניט. אָבער די אַראַבער זיינען דאָך זעקס מדינות חוץ תימן און זיי גע־פינען זיך אויף די בעסטע פּאָזיציעס, וואָס די ענגלענדער האָבן זיי געגעבן בחינם און נאָך זיי צוגעצאָלט מיט אַ סך געווער. און ייִדן האָבן דאָך אַזוי ווייניק געווער. די עגיפּטישע אַוויאַציע באָמבאַרדירט תל אביב, אָבער אויף די פראָנטן שווייגט ניט די ייִדישע אַוויאַציע, וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן ביי גאַנץ שווערע באַדינגונגען. מען גיט מיר אינפאָרמאַ־ציע וועגן דער ייִדישער אַוויאַציע: אין יאָר 1943 האָבן 30 יונגעלייט צווישן זיי 2 מיידלעך, געלערנט אין כפר ילדים (אַ דאָרף, וווּ עס געפינען

זיך קינדער פון אומגעקומענע עלטערן) ווערן פּאַראַשוטיסטן. אַט די דרייסיק זיינען געוואָרן דער קערן פון דער פּאַסאַזשירן־אוויאַציע־געזעל־שאַפט „אוירון”. דאָס איז געווען לעגאַל. דערנאָך האָט מען שוין אין משמר העמק און אין נען געמוזט פּראַקטיצירן אומלעגאַל. די ענגלענ־דער האָבן די בעסטע יידישע אוויאַטאָרס אַריינגעזעצט אין טורמע אין רפיה, ביי דער סאַמע עגיפּטישער גרעניץ. צום פּערצנטן מאַי זיינען די אַלע געוואָרן פריי און דאָ און דאָרט זיינען געווען רירנדיקע באַריכטן וועגן זייער טעטיקייט. מען האָט דערמאָנט צווישן די הויפּט־העלדן דעם קאָמענדאַנט שלמה מילער און דעם יינגערן סוקעניק, אַ זון פון אַ פּראָפע־סאָר פון אַרכעאָלאָגיע (ביידע זיינען שפּעטער געפאַלן אַלס גרויסע העלדן — י. ב.) דער יינגער סוקעניק האָט אין אַ צייטונג דערציילט ווי אַזוי ער האָט אין דער צווייטער נאַכט פון קריג באָמבאַרדירט עזה און אין דער פרי האָט ער געלייענט אַ קאָמוניקאַט: „אונדזערע עראָפּלאַנען האָבן אַטאַקירט און זיי האָבן זיך אַלע אומגעקערט צו דער באַזע...” פון די טעלעגראַמעס האָט ער זיך דערוווסט, האָט ער אַזוי האַרציק־קינדיש דער־ציילט, אַז דעמאָלט איז ער ניט אומגעקומען.

אין אויסלענדישן זשורנאַליסטן פּאַריין האָט מען איינגעלאַדן צו אַ שפּאַציר איבער די יידישע קריגס־פאַבריקן. ביזן טעג נאָך דעם, וואָס די ענגלענדער זיינען אַוועק. אין אַט דער צייט האָט מען באַוויזן צו שאַפן קריגס־פאַבריקן? זיי זיינען געווען פון פריער און די ענגלענדער זיינען ניט געקומען איבער זיי. און אפשר האָבן זיי געאַרבעט איבער פרידלעכע פּראָדוקטן און דער איבערגאַנג איז געווען צוגעגרייט אין דער זעלביקער צייט. עס איז געווען אַזאַ אינטענסיווו יידיש לעבן, אַז די מאַכטהאָבער האָבן ביים ערגסטן ווילן זייערן ניט געקענט אומעטום אַריינדרינגען. פּולווער, אַלערליי קוילן און בכלל שטאָף האָט מען פאַבריצירט מער ווי כלים, אָבער מען האָט שוין כלים אויך פאַבריצירט. מען האָט אונדז געפירט אַזוי, אַז מיר זאָלן דאָרט ניט צו־שטאַרק וויסן ווו די יידישע קריגס־פאַבריקן געפינען זיך. פרייינט האָבן זיך געקענט פרייען פון אָט דעם שפּאַציר, שונאים האָבן געקענט מעלדן, אַז עפּעס איז שוין דאָ ביי די יידן, אָבער אויסזאָגן ווו עס איז דאָ, האָבן זיי ניט געקענט, ווייל זיי האָבן אַליין ניט געוווסט.

יעדער שפּאַן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו מאַכן, האָט ביי מיר אַרויסגערופן דרך ארץ צום גאַנצן ישוב און צו זיינע אָנפירער, וואָס זיינען געוואָרן רעגירער. עס איז געווען אַ סיסטעם אין אַלעמען און אַ

פאַרזיכטיקייט און אַ פּלאַן. יעדער טאָג איז געווען אַ געווינס און אפשר אויך יעדע שעה. די צייט האָט געמוזט אַרבעטן פאַר דעם יידישן צד, ווייל די אַראַבער האָבן באַלד געהאַט מער געווער וויפל זיי האָבן גע־דאַרפט. מער אַריינשטעלן אין אַ ליניע וויפל עס גייט אַריין, קען מען דאָך ניט. די יידן האָבן ביים אָנהויב געהאַט אַזוי ווייניק געווער, אַז ווייניקער האָט שוין ניט געקענט זיין. און יעדע שעה האָט פאַרגרעסערט דעם יידישן געווער באַזיץ. אַ פאַרגאַנגענער טאָג איז געווען אַ טאָג ווייטער פון דער סכנה.

און איך האָב באַוויזן צו זיין אַ פּאָר שעה אויף דעם סאַמע פראָנט פון לאַטרון. ווי שיין דער נאָמען לאַטרון קלינגט מיט דעם אַקצענט אויף דעם לעצטן טראַף! אָבער געווען איז עס דעמאָלט אַ גהינום־ווינקל. אַ היץ ביז משוגעת און פליגן, פליגן און פליגן. ניטאָ קיין מער זלידניע באַשע־פעניש ווי אַ פליג. אַ מאָסקיטאָ הערט אַ רגע אויף, אַ פליג הערט קיינמאָל ניט אויף. אַ מאָסקיטאָ זויגט בלוט, פליגן — נודיען. און די אַראַבער זיינען ספּעציאַליסטן צו האָבן פליגן. עס איז ביי זיי אַזוי „ריין“, אַז עס מוזן זיין אַ סך פליגן. מען האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן דערציילן, אַז אין יידישן ישוב ליידט מען פון אַן אַראַבישער פליגן־אינוואַזיע. אין די אַלע שטעט וווּ יידן האָבן געוווינט אינײנעם מיט די אַראַבער, זיינען די אַראַבער אַנטלאָפן און די פליגן זיינען געבליבן אויף גאָטס באַראָט. זיי האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון אין די יידישע געגנטן. אין חיפה האָט מען געהאַט צו דורכפירן בפועל ממש אַ מלחמה מיט די פליגן. און אין לאַטרון זיינען, דאַכט מיר, געווען מער פליגן ווי אין גאַנצן לאַנד. איך האָב זיך געמוזט איינהילן אין אַ דעק און קוים אַרויסשטעקן דאָס פּנים, בכדי צו קענען אָטעמען און עפּעס זען. די קאָלדרע האָט טאַקע פאַרהיט פון די פליגן, אָבער זי האָט דערפאַר גע־מאַכט שוויצן ווי אַ ביבער. און עס איז אויסגעקומען צו אויסקלייבן צווישן פאַרנודיעט ווערן פון די פליגן און צווישן דעם מוראַדיקן פאַרען זיך אין שוויצבאָד פון דער קאָלדרע; און די פּראַקטיק האָט דערוויזן, אַז די פליגן זיינען ערגער. דער יונגער אָפיצער, וואָס האָט מיך געפירט, האָט מיך אַרונטערגעפירט הינטער אַ באַרג מיט זעק מיט זאַמד... אַזעלכע בערג האָב איך שוין געזען אין די טויזנטער אין ארץ ישראל. דער בחור איז געווען מאָדנע אויפריכטיק מיט מיר. ער האָט מיט מיר גערעדט אי אידיש, אי העברעאיש און ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט אים געהייסן מיך „ניט צופיל מוטשען אויף העברעאיש“ און אַז ער זאָל מיך שטאַרק אָפּהיטן. און

ער האָט ביי מיר דווקא געוואָלט וויסן, צי בין איך טאַקע אַזאַ גוטער זשורנאַליסט, וואָס מען האָט אים „געהייסן אַזוי ציטערן" איבער מיר. איך האָב ניט געהאַט קיין ברירה און איך האָב אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט מיר אויסזאָגן, וואָס פאַר אַ אָפיצער ער איז, וועל איך אים אויסזאָגן, וואָס פאַר אַ זשורנאַליסט איך בין... האָט ער מיר געענטפערט: „ביי אָפי־צירן זיינען דאָ ראַנגען". גיי און זאָג אים נאָך דעם, צי דו ביסט אַ זשורנאַליסט אַ גענעראַל, צי אַ שטיקל סערזשאַנט... געזאָגט האָט ער מיר, אַז הינטער די זעק בין איך זיכער, ווייל אַ קויל קריכט ניט דורך דעם זאַמד, סיידן זי פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל. ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַ געוויסן סאַרדאָנישן טאָן און ער האָט מיך אַ רייץ געטון אַזוי ווי אַ מיליטערמאַן גיט אַ רייץ אַ ציווילן. און די גאַנצע זאַך איז מיר געוואָרן פאַנטאַסטיש: איך בין אויף דעם פראָנט פון קריג צווישן דער יידישער מדינה און די אַראַבישע זעקס מדינות און אַ יונגער יידישער אָפיציר רייצט זיך מיט מיר.

און איך האָב אין דעם הארציקן יאַט אַריינגעשאָסן אַ וויץ. איך האָב אים דערציילט יענע מעשה פון ערשטן וועלט־קריג, ווען אַן עסטרייי־כישער אָפיציר איז געבליבן אויף אַ בערגל מיט איין סאָלדאַט און אַ יידישן דערצו. דער אָפיצער האָט געפרעגט: „נו, וואָס איציק, האָסט מורא?" און איציק האָט געענטפערט: „איך האָב זייער מורא, הער אָפיצער, ווען איר האָט מורא אַ צענטל וויפל איך, וואָלט איר שוין לאַנג אַנטלאָפן"... און איך האָב דעם בחור פאַרטייטשט דעם זין פון וויץ און איך האָב אים געזאָגט, אַז ווען איך האָב קיין מורא ניט און איך קום אין לאַנד אַריין זען דעם קריג, וואָלט דאָס געווען אַ קנאַפע העלדישקייט. דער בחור האָט דעם ענין דערטאַפט און געפרעגט:

— איר מאַכט מיך פאַר דעם גוי?

— פאַר דיר — האָב איך אים געענטפערט — איז דאָס ניט קיין באַליידיקונג. דו ווילסט דאָך ווערן „ככל הגוים". דיין אויפגאַבע איז דאָך צו ווייזן די גויים, אַז אויב יידן וועלן נאָר וועלן, וועלן די גויים קומען לערנען ביי זיי. און אַ חוץ דעם ווייס איך ניט, צי דו האָסט ניט אויך אַ ביסל מורא.

— פאַרוואָס ווייסט איר דאָס ניט? — האָט ער געפרעגט אינטרי־גירט.

—ווייל דו ווילסט זיך דאָך. אַ גוי וואָלט זיך ניט געוויצלט.

— איך וויצל זיך און איך האָב ניט קיין מורא — האָט ער געענט־

בערט מיט אַ פאַררישן פּנים׳ל — איך בין אי אַ ייד, אי אַ גוי. ביי מיר וועט זיין הראש — ראש יעקב והידים ידי עשיו און מען וועט אינגיכן מורא האָבן טאַקע פאַר די ידי יעקב...

איך גיב איבער אָט דעם עפּיזאָד, טאַקע אייך צו דערציילן ווי אַזוי אַ יונגער יידישער אָפיצער האָט ניט שווער באַזיגט אַן אַלטן יידישן זשורנאַליסט. איך האָב אים געוווּנטשן אַזוי גרינג צו באַזיגן די אַראַבער און ער האָט שוין דאָ גאָר געמאַכט אַ זיכערע מינע.

און דער בחור האָט מיר געגעבן סמנים פון אַראַבישן שיסן און פון יידישן. אַראַבער שיסן אַ סך און טרעפן ווייניק, די יידן שיסן ווייניק און טרעפן אַ סך. און איך האָב אַליין פאַרשטאַנען, אַז יידן שיסן ווייניק, ניט ווייל זיי האָבן מורא מיד צו ווערן, נאָר זיי שיסן ווייניק, ווייל זיי האָבן ווייניק שיסעכץ.

איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען קיין שלאַכט פון דער נאָענט. געמיינט האָב איך, אַז איך וועל אַ גאַנץ לעבן בלייבן אַ טעאַטערקריטיקער, אָבער דאָס לעבן האָט אַנדערש געוואָלט. און איצטער בין איך געווען אין אַ גאָר איינגאַרטיקער „לאָזשע" און איך האָב מער, אָדער ווייניקער, געזען אַ גאַנץ נייעם פאַר מיר ספּעקטאַקל. געהאַט האָב איך דעם איינדרוק, אַז די אַראַבער פירן אויף זייער מאַקסימאַלסטן אופן די מלחמה, בעסער קענען זיי ניט. און די יידן שפּילן מער שאַך ווי זיי פירן מלחמה, ווייל זיי האָבן ניט מיט וואָס. איך האָב געזען ווי אַזאַ געוועזער קעגן טאַנקען, וואָס מען רופט „פּיאַט", האָט געטאַנצט אַהין און צוריק און האָט אַזוי פיל געאַרבעט, אַז די אַראַבער פון אַנטקעגן האָבן מסתמא געקענט מיינען, אַז דאָ איז פאַראַן כּמעט אַ טוץ פון דעם מין. אַראַבער האָבן געשאָסן און יידן האָבן קאַמופלאַזשעוועט. עס איז געוואָרן גרינג אויף דעם הארצן. אָבער איך האָב זיך דאָך געגעבן חשבון, אַז אויך אין דער יידישער זייט פעלן ניט קיין קרבנות. פאַר די אויגן האָבן מיר געשוועבט קינדער פון עטלעכע יוגנט־פריינט מיינע, וואָס איך האָב געזען און מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז יעדער פון זיי קען דאָ פאַלן. איך האָב געשוויצט אָן אויפהער. ריקעסווייז האָט זיך דער שווייס פון מיר געגאָסן און איך האָב געפילט אַ קעלט. איך האָב געזען פאַלן פאַרשידענע יידישע יונגעלייט פון בוענאָס איירעס, ניו יאָרק, ריאָ דע זשאַנייראָ... איך האָב דערזען מיין איינציקן זון פאַלן... עס קען זיין, אַז מיר זיינען געגאַנגען טרערן פון די אויגן. און ווען דער יונגער אָפיצער איז ווידער געווען נעבן מיר און ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין טרויעריק, האָב

איך אים געענטפערט, אַז איך בין פאַרטראַכט, אָבער די געדאַנקען זיינען ניט קיין פריילעכע.

— איר האָט מורא פאַר דעם יידישן נצחון?

— ניין! מיר טוט לייד אויף די קרבנות...

— אַז מען גייט אין מלחמה אַריין, מוז מען קענען שמעקן פולווער.

דער בחור האָט רק געוואָלט וויסן, צי איך וואָלט געקענט מאַכן באַמערקונגען וועגן דעם אַלץ, וואָס איך האָב געזען. איך האָב אים גע־ענטפערט, אַז איך קען מאַכן באַמערקונגען וועגן אַ בוך, אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, וועגן אַ געזעלשאַפטלעכער האַנדלונג, אפילו וועגן אַ פסיכאָלאָגיש־פילאָזאָפישן ענין, אָבער וועגן סטראַטעגיק זאָל מאַכן די באַמערקונגען דזשאָן קמחי. אויף מאָרגן האָב איך געטראָפן אויך אין אַ העברעאישער צייטונג קמחיס באַמערקונגען וועגן דער יידישע סטראַטעגיק. מיר האָבן די דאָזיקע באַמערקונגען ניט אויסגעוויזן צו זיין איבערצייגנדיק. וואָס די יידישע מיליטער־לייט האָבן וועגן דעם געזאָגט, ווייס איך ניט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ שלאַכט פירט מען אין לעצטן מאָמענט דורך מער מיט אינטואיציע, ווי מיט נאָר פאַכקענ־טעניש.

איך האָב זיך אומגעקערט בשלום פון יענער שלאַכט, וואָס האָט זיך נאָך ניט געענדיקט און האָט זיך געצויגן און געצויגן. געהאַט דעם איינדרוק האָב איך, אַז אַראַבישע קוילן טרעפן צומאָל אין דעם אייגענעם לאַגער און פאַכלייט האָבן מיר דאָס דאָזיקע דערנאָך באַשטעטיקט און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז עס זאָל אַזוי ניט טרעפן, ווי עס טרעפט און איך האָב דערפון אַרויסגענומען, אַז ביי יידן פּאַסירט דאָס אויך אַמאָל. ווייניקער ווי ביי אַראַבער, אָבער ניט גאָרניט. דאָס איז אפשר געווען דאָס איינציקע, וואָס איך האָב זיך דערוווסט אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן פון מיין ערשטן — אָבער ניט לעצטן — באַזוך אויף דעם פראָנט. איך האָב געוווסט, אַז עס פּאַסירט אַמאָל, אַז מען שיסט אויף די אייגענע, אָבער אַז דאָס דאָזיקע זאָל זיין אומפאַרמיידלעך, האָב איך זיך ערשט דערוווסט, ווען איך האָב אַליין געזען ווי אַזוי קוילן לויפן. מען איז צוויי מאָל אויסגע־שטעלט אויף דעם פראָנט.

שוין איבערגעלעבט אַזויפיל מלחמות אין מיין לעבן, שוין געזען אַרמייען לויפן צום פראָנט גאַנץ און צוריק לויפן צעריסן. שוין געהאַט הונדערטער באַקאַנטע, חברים און קרובים, וואָס זיינען געפאַלן אויף די שלאַכטפעלדער, אָבער דאָס דאָזיקע, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין

יענעם פאַרנאַכט ביי לאַטרון, האָב איך קיינמאָל ניט איבערגעלעבט. און די חלומות אַ גאַנצע נאַכט. די גאַנצע וועלט, פון תל אביב ביז בוענאָס איירעס און פון דאָרט ביז שאַנכיי האָט מיר אויסגעזען איין שלאַכטפעלד און אַלע מענטשן האָבן מיר אויסגעזען סאָלדאַטן און אַלע זיינען געפאַלן. וויניק קוילן, אַ סך קוילן, אייגענע, פרעמדע — געפאַלן... אָן אויפהער געפאַלן. דאָס איז געווען מיין טיפסטע נאַכט אין ארץ ישראל און ביז דעמאָלט בין איך קיין איין מאָל אַזויפיל ניט געשלאָפן דורך דער נאַכט. מען האָט מיר איבערגעגעבן אינדערפרי, אַז אַ גאַנצע נאַכט זיינען געווען אַליאַרמען, איך האָב ניט געהערט. איין מאָל האָט מען אַזש אָנגעקלאַפט צו מיר אין טיר, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַן אויפרייס פון אַן אומ־באַקאַנט געווער און איך האָב זיך איבערגעדרייט. און אַלע שלאָפלאָזע נעכט איינינעם האָבן מיך ניט אַזוי מיד געמאַכט ווי יענע נאַכט, וואָס איז פול געווען מיט שלאָף און חלומות. איך האָב זיך אַליין געזען אויף דעם פראָנט אינייגעם מיט מיין ברודער און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שיס אויף אים און ער שיסט אויף מיר און איך האָב געהאַלטן אין איין שרייען צו אים, „שיס ניט" און ער — דאָס זעלביקע צו מיר. און עס איז דערגאַנגען אויך צו אַ שיסעריי צווישן מיר און מיין זון. דערביי האָב איך זיך אויפגעכאַפט און איך בין שוין מער ניט געשלאָפן. אין די פרימאָרגן־צייטונגען זיינען געווען רואיקע קאָמוניקאַטן וועגן געוויינלעכע, ניט־דע־צידירנדיקע שלאַכטן. ניט ווערנדיק קיין סטראַטעג פון דעם באַזוך אויף דעם פראָנט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי לאַנג יידן וועלן האָבן אַזוי וויניק געווער, וועלן די שלאַכטן בלייבן אַזוי אַ, ניט דעצידירטע. און איך, דער דערצויגענער אויף „לא בכוח ולא בחייל", בין אַרומגעגאַנגען מיט דער איינציקער זאָרג:

כוח, געווער... צעברעכן די אָקערן אויף שווערדן... וואָס מער געווער!

און דעם צווייטן פרימאָרגן האָט מען מיך אָפּגעצויגן פון דירעקטער שייכות צו פראָנט זאַכן. געוואָלט האָט מען מיך פירן אין אַ פּאָר קיבוצים אַריין, אָבער עס איז צעשטערט געוואָרן און ווייל ברושי, דער שעף פאַר טוריזם פון דער „הסתדרות" איז געווען ניט מיט אַלעמען, האָט מיך געפירט זיין געהילף קאַפּאַנס. איך האָב אָנגעהויבן באַקוקן די הסתדרות אַליין. איך האָב זי באַקוקט פון אינעווייניק און פון דרויסן. די גרויסע סינדיקאַטן־צענטראַלע געפינט זיך אין הארץ פון תל אביב, אויף סאַמע אַלענבי גאַס, ניט ווייט פון שדרות רוטשילד. איך האָב געוואָרפן אַ פּאָר בליקן אויף דער גאַנצער סביבה פון אַרום. פון איין זייט געפינט זיך דאָ

גאָר נאָענט די סטאנציע פון די פייערלעשער, וואָס האָט די מאָדערנסטע לעש־מאשינען און א סך איבערגעגעבענע אַרבעטער, וואָס האָבן ניט איין מאָל אַרויסגעוויזן זייער וואכזאמקייט און געטריישאפט. פאראן אַ וויץ וועגן א באערונג פאר פייערלעשער, ביי וועלכע מען האָט די באקעמפער פון פייער שטארק געלויבט און געזאָגט, אַז זיי שלאָפן קיינמאָל ניט, אויכער דעמאָלט, ווען עס ברענט. מען גיט פון דאנען גיכע הילף אויך פאר די נאָענטע קאָלאָניעס. מיט אַ צוויי קוואַרטאַלן העכער געפינט זיך, פון דער אַנדערער זייט, די צענטראַלע פּאָסט, וואָס איז מוראדיק ענג און וווּ מען קען זיך ניט רירן. אין יפו, ווו עס האָבן געוווינט 75 טויזנט אראבער, וואָס שרייבן כמעט קיין בריוו ניט, האָט די ענגלישע מאנדאטן־מאכט אויסגעבויט אַ פּאָסט אַ פּאלאץ און אין תל אביב, ווו עס וווינען צוויי הונדערט טויזנט יידן, וועלכע שרייבן בריוו אין דער גאַנצער וועלט אַריין, איז געבליבן א דערשטיקעניש, וואָס רופט זיך פּאָסט. אויב מען וועט דארפן נאָך אַ באַווייז פון אומפאַרשטענדלעכער שנאה מצד די ענגלענדער צו יידן און די דאָקומענטן פון אומגערעכטער האנדלונג מצד זייער זייט, וועלן פאַר דעם דינען די היפּער לוקסוס־פּאָסט פון יפו און דאָס דערשטיקעניש פּאָסט אין תל אביב. מען האָט גענומען געלט ביי יידן און ניט אויסגעבויט פאר זיי דאָס נייטיקסטע און יאָ אויסגעבויט פאר די אַראַבער א זאך, אין וועלכן זיי נייטיקן זיך ניט.

דאָ זיינען פאראן אייניקע הויכע און אימפּאָזאַנטע בנינים (קיין וואָלקן־קראצער זיינען נאָך אין תל אביב ניט פאראן. עס איז דאָך באקאנט ביאַליקס זאָג, אַז די וואָלקן זיינען דאָ באַזונדער און די קראצער באזונדער), דאָ שטייט און רופט מיט אַ באזונדער אייגנארטיקייט דאָס „בית המוסדות“ — דאָס הויז פון די אַנשטאלטן, ווו ס'געפינט זיך דער צענטער פון די אַגרארע ארבעטער, אַן אַגרארער לייען־זאל, די רעדאקציע פון אַגרארן זשורנאל „השדה“, די ליי־ און שפּאָר־קאסע פון די אַרבעטער. ניט ווייט פון דאנען געפינט זיך די פאַרשידנארטיקע אונטערנעמונג „ציון צור“, וואָס האָט אייניקע גרויסע פאבריקן בשותפות מיט דער הסתדרות און אַרבעט אויך האנט אין האנט מיטן קרן קיימת און זוכט צו אויסבויען אַן אייגנאַרטיק קור־פלאַץ אין פוריה, ביי טבריה. מיט אַ דריי קוואַרטאַלן ווייטער ענדיקט זיך די אַלענבי־גאס און זי לייזט זיך אויף אין דעם „ככר המושבות“ (סקווער פון די דערפער), וואָס פירט אַוועק קיין יפו, רמת השרון און פּתח תקוה.

און אָט אַ דאָ געפינט זיך דער אַרבעטער־אַנשטאַלט פון ישוב — די

„הסתדרות". דאָ האָט זיך איר פּלאַץ די פאַרוואַלטונג פון דער דאָזיקער ריזיקער אָרגאַניזאַציע און ערשט ניט די גאַנצע. דאָ געפינט זיך דער צענטראַלער סעקרעטאַריאַט, דער אַמט פאַר טוריזם און עקסקורסיעס, דער אַרבעטס אָזיקייט־פאָנד, דער ראַט פון די אַרבעטאָרערנס, די צענטראַל־פאַרוואַלטונג און דער סעקרעטאַריאַט פון די אָנגעשטעלטע, דער קולטור־צענטער א"א.

געבויט האָט מען דאָס דאָזיקע הויז פאַר אַ האָטעל אין יאָר 1925 און אין יאָר 1932 האָט די הסתדרות אָפּגעקויפט דעם בנין און צוגעבויט נאָך איין פליגל און נאָך איינעם. דאָס הויז איז געבויט ניט ביים טראָטואַר, נאָר טיף אינעווייניק און עס האָט פאָרנט אַ גרויסן „פּאָליסאַדניק". ביים אַריינגאַנג איז פאַראַן אַ מיליטערישביידל, ווו עס זיצט שטענדיק אַ פּאָרטיע, וואָס איז עפּעס מער ווי דאָס — ער איז פאַרטרויאונגס־מענטש. אין דער צייט פון קריג איז דאָ די וואך געווען אַ פאַרשטאַרקטע. ווער עס אינפאָרמירט אייך וועגן אָט דעם הויז, פאַרגעסט אייך ניט צו דערציילן, אַז צוריק מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר איז דאָ געווען אַ באַרימטער סיקאָמאָרן־בוים, וואָס זיינע וואָרצלען האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון זאַמד און זיינע צווייגן זיינען געווען אַ שוץ פאַר שפּאַצירנדיקע ביטאָג און ביינאַכט.

גייסט אַריין אין דער „הסתדרות" און פאַלסט אַריין אין אַ בינשטאָק. פיר שטאָק מיט צימערן און צימערלעך און אין אַלע אַרבעט מען. צענדליקער מאַשינקעס קלאַפּן און הונדערטער מענטשן אַרבעטן און לויפן אַרויס און אַריין — ווער צו אַ זיצונג, ווער פון אַ זיצונג, ווער פון אַ שפּאַציר מיט אַ גאַסט, ווער פון אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, ווער צו אַ פּרעסע־קאָנפערענץ. טרעפסט מינדסטנס אַ פּאָר צענדליק מענטשן, וואָס זיינען וועלט־באַרימט אין יידישן לעבן זייט צענדליקער יאָרן. ניט ווילנדיק דערמאָנסטו זיך ליעסינס וואָרט „אַ מלוכה פון לויטער גאונים". הייבסט זיך אויש אָן צו שרעקן פאַר די צו־פיל גרויסע מענטשן. דער אַרגענטינער יידישער ישוב באַטרעפט אין צאָל מסתמא אַ פינף און זיבעציק פּראָצענט פון ארץ ישראל ישוב, איז וויפל האָבן מיר דאָרט יידן מיט וועלט־נעמען? און ניט נאָר שרייבער און רעדנער און אָרגאַניזאַטאָרס זיינען דאָ פאַראַן אַ סך, עס זיינען דאָ פאַראַן געלערנטע „מכל המינים" — מעדיקער, כעמיקער, פילאָזאָפן, אינזשעניערן, היסטאָריקער. אָבער אַז דו קוקסט אַריין דורך אָט אַ דעם הויז אין דער „הסתדרות" אַריין פון גאַנצן לאַנד און דו דערזעסט די הונדערט ניינציק טויזנט אַרבעטער, וואָס זיינען מיטגלידער (אויסער יוגנט־לעכע), וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט, ווערסטו באַרואיקט.

פאראן די גאנצע סקאלע ארבעטער, אנהייבנדיק מיט גאסן־קערער, ביז פראפעסארן, וואס קענען טון אלצדינג און טוען טאקע אלצדינג.

בכדי צו אויסמיידן מיספארשטייעניש, וועל איך דא באמערקן, אז עס זיינען נאך פאראן צוויי צענטראלעס אין ארץ ישראל — די „הסתדרות פועלים לאומיות״ (די נאציאנאלע צענטראלע פון די ארבעטער), וואס געהער צו די רעוויזיאניסטן און האט צווישן זעקס און אכט טויזנט ארבעטער און די הסתדרות פון „הפועל המזרחי״, וואס באשטייט פון רעליגיעזע ארבעטער און האט א זעקס־זיבן טויזנט מיטגלידער. עס איז אבער כדאי צו באמערקן, אז ניט אלע רעליגיעזע ארבעטער זיינען מיטגלידער אין „הפועל המזרחי״, א סך זיינען דווקא מיטגלידער אין דער „הסתדרות״ און זיי האלטן, אז די צענטראלע דארף זיי באזארגן מיט זייערע רעליגיעזע הצטרכותן און זיי פאדערן זייערס און זיי האבן אפילו אן אייגענע אויסגאבע אונטער דער אנפירערשאפט פון דער „הסתדרות״.

כאפסט א קוק אריין אין די באזונדערע צימערן פון דער „הסתדרות״ און דו גיסט זיך חשבון, אז די 190 טויזנט מיטגלידער זיינען דער גרעסטער כוח אין לאנד. זיי טוען אכציק פראצענט פון דער גאנצער ארבעט און זיי זיינען דער גאנצער יסוד פון לעבן. אוודאי זיינען אומעטום די ארבעטער דער יסוד פון לעבן, אבער אומעטום זיינען זיי דאס נאר אביעקטיוו, דא זיינען זיי עס אויך סוביעקטיוו. דא ווילן זיי עס זיין. אין נארד אמעריקע דעצידירן די ארבעטער ניט דעם גורל פון גאנצן לעבן און זיי ווילן דאס אויך ניט. דא ווילן זיי און זיי דעצידירן. און זיי דעצידירן קודם־כל דערפאר, ווייל זיי טראגן די גרעסטע און שווערסטע אחריות. זיי האבן געטון די גאנצע ארבעט, וואס איז נייטיק געווען צו אויסבויען א יידיש מלוכה־לעבן און האבן מעגלעך געמאכט צו פראקלאמירן די יידישע מלוכה און זיי טראגן די אחריות פאר דער „שמירה״ (וואך) פון יידישן ישוב און זיי האבן געגעבן די גרעסטע צאל קרבנות אין דער מלחמה. איך מוז אבער נאך און נאך אמאל באמערקן, אז אין דער „הסתדרות״ זיינען מיטגלידער אויך די דאזיקע, וואס ווערן ערגעץ אנדערש גערופן „אינטעליגענטן״. די ארבעטער צענטראלע האט ניט נאר „ווייסע קאלנערס״ (וואס טראגן דא סיי־ווי כאקי־העמדלעך), נאר אויך דאקטוירים, אפטייקער, אינזשינירן, ארכיטעקטן א. א. וו. און ביים סאמע אנהייב פון מלחמה האט מען מיר אינפארמירט, אז צוויי טויזנט מיטגלידער ארבעטן ביי מלחמה־פראדוקטן, מיט דער צייט איז די צאל גרעסער געווארן.

קוקסט זיך צו צו דעם בינשטאק, וואס הייסט „ועד הפועל של

הסתדרות" און פאַר די אויגן גיט אַ שוועבּ דאָס לעבּן און די אַרבּעט פון גאַנצן לאַנד. דו גיסט זיך חשבון, אַז אויב אין יעדן ווינקל פון לאַנד איז פאַראַן מילך און קעז און ברויט און גרינצייג און פּרוכט און פיש און פלייש, קומט דאָס אַף אַכציק פּראָצענט פון די מיטגלידער פון „הסתדרות" און דורך די אָרגאַניזאַציעס אירע, דורך „תנובה" און „משביר". און דו גיסט זיך חשבון, אַז ווען די ענגלענדער האָבּן פאַרלאָזט ארץ ישראל, האָבּן זיי דאָס איבּערגעלאָזט אַזוי, אַז מען זאָל זיך רעכנט ניט קענען אַ ריד טון און אין פּונקט זאָל זיין איזאָלירט פון צווייטן און דער הונגער זאָל פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע, וואָס דער עראָפּלאַן, קאַנאָן און טאַנק וועלן אָנהויבּן... און אויסער דעם לעבּן־דראַנג, וואָס איז פאַראַן ביי אַלע און אויסער דעם יידיש־נאַציאָנאַלן ווילן האָבּן געראַטעוועט דעם ישוב (וואָס איז היינט אַ מדינה און וואָס איז דאָס שוין געווען בכוח פריער!) צוויי פאַקטאָרן:

וואָס דער ישוב איז אַן אַרבּעטנדיקער
און וואָס ער איז אַ יונגער.

פאַראַן אין ארץ ישראל פּראָפּאָרציאָנעל מער אַרבּעטער ווי אין יעדן יידישן ישוב אין דער וועלט און פאַראַן מער יוגנט ווי פּראָפּאָרציאָנעל אין יעדן מענטשלעכן ישוב אין דער וועלט.

מיינט ניט, אַז די „הסתדרות" איז אַ דורכוים גאַנצע אָרגאַניזאַציע. פאַראַן אינווייניק אין דער „הסתדרות" עקאָנאָמישע קאַמפן און ראַנגלע־נישן. אין דער גאַנצער וועלט זיינען די אַגראַר אַרבּעטער ניט אין קיין גינסטיקער לאַגע. אין ארץ ישראל זיינען די אַגראַר אַרבּעטער אפשר אין דער בעסטער לאַגע. מען בויט אויס אַ קיבוץ, ווערן דאָרט די מיטגלידער מיט דער צייט פריי פון געוויסע זאָרגן. און עס זיינען פאַראַן שטאָטישע אַרבּעטער, וואָס האַלטן, אַז די קיבוצים דאַרפן אויף זיך נעמען מער אחריות פאַר דעם גאַנצן לאַנד. און אפילו דער היינטיקער פּרעמיער פון לאַנד, דוד בן גוריון, וואָס איז פון די סאַמע ערשטע מיטגלידער פון דער „הסתדרות", האַלט אויך, אַז די שטאָטישע אַרבּעטער טראָגן מער אחריות. ענטפערן דאַרויף די „מפּמניקעס", (די לינקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס באַשטייט פון די דריי פּאַרטייען „השומר הצעיר", די אָפּאָזיציע פון מפּאי און די לינקע פועלי ציון), אַז בן גוריון „העצט די שטאָטישע אַרבּעטער קעגן די דאָרפישע, ווייל די שטאָטישע זיינען אים אידעאיש נעענטער". דערפון קענט איר אַרויסדרינגען, אַז די דאָרפס־אַרבּעטער זיינען לינקער געשטימט ווי די שטאָטישע. די פּאַרטיי, וואָס האָט די גרעסטע

השפעה אויף דער הסתדרות איז די מפאי, וואס איז די זעלביקע, וואס אומעטום די פאראייניקטע פארטיי פון פועלי ציון און צעירי ציון און איז ארויסגעוואקסן געווארן פון א פאראייניקונג צווישן אלטע ארץ ישראל ארבעטער פארטייען. די מפאי האט 54 פראצענט פון די מיטגלידער און מפ"ם — 38. די איבעריקע געהערן צו „העובד הציוני" (אלגעמיינע ציונים) „עליה חדשה" (אייגנטלעך דייטשע יידן, וואס האבן א געוויסן מעסיק־ליבעראלן פאליטישן צוגאנג צו אלע פראבלעמען פון לאנד), און „העובד הדתי", וואס באשטייט פון די דאזיקע רעליגיעזע ארבעטער, וואס ווילן זיך ניט אפטיילן פון דער אלגעמיינער ארבעטער ארגאניזאציע. איך וועל אייך שוין דא באמערקן, אז די מערסטע פון די רעליגיעזע ארבעטער טראגן ניט קיין בערד און פאות און ניט קיין קאפאטעס. און אויב איר ווילט א סימן פאר א רעליגיעזן ארבעטער, וועל איך אים אייך געבן: ער טראגט א היטל, אדער א יארמעלקע... א באָרד און פאות טראגט אן אגודת ישראלדיקער ארבעטער.

אבער די ניט־מאנאליטישקייט אין דער „הסתדרות" מאכט די דאזיקע ארגאניזאציע ניט קלענער, נאר גרעסער, עס איז אן ארגאניזאציע א ריז. איר קראנקן קאסע (קופת החולים) געהער צו די מוסטערהאפטסטע ארבעטער קראנקן־קאסעס אין דער וועלט. און די מיטגלידער פון דער „הסתדרות" קריגן קראנקן־קאסע־הילף אויך אויף די פראנטן. דער „קופת החולים" קאנקורירט ניט מיט דעם רויטן „מגן דוד", אבער ער טוט א גרויסן טייל פון דער זעלביקער ארבעט. די „הסתדרות" האט א ריזיקע בוי־געזעלשאפט, וואס הייסט „סולל ובונה" און זי איז א שותף צו א סך גרויסע פאבריקן פון בוימייל, אלערליי כעמישע פראדוקטן, צעמענט א. א. וו. די „הסתדרות" האט דעם „אגד", וואס איז די גרעסטע אמניבוס־געזעלשאפט און קאנטראלירט פאקטיש די באוועגונג אין לאנד.

שטייענדיק אין דער „הסתדרות", דערזעסטו דעם נעכטיקן ישוב און די היינטיקע מדינה ווי דורך א ווייזע. דיר ווייזט זיך אויס, אז דו ביסט אין איין און דער זעלביקער צייט אויף אלענבי נומער הונדערט פופצן, אי אין דער גאנצער יידישער מדינה. און עפעס דערפילסטו, אז די דארפסט דא בענטשן די אלע, וואס האבן אויסגעקעמפט די יידישע ארבעט אין לאנד און האבן ניט דערלאזט, אז עס זאל געבויט ווערן א לעבן מיט יידישע קעפ און מיט גוישע הענט...

אט זיינען מיר אין גרויסן זיצונג־זאל פון „ועד הפועל" פון דער „הסתדרות". דער טיש איז א קיילעכדיק־לענגלעכער און ער איז געמאכט

פונקט ווי דער טיש פון „סנהדרין" און ער האָט 72 פּלעצער. פאַראַן דאָ א מנורה, א האַלצשניט פון דער קינסטלערן בתיה לישענסקי, וואָס איז א סימבאָל פון דעם גאַנצן צוריקקער פון יידן קיין ארץ ישראל דורך עליה, הלוציזם, ערד־אַרבעט. דער באַשיידענער און דאָך פּרעטענציעזער זיצונג־זאַל דערציילט, אז דו געפינסט זיך אין דעם צענטער דורך וועלכן דאָס לאַנד באַקומט שוויים, בלוט, מאַרך און — — — לאָמיר דאָ אביסל שווייגן! ס׳איז אַזוי גרויס, אַז עס מוז און וועט ווערן צענפאַכיק גרעסער און די היינטיקע גרויסקייט איז באַוויזן געוואָרן דורך א סך אַרבעט און ווייניק רייד און די מאָרגנדיקע גרויסקייט וועט אוודאי דערגרייכט ווערן נאָר דורך אַרבעט!

און קאַפּאַנס מאַכט מיט מיר א שפּאַציר איבער פאַרשידענע אָפּ־טיילונגען פון „קופּת החולים". איבער אַפּטייקן, געגנט־שפּיטאַלן, קאָנסול־טאַריעס. אין גערעאַנק פאַרגלייכט זיך מיר די דאָזיקע קראַנקן־קאַסע מיט די קראַנקן־קאַסעס פון די נאָרד אַמעריקאַנער פּראָטערנאַלע יידישע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס — „אַרבעטער רינג", „נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד", „יידישער פאָלקס אָרדן". וואָס פאַר א פאַרגלייך! קוקנדיק נאָר אויף דעם „קופּת החולים" פון דער „הסתדרות", האָבן זיך די ענגלענדער געמעגט איבערשרעקן. מענטשן, וואָס קענען א דאָס באַווייזן, קען מען ניט אַזוי עקספּלואַטירן, ווי ענגלענדער זיינען דאָס געוווינט צו טון מיט „נייטיווס".

פון זכרון קען מיר ניט אַרויס דער ריזן־לאָקאַל פון „המשביר", ניט ווייט פון יפו. ווי צעשאָסן דאָס איז געווען פון פאַרשידענע זייטן. די סחורה פון אויבערשטן שטאָק איז געווען אינגאַנצן צעשטערט. עס זיינען געלעגן רעשטלעך פון צעשמאַלצענע און צעבראָכענע מעטאַלענע כלים, שטיקלעך שטאָף פון אַלערליי קאָלירן, פאַרברענטע העמדלעך, הויזנס. די אַלע אומגעבראַכטע זאַכענישן האָבן אויסגעזען ווי הרוגים נאָך א שלאַכט. מען האָט אהער געשאָסן פון יפו. מען איז אַרויף אויף דעם שפּיץ פון מעטשעט און אנשטאָט גאָט צו בעטן, האָט מען געשאָסן. מען דאַרף צענדליקער מענטשן זאָלן אַרבעטן וואָכן, ביז וואַנען מען וועט ברענגען אביסל אָרדענונג. איז ווו זאָל מען די דאָזיקע מענטשן נעמען, אַז ס׳איז בסדר מלחמה?

און דער טאָג איז געווען א זייער אומרואיקער. די סירענע האָט ניט אויפגעהערט פייפן. פון דעם אַליאַרם־רוף ביז צום באַרואיקונג־רוף האָט געדויערט און געדויערט און פון באַרואיקונג־רוף ביז צום נייעם אַליאַרם

האָט כמעט גאָרניט געדויערט. און כאָטש מען האָט זיך געהיט פון קלאַנ־גען און פון פּאַניק־מאַכעריי, האָט מען ניט אויפגעהערט צו דערציילן װעגן פאַרשידענע אומגליקן אין יענעם דינסטיק, דעם 18טן מאַי, װעלכן מען האָט שוין אָנגעהויבן רופן דער פינצטערער דינסטיק. מען האָט דערציילט, אַז אַ באָמבע האָט געטראָפן אין רעדאַקציע פון „הארץ" און האָט דערהרגעט די אַרויסגעבער שאָקען און פינקעלשטיין. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז געטראָפן האָט די באָמבע ניט אין רעדאַקציע, נאָר אין דער דרוקעריי פון דער זעלביקער צייטונג, אָבער דערהרגעט צוויי מענטשן האָט זי. אין יעדער אַנדערער שטאָט וואָלט מען אין אַזאַ פאַל מסתמא אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין די דרוקערייען און רעדאַקציעס, אָבער ניט אין תל אביב.

אין האָטעל האָב איך געטראָפן אַ „מעסעדזש" װעגן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פון אויסערן מיניסטער אין „מועדון" (קלוב) פון די העברע־אישע זשורנאַליסטן. געגאַנגען בין איך מיט דער פולער זיכערקייט, אַז שערטאָק וועט ניט קומען, אָבער דער סעקרעטאַר פון קלוב, דער צעטראָגע־נער און צופיל פאַרנומענער און דאָך זייער חברישער דאַנציגער קראָן פאַרזיכערט, אַז ער וועט יאָ קומען. און שאָקען און פינקעלשטיין זיינען אויך געקומען. זיי האָבן, אפנים, געוואָלט דערווייזן, אַז דער קלאַנג וועגן זייער טויט איז „איבערטריבן". מ'האָט געקענט מערקן מידקייט אויף פּנימער און אָנשטרענגונג צו פאַרטרייבן די מידקייט. אַלע האָבן געזאָגט אפילו מיט די הענט, אויף וועלכע זיי האָבן אָנגעשפּאַרט די קעפּ, אַז אַלע זיינען אין קריג. אַלע האָבן אַרויסגעשריען דעם לאָזונג:

דאָס גאַנצע לאַנד איז פראָנט, דאָס גאַנצע פאָלק איז מיליטער.

דער פאָרזיצער פון זשורנאַליסטן־קלוב, דער בויגזאַמער יוסף העפּט־מאַן, וואָס איז אַמאָל געווען אויך אַ באַקאַנטער יידישער זשורנאַליסט, האָט געעפנט די קאָנפערענץ ביי אַ גלאָז טיי און ער האָט עפּעס מיט אַ באַזונדער פּאַסמאַקעווען געזאָגט, אַז ער שטעלט פאָר דעם „שר החוץ" (אויסערן מיניסטער) פון דער יידישער מדינה. אַנדערע זשורנאַליסטן, היימישע פון שערטאָקן, אָדער טאַקע נאָענטע חברים זיינע, פּערזענלעכע און אידעאישע, האָבן אים אויך גערופן „הער מיניסטער". און ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי היימיש ווי ווייט נאָר ער האָט געקענט און ער האָט ניט פאַרפעלט קיין שפּאָס און ער האָט געזאָגט, אַז מען וועט אַליין דאַרפן צוליייגן און אַראָפּנעמען צו און פון דעם, וואָס ער זאָגט, ווייל אַ אויסערן מיניסטער דאַרף ריידן באַזונדער פאָרזיכטיק. און עס האָט ניט

געפעלט קיין לייכטער טאָן אויך. אייניקע זשורנאַליסטן האָבן באַמערקט, אַז זיי פילן זיך עפּעס ניט ביים גאַנצן געמיט, ווען זיי טרעפן זיך מיט אַ חבר אַ מיניסטער. דאָס, וואָס ער זאָגט ביי אַזאַ באַגעגעניש, ווייסט מען שוין און דאָס דאָזיקע, וואָס מען ווייסט נאָך ניט, וועט ער ניט זאָגן. אייניקע מיידן דערפאַר אינגאַנצן אויס צו ריידן מיט די מיניסטאָרן, אַזוי לאַנג זיי זיינען „נאָך" מיניסטאָרן... איינער האָט געזאָגט, אַז ס'איז גרינגער צו גראָבן גריבער אין אַ הסמין־טאָג, ווי צו ריידן מיט אַ מיניסטער. (שפּעטער האָב איך געלייענט אין „דבר" אַ פעליעטאָן אין אָט דעם גייסט). שערטאָק אַליין האָט געשמייכלט פון דער גאַנצער גערעדעריי און ס'איז געווען ניט שווער צו דערקענען, אַז ער וואָלט געוואָלט מיט עפּעס פאַרגיטיקן דעם עולם, אָבער ס'איז דאָך פאָרט אַזוי. קיין ליגן קען ער ניט זאָגן, קיין סענסאַציע טאָר מען ניט געבן. ער האָט זיך געפילט ניט ווייניקער אומבאַקוועם ווי די זשורנאַליסטן. ער האָט ווידער אויסגעזען אַזוי־אָ קינדיש־הילפלאָז, ווי ער האָט מיר שוין אַ סך מאָל אויסגעזען. איך בין געבליבן ביי דער איבערצייגונג, אַז מיט יידישע זשורנאַליסטן פילט זיך שערטאָק ב ע ס ע ר, מיט גוישע זשורנאַליסטן פילט ער זיך ב אַ ק ו ו ע מ ע ר.

איך האָב זיך דעמאָלט געגעבן חשבון, אַז פאַר אַ יידישן זשורנאַליסט האָט קיין זין ניט צו נעמען אינטערוויוען ביי די מיניסטאָרן פון דער יינגסטער מדינה. דאָס דאָזיקע, וואָס זיי קענען זאָגן, ווייסן שוין אַלע יידן און דאָס דאָזיקע, וואָס זיי זיינען, דאַרף מען זען. זיי אַליין קענען זיך ניט פאָרשטעלן און אָפּמאָלן. איך האָב דערפילט ביי יענער פּרעסע־קאָנפערענץ, אַז דאָס וואָרט איז אין ארץ ישראל אַ סך קלענער ווי די טאַט. דאָ איז לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה. (און איך האָב זיך דערנאָך אין דעם איבערצייגט אין משך פון די אַריבער צען וואָכן, וואָס איך בין געווען אין דער יידישער מדינה. איך האָב געהערט ריידן די אָנגעזעענסטע און גרעסטע מענטשן פון לאַנד, אָבער קיין גרויסע רעדע האָב איך — חוץ דער הכרזה — ניט געהערט. ביים איחוד פון מפּאי האָב איך יאָ געהערט אַ פּאָר בעסערע רעדעס, אָבער פון אַזעלכע פּועלי ציון־פירער, וואָס ווינען אין חוץ לארץ און וואָס זיינען געוווינט צו ווירקן איבערהויפּט מיט רעדעס. די ארץ ישראלדיקע אַליין ווירקן דורך מעשים). ווען מען שילדערט די מעשים, קומען די מענטשן שוין אַליין אַרויס. טאַקע אין יענעם טאָג האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטע שוואַנגערע פרוי גיין אויסערגעוויינלעך שטאָלץ און עפּעס ווי באַווייזנדיק זיך מיט איר

ישוואַנגערשאַפט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין אַרגענטינע טראָגן שוואַנגערע פרויען אַזעלכע קליידער, וואָס פאַרשטעלן די בייכער און איך האָב דאָס דער דערמאָנטער פרוי געזאָגט. האָט זי מיר געענטפערט: „בן גוריון האָט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן אַן אינוווייניקסטע עליה. דאַרפן מיר דערפאַר זיך ניט שעמען מיט די בייכלעך, נאָר שטאָלץ זיין מיט זיי.״ און דורך אָט אַ דער באַמערקונג האָב איך דערקענט די ווירקונג פון בן גוריונען אַ סך מער ווי דורך זיינע פאַרשידענע רעדעס און אפילו פּרעסע־קאָנפערענצן, הגם אין די לעצטע איז ער אַ סך אינטערעסאַנטער און ער גיט אַמאָל אַ זאָג אַרויס געוויסע פראַזן, וואָס ווירקן ווי בליצן און אַנט־פּלעקונגען. און דערנאָך גיסטו זיך חשבון, אַז דאָס זיינען ניט קיין ווערטער נאָר מעשׂים, וואָס ער גרייט זיך צו דורכפירן.

פון שערטאָקס פּרעסע־קאָנפערענץ האָב איך ווידער אַ שפּאַציר געטון איבער תּל אביב. יעדער שפּאַציר איבער אָט דער שטאָט איז פאַר מיר אַ שפּאַציר איבער דער געשיכטע פון דעם נייעם ארץ ישׂראל. אָט בין איך ביי דער „הרצליה״, וואָס איז די עלצטע מיטלשול אין לאַנד. זי איז אַלט צוויי און פערציק יאָר. מיט דריי יאָר מער ווי פון תּל אביב. ווען מען האָט די דאָזיקע גימנאַזיע געבויט, האָט מען נאָך ניט געטראַכט וועגן תּל אביב און מען האָט געמיינט, אַז זי געפינט זיך אין יפו. געגרינדעט די „הרצליה״ האָט דר. מטמון כהן און זי האָט שוין צושטייער געגעבן דעם לאַנד 34 אַרויסלאָזן. אַ סך פון די אביטוריענטן זיינען (אָדער געווען, ווייל זיי זיינען שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע) מנהיגים פון לאַנד אויף פאַרשידענע געביטן.

נעבן דער „הרצליה״ געפינט זיך אויף דער אחד העם גאַס נומער עלף דאָס הויז פון אחד העם. דער פירער פון גייסטיקן ציוניזם איז אחד העם געווען און אין אַ גרויסער מאָס דער הויפּט־אָנרעגער צו דער גאַנצער קולטור־אַרבעט אין ציוניזם. אין יאָר 1922 האָט אחד העם (זיין נאָמען איז געווען אשר גינזבורג) זיך באַזעצט אין תּל אביב און די מוניציפּאַליטעט האָט אים דערקלערט פאַר אַן ערנבירגער און אים געקויפט אַ הויז; געווען צייטן, ווען תּל אביב איז נאָך געווען אַזוי קליין, אַז די מוניציפּאַליטעט האָט געקענט נאָך מיטיק אָפּשליסן עטלעכע גאַסן אַרום און ניט דערלויבן קיין אויטאָס און וועגענער צו פאָרן, בכדי ניט צו אויפוועקן אחד העמען... אין יאָר 1927 איז אחד העם אַוועק אין דער אייביקייט און אין יאָר 1928 האָט מען דאָס דערמאָנטע הויז זיינס געעפנט ווי אַ געזעלשאַפטלעכע ביבליאָ־טעק. פאַראַן דאָ דאָס אַרבעט־צימער פון דענקער, אַ זאַמלונג פון חפצים,

בילדער און כתב־ידן. נערך צוואנציק טויזנט ביכער אין פארשידענע שפראכן זיינען פאראן אין אט דער ביבליאטעק. זי ווערט אפגעהיט פון א ספעציעלן „ועד אחד העם", וואס האט א זאל און אן ארבעטס־צימער פאר וויסנשאפטסלייט אין דער מוניציפאליטעט.

גיסט א שפאן ווייטער פון דאנען, געפינט זיך א גאס, וואס הייסט „השחר" (דער מארגן־שטערן) אויף דעם נאמען פון פרץ סמאלענסקין, וואס האט ארויסגעגעבן א זשורנאל מיט דעם נאמען „השחר". יענער זשורנאל איז געווען פון די ערשטע „חבת ציון"־אנזאגער. דערנעבן געפינט זיך די „מאנטעפיארי" גאס, וווּ עס איז פאראן די שטאט־ביבליאטעק, וואס הייסט „שער ציון". זי איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1885 אין יפו, און זי האט געהערט צו געזעלשאפטן און צו יחידים און זי האט היינט אריבער זיבעציק טויזנט ביכער אין העברעאיש און אנדערע שפראכן (איך געפין ניט פאר נויטיק צו פארשווייגן, אז אידישע ביכער זיינען דארט פאראן, אבער ניט גענוג...) אויך אראבישע ביכער פעלן דא ניט און איך וויים ניט, צי אין די אראבישע לענדער קען מען געפינען שטארק בעסערע אראבישע ביבליאטעקן...

דורך מאנטיפיארי־גאס קומסטו אן אין דער רווישיקער גאס „נחלת בנימין", וווּ עס זיינען פאראן א סך שפייז־און קליידער־קראמען און וווּ עס שמעקט אביסל מיט נאלעווקי און אביסל שוין מיט אריענט. גייסט ווידער ארויף אויף דער הרצל־גאס, וואס איז יארנלאנג געווען די הויפט־גאס פון תל אביב און איז עד היום איינע פון די הויפט־גאסן. זי איז א גאס פון האנדל, גרויסע קראמען, וויכטיקע אנשטאלטן און א סך באוועגונג. זי האט אויך די חלפנים־הייזער און פריוואטע בענק און זי האט א ווינקל, וואס שמעקט מיט בערזע, ספעקולאציע און ניט צו־שטארק לעגאלן וואליוטע־האנדל. די וואליוטע־סוחרים פון „רחוב הרצל" האבן, אפנים, בכדי הנאה צו האבן פון דער יידישער מדינה, א הייב געטאן גאלד און אראפגעלאזט דעם ארץ ישראל פונט, אז דער פינאנץ מיניסטער אליעזר קאפלאן האט זיי געמוזט א סטראשע טון זייער ערנסט און זייער ענערגיש. און עס האבן ניט געפעלט קיין יידן, וואס האבן געזאגט צו די וואליוטע־הענדלער: „שעמט אייך פאר הערצלס נאמען". מען דארף אבער אויך די וואליוטע־ספעקוליאנטן אפגעבן זייערס און מודה זיין, אז דער „פאלעסטינע־פונט", וואס די ענגלענדער האבן ארויסגעגעבן, איז די לעצטע צייט זייער ניט זיכער געווען. די אראבער, וואס זיינען אנטלאפן פון ארץ ישראל, האבן געקענט מאכן פאלשע פונטן. ביי זייער „לעגאלע" באדינגונגען.

די הערצל־גאַס ציט זיך אַרום אַ היבשן טייל פון שטאָט. זי שפּאַלט דעם טויער פון דער אייזנבאַן יפו־לוד־ירושלים און פאַרבינדט זיך אין צפון־זייט מיט דעם סאַמע האַנדלס־צענטער און אין דער דרומדיקער זייט שפּאַלט זי די רוישיקע און קויטיקע גאַס „דרך יפו־תל אביב״, וואָס זעט אויס דורך און דורך אָריענטאַליש. געווען אַ צייט ווען מען פלעגט פּרייטיק פאַרנאַכט פאַרשפּאַרן אָט דעם וועג מיט אַ טויער פון אייזערנע קייטן, בכדי ניט צו שטערן די שבת־רו. היינט זיינען אַנדערע צייטן און דערצו שמעקט מיט מלחמה, אפילו ווען עס איז ניט קיין מלחמה און אַזוי שטרענג אָפּהיטן שבת ווי אַמאָל קען מען ניט, כאָטש די אויטאָבוסן, וואָס זיינען דער הויפּט באַוועגונג־מיטל פון תל אביב שטייען אום שבת רואיק, פּונקט ווי אַמאָל פלעגן רוען אום שבת די אָקסן און אייזלען... זיי שטייען אין די גאַסן און שווייגן און גיבן צו די שבתדיקע גאַסן אַ מאָדנע וואָכעדיקן אויסזען און זיי דערציילן דאָך מיט זייער שטיין, אַז ס׳איז שבת...

פּערפּענדיקולאַר צו דער הערצל־גאַס גייט דער שוין דערמאָנטער ראָטשילד בולוואַר, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם „הנדיב הידוע״, וועלכער האָט אַ סך געהאָלפן אויסבויען די פּריוואַטע קאָלאָניעס און וועלכער האָט באַזוכט תל אביב אין 1914 און אין 1925 און בעת דעם צווייטן באַזוך האָט מען אים דערקלערט פאַר ערן־בירגער פון שטאָט. „שדרות רוטשילד״ איז דער עלצטער און גרעסטער בולוואַר פון שטאָט און ער איז מסתמא איינער פון די שענסטע בולוואַרן אין גאַנצן נאָענטן מזרח און ער איז אַ פּלאַץ פאַר אָפּרו פון יונג און אַלט. עס שפּאַצירן דאָ אי ראָמאַנטישע פּאָר־לעך, אי מיטליאָריקע און עלטערע מענטשן, וואָס האָבן צו באַזאָרגן וויכטיקע לעבנס־פראַגן פון געזעלשאַפטלעכן און מלוכהדיקן כאַראַקטער. ער איז דער תל אביבער „הייד־פּאַרק״, ווי דער געאָגראַף י. ווילנאַי זאָגט, און מען רופט אים איראָניש אויך „פּאַרלאַמענט״, ווייל מען דיסקוטירט אַרום אים כסדר. ער האָט אַ סך שיינע ביימער און בלומען־בייטן און ביי די ראָגן האָט ער קיאָסקן, ווו מען פאַרקויפט „קאַלטע און ניט־שאַרפע גע־טראַנקען״; אין די קיאָסקן פון תל אביב טרינקט מען סאָדע, סיראָפּ (גזוז), זאַפט פון מאַראַנצן (מיץ תפוזים) און פון גרייפּ פרוט (אשכוליות) און אייז־קרעם. קיין ספּעציפיש אָריענטאַלישע געטראַנקען געפינט מען ניט.

אין וועג צום פּאָרט האָט מיך ווידער באַגעגנט דער שאָפער ברענער. עפּעס ווי אומישנע האָט ער אויסגעוואַקסן, בכדי מיר צו דערמאָנען אין מיין געבוירן שטעטל און אין דער ערשטער רומענישער שטאָט, וואָס מיין פוס האָט באַטראָטן און זיי צונויפּפּאָרן מיט דער הויפּטשטאָט פון דער יידישער

מדינה. קיליע, גאַלאַץ און תל אביב. און ניט סתם תל אביב, נאָר די הויפּטשטאָט פון דער יידישער מדינה און ניט אין געווײנלעכע מאָמענטן. האָט מיך דער דאָזיקער היימישער בחור געפּאַקט, נאָר נאָך דער הכרזה, נאָך דער ערשטער זיצונג פון יידישן מיניסטאָרן־ראַט און איצטער נאָך דער ערשטער פּרעסע־קאָנפערענץ פון יידישן אויסערן־מיניסטער. און ער האָט אויף מיר אַלץ געקוקט אַזוי סקעפּטיש אַביסל. עפּעס האָט פון אים אַרויס־געזאָגט, אַז אויב שמחה ברענער איז מער קיין גביר ניט און זיין זון איז אַ פּשוטער אַרבעטער, איז גאָרניט זיכער, אויסער דעם היינט און דער היינטיקער אַרבעט. אין פּאָרט זיינען געשטאַנען צוויי אויסלענדישע שיפן מיט אויפגעצויגענע יידישע פאָנען. דער דאָזיקע האָט מיין „נהג" אויך אַרויסגעבראַכט פון די כלים און ער האָט אַ זאָג געטון אין זיין ווויליונגע־רישן רומעניש „מאיקאַ" דאַמנולוי שי טאָץ ספינצי" (גאָטס מאַמע און אַלע הייליקע). דער סגן פון דעם שר העליה (וויצע אימיגראַציע מיניסטער), דער קליינער און רירעוודיקער באַרלאַס, וואָס ווינט אין איין האָטעל מיט מיר, האָט מיר שוין עטלעכע מאָל דערציילט, אַז עס קומען איצטער אַריין שיפן מיט יידן. איניינעם מיט אָט דעם פאַקט וואַקסט שוין ביי מיר אויס דאָס בילד פון די צוויי פרעמדע שיפן מיט די אויפגעצויגענע יידישע פאָנען צו אַ סימבאָל. און שיין איז דער ים מיט זיינע העל־גרינע פאַרבן, אַז דער גרעסטער מאָלער־אויסטראַכטער פון שיינקייט, וועט שענער ניט אויסמאָלן. און ווידער וואַיזט זיך דיר אויס, אַז אַלץ, אַלץ, אַלץ, וואָס דו זעסט, איז אַ חלום.

און פּלוצים צעפּייפט זיך די סירענע. קיינמאָל האָט זי אַזוי ווילד ניט געשריען. מענטשן האָבן גענומען לויפן, הערצער האָבן געקלאַפּט און זיינען געשפּרונגען. און ס'האָט גענומען אַזוי דונערן, אַז די ערד איז אונטער די פיס געשפּרונגען.

— ווער דונערט — זיי, צי מיר?

— אַפניםביידע.

און מען באַהאַלט זיך אין אַ שעלטער פון אַ קאַפע, וואָס קוקט צום ים. און איידער וואָס־ווען, דערוויסט מען זיך, אַז עס איז געשען אַ גרויס אומגליק ביי דער אויטאָבוסן־סטאַנציע. די הויפּט־קאָמוניקאַציע אין לאַנד איז דער אויטאָבוס. מען פאָרט מיט אויטאָבוסן אין די נאָענטע פאַרשטעט־לעך, קאָלאָניעס און שטעטלעך און מען פאָרט אויך אין די ווייטערע קיבוצים און שטעט. ווען ס'איז געווען דער לעצטער אַלאַרם, זיינען מענטשן געשטאַנען אין דער ריי און געוואַרט אויף דעם אויטאָבוס. ס'איז געווען שפּעט

און מען האָט ניט געוואָלט פאַרלירן דעם „תור" (ריי). און באַמבעס זייגען פּונקט דאָרט געפאַלן.

איך האָב איבערגעלאָזט דעם שעלטער און גענומען לויפן. די „אזעקה" איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט. אייניקע וואָכן האָבן איך אויסגעמיטן, ביי אייניקע האָט מיר מיין זשורנאַליסטן־קאַרטע אַרויסגעהאָלפן. אין וועג האָט מיך פאַרכאַפּט די „הרגעה" און אַ טאַקסי איז מיר אונטערגעקומען. און אַט בין איך ביי דער אויטאָבוסן סטאַנציע.

ברררר... בלוט...

אַ טייך בלוט...

קיינמאָל נאָך ניט געזען אַזויפיל בלוט.

צוריק מיט 31 יאָר האָב איך אין בוקאַרעשט געזען עפּעס ענלעכס די דייטשן האָבן באַמבאַרדירט פון אויבן. אָבער ווי איז יענע באַמבאַרדירונג געקומען צו אָט דער? מיר האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע שיינע אויטאָבוסן־סטאַנציע מיט אירע פּרעכטיקע פּאַראַלעלע ליניעס, ווי אויסגעלייגטע זיילן, איז געוואָרן איין טייך בלוט.

יונגע און אַלטע זיינען געווען צווישן די טויטע, פרויען און מענער און צוויי קינדער... איינס נעבן אַנדערן זיינען די קינדער געווען! איין שטיוול־פּוצער איז געפאַלן טויט איבער זיין קעסטל און ביי אַן אַנדער שטיוול־פּוצער איז דאָס קעסטל געלעגן אויף אים... די פאַרוווּנדעטע האָבן שטיל געקרעכצט. קוים געקרעכצט. און די אייגענע פון די אומגעקומענע און פאַרוווּנדעטע, וואָס האָבן דאָ גיך אויסגעוואַקסן, האָבן אויך ניט געוויינט... אַריבער זעכציק זיינען די פאַרוווּנדעטע געווען און זייער קרעכצן איז געווען אַ טיף ברומען. איך האָב שוין דאָ געזען אַ סך טויטע און קיין געוויין האָב איך כמעט ניט געהערט. דאָ שטאַרבט מען פאַר יידן פון דער גאַנצער וועלט און מען וויינט ניט...

געשמועסט האָט מען, אַז עס זיינען דאָ איין און פערציק טויטע (און אַזוי איז טאַקע געווען) אָבער געדאַכט האָט זיך, אַז עס זיינען דאָ מיליאָנען טויטע... די גאַנצע וועלט איז אין בלוט... עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פון מיר אַליין רינט אויך בלוט. עס האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן און די פיס האָבן זיך ניט גערירט.

און איך בין דאָך אַוועקגעגאַנגען. געוואָלט גיין צו דער פּאָסט שיקן אַ טעלעגראַמע, אָבער די פיס האָבן ניט געפאָלגט. וואָס וועט זיי דאָרט, די יידן אין ב. איירעס און ניו יאָרק, אַרויסקומען, אַז זיי וועלן וויסן אָט־אָ די פּרטים?

און איך בין ארויף אויף דער אלענבי־גאַס.

און יינגלעך און עלטערע יידן שרייען מיט גאָרגלענדיקע שטימען „ידיעות מעריב" און זיי לאָזן אַרויס די דאָזיקע צוויי ווערטער מיט אַזעלכע קלאַנגען, אַז דו דערקענסט זיי ניט צוליב דעם אות „עין", וואָס ביידע האָבן. דאָס איז די לעצטע אויסגאַבע פון טאָג. אויף דער גאַנצער ערשטער זייט איז פאַראַן אַ קאָפּ: „כחותנו כבשו עכו". אונדזערע כוחות האָבן באַזעצט עכו.

— עכו?

— נו, יאָ! דאָס איז דאָך די דאָזיקע פעסטונג, וואָס איז שטענדיק געווען אין דער גויישער געגנט פון ארץ ישראל. זי איז מיר באַקאַנט פון די צייטן פון די ראשונים און פון די צייטן פון נאַפּאָלעאָנען. דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט איינגעלייגט וועלטן און ער האָט געוואָלט די דאָזיקע פעסטונג איינעמען. ער האָט פון אַ בערגל באַלאַגערט די דאָזיקע פעסטונג און ער האָט זיך געמוזט בחרפה ובבושה צוריקציען.

און אונדזערע כוחות האָבן עכו באַזעצט.

נאָך עטלעכע טעג.

און די אַראַבער האָבן דאָרט געהאַט אַ פיר טויזנט מאַן.

און די יידישע כוחות זיינען געווען אַ סך ווינציקער אין צאָל.

ווייזט אויס, אַז די אַלע באַלוואַרטן, וואָס די ענגלענדער האָבן איבערגעגעבן די אַראַבער איינינעם מיטן געווער האָבן ניט געהאָלפן. די באָמבעס זיינען געגנוג אויף צו הרגענען פרויען און קינדער אויף דער אויטאָבוס־סטאַנציע, אָבער ניט צו דערהאַלטן די שטאַרקסטע פעסטונג פון נאָענטן מזרח.

פאַר מיר איז פאַרבליבן דאָס פאַרנעמען עכו ווי אַ אָפּשלום פון אַ עפּאָכע פון מיין זיין אין ארץ ישראל. ביז דעם פאַרנעמען עכו האָט נאָך אַ וואָרעם פון צווייפל געגריבלט און געפרעגט, צי אפשר וועט ענגלאַנד דער ווייסטער שפּיל געלינגען און יידן וועלן זיך בעטן, אַז מען זאָל זיי ראַטעווען. נאָך דעם פאַרנעמען עכו בין איך געוואָרן פעסט איבערצייגט, אַז עס וועט זיין פאַרקערט: די אַראַבער וועלן פריער, אָדער שפּעטער

דאַרפֿן בעטן, אַז מען זאָל זיי ראַטעווען... איצטער האָבן די פּיס מיך געטראָגן אין פּאָסט. און איך האָב אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע, אַז די מדינת ישראל האָט איינגענומען די דאָזיקע פעסטונג. וואָס נאַפּאָלעאָן האָט ניט געקענט איינעמען און די „מדינת ישראל" שרעקט זיך ניט פֿאַרן פֿאַרגאָסענעם בלוט און זי איז זיכער מיט דעם נצחון. דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט אין דער אויטאָבוסן־סטאַנציע האָט, דאַכט מיר, ניט אויפֿגעהערט צו שרייען: דער נצחון וועט זיין די נקמה.

VIII

די משוגעים פון עכו האָבן דאָס שוין אויך געוווּסט

איך רײַס דאָ איבער דעם כראָנאָלאָגישן סדר פון מײַנע באַשרײַבונגען. עס איז מיר דאָ צוגעפּאַסט צו באַשרײַבן מײַן באַזוך אין עכו בכלל און אין דער דאָרטיקער פעסטונג בפרט, כאָטש געשען איז דער דאָזיקער באַזוך ערשט שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן, ווען איך בין געווען אײנינעם מיט מײַן פרײַנט יוסף לערנער אין חיפה און ער האָט אויסגעווירקט פאַר אונדז אַ דערלויבעניש צו אָנקוקן דאָס פּלאַץ, ווו נאַפּאָלעאָן האָט געליטן אַ מפּלה און די הגנה — אַ נצחון.

מיר זײַנען געפאָרן מיט אַ דזשיפּ קיין מערב זײַט און מיר זײַנען אָנגעקומען אין דעם טייל, וואָס הייסט מערב־גליל און וואָס געהער לויט דער צעטיילונג פון 29טן נאָוועמבער צו די אַראַבער. עטלעכע מאָל האָט מען אונדז גאַנץ אינטענסיוו רעווידירט אויף דעם וועג, ווײַל די גאַנצע זאַנע איז געווען אַ מיליטערישע און זייער ניט ווײַט פון פראָנט. יידן רעווידירן יידן! ס׳איז אינטערעסאַנט.

עכו האָט געהערט צו שבט אשר, אָבער קיין צו גרויסע יידישע באַפעלקערונג איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען. זי איז אַ טיפּישע פעניציאַנישע פּאָרט־שטאָט. זי געפינט זיך אין צפון־זײַט פון חיפה און איז פון אייביק אָן אַ קאָנקורענט צו חיפה. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אויף עכו איז שיין צו קוקן, אין חיפה איז שיין צו בלייבן. אויף אַנדערע שפּראַכן הייסט עכו (לייען אקאָ) אַקרע. זי האָט אַמאָל געהייסן פּ ט אָ ל מ ע א ס אויף דעם נאָמען פון אַ פּטאָלמעוס (תלמי), וואָס האָט זי אײַנגענומען. עס זײַנען דאָ פאָרגעקומען קאַמפן און אינטריגעס. דאָ האָט יהונתן המכבי אונטערגעקויפט דעמעטריוסן, אַז ער זאָל אים מאַכן פאַר כהן גדול און דאָ האָט טריפון דערמאָרדעט דעם זעלביקן יהונתן. רבן גמליאל האָט דאָ געהאַט וויכוחים מיט גריכישע פילאָזאָפן. ר׳ שמעון בן גמליאל האָט דאָ אַ לאַנגע צײַט געלעבט. דאָ איז אײַנגעפירט געוואָרן אַ גריכישער געצנדינער־קולט און דאָ איז געווען אַ באַרימטע באָד פון אפראָדיטאַ.

נעבן עכו איז פאַראַן אַ נייער קיבוץ א. נ. „היוצרים” און ניט ווייט פון דאָרט איז פאַראַן דאָס באַרימטע „פערסישע הויז” פון דעם גרינדער פון אַ סינטעטישער רעליגיע, דעם פערסישן נביא ב ה א א ל ל א, וואָס האָט אין דער מיט פון 19טן י. ה. זיך דערקלערט אַלס משיח. די דאָזיקע רעליגיע האָט אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען ווי: שאַפן איין אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, אויסגלייכן די רעכט פון מענער און פרויען, איינפירן אייביקן שלום. בהאָ אַללאָס זון א ב א ס ע פ ע נ ד י, וואָס זיין קבר געפינט זיך אויף דעם הר־הכרמל אין חיפה, האָט פאַרגעזעצט דעם פאָטערס קאַמף. דער אינטערנאַציאָנאַליזם פון אָט דער רעליגיע דריקט זיך אויס אין דעם פאַקטישן זאָג, אַז ליכט איז גוט, פון וואַנען עס זאָל נישט קומען. אַ רויז איז שיין פון יע־ן גאָרטן און דער גלאַנץ פון די שטערן איז אַלצייַנס אין מזרח און אין מערב.

מיר זיינען קודם־כל אַריינגעפאָרן אין שטאָט עכו. אַ טיפּישע אַראַבישע שטאָט. אָן ביימער, אַ פאַרלאָזטע און אַ פאַרוואָרלאָזטע. די יידישע אָקופּאַציע מאַכט האָט שוין אַביסל ריין געמאַכט. פריער איז געווען נאָך ערגער. אין שטאָט זיינען געבליבן ווייניק אַראַבער און זיי האָבן אויסגעזען מיר און ניט זיכער. אַ סך הייזער זיינען געווען צעריסן. מען האָט זיך דאָ געשלאָגן הויז ביי הויז. די געבליבענע האָבן אויסגעזען ווי מענטשן, וואָס זיינען איבערגעשראָקן, ווייל זיי פילן זיך זינדיק. זיי זיינען געזעסן אויף די שוועלן פון די הייזער און אויף די טרעפּ און אין גאָרטן און סתם אין מיטן וועג. עס האָט געווייעט מיט וויסטקייט פון זיי און אייניקע האָבן דערמאָנט אין די שאקאלן, וואָס איך האָב צוריק מיט עטלעכע טעג געזען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן פון תל אביב. די קראָמען, וואָס געפינען זיך אָפּט אונטער דער ערד זיינען געווען וויסט און פוסט.

אַ יונגער אָפיצער האָט אונדז איבערגענומען און געפירט צום מפקד (קאָמענדאַנט) פון דער גאַנצער זאָנע. דער קאָמענדאַנט האָט אויסגעזען ווי אַ בחור פון עפּעס אַריבער דרייסיק, אַ זיכערער אין זיך, אַ פעסטער. ער האָט זיך געהאַלטן גאַנץ פריינטלעך מיט די אָפיצערן און די סאָלדאַטן האָבן זיך געהאַלטן גאַנץ פריי אין זיין אָנוועזנהייט, אָבער עס האָט ניט געפעלט קיין ווירדע פון זיין זייט און קיין דיסציפּלין פון זייער זייט. ווען האָבן זיי זיך דאָס אַלץ אויסגעלערנט? גערעדט האָט דער קאָמענדאַנט מיט מיר העברעאיש, אָבער ער האָט פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ זאַפטיק יידיש וואָרט מיט אַ שאַרפן ליטווישן אַקצענט. נאָך אַ קליינעם דורכשמועס, האָט דער קאָמענדאַנט אונדז געגעבן טאַקע דעם

זעלבן אָפּיצער, וואָס האָט אונדז געבראַכט, אַז ער זאָל אונדז פירן אין דער פעסטונג.

איך האָב זיך דערווייל אַרומגעקוקט אויף דעם הויפּטשטאַב פון דער געגנט (מטה־צבאי אויף העברעאיש), וואָס געפינט זיך אין זעלביקן הויז, ווו עס איז געווען די ענגלישע קאָמאַנדאַטור. די אויפשריפט איז פאַרבליבן ווי געווען — פריער אויף ענגליש, דערנאָך אויף אַראַביש און דערנאָך ערשט אויף העברעאיש. אויף העברעאיש איז אָנגעשריבן גרייזיק — „עכה״ אַנשטאָט „עכו״. ניט געווען קיין צייט צו פאַרריכטן. אינעווייניק זיינען פאַראַן אַ סך ביוראָען און אַ קליינער קאַרצער, גרויס ווי אַ שראַנק. דאָס איז פאַר אַ מאָמענטאַנעם אַרעסט, ביז וואַנען מען וועט אַריבערפירן. סאָלדאַטן זיינען געלאָפן אַרויס און אַריין. סאָלדאַטקעס זיינען אויך געווען. אויף די ווענט איז געווען אויפגעשריבן אַ רעגולאַמין און עס האָט זיך אין דעם געזאָגט, אַז די סאָלדאַטן טאָרן ניט אַריינגיין אין די פּריוואַטע צימערן פון די סאָלדאַטקעס (די פרויען אַרמיי הייסט „חן״ — חיל נשים). אויך דאָ זיינען אינדרויסן געזעסן אַראַבער. זיי האָבן געוואַרט אויף דער־לויבענישן ערגעץ אַריבערצופאָרן. אַנטקעגן איז דער ים און די פּליאַזשע (זאַמד־בערג). די העלקייט בלענדט דאָס אויג. דער ברעג קאָנקורירט דאָ מיט אַטלאַנטיק סיטי און מיט מאַר דעל פּלאַטאַ. פאַרוואָס מען האָט דאָ, סיי אין די אַלטע און סיי אין די נייערע צייטן געמאַכט אַ פעסטונג און אַ טיורמע? ווער ווייסט!

מיר זיינען אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג ביים פאַרלאָזטן זאַמד־ברעג און די רעדער פון דזשיפּ האָבן געשניטן גאַנצע בערג. און אָט זיינען מיר ביי דער סאַמער טיורמע.

צום ים קוקט אַ פעסטונג. אַ שטאַרקע, ברייטע, ציגלנע פעסטונג. מען דערקענט, אַז די שטאַרקסטע שיפן מיט די געפערלעכסטע געווערן קענען דאָ קיין סך זאַכן נישט אויפטון. ווייל זיי מוזן זיך געפינען אין אָפענעם ים און מען קען אויף זיי פריי שיסן, בעת זיי דאַרפן שיסן אויף ציגל, וועלכע זיינען ערשט דערצו באַדעקט מיט זאַמד־זעק. צי אַזאַ פעס־טונג איז אויך באַוואָרנט קעגן אַטאַקעס פון דער אַוויאַציע, ווייסן גרעסערע מיליטעריש פאַכלייט פון מיר. דער קאָמענדאַנט פון עכו האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט די פעסטונג געקענט איינהאַלטן יאָרנלאַנג מיט דער הילף פון עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן, די אַראַבער, אָבער, האָבן זי אָפּגעגעבן איינס און צוויי. מסתמא האָבן זיי זיך ניט געוואָלט שלאָגן און זיי האָבן אויך ניט געוווסט צוליב וואָס זיי דאַרפן די דאָזיקע פעסטונג איינעמען מיט

דער טיורמע, וואָס איז פריער געווען אין ענגלישע הענט. די ענגלענדער האָבן געדאַרפט האָבן די פעסטונג מיט דער טיורמע, די אַראַבער ניט.

דאָ האָט אונדז אויפגענומען דער מפקד פון דער טיורמע. איך דערמאָן זיך, אַז אויף רוסיש האָט אַזאַ מין מפקד געהייסן „נאַטשאַלניק טיורמי". איך געדענק זייער אַ סך ביטערע אַזעלכע נאַטשאַלניקעס. דער דאָזיקער מפקד פון עכו איז אַ גאַנץ ליבנסווירדיקער הײמישער בחור, אַ מיטלוויקסיקער, אַ געפּאַקטער, וואָס הייסט משה. אמת, מען רופט אים מיט דער ספרדישער הברה „מאָשע", מיט דעם טאָן אויף דער לעצטער זילבע, וואָס קלינגט שוין ניט אַזוי היימיש ווי אונדזער „מוישע", אָבער אינגאַנצן די אינטימיטעט ווערט ניט פאַרלוירן, ווייל ער אַליין איז אַן אינטימער בחור, וואָס רעדט העברעאיש — ספרדיש און יידיש גאָר היימיש.

צום אַלעם ערשטן האָט מיר דער קאָמענדאַנט פון דער טיורמע דערציילט אַביסל געשיכטע פון תפיסה. אַ געשיכטע, וואָס ציט זיך פון מיטלאַלטער אָן. דאָ איז אויך געווען אַרעסטירט זשאַבאָטינסקי. אַרעסטירטע זיבעציק חברה, בראש מיט אַ סטודענט פון אַרכעאָלאָגיע, האָבן דאָ אַנטדעקט אַ הייל, וואָס ציט זיך אויף צענדליקער מעטער. ס'איז אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. דערנאָך האָט דער קאָמענדאַנט מיר געוויזן די אַראַבישע געפאַנגענע, וואָס זיינען געלעגן אויף בעטלעך און אויף דער ערד, פוילע און גענעצנדיקע. עס האָט געווייעט פון אַלע מיט אָריענטאַלישער גלייכגילטיקייט און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי אַרט ניט, וואָס זיי געפינען זיך דאָ אַלס געפאַנגענע. וואָס איז דער חילוק וווּ מען זיצט מיט די פיס אונטער זיך — אין פעלד צי אין טיורמע? דאָרט רירט מען זיך ניט און דאָ רירט מען זיך ניט.

איך האָב געקוקט אויף די ריזיקע ווענט וואָס פאַרמאַכן דעם וועג צו דער וועלט פאַר די אַרעסטאַנטן. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי די מיטגלידער פון דער הגנה און אירגון האָבן געקענט באַוויזן ניט איינמאָל צו אַנטלויפן פון דאַנען. אויב מען קען פון אַזאַ פעסטונג אַנטלויפן, איז די בענקשאַפט נאָך פרייהייט אפנים אַזאַ עלעמענטאַרישער כוח ווי לעבן און וואַקסן. איך האָב אַמאָל געזען ווי אַ בוים האָט געשפּאָלטן אַ פעלדז און אין אַרויסגעוואַקסן פון אים. אַז מען וויל פרייהייט, קען מען אפנים אויך שפּאַלטן פעלדזן. די געפאַנגענע אַראַבער, וואָס אייניקע פון זיי זיינען טאַקע שפּיאָנען, וועלן פון דאַנען ניט אַנטלויפן, ווייל זיי בענקען ניט צו שטאַרק נאָך פרייהייט.

עס איז געשטאַנען אַ גרויסע היץ אין יענעם פרימאָרגן, ווען איך

האָב באַזוכט עכו, אָבער אין די גרויסע און קליינע קאַרצערס פון דער טיורמע איז געווען נאַס און קאַלט. דאָס דאָזיקע איז ניט צום איבערמאַכן די זון קומט אין די אַלע קאַרצערס ניט אַריין. אָבער ריין איז אין אַלע צימערן געווען אויסערגעוויינלעך. איך וואָלט געזאָגט עקזעמפּלאַריש ריין. אוודאי האָבן ריין געמאַכט די צימערן די געפאַנגענע אַליין, אָבער ווען די הערשער וואָלטן געווען אַראַבער, וואָלטן זיי קיינעם ניט געצוואונגען דאָס צו טון. די אַראַבער ווייסן נאָך ניט, אַז ווען מען האַלט זיך און יענעם אומריין, קען מען קראַנק ווערן. דער מפקד משה האָט מיר דערציילט, אַז די הגנה האָט איבערגענומען די טיורמע ווי אַ פאַרפעסטעטע נעסט און האָט זי מיט שווערער מי אויסגערייניקט.

עס זיינען געווען אויך קראַנקע צווישן די געפאַנגענע אַראַבער און זיי זיינען געלעגן אין באַזונדערע צימערן, אָבער זיי זיינען געווען אונטער דער אַבסאָלוטער מעדיצינישער אויפזיכט און עס איז אַלץ געטון געוואָרן צו פאַרהאַלטן דעם גאַנג פון די קראַנקייטן, וואָס אייניקע פון זיי זיינען גאַנץ אָנשטעקנדיקע. מען האָט זיך אויך אָנגעשטרענגט צו היילן די קראַנקע. ניט ביי די אַראַבער און ניט אפילו ביי די ענגלענדער האָבן סיי די געזונטע און סיי די קראַנקע, פרייע און געפאַנגענע זיך געפונען אין אַזאַ גוטן היגיענישן צושטאַנד.

גיב אַ ציטער, מענטש! מען פירט מיר אַריין אין דעם צימער, ווו עס שטייט די תליה. דאָ האָט מען אַ סך מענטשן געהאָנגען. די תליה אַליין זעט אויס ווי עפּעס אַ שטאַנג, וואָס איז ענלעך צו אַ האָקן, אויף וועלכן מען הענגט אויף אַ האַלבע בהמה אין אַ שלאַכט־הויז. עס איז אָבער ניט קיין האָקן, עס איז אַן אייזערנער אַפּאַראַט, וואָס האָט אַ פּעטליע, אין וועלכער מען טוט אַריין דעם פאַרמשפּטן מענטשנס קאָפּ, דער פאַרמשפּטער שטייט אויף אַזאַ מין טיש, וואָס ווערט צו דער ריכטיקער צייט אַוועקגענומען און דער מענטש בלייבט הענגען און דער איבערגאַנג פון לעבן צו טויט געדויערט מסתמא ניט מער ווי אַ פּאָר אויגנבליקן. און ווייטער — ווער ווייסט... ווען דער געהאָנגענער איז שוין טויט, ווערט געגעבן אַ דריי ביי דעם האָקן און דער קערפּער פאַלט אַראָפּ. אונטן איז פאַראַן אַ טירל אין אַ קליינעם קעלער אַריין. דאַרף מען עפענען דאָס טירל בכדי דער מענטש זאָל אַריינפאַלן אין קעלער אַריין. אָט די איידעלע אַרבעט פון עפענען דאָס קעלער־טירל פלעגט ביי די ענגלענדער דאַרפן טון דער שעף פון דער טורמע אַליין. פאַר יעדן קאָפּ האָט ער באַקומען פינף פונט. שפּעטער, אַז די שעפן האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם

לוין, האָבן זיי באַקומען שוין נישט פון יעדן קאָפּ, נאָר אַ גלאָבאַלן לוין פון 120 פונט אַ חודש. זיך אָפּזאָגן פון זיין אָנטייל בעת דעם פּראָצעס פון הענגען און פון דער איידעלער אַרבעט פון עפענען דאָס קעלער־טירל האָט זיך דער שעף פון דער טורמע נישט געקענט. אויך דער יידישער שעף פון דער טורמע, דער מפקד משה, זאָגט מיר, אַז מען דאַרף ניט פאַרלייקענען, אַז זייער אַ סך ענגלענדער האָבן זיך פון זייערע פּאָסטנס אָפּגעזאָגט, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט עפענען דאָס טירל. דאָ, זאָגט מיר דער מפקד משה, האָט מען געהאָנגען דוב גרונערן און זיינע חברים און נאָך אַ סך אַנדערע יידן. איך שטיי אַ רגע אַ שווייגנדיקער און מיר ווייזט זיך אויס, אַז איך זע די אַלע געהאָנגענע, פריער אויף דעם האָקן און שפּעטער אין קעלער. די נאַסע קעלט נעמט מיך דורך, דאָס בלוט הויבט מיר אָן גליווערן און דער נאָך קאָכן. איך דריי זיך אויס און לויף אַרויס, נאָך מיר לויפט נאָך מיט פעסטע טריט דער שעף, מיין שאָפער און דער יונגער אָפיצער, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט מיט מיר מיטגעשיקט. נאָך עטלעכע מענטשן זיינען נאָכגעגאַנגען. איך האָב גאָרניט באַמערקט, אַז זיי זיינען דאָ. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ ספּעקטאַקל, וואָס איך זע אַליין...

מיר זיינען געגאַנגען ווייטער ביז מיר זיינען צוגעקומען צו זייער אַן אינטערעסאַנטער אָפּטיילונג. מיר זיינען אַריין אין הויף, וווּ עס געפינען זיך די משוגעים.

עכו איז טאַקע אַ טורמע. אָבער אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס אויך אַ משוגעים־הויז. אין נאָענטן מזרח פעלן ניט קיין משוגעים, אָבער משוגעים־הייזער זיינען דאָרט ניט פאַראַן גענוג. האָבן זייער אָפט די אַראַבער זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט זייערע משוגעים און זיי האָבן זיי אַריינגעזעצט אין טורמעס. אַזוי אַרום איז אין עכו פּאַוואָליע געשאַפן געוואָרן אַ אָפּטיילונג, וואָס איז אייגנטלעך אַ משוגעים־הויז. פאַראַן דאָרט משוגעים, וואָס האָבן פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט דעם דרויסנדיקן לעבן. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף איין משוגענעם, וואָס געפינט זיך שוין דאָרט אַ משך פון 23 יאָר און ער ווייסט נישט, צי ער האָט עלטערן, שוועסטער, ברידער. ער ווייסט שוין אפילו ניט מסתמא, וואָס דאָס מיינט אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער.

די מערסטע משוגעים זיינען אין עכו זייער רואיק, אָבער עס פּאַסירט אַמאָל, אַז איינער פון זיי ווערט ווילד, פאַרשפּאַרט מען אים אין אַן איינצלנעם קאַרצער, וואָס זעט אויס בוכשטעבלעך ווי אַ שאַפע. ווי אַזוי

די פאַרשפּאַרטע ווערן דאָרט ניט דערשטיקט, האָב איך ניט פאַרשטאַנען. מען האָט מיר אָבער אָנגעוויזן, אַז עס דאָרט פאַראַן אַ ווענטילאַציע אַזאַ, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט צו אָטעמען. פריער האָט איינער פון מיינע באַגלייטער זיך געלאָזט דאָרט פאַרשפּאַרן, דערנאָך האָב איך אַליין שוין אויך געפּרוּווט און איך בין געווען אין אָט דעם שאַנק אַ פּאָר מינוט. אפשר האָב איך זיך אַליין באַשטראָפט דאָ פאַר באַגאַנגענע, אָדער גע־שריבענע משוגעתן. אייגנטלעך האָב איך די גאַנצע זאַך געוואָלט פאַר־וואַנדלען אין אַ שפּאַס, בכדי צו פאַרטרייבן דעם וויסטן טרויער, וואָס דאָס תליה־צימער האָט אויף מיר אָנגעווייעט, אָבער עס איז ניט גע־לונגען, די שאָטנס פון די געהאָנגענע זיינען מיר נאָכגעגאַנגען.

דער מפקד משה האָט מיר אָנגעוויזן, אויף אַ גאַנצער ריי גאַנץ אינטערעסאַנטע משוגעים און ער האָט מיר אָנגעוויזן, אַז זיי האַלטן זיך אַ סך ריינער ווי די קלאָרע אַראַבער. עס איז געלונגען זיי אויסצו־לערנען זיך צו האַלטן ריין. אייניקע פון זיי האָבן נייגונגען צו פאַרשידענע אַרבעטן. איינער פון זיי האָט אַ נייגונג צו פלאַנצן בלומען און ער האָט דאָרט געשאַפן אַ וואונדערלעכן בלומען־גאָרטן, וואָס זעט אויס אין דער גאַנצער סביבה ווי אַ חוזק און ער איז דאָך שיין.

אַ מאָדנע געשעעניש: אין דער משוגעים־אָפּטיילונג האָט מען דעם שעף פון דער טורמע גערופן צו עפּעס אַ דרינגנדיקער באַראַטונג און ער האָט זיך געדאַרפט געזעגענען מיט מיר. האָט ער דאָס געמאַכט זייער פריינטלעך און זייער האַרציק און ער האָט מיר געוואָלט אַרויסווייזן עפּעס אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט. נעמט אַ יידישער שרייבער אַזש פון אַרגענטינע און קומט אין לאַנד אַריין דווקא דעמאָלט, ווען אומעטום איז פּראָנט און מען שיסט אומעטום און מען קען אומעטום דערהרגעט ווערן. דער מפקד האָט די גאַנצע צייט געטראָגן אַ געלן שטעקן מיט אַ שוואַרצן קעפּל אַזוי ווי אַ האַק. דעם דאָזיקן שטעקן האָט טאַקע געמאַכט אַן אַרעסטאַנט. האָט ער גענומען דעם שטעקן און ער האָט אים מיר אַוועקגעשאָנקען. דער מאָמענט האָט אפּנים אויסגעזען גאַנץ פייערלעך. די משוגעים האָבן זיך צוגעקוקט און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב דער מפקד אַליין שענקט מיר אַוועק זיין שטעקן, איז אַ סימן אַז איך בין גאָר אַ וויכטיקער מענטש.

און איין משוגענער האָט דעם שעף אַוועקגערופן און אים געזאָגט, אַז ער האָט געהערט און אַלע זיינע חברים ווייסן שוין, אַז די יידן האָבן געזיגט און אַז זיי האָבן שוין אַן אייגענע מלוכה. און אָט דער משוגענער

האָט געוואָלט וויסן, צי דער דאָזיקער מאַן וועמען דער עלצטער פון דער טיורמע האָט אוועקגעשאָנקען זיין שטעקן, איז טאַקע אַליין דער מלך פון „יהודה", צי ער איז אַ שני־למלך.

ווען איך האָב דעם דאָזיקן עפּיזאָד דערנאָך דערציילט אין תל אביב מיינע פריינט, האָט דאָס געמאַכט זיי אַ סך שפּאַס און איינער פון זיי האָט געמאָלדן אַלע מיינע אַמאָליקע פריינט, וואָס געפינען זיך אין ארץ ישראל, אַז די משוגעים פון עכו האָבן מיר געקרוינט פאַר מלך.

דער שפּאַס איז אַ שפּאַס, אָבער מאָדנע איז אָט וואָס: אפילו די משוגעים פון עכו האָבן זיך שוין דערוווּסט, אַז עס איז שוין פאַראַן אַ ייִדישע מלוכה. און נאָך מערקווירדיקער איז, וואָס דער דאָזיקער משוגענער, וועלכער האָט די דאָזיקע פראַגע געשטעלט דעם מפקד משה, איז טויב אַבסאָלוט ווי די וואַנט און ער פאַרנעמט קיין שום קלאַנג ניט. פון וואַנען האָט דאָס דער דאָזיקער לחלוטין טויבער „געהערט" און פון וואַנען האָבן זיך דאָס די משוגעים דערוווּסט?

יאָ, די משוגעים פון עכו ווייסן שוין אויך...

מיר זיינען שוין געפאָרן אויך אין דער קאָלאָניע נהריה, וואָס דייטשע ייִדן האָבן אויסגעבויט. דאָס איז אַ קאָלאָניע אַ פּערל. מען דערציילט אַ סך וויצן וועגן דייטשע ייִדן אין ארץ ישראל און אייניקע גאַנץ בילדלעכע אויך. מען זאָגט, אַז דייטשע ייִדן זאָגן אין ארץ ישראל ניט „ומפּני חטאנו גלינו מארצנו", נאָר „גלינו לארצנו"... אָבער מען קען ניט לייקענען, אַז די דייטשע ייִדן זיינען זייער אַרבעטזאַם און אַז אין זייערע קאָלאָניעס בליט סיי אַגריקולטור, סיי אינדוסטריע, סיי קונסט געוועב. מען וויצלט זיך וועגן דעם, וואָס דייטשע ייִדן לערנען ניט אוים קיין העברעאיש. די ערשטע צייט פלעגן זייערע קינדער אויך ניט קענען קיין העברעאיש. און מען דערציילט, אַז ווען עס איז געקומען אַ אונ־דזעריקער ייִד, האָט אַ יעקיש קינד געקענט אַ זאָג טון: „פּאַפּאַ, איין יודע איז געקאָמען". ווען די „יון" האָט באַשלאָסן, אַז עכו און נהריה ווערן אַראַביש, האָבן זיך די איינוווינער פון נהריה גאַנץ פיין דערשראָקן, אָבער קיין וויץ האָט וועגן דעם ניט אויסגעפּעלט. מען האָט דערציילט, אַז ווען די נהריהער זיינען געקומען צו וויצמאַנען, האָט ער זיי געזאָגט: „האַבן זי קיין אַנגסט, נהריה איזט אונד בלייבט דויטש"...

נהריה האָט בעת אונדזער אָנקומען אַהין געהאַלטן נאָך אַ ריי שווערע קאַמפן און איז אויך דעמאָלט געווען ניט ווייט פון פראָנט. דער הויכער וואַסער־טורעם, דער העכסטער אין גאַנצן לאַנד, איז געווען אָפּ־

געפּאַרבט אַזוי, אַז מען זאָל אים ניט באַמערקן. דער מוזיי, וועגן וועלכן מען דערציילט נסים, איז געווען באַהאַלטן און דער גלאַנץ האָט געפעלט. אָבער קיין אַלדאָס גוטס האָט ניט געפעלט. און נהריה האָט באַזאָרגט די יידישע אַרמיי אין עכו מיט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן טייל שפּייז. מען האָט אויך דערציילט ווי יום־טובדיק נהריה האָט אויפגענומען די באַפרייע־רישע אַרמיי און ווי אַזוי די עלטערע „יעקעס" האָבן געמאַכט אַ אָנ־שטרענגונג צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער אין העברעאיש. גיבן מילך, פּוטער, קעז און אייער און אפילו בלומען איז זיי גרינגער אָנגעקומען ווי די עטלעכע העברעאישע פראַזן.

צום ים צו געפינט זיך די שול פון נהריה און דאָרט זיינען דעמאָלט געווען קינדער־עולים, וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט יידיש, רומעניש, פראַנצויזיש און פויליש. אַ ניט לאַנג חתונה געהאַט לערער־פּאָרל האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער שול. ער — אַ האָלענדישער ייד, וואָס האָט אויסגעלערנט העברעאיש און זי אַ טאָכטער פון איינציקן בונדיסטן־פּאָר אין תל אביב. דער שאָפער האָט אונדז ביים צוריקקער קיין תל אביב אַריינגעפירט צו די בונדיסטישע עלטערן אין שטוב און די מו־טער האָט רק געוואָלט וויסן, צי די טאָכטער האָט שוין אַ בייכל. די טאָכטער האָט אונדז בפירוש אָנגעזאָגט מיר זאָלן דערציילן דער מאַמען, אַז זי איז מקיים דאָס געבאָט פון אינגוויינקסטער עליה, אָבער בעת די בונדישע מאַמע האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן, האָט זיך די סירענע צעפייפט און מען האָט געדאַרפט לויפן אין שעלטער אַריין, און געדענקט האָט זיך גראָד ניט אַזוי נהריה, ווי עכו. עס האָט אונדז ניט געקענט ארויס פון קאָפּ די מאָדנע מעשה מיט די אַרעסטאַנטן און די משוגעים פון דער פעסטונג, וואָס האָבן ניט נאָר געוווסט, אַז עס איז שוין דאָ אַ יידישע מדינה, נאָר אַז די יידן האָבן שוין געזיגט. איבער־הויפּט האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט דאָס דערהערט דער משוגענער, וואָס איז טויב ווי די וואַנט און עס איז ניט פאַראַן דאָס קול, וואָס ער זאָל דערהערן. ער האָט ניט געהערט אפילו ווען מען האָט געשאָסן אין דער פעסטונג אַריין מיט שווערע קאַנאָנען און מיט דעם לייכטן קאַנאָנדל „דודקע", וואָס מאַכט אַזאַ רויש, אַז די גאַנצע וועלט גיט זיך אַ טרייסל. דעם ווילדסטן רויש האָט יענער טויבער משוגענער ניט געהערט און אַז יידן האָבן שוין אַ מדינה און זיי האָבן געזיגט — האָט ער געהערט...

IX

הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל

ויהי ערב ויהי בוקר.

איך בין שוין דעם זיבעטן טאָג אין ארץ ישראל. קיין איבערזעטיקייט ווי אין אַרגענטינע איז ניטאָ, אָבער קיין צו־שטאַרקער מאַנגל ווי אין רוים, איז אויך ניטאָ. עס איז דאָ פּוטער, עס איז דאָ צוקער, עס איז דאָ גוט און געשמאַק ברויט, אַן איי איז אַמאָל יאָ און אַמאָל ניטאָ, אָבער מער יאָ ווי ניט. פיש פעלט ניט. פליייש איז אויך דאָ אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך און אפֿשר נאָך מער. מען זעט דאָ און דאָרט אַ ריי ביי אַ מאַרק, אָדער אַ שפּייז־קראָם, אָבער ניט קיין צו־גרויסן. מענטשן, וואָס קומען פון קיבוצים און פון קאָלאָניעס און שטעטלעך דערציילן, אַז דאָרט איז נאָך בעסער. דאָס לאַנד האָט, זאָגט מען, נאָר זיבעציק פּראָצענט פון דעם, וואָס עס דאַרף האָבן. עס איז אין מלחמה, אַ סך פון די דאָזיקע, וואָס דאַרפן אַרבעטן, זיינען אויף דעם פראָנט, די קאָמוניקאַציע איז אויף אַ סך ערטער איבערגעריסן און פונדעסטוועגן איז ניטאָ קיין מאַנגל. און אַז מען פרעגט פאַרוואָס, ענטפערט מען: „פאַרלאָזט אייך אויף יידן!" אייניקע זאָגן אויך: „פאַרלאָזט אייך אויף יידישע סוחרים". מען דערמאָנט צו גוטן דעם סוחרישן טאַלאַנט ביי יידן. אַלץ וואָס מען קען, מוז אויסגענוצט ווערן און עס קומט צוניץ. אייניקע האָבן מורא, אז ס'איז דאָ פאַראַן צופיל טאַלאַנטן ביי יידן, אָבער די גאַנצע שווערע אַרבעט טוען דאָך אויך נאָר יידן.

אַראַבער באַרימען זיך מיט נצחונות, אָבער קיין זאַך ביים נאָמען רופט מען ניט אָן. און יידן האָבן נאָך עכו פאַרנומען סאַראַפענד. דאָס איז אַן ענגלישער לאַגער נעבן אַן אַראַבישן דאָרף מיט דעם זעלביקן נאָמען. דורך דעם פאַרנעמען סאַראַפענד איז פריי געוואָרן דער וועג קיין דרום; ראשון לציון, נס ציונה, רחובות און די ארומיקע צענדליקער ישובים זיינען טיילווייז באַפרייט פון אַראַבישן דרוק און זיי קענען זיך אָן שטערונגען קאָמוניקירן מיט תל אביב. די ענגלענדער האָבן געהאט פאַרקויפט די יידן סאַראַפענד פאַר אַ גאַנץ באַדייטנדיקער סומע, דערנאָך האָבן זיי

חרטה געהאַט. זיי האָבן געטון אַלצדינג, די ענגלענדער, אַז זייערע „פריינט״, די אַראַבער, זאָלן האָבן פּאָזיציעס און קענען גיין אין פייער אַריין. די ענגלענדער האָבן געהאָלפן טויזנטער אַראַבער צו אומקומען אין פייער. אַראַבער באַרימען זיך, אַז די אַלטע שטאָט ירושלים וועט אינגיכן זיין אין זייערע הענט. אַ יידישער אָפיציר זאָגט מיר: „סטראַטעגיש האָט די אַלטע שטאָט קיין שום ווערט ניט פאַר אונדז. די הונדערט טויזנט יידן וואוינען אין דער נייער שטאָט און זיי זיינען דער עיקר״... אָבער אין זיינע אויגן זיינען דאָ טרערן. און דער אויסערן מיניסטער שערטאָק פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס די אַראַבער באַשיסן דעם ניט־געמויערטן טייל פון דער שטאָט, דעם העברעאישן אוניווערסיטעט און דעם שפּיטאָל „הדסה״, וואָס געפינען זיך אין דער נייטראַלער זאָנע. שערטאָק דער־קלערט, אַז פון איין זייט פאַרהאַנדלען אַבדולאַס פאָרשטייער וועגן וואַפנשטילשטאַנד און פון דער אַנדערער זייט אַטאַקירן זיי נייטראַלע זאָנעס. מען דערקענט פון וואַנען דער פיש שמעקט און ווער עס לערנט די אַראַבער אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט דורך פאַרהאַנדלונגען און צו געווינען פּאָזיציעס דורך באַשיסן נייטראַלע און הייליקע זאָנעס. די אַראַבער האָבן ניט מורא צו אַטאַקירן די הייליקע קריסטלעכע געגנטן, ווייל די קריסטן וועלן זאָגן, אַז די יידן האָבן עס געטון... אָבער מען פילט אַ שרעק פאַר דער אַלטער שטאָט. פּלמחניקעס, וואָס זיינען, דאַכט זיך, לינק שעבעלינק און האָבן באַציאונג נאָר צום נייעם ארץ ישראל, ווערן אויפגעקאָכט, ווען עס קומט צו רייד וועגן דער אַלטער שטאָט.

די סאָלדאַטן בכלל און די עקסטרעמען, די פּלמחניקעס און „אצל־ניקעס״ בפרט, האָבן מיך אָנגעהויבן אינטערעסירן און ממש כישופנדיק צוציען. ווער זיינען זיי, האָב איך געוואָלט וויסן, און פון וואַנען האָבן זיי אַזאַ כוח? איך האָב יאָרן לאַנג געזוכט יידישע יוגנט, וואָס זאָל זיין גרייט אויף אַ ביסל קרבנות פאַר יידיש און — ניט געפונען. דרייען זיך נאָך היינט אַרום אין אַלע אַמעריקעס צענדליקער טויזנטער יונגעלייט וואָס קענען יידיש. זיי פאַרשטייען דאָס לשון, קענען אויך מער, אָדער ווייניקער ריידן אין דעם, קענען אויך אַ יידישן צורת אות, אָבער קיין לייענער פון יידיש ווערן זיי ניט, ווייל זיי זיינען ניט בכוח צו ברענגען אַ שטיקל קרבן און זיך אָנשטרענגען די ערשטע חדשים, ביים לייענען, כאָטש זיי וואָלטן דערנאָך געהאַט אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך. און דאָ גייען יונגעלייט אין פייער אַריין און מאַכן אַפילו ניט קיין אָנשטרענ־גונג איבער זיך. עס גייט זיך ביי זיי. און וואָס רייד איך פון יידיש? סוף

כל סוף האָט זיך דאָס יידישע פאָלק אין מזרח און צענטראַל און מערב אייראָפּע געלאָזט אויסקוילען. די פּאָר אויפשטאַנדן זיינען דאָך געווען אַ טראָפּן אין ים. דעם המן פון אונדזער צייט איז דאָך דאָס אויסראָטן אָנגעקומען אַזוי לייכט. אַפילו מרדכי פון דער מגילה האָט זיך מער געוועהרט. מען קוילעט יידיש, מען קוילעט יידן, מען קוילעט יידישקייט און — גאָרניט. און דאָ, אין ארץ ישראל, פירט מען אַ שטענדיקע מלחמה מיט דער ערד, מיט דעם שכן, מיט דעם אימפּעריאַליסטישן שונא און מען וועהרט ניט מיד. זיין אַ העלד אַ קורץ שטיקל צייט איז ניט אַזוי שווער — האָט י. ח. ברענער געזאָגט זייער ריכטיק — ווי זיין אַ שטענדיקער העלד. און דאָ איז מען העלדן שוין צענדליקער יאָרן. העלדן אין קאַמף און אין דער אַרבעט.

— זייט ווען קעמפט מען דאָ?

— זייט די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

און מיט וועמען קעמפט מען דאָ?

— מיט וועמען ניט? מיט טערקן, מיט אַראַבישע שייכן, מיט בעדואינישע גנבים, מיט דער ערד, מיט יידן...

— מיט יידן?

— יאָ, מיט יידן. אַ סך יידן האָבן דאָ מיט אַריבער פיר צענדליק יאָר צוריק געקעמפט מיט יידישע אַרבעטער. באַלעבאַטישע יידן, טאַקע ציוניסטן אויך, האָבן ניט געגלייבט אין דער פעאיקייט פון יידן צו אַרבעט, זיי האָבן דווקא געוואָלט אַראַבישע אַרבעטער. מען האָט דאָך פון פּתח תקוה אַרויסגעטריבן יידישע אַרבעטער און געשוווירן אין שול, אַז מען זאָל זיי ניט אַריינלאָזן. א. ד. גאָרדאָן, וואָס איז אַליין געווען אַ פרומער ייד און וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן פאַר אַ מנחה, האָט געזאָגט, אַז דער גירוש פּתח תקוה איז פאַר אים ערגער ווי דער גירוש שפּאַניע... דעם באַראָן ראָטשילדס פאַרוואַלטער, יאָ דעם לעגענדאַרישן נדיב הידועס מענטשן, האָבן ניט געוואָלט ניט קיין יידישע אַרבעטער און ניט קיין יידישע שומרים. דער גרינדער פון „השומר", יצחק בן צבי, האָט אין יאָר 1939 געוואָרפן דעם לאָזונג בדם ואש יהודה נפלה, בדם ואש יהודה תקום — אין בלוט און פייער איז יהודה געפאַלן און אין בלוט און פייער וועט יהודה אויפשטיין. און די יידישע באַלעבאַטים האָבן די ערשטע צייט ניט געוואָלט נוצן די יידישע שומרים און דווקא זיי האָבן געדונגען אַראַבישע. און דעם באַראָן ראָטשילדס מענטשן האָבן אויך געדונגען נאָר אַראַבישע שומרים. און זייער דאָזיקער פאַקט האָט געקאָסט לעבנס. די

שומרים האָבן זיך ענדלעך אימפּאָנירט, אָבער ווי טייער דאָס האָט גע־קאָסט! און וויפל העראָיזם די ערשטע שומרים האָבן באַוויזן! טאַקע איך אַליין האָב זיך דאָ באַקענט מיט פרויען און מענער, וואָס זיינען געווען די סאַמע ערשטע שומרים. אויך פרויען זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך מיט דער ביקס. איין פרוי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט חתונה גע־האַט אונטער אַ חופּה פון פיר ביקסן און באַלד נאָך דער חופּה האָט זי געדאַרפט לויפן אויף דעם פערד פאַרטיידיקן איין ישוב און דער חתן — אַ צווייטן. ווו נאָך האָט מען געהיט מיט אַזויפיל אַקטיוון מסירת נפש דאָס יידישע לעבן ווי דאָ?

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט ליקווידירט דעם „השומר" און די מערסטע דערגרייכונגען פון דער בילו־עליה און פון דער צווייטער עליה. אָבער דער גייסט איז געבליבן, דער העלדישער גייסט פון שמירה און — הגנה, כאָטש דאָס דאָזיקע צווייטע וואָרט איז געקומען שפּעטער. אין צייטן פון טערק האָבן אַראַבער סתם געוואָלט גנבענען. ווי די מערסטע זין פון מדבר איז ביי זיי גנבה אַ הויפּט מקור־פּרנסה. בעדואינער בעטן גאָט איידער זיי גייען גנבענען. אַז גאָט העלפט אַמאָל ניט און יידן שטערן — איז פאַרפאַלן.

באַלד ווי ענגלאַנד איז געקומען אין לאַנד אַריין, האָבן אַראַבער גענומען באַקעמפן די יידן ניט נאָר צוליב גנבה־טעמים, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, נאָר צוליב „נאַציאָנאַלע" טעמים. ס'איז געוואָרן אַ כשרער טאָפּ און אַ כשרער לעפל. מען האָט געגנבעט אונטער אַ נאַציאָנאַלן מאַנטל. און פּונקט ווי די צווייטע עליה האָט אַרויסגעגעבן אַ לעגענדאַ־רישן העלד אין דער פּערזאָן פון א. ד. גאָרדאָן, דער אַפּאָסטאָל פון אַרבעט, פּונקט אַזוי האָט די דריטע עליה אַרויסגעהויבן אַ לעגענדאַרישן העלד אין דער פּערזאָן פון י. טרומפּלדאָר, דער אַפּאָסטאָל פון מלחמה. איינער פון די געציילטע יידן־אָפיצירן אין דער צאַרישער רוסישער אַרמיי איז ער געווען. אַ האַנט האָט ער פאַרלוירן אין רוסיש־יאַפּאַנישן קריג און ער איז געוואָרן דער לערער פון פירן מלחמה פאַר דער ארץ ישראל יוגנט. ער האָט זיך באַזעצט אין כפר גלעדי, אין אויבערשטן גליל, ביי דער סירישער גרעניץ, וואָס איז שוין אַ צייט געווען פון יענער זייט ארץ ישראל, כאָטש מיר וויסן פון חומש, אַז עס איז געווען די נחלה פון שבט דן. דער אַראַבישער „פּאָליטישאַן" פון יענער געגנט, קאַמיל עפענדי, האָט זיך אַריינגעריסן מיט אַ באַנדע קיין תל חי (נעבן כפר גלעדי), קלוימערשט צו זוכן פראַנצויזן און טרומפּעלדאָר איז אומ־

געקומען איינינעם מיט א סך חברים, צווישן זיי צוויי ברויען. אָבער דער גייסט פון טרומפעלדאָרן איז געבליבן לעבן אין ארץ ישראל. רעוויזיאָניסטן פארופן זיך כסדר אויף טרומפעלדאָרן, כאָטש ער איז מיט זשאבאָטינסקין איניינעם געגאנגען ניט שטענדיק. די באַציאונג פון טרומפעלדאָרן צו זשאבאָטינסקין ווערט פארשידנארטיק אויסגעטייטשט. א פאקט איז, אז טרומפעלדאָר איז פארבליבן דער יידישער מלחמה־לערער אין ארץ ישראל. ער איז פארהייליקט ביי די מפאי׳ניקעס און מפמ׳ניקעס און ער איז פארהייליקט ביי די רעוויזיאָניסטן, פאר וועלכע תל חי איז פארבליבן א לאָזונג.

...און עס גייט אוועק א לאַנגע צייט פון א סך בלוט־פארגיסונג. די מערהייט פון ישוב איז איינגעגאַנגען אויף הבלגה, זיך באהערשן הייסט עס און ניט ענטפערן מיט קיין אָנגריפן אויף קיין אָנגריפן. די מינדער־הייט איז געווען פאר „עין תחת עין". און נאָך שפּעטער מיט יאָרן, ווען די נייטיקייט פון אן ארמיי האָט שוין קיינער ניט פארלייקנט, האָט נאָך דער קערן פון דער הגנה געהייסן „חים"־חיל משמר — וואך־מיליטער. ניט קאמף, נאָר וואך. דערנאָך איז געוואָרן „חיש"־חיל שדה — פעלד־ארמיי. נאָך אלץ ניט אָנגריפן. דער „פלמח" — פלוגת מחצה (אָנגריף־בריגאדע) איז ערשט אלט זיבן יאָר.

— וואָס זשע איז דער חילוק צווישן „אירגון" און „פלמח"?

— דער חילוק איז ניט נאָר אין אידעאָלאָגיע. פארשטייט זיך, אז פלמחניקעס זיינען סאָציאליסטן און אירגוניסטן זיינען עקסטרעם־רעכטע, וואָס אייניקע פון זיי זיינען אזוי, צי אנדערש אויך געווען אָנגעשמעקט פון פאשיזם. עס איז געווען א צייט, ווען מען האָט געמיינט, אז אויך דאָ קען זיך יידלען ווי עס קריסטלט זיך. היינט ציטערט א ייד אָפּ, ווען ער הערט דאָס וואָרט פאשיזם, און די דאָזיקע רעוויזיאָניסטן, וועלכע האָבן אמאָל אָנגעהויבן בראווירן מיט פאשיזם, האָבן זיך אויך דערשראָקן פאר דעם. זיי האָבן אָבער — ליידער — א קעגנטויז. דער ענגלישער לאבאָריזם איז דאָך סאָציאליסטיש און בעווין איז דאָך אויך א סאָציאַ־ליסט. און מען דארף זיין אין ארץ ישראל, בכדי צו זען, וואָס פאר א בלוטפארגיסער בעווין איז פאר די דאָרטיקע יידן! ער צאַפּט פשוט זייער בלוט. דער חילוק צווישן פלמח און אירגון איז חוץ אין פאָליטישע אָנשויאונגען אויך אין מעטאָדן. און וואַרשיינלעך קומען די מעטאָדן ארויס פון די פאָליטישע אָנשויאונגען. אירגון האָט געהאט אין פראָגראם אויך איבערפאל, פלמח האָט געהאט נאָר קאמף... אירגון האָט געהאט

אין פּראָגראַם רעוואַנש, וואָס מען האָט גערופן נקמה, אָדער גאָר טעראָר, פּלמ״ח האָט אָנגעגריפן פּאָזיציעס, וואָס ווערן אַ כּוח קעגן יידן, אָבער ער האָט קיין פּערזענלעכע חשבונות ניט געפירט.

— און וואָס זשע איז איצטער דער חילוק צווישן הגנה און אירגון?

— עס איז קיין חילוק ניטאָ.

— אַז עס איז קיין חילוק ניטאָ, טאָ פאַרוואָס זשע קעמפן זיי באַזונדער?

זיי קעמפן אינאיינעם.

— אינאיינעם אויך און באַזונדער אויך. יעדנפאַל קעמפן זיי ווי צוויי באַזונדערע קערפּערשאַפטן.

— אין איין טאָג ווערט ניט אויסגעבויט רוים.

— אָבער די אידישע מלוכה ווערט געבויט אין טעג און ווי לאַנג וועט זי קענען האָבן צוויי אַרמייען? ווער וועט פאַרזיכערן, אַז די דאָזיקע צוויי אַרמייען וועלן ניט אַמאָל פאַרפירן אַ קאַמף צווישן זיך?

ניטאָ ביי וועמען צו קריגן דעם ריכטיקן ענטפער. דער גאַנצער סאָציאַליסטישער צד קריגט קאָנוואולסיעס, ווען ער רעדט וועגן אירגון און בכלל וועגן רעוויזיאָניזם. און אירגוניסטן ריידן, דאַכט זיך, ווייניקער אָנגרייפעריש, אָבער ס׳איז אָנשטעל. פאַוואָליע אַזוי, ברייען זיי אויס אַז דער לינקער צד, אָדער דער „מאַרקסיסטישער״ צד ברענגט אום אַ דאַנק זיין צעקראָכנקייט און נאָכגיביקייט. און זיי דערווייזן, די רעוויזיאָניסטן, אַז מען טוט אַלצדינג, וואָס זיי פאַרלאַנגען, אָבער שפּעטער. זאָג איך צו איין רעוויזיאָניסטישן מנהיג:

— שטעלט אייך פאָר, אַז איינער פאַרלאַנגט מען זאָל געבן אַ קינד פון אַ פּאָר חדשים פלייש צו עסן און מען פאָלגט אים ניט, און אין פינף אָדער צען יאָר ארום זעט ער ווי מען גיט דעם זעלביקן קינד יאָ פלייש, מעג ער שרייען: „איך האָב דאָך דאָס געזאָגט פריער!״?

— דאָס יידישע פאָלק — ענטפערט ער מיר — איז פריער אויך ניט געוועזן קיין קינד...

ויהי ערב ויהי בוקר. ס׳איז געוואָרן א וואָך זייט די מדינת ישראל עקזיסטירט און זי איז קיין עין הרע אויסגעוואַקסן. די מיניסטעריומס אָרדנען זיך איין. מען קריגט שוין אַ טעלעפאָן־פאַרבינדונג נאָך אַ פערטל שעה געדולד, פריער האָט מען געדאַרפט צוויי שעה געדולד. יידן צאָלן שטייער און אייניקע מיט ענטוזיאַזם. יידן זיצן אַרעסטירט און זיי ווערן זיך ניט. זיי ווילן זיך אָפּבעטן ביי די וועכטער, אָבער ניט אַרויסרייסן

אויף כוח. עס ווערט אַ יידיש געריכט און אין קאַפּע־הייזער רעדט מען וועגן דער רעגירונג און אין די הייזער רעדט מען. ווער עס זאָגט, אַז די רעגירונג איז צו־ווייך און ווער עס זאָגט, אַז זי איז צו־האַרט. ווער עס זאָגט, אַז די אַרעסט־הייזער זיינען פול און די צענזור איז שטרענג און ווער עס זאָגט, אַז מען אַרעסטירט ווייניק און מען לאָזט צו פריי שרייבן אין די צייטונגען. וועגן קיין דיסציפּלין־ברוכן הערט מען ניט.

פיל איך דאָ ניט קיין נייגונג צו שטודירן דעם גאַנג פון דער מלוכה. סוף כל סוף האָבן יידן דאָ געלעבט אויטאָנאָם אונטער די ענגלענדער. זיי זיינען געשטערט געוואָרן אין דעם, אָבער ניט אַזוי פיל, אַז זיי זאָלן ניט קענען לעבן. געשטערט געוואָרן זיינען זיי צו קענען וואַקסן. זיי זיינען באַראַבעוועט געוואָרן אויף דעם ערגסטן אופן. מען האָט גענומען ביי זיי שטייער און זיי גאָרניט געגעבן. פּראָפּאָרציאָנעל האָט די רע־גירונג געגעבן די אַראַבער פילפאַכיק מער. אָבער מען האָט דאָך געלעבט אויך אונטער די ענגלענדער אין אַ יידישער מדינה. יעדער קיבוץ איז געוועזן פון פריער און איז איצטער אַ שטיק מדינה. אין גלות האָבן סוף כל סוף אויך די יידן טיילווייז פאַרוואַלטעט דאָס אייגענע לעבן. די יידישע מדינה וואַקסט טאָקע און געדייעט פון שעה צו שעה און פון טאָג צו טאָג, אָבער קיין צו־גרויס חריפות איז דאָס ניט. יידן גיבן ווייניקער גנבים און רו־שטערער ווי אַלע פעלקער אין דער וועלט. דאָס חריפות איז דאָס גיין אין קאַמף אריין אויף טויט און לעבן אז דאָס כסדרדיקע בויען נייע ישובים, וואָס איז אייגנטלעך אויך אַ קאַמף אויף טויט און לעבן און אַ פּערמאַנענטער.

און איך באַקען זיך מיט הגנה, פּלמח און איך פּרווו זיך באַקענען מיט אירגון. דאָס לעצטע געראָט מיר ווייניקער. שווער צוקומען צו דעם „אצל", וואָס עקזיסטירט, דאַכט זיך, שוין זייט ס'איז פּראָקלאַמירט גע־וואָרן די יידישע מדינה אָפן, און איז נאָך פּאַרט ניט גאַר לעגאַל. דער אירגון איז נאָך אַלץ אַ שטיק מלוכה אין אַ מלוכה. זיין שטאַב געפינט זיך באַהאַלטן, אָדער כאָטש פאַררוקט. ערגעץ ווייט נאָך דעם כרם התימנים אין תל אביב, אויף דעם וועג קיין יפו געפינט זיך איין קלוב פון אירגון און אַ צווייטער. און דער וועג איז אַהין שווער און מאַכט דעם איינדרוק פון סודותדיקייט. און דו דאַרפסט דורכגיין דורך עטלעכע קאָנטראָלן. צו הגנה, פּלמח און זייערע שטאָבן קומט מען אָן גרינגער און דורך ווייניקער קאָנטראָלן. און אַזוי פילקאָלירנדיק איז ער, דער „אצל". טרעפסט דאָרט אַזוי פיל תימנים און ספרדים און אַלערליי

עקזאָטישע יידן. און אַ תימנישער סאָלדאַט, אָדער סאָלדאַטקע האָט אַ פאַרדעכטיקן קוק אויף אַ צו־אייראָפּעאישן מענטשן... די יידישע אָפּי־צערן האָבן אונטער די ענגלענדער געמוזט טראָגן פּסעוודאָנימען אָנשטאָט נעמען. משה, יעקב, עוזי. גלייך עס וואָלט געווען אויף דער וועלט איין משה און איין יעקב און איין עוזי. אָבער מיט דער צייט האָבן די הגנה־אָפּיצערן געקראָגן נעמען. אָט ווייס איך פון די גענעראַלן, אָדער קאָלאָ־נעלן — יצחק שדה, י. גלילי, י. דורי (דאָסטראָווסקי), דוד שאַלתיאל, אליהו כהן, דן אבן (עפּשטיין), יגאל אלון (פּייקאָוויטש), יגאל ידין (סוקעניק), יוחנן ראַטנער, ישראל עמיר, יחזקאל שכר (סאַכאַראָוו), שלום עשת (אייזנשטאַט), שלום שמיר, יוסף אבידר (רוכל). אפילו די ביאָ־גראַפיעס פון די מערסטע פון זיי זיינען באַקאַנט און מען זעט זיי אַליין אין געוויסע פּלעצער, מען זעט זייערע בילדער אין זשורנאַלן. פון „אצל" הערט מען כמעט נאָר איין מנחם בייגין. איז עס נאָר צוליב קאָנפידענץ, צי איז עס אַ סיסטעם פון איין העלד?

און פונדעסטוועגן זיינען אין הגנה אליין אויך פאַראַן צווייערליי אַרמייען. פאַראַן סתם אַרמיי און פאַראַן פּלמח. הגנה מיינט אַרמיי בכלל, מיינט: פאַרטיידיקונג. „פּלמח" מיינט פּלוגת מחצה, אָנגריף־בריגאַדע. אָבער דער פּלמח איז אין אַ גרויסער מאָס אַ באַזונדער קערפּערשאַפט און כאָטש אירע גרויסע פאַרדינסטן לייקנט קיינער ניט, זאָגט מען, אַז בן גוריון וויל אָפּשאַפן אי דעם „אירגון", אי דעם „פּלמח". עס דאַרף זיין איין אַרמיי, זאָגט דער יידישער מדינה־שעף. דער „פּלמח" איז איבערהויפּט באַהערשט פון לינקערן צד, ניט קאָמוניסטן. די קאָמוניס־טישע פאַרטיי איז אַ זייער קליינינקע אין לאַנד. זי האָט ניט מער ווי אַ פּאָר הונדערט מיטגלידער. און ערשט איז זי געשפּאָלטן. פאַראַן אַן ארץ ישראלדיקע קאָמוניסטישע פאַרטיי און א העברעאישע (עברית) קאָמו־ניסטישע פאַרטיי. דער לינקערער צד אין ארץ ישראל איז ציוניסטיש, אָבער ער איז לינק־סאָציאַליסטיש און ער האָט געפאָדערט צו איינרייסן מיט די ענגלענדער, אפשר ניט ווייניקער ווי די רעוויזיאָניסטן. און מיר איז אַמאָל אַליין אויסגעקומען צו הערן פון יצחק שדה, וועלכן מען רופט דער פאָטער פון פּלמח, דאָס שאַרפע וואָרט, אַז דער מפא״י האָט געשטערט דעם פּלמח אין זיין קאַמף קעגן דער מאַנדאַטן־מאַכט.

אַ אינטערעסאַנטער מאַן איז אָט דער יצחק שדה, וועלכן מען זעט אומעטום. אָט זעט מען אים אויף שדרות רוטשילד און רחוב אלנבי, ווו ער האָט ניט ווייט זיין היים און זיין ביוראָ און אָט זעט מען אים אין

אַ דאָרף ביי אַ פּראָגנט און אַט זעט מען אים הינטער זעק מיט זאַמד. ער איז אַ מאַן פון קרוב צו זעכציק און ער האַלט זיך מיליטעריש פעסט און דאָס בערדל, וואָס ער טראָגט, גיט אים צו קאָליר. זייט 1946 האָבן אים די ענגלענדער געזוכט און ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד און פאַרשטעלט פאַר אַ פרומען יידן און ער איז אַזוי פאַרבליבן מיט דעם בערדל. מען האָט דערציילט אַ וויץ, אַז מען האָט אים אין אייגענעם שטאַב אמאָל ניט אַריינגעלאָזט, ווייל מען האָט אים ניט דערקענט, ביז איין סאָלדאַט האָט באַרשטאַנען, אַז ער איז אַ מיליטערישער רב... ער איז אין רוסלאַנד געווען אַ סטודענט פון סלאַווישע שפּראַכן, ער האָט זיך אין 1905 באַטייליקט אין סמאָלענסקער זעלבסטשוץ, אין ארץ ישראל איז ער געווען אַ שטיינהאַקער און — וואָס ניט? אין 1928 איז קיין ארץ ישראל געקומען דער ענגלישער „אינטעלידזשענדזש סערוויס"־אָפיצער, קאַפּיטאַן לאָרד טשאַרלז ווינגייט, וועלכער האָט זיין אויפגאַבע גענומען זייער ערנסט און ער האָט גענומען באַקעמפן די אַראַבישע באַנדעס. ער איז געווען רעליגיעז און פּראָ־ציוניסטיש און ער האָט אפילו געקענט אביסל העברעאיש. ער האָט איינגעם מיט יצחק שדה געשאַפן מיליטערישע פאָרמאַציעס פון יידן און ענגלענדער און די דאָזיקע פאָרמאַציעס זיינען געווען די פאָרגייער פון פלמח. אין 1936 איז שדה געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטערמאַן און אין 1940 האָט ער געגרינדעט דעם פלמח. וואָס איז באַזעצט געוואָרן אין און נעבן קיבוצים און האָט פופצן טעג אין חודש געאַרבעט און פופצן טעג געאיבט. דער פלמח האָט פריער געהאָלפן ענגלאַנד אין מלחמה קעגן די נאַציס. אַלץ הייסט געהאָלפן! געגאַנגען אויף זיכערן טויט קיין סיריע, אין מדבר. אין סיריע האָט דער נאַציזם געקראָגן אַ גוטע אכסניה און דריי און צוואַנציק פלמחניקעס האָבן דאָרט דורכגעפירט שליחות פאַר דעם פּרייז פון זייער לעבן.

גאַנץ פאַרביקע פיגורן זיינען די גענעראַלן גלילי, שאַלתיאל, דורי... גלילי אַ ברייטביינערדיקער בחור פון נאָך ניט פולע פערציק יאָר. ער שטאַמט פון פאָדאָליע, געקומען איז ער קיין ארץ ישראל אַ קינד און ער האָט קינדוויַיז נאָך אָרגאַניזירט אָרימע קינדער, וואָס האָבן געמוזט אַרבעטן און ער האָט זיי באַנאַכט געלערנט. דוב האָז איז געווען זיינער אַ לערער און אליהו גאָלאָמב האָט ביים אָרגאַניזירן די הגנה אים גענומען אַלס פאַרטרויאונגס מענטש. ער האָט אַרויסגעוויזן טאַלאַנט צו קאָנספּיראַציע און ווען ער האָט געוואָלט אַריין אין דער ענגלישער אַרמיי, האָט בן גוריון ניט געלאָזט, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אים

האָבן אין לאַנד. זיין זיידע איז געווען אַ שוחט אויך אין ארץ ישראל. ער איז אַ שאַטענער און בלוי־אויגיקער און ער האָט אַ העל און אויפריכטיק פּנים. ביים גרינדן די יידישע מדינה איז ער געוואָרן דער אדיוטאַנט פון בן גוריונען דעם קריגס־מיניסטער און שפּעטער איז ער באַזייטיקט געוואָרן, מסתמא, ווייל ער האָט געוואָלט צופיל אויטאָנאָמיע פאַר דעם פּלמח. גלילים פּלאַץ האָט פאַרנומען יעקב דורי (דאָסטראָווסקי), אַ עטוולער און פּערפעקטער מיליטערמאַן, אַ געשולטער. ער האָט געענדיקט די מיליטערישע אַקאַדעמיע אין די פאַריייניקטע שטאַטן. ער איז מער דורכויסיקער מיליטערמאַן ווי אָרגאַניזאַטאָר. וועגן די צוויי יינגסטע גענעראַלן, יגאל אלון (פּייקאָוויטש) און יגאל ידין (סוקעניק) האָט מען גאָר דערציילט נסים. דער ערשטער איז געווען אַ מיטגליד אין קיבוץ און ער איז אַריין אין פּלמח ווי אַ פּשוטער סאָלדאַט און ער האָט געוואַקסן. ער האָט איינגענומען צפת מיט גרויס בריהשאַפט. אַראַבער זיינען דאָרט געווען פיר מאָל אזויפיל וויפל יידן. און די יידן זיינען ערשט געווען פון אַלטן דור, מקובלים, קלויז־זיצער. ער האָט אַטאַקירט מיט גוואַלדיקער געוואַגטקייט די הויפּט־פעסטונג פון די אַראַבער אין צפת און דעם ערשטן מאָל געליטן גרויסע פאַרלוסטן און דעם צווייטן מאָל האָט ער די פּאָזיציע איינגענומען. ער האָט דאָרט אָנגעווענדעט דעם קאַנאָן „דודקע", וואָס טראָגט בן גוריונס נאָמען. דער דאָזיקער קאַנאָן מאַכט אַ גרויסן רויש און די אַראַבער האָבן זיך פאַר אים מוראדיק געשראָקן און זיי האָבן באַשלאָסן, אז דאָס איז אַן אטאָמישע באָמבע און גראָד האָט גערעגנט אין דער צייט, ווען עס רעגנט געוויינלעך ניט אין צפת און די אַראַבער האָט מען געזאָגט, אַז די אַטאָמישע באָמבע רופט אַרויס רעגן און דאָס האָט דעציידירט. די אַראַבער זיינען אַנטלאָפן און האָבן איבערגעלאָזט אַלץ מיט אַנאַנדער און דערמיט איז אין אַ גרויסער מאָס געראַטעוועט געוואָרן דער אויבערשטער גליל. נסים האָט אויך באַוויזן יגאל ידין, וואָס האָט אויך געציילט ניט קיין סך מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט יאָרעלעך. אַ זון פון אַ פּראָפעסאָר פון ארכעאָלאָגיע, אַליין אַן אַרכעאָלאָג, אַ מאַגיסטער פון געשיכטע, איז ער געוואָרן איינער פון די באַדייטנדסטע מיליטערלייט. דוד שאלתיאל איז דער איינציקער ספרדישער ייד צווישן די גענעראַלן. אַ געבוירענער אין האַמבורג, אַ דערצויגענער אין ארץ ישראל און אין פראַנצויזישן פרעמדן לעגיאָן, איז ער געווען מיליטערישער דערציער ביי די חלוצים אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך און דערנאָך קאָמענדאַנט פון חיפה. ער האָט געדאַרפט פאַר־

וואַנדלען חיפה אין אַ טאַברוק. און ער איז געוואָרן דער קאָמענדאַנט פון ירושלים. ער האָט געהאַט קענען זיך דעם פאַררעטערישן ענגלישן מיליטערמאַן דזשאָן גלאָוב „פאַשאַ”, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם אַראַבישן לעגיאָן, מיט דער שטאַרקסטער אַראַבישער אַרמיי. דעמאָלט האָט מען דערציילט ניסים וועגן זיין זיכערקייט און פעסטקייט, שפּעטער האָט מען געהאַט טענות צו אים.

וואָס פאַר אַ גאַלעריע אייגנאַרטיקע און ערשטראַנגיקע מיליטערלייט, אויסגעוואַקסן עפּעס פון זיך אַליין. אין אייראָפּע זיינען די העכערע מיליטערלייט אַ קאַסטע, וואָס ציט אַ קייט פון דורות און דאָ איז מען אויסגעוואַקסן פון זיך אַליין און מען פירט אָן אַ מלחמה אין אַ קליין און שמאָל לאַנד, וווּ איין פאַרלוירענער שפּאַן קען, חלילה, זיין פאַטאַל...

פון וואַנען זיינען זיי דאָס געוואָרן? ווי אַזוי זיינען זיי דאָס געוואָרן?

די אָרטיק־געבוירענע האָבן געענטפערט: מיר האָבן ניט וווּהין צו לויפן. די אַראַבער זיינען אַנטלאָפן אין אַנדערע אַראַבישע לענדער, מיר האָבן נאָר דעם ים.

די ניי־אָנגעקומענע האָבן געענטפערט: מיר ווייסן וואָס אונדז דערוואַרט פון יענער זייט. מיר קענען מיידאַנעק און טרעבלינקע.

אָט די ביידע כוחות האָבן זיך פאַראייניקט.

און צו זיי זיינען צוגעקומען יונגעלייט פון אַלע אַמעריקאַנער לענדער, וואָס האָבן זיך אָנגענומען מיט זייער פאַרצווייפלטער העלדישקייט. אווירא דארץ ישראל מגביר. די לופט פון ארץ ישראל מאַכט העלדיש.

מען האָט דעמאָלט דערציילט נסים וועגן דעם נאָרד אַמעריקאַנער קאָלאָנעל, דעם יידן ד. מאַרקוס, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון נ. אַמעריקע פאַרשטעלט. ער איז געבעטן געוואָרן צו העלפן אָרגאַניזירן די יידישע אַרמיי, האָט ער געמאָנט דריי חדשים, האָט מען אים געגעבן נאָר אַ חודש. ער האָט געפרעגט, צי מ׳קען מאַכן, אַז אַ קינד זאָל געבוירן ווערן אין דריי חדשים אָנשטאָט אין ניין. און שפּעטער האָט ער געזאָגט: „טויזנט פינגער האָבן מיר שוין, דאַרפן מיר לערנען צו מאַכן פון זיי צוויי הונדערט פויסטן”...

וואָס פאַר אַ טרויער עס האָט דערנאָך אַרויסגערופן אין גאַנצן ישוב און אין דער גאַנצער יידישער וועלט זיין פאַלן, וואָס איז געווען אַזוי פאַטאַל טראַגיש פאַרדריסלעך... דוד מאַרקוס איז געוואָרן דער סימבאָל פאַר אַלע יונגעלייט, וואָס זיינען געקומען פון אַלע אַמעריקעס.

איך האָב געלייענט אין צייטונגען און זשורנאַלן די קורצע נעקראָ־

לאָגן פון די געפאַלענע. צום מיינסטן זיינען זיי געשריבן געוואָרן פון חברים. קורץ און לאַקאָניש האָבן זיי אויסגעמאָלן צוזאַגנדיקע מענטשן. אַ סך זיינען געוויזן געוואָרן מיט זייערע בילדער. וואָס פאַר אַ וואונ־דערלעכע פנימער, וואָס פאַר אַ זעלטענע אויגן! איך האָב זיך ניט געקענט אָפרייסן פון די בילדער און מיר האָט זיך געגלוסט וויינען, אָבער דער העברעאישער זשורנאַליסט לביא פון עין חרוד, וואָס האָט פאַרלוירן צוויי זין, האָט געזאָגט: „מען טאָר ניט וויינען. ער ווייסט פאַרוואָס ער איז



אַ ליכטיק פנים פון א געפאלענעם

געפאַלן"... דאָס נגב־ליד האָט סענטימענטאַל ראָמאַנטיש געזונגען:

בערבות נגב
התנוצץ הטל,
בערבות נגב
איש מגן נפל.

(אין די וויסטעס פון נגב האָט געשטראַלט דער טוי, אין די וויסטעס פון נגב איז אַ פאַרטיידיקער געפאַלן).

די אויגן פון די געפאַלענע יאָטן האָבן אויף מיר געקוקט פון אומעטום. איך האָב זיי געזען אין הימל, אין די שטערן, אין ים, אין

דוים. מען האָט דערציילט, אַז אַן אַראַבער האָט געזאָגט: „ביי אונדז, אַז עמיצער פאַלט, איז ער אַ פּאַסטוך, אַ גאָרניט, ביי זיי איז ער אַ געלערנ־ טער, אַ גרויסער מענטש". אפילו אויב דאָס זאָל זיין אויסגעטראַכט, איז דאָס אויך אמת. עס איז דער טראַגישסטער אמת אונדזערער. עס איז ניט נאָר טראַגיש, וואָס אַזעלכע יינגעלייט דאַרפן פאַלן, נאָר אויך, וואָס זיי דאַרפן זיין מיליטערלייט. זיי ווערן אַרויסגעשלאָגן פון זייער לעבנס־ כאַרוף און זיי מוזן ווערן ניט דאָס, וואָס זיי זיינען געבוירן און דערצויגן צו ווערן און זיין!



נאָך אַ ליכטיק פנים פון
א געפאלענעם

און דאָך זיינען זיי ניט עפּעס אַנדערש, נאָר דאָס דאָזיקע, וואָס זיי דאַרפן זיין. איך האָב זיי געזען אין די קאַפּע־הייזער, ווהין זיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער פרייער צייט, אין זייערע קלובן, אין די „מחנות" (לאַגערן). אַ נייער סאָרט יידן! זייער גאַנצע יידישקייט שטעקט אין זייער גרייטקייט צו גיין אין פייער אַריין. דאָס, וואָס ביי פרומע יידן איז לערנען תורה און אָפּהיטן מצוות, דאָס, וואָס ביי ציוניסטן וואָלט געדאַרפט

זיין ציון, יידישיסטן — יידיש, העברעאיסטן — העברעאיש, און ביי אַמאָליקע חסידים איז געווען חסידות, איז ביי זיי — די מלחמה. זעלטן ווען מען טרעפט ביי איינעם פון זיי אַ אינטערעס נאָך צו עפּעס אויסער ווי צו נצחון. אַ סך האָבן נייגונגען צו פאַרשידענע מוזעס און דיסציפּלינען, אַנדערע האָבן נייגונגען צו פּאָליטיק, אָבער זיי לייגן דאָס אַלץ אָפּ אויף שפּעטער אויף אַ „האַלבער שעה נאָך דעם קריג". איצטער לעבן זיי נאָר מיט דעם קריג און זיי אָטעמען נאָר מיט אים. זיי דערלאָזן ניט

אַ טיפּישער סאָלדאַט פון נגב

קיין שום געדאַנקען צו זיך. דעמאָלט ווען זיי זיינען אויסער דעם פראָנט, טראַכטן זיי נאָר אַלץ פון פראָנט. אין בעסטן און אין ערגסטן פאַל גיבן זיי נאָך דעם אינסטינקט. אייראָפּעאישע מאַנירן האָבן ביי זיי אינ־גאַנצן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די קליידונג איז רעדוצירט ביז צום מינימום. אַ העמדל, אַ פּאָר הייזלעך. ביי אַ סך איז געוואָרן אַ מאָדע

צו פאַרלאָזן זיך בערד. די מאָדע איז געקומען פון נגב, ווו מען האָט, וואַרשיינלעך, זיך נישט געקענט ראַזירן און זי איז היפּש אַריבער די גרעניצן פון נגב. אויף שריט און טריט האָט מען אָנגעהויבן זען בחורים מיט בערד, יינגלעך מיט בערד. ביי די באַקן מער צוגעשוירן, אונטן, ביי דער גאָמבע, פאַרלענגערט. די שוואַרצע בערד מאַכן די פּנימער אויסזען ווייס. אַפילו די גאָר טונקעלע פּנימער זעען אויס ווייס. בלאָנדע בערד מאַכן אויסזען פאַרטראַכט. אייניקע בחורים מיט בלאָנדע בערד זעען אויס־אַזוי יעזוסדיק ווי ישו אַליין האָט מסתמא קיינמאָל ניט אויסגעזען.

מיר איז אויסגעקומען צו פאָרן אין מיליטערישע קאַמיאָנען (טראָקס) מיט סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס. ווי אַ באַוועגלעכער מאַרק האָט אויסגעזען דער קאַמיאָן, אין וועלכן עס האָבן זיך צונויפגעשטופּט אַ פּאָר צענדליק סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס, וואָס זיינען געפאָרן אין פאַרשידענע ריכ־טונגען. עס איז ניט געווען אין וואָס אָנצושפּאַרן זיך. אויסער אין די ווענט פון וואָגן. די דאָזיקע, וואָס זיינען געפאָרן אין דער מיט, זיינען געפאַלן איינס אויף דעם צווייטן און די מערסטע האָבן זיך אָנידערגע־זעצט סתם אַזוי און עס האָט זיי ניט געאַרט, וואָס ס׳איז אומבאַקוועם. סיי ווי איז מען געפאַלן איינס אויף דעם אַנדערן. און מען האָט געערדט זייער זעלטן. מען האָט עפּעס געזאָגט נאָר דאָס דאָזיקע, וואָס מען האָט געדאַרפט. אַפילו קיין נודניקעס זיינען ניט געווען. מען האָט געפילט, אַז ס׳איז זיי באַקוועם דאָס שווייגן. און האָב איך געפּרוּווט שטעלן עטלעכע פראַגן, האָבן זיי זיך ניט געאיילט צו ענטפערן. זיי האָבן מיך באַקוקט מיט חשד און זיי האָבן שטומערהייט געפרעגט: „ווער איז דער דער־קוטשלעווער”? מיידלעך האָבן שוין גיכער אַ רייד געטון און זיי האָבן ניט איינגאַנצן אָפּגעשטעלט דאָס קאָקעטעווען, אָבער אַ סך ווייניקער ווי די מיידלעך אין דער גאַנצער וועלט. די מיידלעך זיינען געווען די דאָ־זיקע, וואָס האָבן אַ סך מאָל אָנגעהויבן זינגען און ניט שטענדיק איז זיי געראָטן אַריינצוציען די בחורים אין געזאַנג. איך האָב געוווּסט, אַז אין ארץ ישראל זינגט מען מער ווי אין דער גאַנצער וועלט, האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז ניט אין צייט פון מלחמה. איין בחור האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז טאַנצן וועט ער „אַ שעה נאָך דער מלחמה, אַזוי ווי דער בראַווער סאָלדאַט שווייק זאָגט”.

— ...ן וואַנען קענסטו דעם בראַוון סאָלדאַט שווייק?

— ...ן „אוהל”. אַך שפּילט מען אים אין דעם דאָזיקן טעאַטער! גיט אים יע... אַקטיאָר... ווי הייסט ער? יאָ, מרגלית.. גיט ער אים אַ שפּיל!

סאָלדאַטן ריידן ניט פון ריטאַ הייוואָרט, נאָר פון אַ שווישפּילער. ניט מאָדנע? אייניקע האָבן געזאָגט, אַז זיי אינטערעסירט איצטער גאָרניט, נאָר די מלחמה. ווער עס פאַרט פון איין פּלאַץ אויף דעם אַנדערן און ווער עס וועט אריינלויפן אין שטוב צו דער מאַמען און צו דעם טאַטן און אַרומנעמען און אַ קוש טון און אַוועק. זיי (די עלטערן) ווילן עס זאָל געדויערן לענגער, אָבער עס איז ניטאָ קיין צייט פאַר אַזעלכע „טשיזבאַטן". איך האָב געוווסט, אַז דאָס דאַזיקע וואָרט מיינט אַ סאָלדאַטסקער ליגן, אָדער א גוזמא. אָבער צופיל ליבעניש פון טאַטע־מאַמע רופן זיי, אפנים אויך טשיזבאַט... סענטימענטאַליזם הייסט ביי זיי אויך טשיזבאַט. און פאַר מיינע אויגן כאַפּט איין בחור באַם צווייט: אַ ביס פון עפּעס אַ מאכל, אָדער א פּרי און דאָס זעלביקע אַ בחור ביי אַ מיידל און אַ מיידל ביי אַ בחור. און אַ ציגאַרעטל כאַפּט אויך אַרוים איינער ביים צווייטן און גיט אַ פּאָר צי און קערט אום. עס פעלט נאָך מען זאָל אַ שפּיי טון אויף דער ערד, אָבער דאָס דאַזיקע, גאָט זיי דאַנק, ניט. היגיעניש זיינען זיי אַלע. אין דעם פּרט האָט מען ניט פאַרלוירן די בעסטע ירושה פון אייראָפּע.

אָט ווי זיי האָבן קיין סך ניט גערעדט, האָב איך זיך גענוג אָנגע־הערט מיט שפּראַך ביי דער חברה. אוודאי האָבן זיי גערעדט העברעאיש זיי זיינען אַלע געוועזן צבראַס, אָדער כמעט צבראַס, אָבער אין זייער העברעאיש זיינען געווען אַן אַ שיר יידישע ווערטער. אויך ספרדים און תימנים האָבן אריינגעוואָרפן יידישע ווערטער, וועלכע זיי האָבן פאַר־שטאַנען נאָר זייער זין, אָבער ניט זייער טייטש. עס וואָלט זיך אפשר געלוינט צו פאַרשרייבן די שפּראַך, וואָס די חברה רעדט, כאָטש מען געפינט זי אין אַ גרויסער און טאַקע פולער מאָס ביי די יונגע שרייבער, וואָס זיינען אַליין פּלמחניקעס, (די פאָרמע „ניק" איז אַריבער פון יידיש צו העברעאיש. מען זאָגט „קיבוצניק", „פּלמחניק" א. אַ. וו.) ביי משה שמיר און יגאל מאָסינזאָן. עס קען זיין, אַז די דערמאָנטע צוויי יונגע און זייער טאַלאַנטירטע שריפטשטעלער נוצן שוין אַביסל צופיל אָט דעם סלענג, וואָס באַשווערט דאָס לייענען ניט נאָר פאַר חוץ לאָרצניקעס, וואָס קענען העברעאיש, נאָר אפילו פאַר ארץ ישראלדיקע, קענער פון העברעאיש, אָבער ניט קיין צבראַס. פאַרצייכענען דאַרף מען אָט דעם סלענג אין לינגוויסטישע אַרבעטן, אין קינסטלערישע ווערק דאַרף מען אפשר געבן נאָר דינע שטריכן פון אים.

חברה האָט מסתמא געקוקט אויף מיר ווי אויף אַן אַנטשעפּעניש,

אַ זלידנע פּליג, אָבער איך בין, דאַכט מיר, אויף אַזויפיל ניט קיין נוד־ניק, אַז איך האָב זיך ניט געשראָקן דאָס צו זיין אין זייערע אויגן. אגב איז אין העברעאיש ניטאָ קיין ריכטיקער אויסדרוק פאַר נודניק און מען האָט דאָס דאָזיקע יידישע וואָרט אַריינגענומען אויף צווייערליי אופנים: מען זאָגט טאַקע בפועל ממש „נודניק". מען גיט אַ זאָג: „אתה נודניק שאין כמוך" (ביסט אַזאַ נודניק, וואָס ס'איז ניטאָ נאָך איינער) און מען זאָגט אויך „נמר". פאַר זיך אַליין מיינט „נמר" אַ לעמפּערט, אָבער עס איז די ראשי תיבות פון „נודניק מספר ראשון" (נומער איינס). איך וויל ביי דער חברה וויסן, צי ליבע ווערט אויך באַטראַכט ווי אַ טשיזבאַט. די מיידלעך פאַראינטערעסירט די זאַך מער ווי די בחורים און זיי הייבן אויף אַ דיסקוסיע, אָבער די בחורים דערלאָזן ניט דערצו. זיי פרעגן, צי איך ווייס ניט, אַז ס'איז איצטער מלחמה און אַז עס איז ניטאָ קיין צייט צו אָפּגעבן זיך מיט אַזעלכע טשיזבאַטן. איינער ראָט מיך צו לייענען משה שמירס „הוא הלך בשדות" (ער איז געגאַנגען אין די פעל־דער), וואָס איז אַ ראָמאַן פון פּלמח־לעבן.

איך האָב שוין דעם דאָזיקן ראָמאַן געהאַט געלייענט און פאַקטיש האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך בין אין דער ספערע, וואָס דער יונגער שרייבער שילדערט דאָרט. איך לעב איבער אַ פאַרזעצונג. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די מערסטע בחורים, וואָס רינגלען מיך אַרום, זיינען אורים — אַזוי הייסט דער יונגער העלד״ פון שמירס ראָמאַן. איך שטעל דאָס וואָרט „העלד" אין גענזנפיסלעך, ווייל אייגנט־לעך איז אורי גאָר קיין העלד ניט. ער איז איינער פון טויזנטער. ער איז די שווייגנדיקע מאַסע יוגנט. ער טוט אַלץ פאַר זיין לאַנד, פאַר זיין פאָלק, ער גיט זיך ביידע אַוועק, אָבער ער רעדט ניט וועגן דעם און ער טראַכט אפילו ניט וועגן דעם. דאָס מיידל מיקי האָט ער אַ ליב געטון מיטן אינסטינקט און דערנאָך איז ער געוואָרן דער בחור פון קיבוץ, וואָס דאַרף גיין אין כעלד אַריין. אַז עס הייבט אים אָן ציען צו דער אַנדערער, פילט ער אפילו ניט, אַז אין דעם איז פאַראַן טראַגישקייט. און מיקי איז גראַד אַ צאַרטע, אַ ליידנדיקע, דער היפוך פון אורין. זי איז געקומען אַזש פון טעהעראַן און זי איז פול מיט טראַגישע איבערלעבונגען און דאָס קליינע ביסל גליק ווערט פאַר איר אַ ים פון פיין. און אורים עלטערן ליידן איניינעם מיט דעם מיידל. אורים טאַטע, ווילי, איז אַ חלוץ, אַן אינטעליגענט, אַלץ וואָס ער טוט איז פאַרבונדן מיט באַוווסטזיין, מיט

געפיל. פאַר דעם זון רעדט ער צופיל. ער איז פאַר דעם גאַנצן נייעם דור אַ פּלאַפּלער.

איך האָב אויף דעם וואָגן ניט געזען קיין צופיל מיקים, איך האָב אפשר אַפילו קיין איין אויסגעשפּראָכענע מיקי ניט געזען. די מיידלעך, וואָס האָבן געהייסן כרמלה, עזה, עופרה, רותי, אביבה, זיינען צום מייסטן געווען פאַרהאַרטעוועטע. נאָר אַ פּאָר האָבן געהאַט מיקים שטריכן. דערפאַר זיינען די מערסטע בחורים געווען אורים. די עלטערן זיינען דאָ ניט געווען און ווילנדיק ניט־ווילנדיק האָב איך פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון די עלטערן, אָבער זיי האָבן זיך מיט מיר ניט צופיל געצערעמאָניעט. זיי האָבן מיך איגנאָרירט און פאַרשוויגן.

צוויי מיידלעך האָבן פאַרהאַלטן דעם וואָגן און זיך געבעטן אַרויף. דער שאָפער האָט געגעבן אַ שטעל אָפּ אויף כוח דעם קאַמיאָן און עס האָט מיט אַלע אַ וואָרף געטון. די מיידלעך זיינען אַרויף. עס איז ניט שווער געווען צו דערקענען, אַז זיי זיינען גרינע. זיי זיינען געווען ווייסע און גאָרניט אָפּגעברענט. זיי זיינען טאַקע געווען אַביסל בלייך, כאָטש געזונטע און זאַפטיקע. זיי האָבן גאָרניט געקענט קיין העבּרעאיש. זיי זיינען געווען זייער באַרעדעוודיק און זיי האָבן באַלד דערציילט זייער געשיכטע. זיי האָבןביידע געשטאַמט פון טראַנסילוואַניע און זיי האָבן זיך אויסגעדרייט פון לאַגערן און זיי זיינען נאָך דעם קריג געוואָרן הלוצקעס און זיי זיינען ניט לאַנג געקומען אין לאַנד אַריין. זיי געפינען זיך אין אַ „מחנה” ניט ווייט און זיי זיינען אַרויס „טרעמפּעווען” (אַזוי זאָגט מען אין ארץ ישראל אויף וואַנדערן און זוכן אַ געלעגנהייט זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אַ פרעמדן אויטאָ. מען זאָגט: „אני נוסע בטרמפּ” — איך פאָר דורך טרעמפּ). זיי האָבן אין דער היים קיין יידיש אויך ניט געקענט און זיי האָבן אויסגעלערנט. עס האָט גענומען אפשר צוויי יאָר ביז זיי האָבן אויסגעלערנט יידיש און איצטער זיינען זיי, זאָגן זיי, געקומען אין אייגענעם לאַנד אַריין און זיי זיינען שטומע...

— אַ טשיזבאַט — וואַרפט אַריין אַ בחור אַ וואָרט — שטומע אין לאַנד זיינען פאַראַן אפשר מיליאָנען מענטשן, וואָס קענען יידיש.

— און צו וואָס דאַרף מען אינגאַנצן ריידן? — פרעגט אַ צווייטער — שוויגן איז דען ניט בעסער?

און די צוויי „גרינע” מיידלעך ריידן דווקא אַ סך. זיי קענען יידישע ליטעראַטור און זיי קענען אפילו העברעאישע ווערק אין יידישער איבערזעצונג. בהורים הייבן זיך אָן צוהערן צו זיי. מסתמא אויך דערפאַר.

וואס זיי זיינען ביידע זאפטיקע מוידן, ווי פאמפעשקעס, כאטש נעם און פרעס זיי ביידע אויף. איינע פון זיי איז גאר א „מאלפע" און זי רעדט דווקא וועגן ליטעראטור און פאעזיע און א בחור זאגט איר:

— את יודעת הרבה טשיזבטים (דו קענסט א סך טשיזבאטן)...

און די צוויי גרינע מיידלעך האבן אויפגערודערט די געמיטער. ניט קיין מיקים אויסערלעך. שטורמישע טעמפעראמענטן, אבער אינערלעך קאנדידאטקעס אויף מיקים. אז מען האקט דעם וואלד, פאלן שפענער און וועגן עס ברענט, פליען פונקען. עס ווערט דא אזא אנדערשדיק לעבן אז שפענער וועלן פליען און שרפות וועלן זיין. און דווקא די צוויי גרינע מיידלעך האבן געווירקט, אז מען זאל א זינג טון דאס פלמח־ליד „טשיזבאט" (אויף העברעאיש שרייבט עס זיך צ׳יזבאת). דער וואגן האט געשאקלט און שיר ניט געביטן דעם ריטם און דאס זינגען איז געקראכן אין הארצן אריין. עס איז א ליד מיט א בראווירנדיקן טאן אויסערלעך, אבער אינערלעך סענטימענטאל. עס זינגט טאקע וועגן דעם ווי אזוי יאסעלע האט פון דריי הונדערט יארד „ארויפגעלאזט אין דער פינצטער א „צלף" (צאלאף — אראבישער גוטער שיסער), אבער עס זינגט אויך וועגן דעם, אז

נזכור את אותה הזחילה לרדר,
נזכור איך אחד לא חזר.

(מיר וועלן געדענקען דאס קריכן צום ראדאר און ווי אזוי איינער האט זיך ניט אומגעקערט).

דער רעפרען האט אי געבלאזן ווי א ווינט, אי געברענט ווי א ברענענדיקע קויל:

הרוח גועשת,
גחלת לוחשת
ולילה עלינו ירד

(דער ווינט רוישט, די קויל לויפט און די נאכט האט אויף אונדז אראפגענידערט)

און דער לעצטער סטראף, וואס רעדט וועגן דעם טאג, ווען ארום א פייער וועט מען אביסל טשיזבאט דערציילן אויך וועגן אונדז, האט געגעבן צו פילן, אז „טשיזבאט" האט אויפגעהערט צו זיין א ליגן און א גוזמא און עס מיינט אויך א לעגענדע און א ליד.

די צוויי מיידלעך זיינען אראפגעגאנגען. זיי האבן לאנג נאכגעשריען שלום. ביידע האבן געטראגן שווארצע ברילן און די אויגן האבן, דאכט

זיך, געפלאקערט דורך די שוואַרצע גלעזער. איין בחור האָט מיר דער־ציילט עפּעס אַן עפּיזאָדע, ווי אַזוי ער האָט מיט נאָך איינעם פאַרכאַפּט אַן אַראַבישן בלינדירטן אויטאָמאָביל און ווי אַזוי זיי האָבן זיך צו אים דערנענטערט פאַרזיכטיק, אַזוי ווי אַ קאַץ צו הייסער מילך.

און ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען, האָט מיר אַ בחור געקלאַפּט אין פּלייצע אריין און ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ „חברה'מאַן". מען נוצט אָט אָ דאָס וואָרט אין העברעאיש און עס איז אַ גרויסער קאָמ־פּלימענט. גיי דערצייל יענעם בחור, אַז אין אַרגענטינע איז חברה־מאַן געווען די גרעסטע באַליידיקונג און עס האָט געמיינט אַ פרויען־הענדלער. היינט פאַרלירט דאָס דאָזיקע וואָרט פאַוואַליע דעם דערמאָנטן זין, ווייל עס זיינען אין אַרגענטינע קיין יידישע פרויען־הענדלער שוין, ברוך השם, ניט פאַראַן. און דאָס זעלביקע וואָרט איז מגולגל געוואָרן קיין ארץ ישראל און איז אריין אין העברעאיש ווי דער גרעסטער קאָמפּלימענט. דער גרויסער מנהיג, דער גרויסער שרייבער איז דווקא אַ „חברהמאַן". אַ גילגול פון אַ וואָרט!

פון די ידיעות אין די בלעטער ווייסט מען, אַז די לאַגע אין דער אַלטער שטאָט איז אַ שווערע. געמיינט האָט מען, אַז עס גייט אינגאַנצן ניט קיין הילף קיין ירושלים. דער וועג איז דאָך איבערגעריסן ביי לאַטרון און ער ווערט באַשאָסן פון די אַראַבער. און געוווּסט האָט מען, אַז די ענגלענדער האָבן איבערגעגעבן שייך זשעראַך די אַראַבער. עס איז אַ פאַרשטעטל, וואָס פאַרבינדט די אַלטע שטאָט מיט דעם אַראַבישן ישוב. די ענגלענדער זיינען געקומען זייער „העפלעך" צום דאָרטיקן יידישן גאַרניזאָן און געבעטן אַוועקגיין, ווייל זיי דאַרפן דורכגיין, זיי דאַרפן עוואַקואירן דאָס מיליטער. און אָט ווי העפלעך זיי האָבן גערעדט. האָבן זיי געוויזן, אַז זיי האָבן מיט זיך געוועער ניט ווערליק פאַר אַ פאָר צענדליק יאַטן, נאָר ווערליק פאַר אַן אַרמיי פון טויזנטער מאַן. און די יידישע יאַטן האָבן העפלעך געמוזט מאַכן פּלאַץ און זייער פּלאַץ האָבן שוין דערנאָך פאַרנומען די אַראַבער. ווען ניט אָט אָ דער פאַר־ראַט, וואָלטן די אַראַבער קיינמאָל ניט געקענט פאַרנעמען די אַלטע שטאָט. און אפילו נאָך שייך זשעראַך וואָלטן יידן אויך געקענט לאַנג האַלטן די „עיר העתיקה". אָבער די כוחות זיינען ניט געווען קיין צו־גרויסע און מען האָט געמוזט האַלטן די נייע שטאָט מיט די הונדערט טויזנט יידן און אַכטונג געבן זי זאָל ניט אינגאַנצן איזאָלירט ווערן. זי האָט טאַקע געהאַט דעם דערנאָך באַרימט געוואָרענעם בורמאַ וועג,

אָבער די לעצטע פערצן קילאָמעטער איז מען דאָך געפאָרן מיטן שאָסיי און ער איז באַדראָעט געוואָרן. די ידיעות ווערן פיינלעכער. מען גיט איבער פּרטים וועגן דעם ווי אַזוי אַראַבער באָמבאַרדירן די חורבה פון ר׳ יהודה החסיד, כאָטש די דאָזיקע חורבה, וואָס שטאַמט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט און האָט אַ שול פון ניינצנטן יאָרהונדערט, געהער צו די הייליקע פּלעצער און אין איר איז פאַראַן דער שליסל צו דער מוטער רחלס קבר, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון שמש צו שמש. מיין מאַמע וואָלט מיט די געדאַנקען זיך אַוועקגעטראָגן צו דער מוטער רחל און וואָלט ביי איר געבעטן פאַר אַלע יידישע קינדער, אַזוי ווי זי האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט וויינען אויף אירע קינדער: רחל מבכה על בניה...

די גוזמאַדיקייט פון די אַראַבישע קאָמוניקאַטן דערפיל איך, ווייל איך בין אין ארץ ישראל. אָט מעלדן די עגיפּטער, אַז זיי זיינען אָנגעקומען ביז באר שבע און זיך דאָרט פאַרייניקט מיטן אַראַבישן לעגיאָן. און עס טוט אַ קלאַפּ אין האַרצן: דאָס איז דאָך דאָס זעלביקע באר שבע פון וואַנען יעקב אבינו איז אַרויסגעגאַנגען קיין חרן. דאָס איז דאָך די דרום־גרעניץ פון ארץ ישראל. די צפון־גרעניץ הייבט זיך אָן ביים דן, וואָס איז איינער פון די דריי קוואַלן, פון וועלכע עס קומט אַרויס דער ירדן. פון דן ביז באַר שבע. אָבער לויט דער צעטיילונג איז באר שבע סיי־ווי ניט אין דער יידישער גרעניץ און עס איז דאָרט אַן אַראַביש שטעטל. און עס געפינען זיך דאָרט סיי ווי די „עמונים" — אַבדולאַס אַראַבישער לעגיאָן פון רבת עמון. און די מצרים זיינען גאָר ניט אָנגעקומען אַהין און זיי האָבן זיך ניט פאַראייניקט מיט די עמונים. עס איז געווען אַ ליגן...

עמונים, מצרים און 1948. האָט זיך גאָרניט געביטן זייט די צייטן פון חומש? עס ציען זיך נאָך ווייטער יענע מלחמות?

די אַראַבער מעלדן, אַז זיי האָבן פאַרנומען חברון, בית לחם. אַז אַ ייד ערגעץ אַנדערש לייענט, גיט דאָס אים אַ קלאַפּ אין האַרצן: חברון, די מערת המכפלה, בית לחם, דער מוטער רחלס קבר... דאָ ווייסן אַלע יידן, אַז חברון איז אַן אַראַבישע שטאָט און דאָרט איז שוין זייט לאַנג ניט פאַראַן קיין ייד און בית לחם דאָס זעלביקע. און די אַראַבער האָבן סיי ווי חברון און בית לחם און, אַז זייער מיליטער איז אַהין אַריינגעגאַנגען אָן קיין שום ווידערשטאַנד. אָבער קריג פירט מען דאָך אויך דורך פּראָפּאַגאַנדע.

...דער צווייטער שבת אין מדינת ישראל. מען האָט איינגעפירט

זומער־צייט און מען האָט פּאָרויסגערוקט דעם זייגער אויף צוויי שעה. זאָל מען די קינדער לייגן, ווען עס איז ליכטיק, וועט מען פאַרשפּאָרן מוטשען זיך אין דער פינצטער. וואָרום אַז מען צינד אָן ליכט, מוז מען פאַרמאַכן די פענצטער און די טירן און זיך פּשוט שטיקן. און די לופט, וואָס קומט אריין פון דרויסן, איז אַזאַ טייערע. איז שוין צען אַזייגער אין אָוונט און ס'איז נאָך ליכטיק. אָבער די קינדער פילן, אַז עס איז ערשט אכט און זיי ווילן נאָך ניט שלאָפן. שאַפן זיך קאָנפליקטן צווישן עלטערן און קינדער וועגן שלאָף און קינדער מאַכן חכמות. אין ארץ ישראל איז פּאָרויסגע־רוקט פון אייראָפּע אויף גאַנצע פיר שעה. ווען אין אייראָפּע איז אַכט אַזייגער פאַרנאַכט, איז שוין אין ארץ ישראל האַלבע נאַכט. און עפּעס איז טאַקע דאָ האַלבע נאַכט. כמעט בסדר האַלבע נאַכט... און מען האָפט אויף עפּעס אַ רוף!

דאָס בייטן די צייט און פּאָרויסרוקן דעם זייגער האָט מסתמא איינגעשפּאָרט עלעקטריק. דאָס דאָזיקע איז אַ גאַנץ וויכטיקער ענין פאַר דעם קריג. די שטימונג האָט עס ניט געביטן. אַנשטאַט צוועלף אַזייגער גייט מען אַהיים צוויי און אַנשטאַט צוויי — פיר. אין דער פינצטער זיצט מען סיי ווי.

און מען קען ניט זאָגן, אַז די פינצטערקייט, אָדער די פאַרמאַכט־קייט און פאַרהאָנגענקייט פון די פענצטער דענערווירט ניט! ביידע זיינען ניט אָנגענעם. די פאַרמאַכטקייט פון די פענצטער מאַכט זייער דושנע (עס איז דאָך פולער זומער אין לאַנד) און די פאַרהאָנגענקייט שאַפט אָפּ יעדע פּערספּעקטיוו און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ טורמע, אפילו ווען עס ברענען אַ סך, אַ סך לאָמפּן! און עסן אין דער פינצטער איז אויך ניט פון די זייער אָנגענעמע זאַכן. אויף יידיש זאָגט מען אַ ווערטל וועגן דעם, אַז אין דער פינצטער קען מען „טרעפן צו דער נאָז", אָבער ניט אין דעם באַשטייט די אומאַנגעלעמלעכקייט פון דעם עסן אין דער פינצטער. זיך קושן אין דער פינצטער איז זיסער, ווי עסן אין דער פינצטער... צום קושן זיך זיינען, אפנים, די אויגן דורכדרינגלעכער ווי צום עסן. עפּעס פעלט דעם עסן אַ געוויסער טעם, ווען מען זעט עס ניט.

די תל אביבער דירות זיינען וווּנדערלעך לופטיקע. אין שטאָט בלאָזט שטענדיק אַ ווינטל. אפילו ווען עס ברענט דער „חאמסין" בלאָזט אויך, אָבער דעמאָלט בלאָזט ניט מיט קילקייט, נאָר מיט היץ און פאַרדומפּטקייט. דער „חאמסין" ווערט געבראַכט פון דער מדבר און ער איז גליענדיק, פאַרדומפּן און ס'דאַכט זיך, אַז ער איז זאַמדיק. דאָס

וואָרט „כאַמסין" מיינט פופציק אויף אַראַביש (אַזוי ווי חמשים אויף העברעאיש) און עס הייסט, אַז אין משך פון יאָר זיינען פאַראַן פופציק טעג פון „האַמסינען", אָבער אייניקע „האַמסינען" קומען פאָר אין ווינ־טער, ווען זיי דערקוטשען ניט שטאַרק און ווען זיי קומען גאָר צוניץ מיט זייער וואַרעמקייט.

און די ווינטלעך שאַפן אין די צימערן אַזאַ לופטיקייט, וואָס ווענטי־לאַטאָרס קענען ניט שאַפן. ליידער קומען די ווינטלעך ניט אריין אַ גאַנצן טאָג אין די צימערן. זיי קומען אין איין זייט אַריין בייטאָג און אין איין זייט באַנאַכט. מען דאַרף דאָרט האָבן איין צימער אויף בייטאָג און איינס אויף ביינאַכט, האָט מען שטענדיק אַ לופטיקן חדר.

די „אפלה" מוז מען אָפּהיטן, קריכט אַרויס פון אַ שפּאַרונע אַ שיין, הערט מען באַלד אַ „לכבות האור" (פאַרלעשן דאָס ליכט.)

עס איז גאַנץ ווייטיקלעך, וואָס די יידישע מדינה האָט געמוזט אָנהייבן מיט אימפּאָנירן פאַרפינצטערונג, אָבער מען פילט, אַז מען וועט גיין מאפלה לאור...

אָך, וויפל מען האָט עס איבערגעלעבט אין יענע פינצטערע נעכט! אין דער פינצטער האָט מען געגלויבט און געהאָפט און מען האָט געהערט ליכטיקע און פינצטערע בשורות. און וויצן האָט מען אויסגעטראַכט אין דער פינצטער. מען האָט דערציילט, אַ אַ מאַמע האָט געזאָגט: „אַז מיין קינד איז אין מלחמה, וועלן מיר זי געווינען. מיין קינד איז קיין עין הרע מזלדיק"...

איך שלאָג זיך מיט דער דעה, צי זאָל איך דאָס דאָ דערמאָנען און עס דערמאָנט זיך אַליין. אין יענעם שבת, אין דעם צווייטן שבת אין דער מדינה, האָב איך געהערט אַ ידיעה, אַז אין בוענאָס איירעס האָט אָפּגע־ברענט די ערשטע יידישע קאָאָפּעראַטיווע. דאָס איז אַ ריזיקע אָרגאַניזאַציע פון יידישע קליין־הענדלער, וואָס גיבן אויף אויסצאָלן. „קאַסטימער פּעד־לער" רופט מען די דאָזיקע הענדלער אין נ. אַמעריקע, אין אַרגענטינע רופט מען זיי „קוענטעניקעס", אין אנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער רופט מען זיי „קליענטעלטשיקעס". צענדליקער טויזנטער יידן מאַכן אַ לעבן פון דעם מין פּרנסה. אַ פּיינלעכע פּרנסה איז דאָס. מען גיט אָן געלט און מען גייט דערנאָך יעדן אָנהויב חודש מאָנען. אַ סך צאָלן קאָרעקט אַנדערע צאָלן און באַליידיקן, אַנדערע באַליידיקן און צאָלן ניט. די גרעס־טע געשעפטן גיבן סחורה אויף אויסצאָלן. די יידישע קליין־הענדלער זיינען פאַר זיי קאָנקורענטן און זיי האָבן געהאָלפן שאַפן שלעכטע שטימונגען

קעגן זיי. אַרגענטינער און לאַטיין־אַמעריקאַנער בכלל ליידן אויף אַ „געשוואָלענער האַנאָר־לעבער". יידן האָבן דאָס די ערשטע צייט ניט געוווּסט און זיי האָבן געמאָנט אַזוי ווי מען מאָנט אייגנס און זיי האָבן צומאָל טייער באַצאָלט דערפאַר. מיטן לעבן אַליין אַמאָל. און די אָפּגע־ברענטע ערשטע קאָאָפּעראַטיווע האָט געדינט פאַר דעם „קווענטעניק" פאַר חשיבות און האָט אים אָרגאַניזירט. ס'איז געוואָרן אַ שטאָלץ פון ישוב, כאָטש די פּרנסה אַליין איז ניט קיין צו־שטאָלצע. דעם לאַנד האָבן די „קווענטעניקעס" געבראַכט נוצן: זיי האָבן אויסגעלערנט די אָרטיקע גיין מענטשלעך אָנגעטון, שלאָפן אין אַ פּיין בעט, האָבן אַ ראַדיאָ אין שטוב א. אַ. וו. אוודאי פירט מען אין קיבוץ אַ שטאָלצער לעבן, ווי ווען מען איז אַ „קווענטעניק" אין אַרגענטינע. אָבער צענדליקער יאָרן זיינען „קווענ־טעניקעס" געווען איינע פון די הויפּט־באַזעס פון יידישן לעבן אין לאַטיין אַמעריקע און זיי האָבן געהאָלפן אויסבויען קולטור־אַנשטאַלטן און פילאַנ־פּילאַקטישע אַנשטאַלטן און זיי פאַרשטייען די לעצטע צייט דעם ענין ארץ ישראל. דריי באַשאָסענע קיבוצים האָבן מסתמא מער מאַטעריעלן שאָדן ווי עס האָט פאַרשאַפט די גרויסע שרפה פון דער גרויסער קאָאָפּעראַ־טיווע, שוין אָפּגערעדט וועגן די באָמבאַרדירונגען פון תל אביב. שוין אָפּגע־רעדט וועגן די מענטשן־פאַרלוסטן... אָבער — אַ יידישער שאָדן איז דאָך געווען די שריפה פון דער קאָאָפּעראַטיווע אין בוענאָס איירעס און איך האָב דעם אומרו דערפילט אַזש אין תל אביב...

און איך האָב ווייטער זיך געצויגן צו די סאָלדאַטן פון ארץ ישראל וואָס פאַר אַ מהלך עס איז פון אַרומגיין איבער די הייזער, קלאַפּן אין די טירן און פאַרלייגן סחורה אויף אויסצוצאָלן און באַליידיקט ווערן, ביז אַרבעטן אין אַ קיבוץ און גיין אין שלאַכט. אָבער אין די קיבוצים פון ארץ ישראל זיינען פאַראַן קינדער פון „קווענטעניקעס". איז אַפּנים, דער מהלך ניט אַזאַ ווייטער.

מאָרגנע האָט זיך ביי מיר פאַרבונדן דעמאָלט ארץ ישראל מיט אַר־גענטינע. אַמאָל האָבן זיך ביידע לענדער געגראַמט. מען האָט געזאָגט: „פּאַלעסטינע־אַרגענטינע". נחום סאָקאָלאָוו האָט דאָך אַמאָל געגלייבט אין אַרגענטינע מער ווי אין פּאַלעסטינע. אָבער אַ פּאָר הונדערט טויזנט יידן האָט דאָך אַרגענטינע פּאָרט געראַטעוועט...

אין ארץ ישראל האָט זיך אין אַ צייט אַרום באַוויזן אַרטור קעסטלער, דער מחבר פון דעם סענסאַציאָנעלן ראָמאַן „גנבים אין דער נאַכט". ער פאַרמאָגט דעם מאַקסימום אויסדרוק פון ביטול און שנאה צו דעם „געטאָ"

יידן. פֿאַר אים איז ווייצמאַן דער פֿולער אויסדרוק פֿון גלות, ווייל ער איז אַן אָפּשטאַם פֿון געטאָ און זשאַבאָטינסקי איז אויסדרוק פֿון קריג, ווייל ער שטאַמט פֿון אינטעלעקטואַלן. איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז די אידישע אינטעלעקטואַלן זיינען געווען ניט ווייניקער פּאַציפיסטיש, ווי די יידישע קליינבירגער. פֿאַר אַרטור קעסטלער איז דאָס יידישע פֿאָלק, וואָס איז אַרויס פֿון צוויי טויזנט־יאָריקן פֿייער און עקזיסטירט דאָך, גאָר ניט ווערט, דער עיקר איז דאָס פֿאָלק, וואָס וועט ערשט אַרויס נאָך דעם, וואָס מען וועט געווינען דעם קריג. אויך די קיבוץ־מיטגלידער זיינען פֿאַר אים פֿלאַפֿלער. ער האָט פֿיינט דאָס יידישע פֿאָלק און ער האָט ליב די יידישע מלחמה. און ווייצמאַן האָט טאַקע ליב דאָס יידישע פֿאָלק. וואַרשיינלעך האָט ווייצמאַן געמאַכט פֿאַטאַלע טעותים אין זיין פּאָליטיק. אין דעם טאָג, ווען מען האָט געמאָלדן, אַז ווייצמאַן איז פּרעזידענט פֿון דער מדינה, האָט אַ פּלמחניק מיר געזאָגט: „ווייצמאַן האָט ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די ענגלישע אַפּעטיטן אין ארץ ישראל. ער האָט ניט פֿאָרויסגעזען, אַז ענגלאַנד האָט דאָ מורא פֿאַר יידן. ער האָט ניט פֿאָרויסגעזען אונדזער גאַנצער מלחמה, וואָס וועט זיך נאָך ציען און ציען און וואָס וועט פֿאָרמעל זיין מיט אַראַבער און פֿאַקטיש מיט ענגלאַנד. ניין, ווייצמאַן איז ניט דער ריכטיקער מנהיג אונדזערער!" דאָס זיינען זייער הארבע ווערטער און עס שטעקט אין זיי ביטערער אמת! אָבער ווייצמאַנס ליבע צו יידן, קען מען ניט פֿאַרלייקענען און ווי וואָלט געווען צו אונדז, ווען גאַנץ ארץ ישראל וואָלט אַזוי געדענקט ווי אַרטור קעסטלער, וואָס איז, זאָגט מען, פּונקט אַזאַ האַלבער ייד, ווי דער העלד פֿון זיין ראָמאַן, וואָס די קריסטלעכע געליבטע פֿאַרלאָזט צוליב זיין יידישקייט... אַרטור קעסטלער מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ בחור, וואָס קומט צו צו אַ הויז און וויל זיך פֿון דאָרט אַרויסנעמען אַ כלה און דאָס הויז אַליין איניינעם מיט אַלע לעבעדיקע וויל ער פֿאַרברענען און דערביי זאָגט ער, אַז די כלה איז נאָך אייגנטלעך ניט געבוירן געוואָרן. ווייצמאַן טויג ניט פֿאַר אים, ווייל ער שטאַמט פֿון סתם יידן און זשאַבאָטינסקי טויג, ווייל ער שטאַמט פֿון אַסימילירטע יידן. אַזאַ טעאָריע. עס קומט אויס, אַז די אמתע שטאָלצע יידן זיינען די אַסימיליאַנטן...

אפשר בין איך נאָך עד היום ניט דער ריכטיקער ציוניסט. פֿאַר מיר איז דער „נהיה ככל הגויים" ניט דער אידעאַל, נאָר דער מוז! מיר קענען אַנדערש ניט בלייבן לעבן ווי אַ פֿאָלק, ווי נאָר ווערנדיק אַלציינס ווי אַלע גויים, אָבער זייער אַ סך פּאַציפיסטישע און בכלל הומאַניטאַרע און ווייך־קולטורעלע גלות־שטריכן אונדזערע — געפֿעלן מיר. און מיר זיינען אייגן

אַלע יידן. אויך די בוענאָס איירעסער „קוּועננעניקעס", וואָס אַ סך פון זיי האָבן שוין זייערע קינדער אין ארץ ישראל און די מערסטע וועלן ערשט האָבן. אָט דערפאַר האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין האַרצן אַריין די ידיעה וועגן דער שׂרפה אין דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווע אין ב. איירעס.

און מען רעדט פון וואָפּנשטילשטאַנד. דאָס האַרץ גיט אַ ציטער. עס גיט אַ ציטער איניינעם מיט די הערצער פון די אַלע טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן קינדער אויף די פראָנטן. איי די מלחמה איז נאָך ניט דעצי־דירט? איך האָב געפילט, אַז זי איז שוין יאָ דעצידירט. אויב גאַנצע זעקס מדינות האָבן זיך אין די ערשטע צען טעג ניט געקענט ספּראַווען מיט דעם ערשט געבוירענעם מדינהלע, וועלן זיי זיך שוין קיינמאָל ניט ספּראַווען דאָס ערשט געבוירענע מדינהלע קריגט וואָס אַמאָל מער געווער. עס קריגט פון אייגענער פּראָדוקציע, עס קריגט פון אויסלאַנד. אָבער די אַראַבער דרייען זיך אויס פון ענטפער. אין 48 שעה אַרום וועלן זיי ענטפערן. און מען פילט, אַז די אַראַבער ווילן פריער פאַרנעמען די אַלטע שטאָט ירושלים. זיי ווילן אַ גרויסן עפעקט. זיי ווילן קומען ווי זיגער. אבדאלא וויל אַריין קיין ירושלים אויף אַ ווייס פערד... און די ענגלענדער דערקוטשען נאָך אַביסל אין לאַנד אויך פּערזענלעך. אין חיפה זיינען זיי נאָך דאָ. זיי עוואַקואירן דאָרט אַרומער. געפעלט זיי ניט, וואָס די יידן זיינען באַוואָפנט. שוין אין דער אייגענער מדינה וואָלטן זיי אַנטוואָפנט די יידן און אַרויפגעלאָזט די אַראַבער אויף זיי. אוי, ווי זיי ווייסן, אַז אַנדערש קענען די אַראַבער ניט געווינען... מען דאַרף די יידן בינדן, בכדי די אַראַבער זאָלן זיי געווינען... און בעווין האָט ווידער געהאַלטן אַ גיפטיקע רעדע קעגן יידן. ער האָט געענטפערט טשווירטשילן אויף אַן אָנפראַגע און געזאָגט, אַז ער מוז שווייגן, ער קען אַלץ ניט זאָגן, אָבער אַז יידן האַלטן אין איין ברעכן דעם וואָפנשטילשטאַנד און שטערן דעם פרידן, האָט ער דאָך גע־זאָגט. וועלכן וואָפנשטילשטאַנד האָבן יידן געבראָכן, אַז אַראַבער זיינען אויף זיי אַרויפגעפאַלן פון אַלע זייטן, טאַקע לויט זיינע אינסינואַציעס? ער איז אַזוי ווי יענער פאַרשוין, ביי לעאָניד אַנדרייעוו, וואָס ציט אויס אַ שטריק איבער וועלכן אַן אַלטיטשקע פאַלט און דערנאָך לאַכט ער. די ערגסטע באָמבאַרדירונג האָט די יידן אין ארץ ישראל ניט אַזוי ווייַ געטון, ווי בעווינס גיפטיקע רעדע. איין וואָרט האָט מען געהערט פון אַלע: ביז ווען וועט ער אַזוי צאַפּן אונדזער בלוט? און די אַראַבער ענטפערן, אַז זיי ווילן וויסן אויף וואָס פאַר אַ יסודות מען וועט מאַכן דעם וואָפנשטיל־שטאַנד. מען זאָל זיי כאָטש צוזאָגן, אַז מען וועט מאַכן אויס יידישע

מדינה און, אַז מען וועט זיי אָפּגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן דאָ אויסגעבויט און אַלס צוגאָב מסתמא די שיינע און יינגע יידישע פרויען... שטאַרקער און געשלאָסענער ווערט דער ווילן ביי יידן. מלחמה ביז אין סוף. מען הערט ניט וועגן קיין דיסציפּלין־ברוך, כאָטש עס שיינען אַראָפּ פון די צייטונגען און זשורנאַלן פּנימער פון געפאַלענע און זייערע טייערע יידישע אויגן צערייסן דאָס האַרץ. עפּעס איין אַדוואָקאַט האָט קלוימערשט צוליב סאָציאַליזם געשטערט זיינע קינדער צו גיין אין קריג. אייניקע רבנים האָבן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל די תלמידים פון די ישיבות באַפרייען פון קריג, פּונקט ווי מען באַפרייט אין אַנדערע לענדער תלמידים פון סעמינאַרן. אָט די רבנים האָבן געהאַט באַזונדערע טענות פאַרוואָס מען לאָזט שוישפּילער אין טעאַטער און מען שיקט זיי ניט אויף דעם פראָנט. פאַר זיי איז אויסגעקומען, אַז שוישפּילער טאָרן ניט זיין חשובער פון ישיבה בחורים. זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, אַז דאָ גייט ניט אין חשיבות, נאָר אין עפּעס אַנדערש. טעאַטער מוז מען דאָך האָבן אויך פאַר דעם פראָנט. שילער פון טעאַטער סטודיעס ווערן דאָך יאָ סאָלדאַטן. מאָדערנערע רבנים האָבן דאָס יאָ פאַרשטאַנען. די מערסטע טראַדיציאָנעלע יידן האָבן מודה געווען, אַז דער ישוב איז צו־קליין און מ׳קען ניט פאַרלאַנגען צו באַפרייען די ישיבה־בחורים. עת לעשות לה׳ הפירו תורתיכם... דער באַרימטער בעלזער רבי, ר׳ אהרון רוקח, וואָס וווינט אין תל אביב אויף דער אחד העם גאַס, רופט די חסידים אין מיליטער. זיין הויפּט־גבאי ר׳ הלל ווינד, האָט זיך מאָביליזירט. זיין ברודער, וואָס איז זיין אויסערן מיניסטער, דערקלערט, אַז דער רבי זעט אין דער יידישער מדינה די אתחלתא דגאולה. אין נגב זיינען פאַראַן בעלזער חסידים, וואָס ווייזן גבורות. אין ירושלים, דערציילט מען, קעמפן ראשי ישיבות, מקובלים, יידן מיט גאַנצע בערד און לאַנגע פּאות.

קיין העלדישקייטן פון קיין יחידים דערציילט מען כמעט ניט. דער גאַנצער כלל איז אַ העלד. דער גאַנצער קיבוץ נגבה איז אַ העלד. ער געפינט זיך אין אַראַבישן ים און ער שלאָגט אָפּ אַלע אַראַבישע אַטאַקעס. אַ פּאָר הונדערט קעמפן קעגן טויזנטער. דגניה אלף, דגניה בית, שער הגולן, מסדה — אַלע קיבוצים אין גליל האַלטן אויס העלדיש. אין דעם האָטעל ווו איך וווין, וווינט אַ יונגער אַוויאַטאָר, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן אַן עגיפּטישן עראָפּלאַן, אָבער זיין נאָמען זאָגט מען ניט אויס. דאָך כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס אַ באַשרייבונג פון אַן אויסערגעוויינלעכן העלד. מען דערציילט וועגן צוויי חברים בועז און שלום, וואָס זיינען שווער פאַרוואונדעט גע־

וואָרן, איינער אַביסל לייכטער, כאָטש אויך געגוג שווער. האָט דער דאָזיקער איינער געפונען אַ שטיקל ניט־באַרירט פּלאַץ אין זיין קערפּער און מיט אָט דעם פּלאַץ האָט ער זיך גערוקט. און ניט אַליין. ער האָט צו זיך צוגעבונדן מיט דעם באַנדאַזש זיין חבר און אים געשלעפּט. און זיך דערשלעפּט און זיך און זיין חבר געראַטאַוועט און ביידע ליגן אין שפּיטאָל און האַלטן אין געזונט ווערן. עס ווערט דערציילט אַ מעשה וועגן אַ טשיקאַוון בחור יאָשקע שפּאַנדאו, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען פון אַ דייטשן קוילן־וואַרפער, ווייל ער האָט געקלאַפּט מיט דער צונג ווי אַ שפּאַנדאו. ער איז געווען אַ ראַדיסט און פיזיש אַ גאַנץ קליינער העלד. ער האָט קוים געקענט טראָגן דעם אכצן קילאָדיקן ראַדיאָ. און ער האָט אָנגעהויבן גיבן ניט נאָר אינפאָרמאַציע, נאָר אויך באַפעלן. ער האָט געהאַנדלט אַזוי, אַז מען וואָלט אים געדאַרפט משפּטן פאַר דיסציפּלין־ברוך, אָבער זיינע באַפעלן האָבן געהאַט אַ זין. און ער האָט אַזוי דורך אינפאָרמאַציע און באַפעלן געראַטעוועט אַ יידישע מיליטער־אָפּטיילונג און געהאָלפן פאַרניכטן אַ גאַנצע אַראַבישע טאַנק אָפּטיילונג, וואָס האָט געוואָלט פאַרנעמען אַ יידישן באַרג. ער האָט געהאַלטן אין איין אינפאָרמירן די גענויע פּאָזיציע פון דער טאַנקען אָפּטיילונג און מען האָט זי געקענט באַשיסן און צעשטערן. און ער האָט שוין מער ניט אינפאָרמירט נאָך דעם און ניט געגעבן קיין באַפעלן... מען האָט גענומען דערציילן וועגן אַ מיליטערישער אָפּטיילונג אין דרום, וואָס רופט זיך „שועלי שמשון" (שמשונס פוקסן) און וואָס זיינען לעבעדיקע טאַנקן. זיי לאָזן קיין מאָל ניט קיין פאַרוואונדעטן אויף דעם שלאַכטפעלד. איינשטעלנדיק זיך ביז מאַקסימום, ראַטעווען זיי. מ. אבנרי האָט אָנגעשריבן אַ שיר וואָס זיי זינגען ווי אַ הימן. דאָס איז א שיר וועגן דעם ליד, וואָס שפּאַרט אַרויס פון האַרצן און די סטעזשקע אונטער זיי זינגט און טאַנצט. דאָס איז די סטעזשקע, וואָס פירט צו פיינט. אין אָט דעם ליד רופן זיי די מצרים צו הערן דאָס געזאַנג פון שמשון, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם סוף צו די פלשתים. זיי זאָגן אָן דעם טויט פון די אינוואַזאָרן.

און עס איז געקומען דער „שווארצער פרייטיק". דער דריטער פרייטיק אין דער יידישער מדינה. די אַלטע שטאָט האָט זיך אונטערגעגעבן. אויסגעמאַטערטע פיר הונדערט קעמפער, אויסגעהונגערטע, ניט געשלאָפענע, אָן האָפענונג צו קריגן פאַרבינדונג. די ידיעות זיינען געקומען דורך דעם ראַדיאָ קנאַפּ און אַלע מאָל האָט עפּעס געשטערט צו הערן. און יעדער וואָרט האָט א קלאַפּ געטון אין האַרצן. זעקס שעה האָט געדויערט דאָס

עוואַקואירן. מען האָט עוואַקואירט פרויען און קינדער און אַלטע לייט. די "שומרי החומות", די היטער פון די מויערן, וואָס זיינען נאָך קיינמאָל ניט געשלאָפן פון יענער זייט מויערן פון דער אַלטער שטאָט, האָבן איצטער געמוזט פאַרלאָזן די מויערן, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג. ביים פאַרלאָזן די מויערן, האָבן זיי געשריען: „אם אשכחך, ירושלים, תשכח ימיני"... דער ענגלישער קאָמענדאַנט, דזשאָן גלאוב פּאַשאַ, האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון פאַר אבדאלאן, וואָס האָט געקענט אַריינפאָרן אויף אַ ווייסן פערד אין דער אַלטער שטאָט. צוויי הונדערט פיר און ניינציק געפאַנגענע האָט מען גענומען און אַוועקגעפירט. מען האָט דערמאָנט טיטוסן... דער געפאַנגענער עריק מייער, אַן עקספּערט אין אַגריקולטור, האָט דערקלערט, אַז זיי זיינען געווען ווייניק מענטשן און זיי האָבן געהאט ווייניק געווער און די ענגלענדער האָבן די אַראַבער איבערגעגעבן שעיך זשעראַך.

ווי טרויעריק יידן זיינען געווען אין יענעם פרייטיק, ווען די מדינה איז אַלט געוואָרן צוויי וואָכן און די אַלטע שטאָט איז געפאַלן. און ווי טרויעריק מען איז געווען דעם גאַנצן שבת. מען האָט ניט אויפגעהערט צו הערן דעם ראַדיאָ. קיין צייטונגען זיינען דאָך אום שבת ניטאָ. צוויי רבנים מיט ווייסע בערד האָבן אונטערגעשריבן די קאַפּיטולאַציע. אין די שולן האָט מען געדאַוונט אַנדערש. טרערן האָבן געשטיקט. ווו עס איז געווען אין תפילה אַ וואָרט ירושלים, האָט מען עס אַרויסגעזאָגט מיט ווייטיק און ליידנשאַפט. דעם „ותחזינה עינינו בשובך לציון עירך" האָט מען געזאָגט מיט טרערן, וואָס האָבן געגלאַנצט ביי זקן און קינד. די תפילה האָט זיך אויפגעהויבן דורך בערג פון טרערן און בלוט.

און אומרואיק זיינען געלאָפן די דזשיפּס און די קאַמיאָנען דורך דער שטאָט און זיי האָבן געברומט מיט ווילדקייט און מיט גרייטקייט. סאָלדאַטן האָבן געקריצט מיט די ציין. מען האָט געזען אויטאָס מיט אויפשריפטן פון „פלמ"ח" און הגנה און אויטאָס מיט אויפשריפטן „רק כך". עס איז ניט געווען אין יענעם מאָמענט קיין הילוק צווישן די עקסטרעמען. מען האָט דערציילט וועגן סאָלדאַטן, וואָס האָבן געוויינט און האָבן געשוואוירן... אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיר דער געהילף מיניסטער פאַר עליה, ה' באַרלאַס, געוויזן אַ בריוו פון זיין טאָכטער, וואָס האָט געשריבן, אַז דאָס פאַלן פון דער אַלטער שטאָט איז אַ נייער חורבן. אַ סך האָבן דאָס געזאָגט, כאָטש סטראַטעגיש איז דאָס געווען ניט קיין גרויסער פאַרלוסט. עס האָט ווי געטון יידיש! מען האָט דעמאָלט געזען, אַז דאָס אַלטע ארץ ישראל איז

פאַר דער גאַנצער יוגנט אויך פון גרויס ווערט. די אַלטע שטאָט איז דאָך דערוויייל נ אָ ר אַלט ארץ ישראל...

דער שונא האָט טריומפירט פון רבת עמון, דמשק, קאירא, באַגדאַד ביז לאָנדאָן. עפּעס האָט זיך געגלוסט ניט אויפהערן זאָגן דעם הספד פון דודן אויף שאולן מיט יהונתן. און אין אַלע יידישע הערצער איז דווקא שטאַרקער געוואָרן דער גלויבן אין נצחון.

בערנאַדאָט האָט זיך דעמאָלט באַוויזן. ער איז געשיקט געוואָרן אַלס



בערנאַדאָט און באַנטש

פאַרמיטלער. אין קאירא האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט אַן אייגענעם פּלאַן. ביי יידן האָט מען צו אים ניט געהאַט קיין צוטרוי, אָבער מען האָט געטון אַלצדינג דווקא ארויסצורופן צוטרוי צו אים. זאָל עס ניט הייסן, אַז ער איז באַלד געשטעמפּלט געוואָרן פון יידישן צד. אָבער זיין „אייגענער פּלאַן" האָט געשראָקן. די מערסטע יידן האָבן געזאָגט: „לא באלה נושע" — ניט פון אים וועלן מיר געראַטעוועט ווערן. אייניקע האָבן דאָך געזאָגט „אפשר". דאָס באַטאָנען: איך האָב אַן אייגענעם פּלאַן האָט סוגערירט

דעם געדאַנק, אַז: ס'קען זיין אָדער אַ גרויסער אמת, אָדער אַ גרויסער ליגן און ווי אַ גרויסער אמת, האָט עס ניט אויסגעזען.

מורא געהאַט האָט מען פאַר דעם ענגלישן פּלאַן, וואָס האָט געצילט צו פאַרנעמען די נייע שטאָט ירושלים נאָך דעם, וואָס מען האָט פאַרנומען די אַלטע און דערנאָך וועט מען פאַרלאַנגען ניט צו אינטערנאַציאָנאַליזירן גאַנץ ירושלים, ווי עס איז פריער געווען באַשלאָסן, נאָר זי איבערצוגעבן עבר הירדן. עמון זאָל ווערן האַר און הערשער איבער דער הייליקער שטאָט.

און אפשר האָט טאַקע דער גרויסער אומגליק געראַטעוועט. פעסטער געוואָרן דער ווילן צו ראַטעווען ירושלים און די הונדערט טויזנט יידן פון דאָרט. דורך דעם נייעם וועג, וואָס איז געווען אַ סוד פאַר כמעט אַלע, האָט מען געפירט מער געווער ווי שפּייז. מענער, וואָס האָבן געפירט געווער און שפּייז קיין ירושלים האָבן ניט אויסגעזאָגט זייערע אייגענע ווייבער וואוהין זיי פאָרן. און פאַרביטערטער זיינען געוואָרן די קאַמפן אויף אַלע פראָנטן און באַזונדער אין ירושלים. „מעז יצא מתוק" — פון אומגליק קומט אויך אַרויס רעטונג. ווי פאַרביטערט מען האָט עס געקעמפט טיר ביי טיר אין ירושלים! און די נייע שטאָט איז אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן פון אַראַבער. אַלע זיינען זיי אַנטלאָפן. די גריכיש־אַראַבישע שטאָט קאַטאַמאָן (ירושלים ווערט צונויפגעשטעלט פון אַ סך שטעט) איז געוואָרן אינגאַנצן אויסגערייניקט פון שונא און מען האָט דאָרט איינגעאָרדנט די ישיבות, וואָס האָבן עוואַקוּאירט די אַלטע שטאָט.

פון קיין וואָפנשטילשטאַנד האָט מען כמעט שוין ניט גערעדט. די דאָזיקע, וואָס האָבן (אָדער מיינען, אַז זיי האָבן) דעם גורל אין זייערע הענט, האָבן געהאָפט, אַז איצטער וועט דאָס שוין גיין. אָבער דאָס נעמען די אַלטע שטאָט איז געווען דער לעצטער באַדייטנדיקער זיג פון שונא.

און מען האָט געזען און געפילט, אַז ניט נאָר דער לאָזונג „דאָס גאַנצע לאַנד איז פראָנט" איז ניט קיין גוזמא, נאָר אויך דער לאָזונג „דאָס גאַנצע פאָלק איז מיליטער", איז אויך ניט קיין גוזמא. אַלע זיינען געוואָרן פאַרהאַרטעוועט און ווי אויסגעשמידט אין פייער. די ווערטער „לא נזוז" (מיר וועלן זיך ניט רירן), האָט מען געהערט פון יונג און אַלט און קינד און קייט.

און מען האָט איבערגעגעבן אַלערליי ידיעות וועגן דער באַשלאָסנקייט פון די יידן אין ירושלים צו אָנהאַלטן יעדן שפּאַן. מען האָט דערציילט אַז פרומע יידן האָבן פאַרנומען דעם גריכישן מאָנאַסטיר אין קאַטאַמאָן און דאָרט, ווו עס האָבן זיך פריער אַרומגעדרייט גריכישע מאָנאַכן

דרייען זיך היינט ארום להבדל, רבנים און ספרדישע חכמים און דעם אָרטיקן קאָמענדאַנט, וואָס איז אַ פּרומער ייד, רופט מען אויך אַ וויץ „נזיר״ (מאָנאַך) און דאָרט איז באמת פאַראַן אַ טיפע שייכות צווישן „סייפאָ וספרא״ (שווערד און ספר). אין אָט דעם מאָנאַסטיר איז אין אַ צימער געשטאָרבן דער העברעאישער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי, ווען ער איז אַהין געגאַנגען באַזוכן זיין פרום־קריסטלעכע פרוי, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. מען רעדט וועגן אָט דער טראַגעדיע ניט צו־אָפט, אָבער דעמאָלט האָט מען אין דעם דערמאָנט. און מען האָט געזאָגט, אַז די פרומע יידן היטן אָפּ אויך דאָס צימער.

— געזען אַמאָל אַזעלכע זאַכן? געזען אַמאָל רבנים קאָמענדאַנטן, וואָס מאַכן אַ מאָנאַסטיר פאַר אַ פּאָזיציע פון תורה און קאַמף?

מען האָט אַלץ מער און מער דערציילט וועגן די העלדישקייטן פון די פרויען און קינדער.

די אַראַבער האָבן געזאָגט ניט אַנדערש, אַז די די יידישע פרויען זיינען טייוולאָנים, וואָס טוען זיך איבער אין קליידער. מען האָט דער־ציילט נסים וועגן די פלמח־מיידלעך און מען האָט גערעדט וועגן דער פרויען־ארמיי, וואָס מען רופט „חן״ (חיל—נישם); אויך וועגן די מיידלעך פון „אצל״ (אירגון צבאי לאומי) האָט מען גערעדט. די פרויען זיינען — האָט מען דערציילט — ראַדיאָ־טעלעפאָניסטקעס, סיגנאַליסטקעס, שוין אָפּגערעדט, אַז זיי זיינען קראַנקען־שוועסטער און גייען פשוט מיט דער ביקס אין קאַמף אַריין, אַלציינס ווי מענער. זיי זיינען אויך פליערנס. מען האָט אַ סך גערעדט וועגן חנה לעווין, אַן איינוווינערן פון ראשון לציון, אַ מיטגליד אין עקזעקוטיוו פון וויצאָ, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם „ח׳ן״. מען האָט ניי־אָנגעקומענע „עולות״ מאָביליזירט און מיר איז אויסגעקומען צו זען אַן אָפּטיילונג, וואָס מ׳האָט גערופן „גחל״ (גיוס חוץ לארץ) און ווו די קאָמאַנדע־שפּראַך איז געווען יידיש. און אַז די לאַגע האָט געפאָדערט, אַז די מיידלעך זאָלן אוועקלייגן די ביקסן און גיין אין קיך אַריין, האָבן זיי פּראָטעסטירט און — געפאָלגט.

די אַראַבער קענען זיך ניט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז פרויען זאָלן זיין אַלצאיינס ווי מענער. אַן אַראַבישער שעיך האָט אין יפו זיך געלייגט אויף דער ערד און זיך געמאָרדעוועט און געשלאָגן אין קאָפּ מיט די הענט און געשריען, ווייל אַ יידיש מיידל, וואָס איז געשטאַנען

אויף דער וואַך, האָט אים געפרעגט אויף אַ דאָקומענט. וואָס הייסט ער זאָל, האָט ער געשריען, אויספירן באַפעלן פון אַ פרוי?

*

און ווי די קינדער האָבן געהאָלפן דער פאַרטיידיקונג! נאָך אין די צייטן פון די ענגלענדער האָבן זיי אַרויסגעגנבעט קוילן ביי די ענ־

א חן-פליערן

גלישע סאָלדאטן. מען האָט דערציילט וועגן קינדער אין ירושלים, וואָס זיינען געבליבן אָן עלטערן און וואָס זיינען געגאַנגען אין פייער אַריין, ניט ווייניקער פאַרצווייפלט ווי די דערוואַקסענע. געוועז פאַלן, ווען דער קריג האָט פלוצים פארכאפט אַ ניט עוואַקואירטע פּאָזיציע, האָבן אכט־יאָריקע קינדער אָנגעלאָדן ביקסן פאַר די טאַטעס.

אין די קלובן האָט מען זעלטן געטראָפן אַ סאָלדאַט. אין די קאַפּע־הייזער אויך ניט. אויך די, וואָס האָבן געהאַט וואַקאַציעס, זיינען אַנטלאָפן צום פראָנט. אומרואיק האָבן געיאָגט, געסקריפּעט און געברומט אויטאָס, דזשיפּס, קאַמיאָנען.

הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל.

X

דורך קאַטאַקאָמבן, „געהיימשטאָט" און „תּעלות" צו „בית ביאַליק"

— איר זענט פון אַרגענטינע? אוי, איך האָב דאָרט אַ...

ווייס איך איך שוין, אַז ווען עס איז מיט אַן „אוי", איז עס אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ שוועסטער, אַ ברודער. אויב עס איז אָן „אוי", איז עס אַ ווייטערער קרוב, אָדער אַ חבר. און עס הייבט מיך אָן פאַרפאָלגן אַ מערקווירדיקע פילאָלאָגישע קשיא. „אַ" זאָגט מען אין יידיש דעמאָלט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ מין, וואָס מ'קען האָבן אַ סך, אָדער כאָטש צוויי. „אַ" שוועסטער, „אַ" ברודער, „אַ" פעטער, „אַ" ליפּ, „אַן" אויג. איך געדענק ווי מען פלעגט חוזק מאַכן פון אַ רוסישן שוישפּילער, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּילן יידיש, וואָס האָט געזאָגט: „עס טוט מיר ווי אַ נאָז". גלייך אַ מענטש וואָלט געהאַט מי יודע וויפל נעז און פונדעסטוועגן זאָגן מענטשן: „איך האָב דאָרט אַ טאַטן און אַ מאַמען", ניט „דעם טאַטן און די מאַמע".

אָבער חוץ פילאָלאָגיע איז די זאַך מיר געוועזן מער ווי קלאָר. ביידע ישובים זיינען אומגעהייער פאַרבונדן, כאָטש דער אַרגענטינער יידישער ישוב איז יאָרן־לאַנג געווען דער אַנטיציוניסטישער ישוב אין דער וועלט. יידן זיינען יידן. און צעזייט און צעשפּרייט איז מען אידעאַלאָגיש קודם כל ביים טאַטן אין שטוב. איין זון אַ ציוניסט, דער צווייטער זון אַ בונדיסט, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ לינקער.

איך פלעג זייער אָפט גיין מיט דעם יונגן זשורנאַליסט יצחק רמון, דער ארץ ישׂראל קאָרעספּאָנדענט פון „די פּרעסע". אַ פאַרנומענער אַלע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת האָט ער דאָך זיך געמאַכט צייט פאַר מיר. ער שרייבט קאָרעספּאָנדענצן פון ארץ ישׂראל אפשר אין צען צייטונגען אַריין און ער קריגט באַצאָלט פון איינער, אָדער צוויי און „די פּרעסע" איז איינע פון אָט די צוויי. אָבער צוליב דעם אונטערשיד אין וואַליוטע ווערט דאָס באַצאָלן קליין געלט, מוז ער זיין אַ „גובה" (אינקאַסענט) אין „דבר". אַרבעט ער בייטאָג און ער שרייבט ביינאַכט. אַז דאָך איז ער געגאַנגען מיט מיר און פאַר מיר און איך האָב אָפט געפילט,

אַז ער וועט פּשוט ניט איין מאָל אַ שותּף צו דעם, וואָס איך שרייב וועגן ארץ ישראל, ווייל ער העלפט מיר זען. ער און מיין פריינט דר. יוסף לערנער זיינען מיינע גוטע צוויי מלאכי־השרת. לערנער טוט דאָס פאַר אַלטער פריינטשאַפט, פאַר נייער פריינטשאַפט, פאַר דעם, וואָס ער וויל, אַז איך זאָל זען ארץ ישראל און דורך מיר זאָלן אַרגענטינער ייִדן עס זען. און רמון פאַרוואָס גיט מיר אַוועק אַזוי פיל צייט? מסתמא שוין אויך צוליב פריינטשאַפט און געוויס אויך צוליב וועלן פּאָפּולער מאַכן ארץ ישראל. ער אַליין איז אַן אויסערגעוויינלעך אָרנטלעכער קאָרעספּאָנ־דענט און ער שרייבט ניט קיין מעשׂהס, נאָר ער באַלייכט דאָס דאָרטיקע לעבן אויף דעם קאָרעקטסטן און פולסטן אופן. דער דאָזיקער, וואָס לייענט זיינע קאָרעספּאָנדענצן, ווייסט וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. ווייסט ער שוין, רמון, אַז ווו איך וועל זיך אַנידערזעצן, וועט זיך באַלד אָנהויבן: „אוי", איך האָב דאָרט"... איין מאָל זיינען מיר געזעסן אין אַ קאַפע ערגעץ ניט ווייט פון יפו. פאַלט איין רמונען אויסצוזאָגן דער „מלצרית" (קעלנערשע) פון וואַנען איך בין, זאָג איך אין אַ שפּאַס: „איר האָט דאָרט אַ ברודער?" פרעגט זי צוריק מיט שרעק: „פון וואַנען ווייסט איר? איר קענט אים?"

און עס פאַרפאָלגט מיך אַ געדאַנק וועגן מיין אייגן שטעטל. עפּעס גילט איך ווי אַן אַרגענטינער שוין מער ווי אַ בעסאַראַבער, און ווי אַ בוענאָס אײַרעסער שוין מער ווי אַ קיליער. אויסער די אַלע, וואָס פרעגן אויף מיר וועגן זייערע קרובים, פרעגט זיך צו מיר די ייִדישע יוגנט פון אַרגענטינע, די מיטגלידער אין די קיבוצים און די סאָלדאַטן. איך האָב צו זיי אַלע געהאַט גרוסן, בריוו, אָדער בילדער און זיי רייסן ניט איבער קיין קאָנטאַקט מיט מיר. אַ סך פון זיי זיינען געווען אויף געפערלעכע פּאָזיציעס און זיי ווילן, אַז איך זאָל צעוויסן טון די עלטערן, אַז זיי זיינען בסדר. (אַזוי זאָגט מען אויף „אָלרייט" אין ארץ). פּאָסט קריגט מען ניט און טעלעגראַמעס קען יעדער איינער ניט שיקן. איך קען שיקן אַ טע־לעגראַמע פאַר אַלע. און בעסאַראַבער בכלל און קיליער בפרט האָבן מיט מיר דעם שוואַכסטן קאָנטאַקט.

פון קיליער טרעף איך זיך מיט צוויי פאַמיליעס. איינע איז אינ־גאַנצן קיליער און איינע אַ האַלבע. שמריה זיידמאַן איז איציק זיידמאַנס זון פון קיליע. דער פאָטער איז געווען אַ ייִד אַ חכם און אַ למדן, מיין טאַטנס אַ ידיד נפש. ער איז אַביסל ייִנגער פון מיר, אָבער מיר זיינען ייִנגלווייז געווען חברים און דערנאָך האָבן מיר זיך פון צייט צו צייט

געטראָפן. ער זעט אויס אינגאַנצן ווי זיין טאַטע, ער פעלט אים נאָר די באָרד. איבערהויפּט האָט ער די זעלביקע מאָנגאָלישע אויגן, ווי ער. עס פאַלט מיר איין א געדאַנק, אַז די גאָר קלוגע יידן האָבן מאָנגאָלישע אויגן, וועלכע זיי זשמורען. מיין חבר, דער שרייבער שלמה ביקל האָט אויך אַזעלכע אויגן. שמריה זיידמאַן האָט חתונה געהאַט פאַר אַ קיליער מיידל, זשעני בערשאַדסקי. אַ טאָכטער פון אַ קיליער פּשוטן יידן, וואָס האָט גע־האַט אַ סך קינדער. איר ברודער ישראל האָט קינדווייז געלערנט מיט מיר אין איין חדר און ער וווינט היינט אין בוענאָס איירעס. ער האָט אויך אַ שוועסטער אין בוענאָס איירעס און זיי האָבן אין מיר אויפגעלעבט קיליע פאַר דעם אַוועקפאָרן און מיר מיטגעגעבן בריוו. שמריהס שוועס־טער בושע האָט חתונה געהאַט פאַר אַ יידישן אינטעליגענט פון אַ בעסאַראַביש שטעטל ראָמאַנענקאָ. אויף רוסיש הייסט עס ראָמאַנאָווקאַ, אָבער יידן האָבן עס גערופן ראָמאַנענקאָ. אַ פריילעך שטעטל געווען. וויינשטיין הייסט בושקעס מאַן און ער אַרבעט אין קרן קימת. אויך שמריהס פרוי אַרבעט אין קרן קימת. מיט אַ די טרעף איך זיך אָפּטמאָל און מיר לעבן אויף גאַנצע קיליע און אַמאָל גאַנץ בעסאַראַביע אין זכרון. מיר ריידן וועגן בעסאַראַבישער פאַרגאַנגענהייט און וועגן דער צוקונפט פון ארץ ישראל אין אָט די צוויי שטיבער. בושקע האָט אויך אַ יינגערע שוועסטער. עס קומט אַריין צו זיי אַ פּאָרל גאָמשיעוויטש, וואָס איז טייל־ווייז פון קיליע, טיילווייז פון דעם שטעטל טאַטאַרבונאַרי, פון וואַנען מיין שוואָגער זיידל, דער מאַן פון מיין אומגעבראַכטער שוועסטער מאָמציע שטאַמט. עס קומט צו זיי אַריין אַ פּאָר פאַלק מאַסים, אויך פון בעסאַ־ראַביע. זיי האָבן געלעבט אויך אין רומעניע און אין בראַזיל. מאַסים איז געווען אַדמיניסטראַטאָר פון אַ ייק״אַ קאָלאָניע. זיינען מיר פיר מאָל היימיש: בעסאַראַביע, רומעניע, דרום־אַמעריקע, ארץ ישראל. אָנגענעמע אָוונטן האָב איך פאַרבראַכט אין אָט די צוויי שטיבער. עפּעס איז יעדע באַגעגעניש געווען אי אַ פרייד, אי אַ טרויער. נאָך יעדער באַגעגעניש פלעג איך זיך ערשט אין דער היים אויסוויינען וועגן דעם, וואָס פון גאַנצן שטעטל זיינען געבליבן יחידים און דאָס איבעריקע איז אַוועק מיט דעם פייער און מיט דעם רויך. פלייש און בלוט איז אַוועק מיט דעם פייער און מיט דעם רויך. עפּעס ווערט ביי מיר אַ פאָרמולע:

געוועזן פלייש און בלוט —

אַוועק מיטן פייער און מיט דעם רויך...

מיינער אַן עלטער־זיידע איז געפאָרן שטאַרבן אין ארץ ישראל און

איך וויין זיך אויס אין ארץ ישראל וועגן אומקום פון מיין געבוירן־שטעטל און פון מיינע אייגענע.

און אַלע מענטשן, וואָס קומען צו די זיידמאַן־בערשאַדסקי־וויינשטיין אין די שטיבער אַריין ריידן וועגן דעם בן יחיד פון דעם פּאָרל זיידמאַן־בערשאַדסקי. ער איז די גאַנצע צייט אויף דעם פראָנט. אַלע זיינען זיי אויסגעדאַרט און אַלע זאָגן זיי, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן דעם זון און דעם פלימעניק אויף דעם פראָנט.

שמריהס פרוי דערציילט מיר אַ געשיכטע וועגן איר זונס אַ חבר, וואָס שטאַמט פון ריגע. אַ טייערער יאַט, אַ האַרציקער געווען. ער האָט עס איר זון אָוועקגעפירט אין פלמח. א מעשה האָט פּאַסירט מיט אים קינדווייז. ער איז געבוירן געוואָרן אין געבורט־אַנשטאַלט און — מען האָט אים פאַרביטן. זיין מאַמע האָט באַקומען אַ דעפעקטיוו קינד און אים האָט מען אָוועקגעגעבן צו אַ מוטער, וואָס האָט געהאַט עטלעכע דע־פעקטיווע קינדער. די מוטער האָט כסדר געשריען, אַז דאָס דעפעקטיווע קינד איז ניט אירס; און איין מאָל, ווען ער איז שוין געווען דערוואַקסן, שוין אַלט געווען אַ פּאָר יאָר, האָט אים די מוטער געטראָפן און גענומען שרייען, אַז דאָס איז איר קינד. מען האָט זי אָנגענומען פאַר אַ משוגענער. און עס איז פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס. די עלטערן מיט די טענות זיינען געווען פאַרמעגלעכע און זיי האָבן געדונגען גרוזנבערגן אַליין אַלס זייער פאַרטיידיקער. גרוזנבערג, ביילִיסעס פאַרטיידיקער, איז געווען אַ באַרימטער אַדוואָקאַט אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט געליטן פון אַ גרויסקייט מאַניע. אָבער באַרימט איז ער דאָך געווען. ער איז געווען ענלעך צום ענגלישן קעניג, פלעגט מען שפּאַסן, אַז גרוזנבערג האָט גע־זאָגט: „דער ענגלישער קעניג פּרעטענדירט צו זיין אַזוי פּאָפּולער ווי איך". אין ארץ ישראל שפּאַסט מען און מען זאָגט: „סטאַלין האָט געקראָגן אַ גרויסקייט מאַניע און ער שרייט: „אני (איך בין) בן גוריון". ווייס איך ניט פון וואַנען דער וויץ שטאַמט און ווער עס איז זיין טאַטע. אָבער גרוזנבערג האָט דעם פּראָצעס געוואונען. עס איז געווען מער ווי קלאָר, אַז מען האָט די קינדער פאַרביטן. די פאַרמעגלעכע פאַמיליע איז פון פּראָצעס אַרויס אָרעם און זי איז אַוועק קיין ארץ ישראל. און אָט אָ דער געוואונענער בחור איז עס געווען זיידמאַנס זונס חבר. ניט לאַנג איז געווען אַ טעלעגראַמע, אַז ער איז געפאַלן אויף דעם פּראָנט און זי איז באַלד אָפּגעלייקנט געוואָרן און דערנאָך איז געקומען אַ צווייטע טעלע־גראַמע, וואָס איז שוין ליידער מער ניט אָפּגעלייקנט געוואָרן. אַזוי אַ

האָט זיך פאַרענדיקט דער פּאָטאָלער פּראָצעס. און דער טויט פון חבר האָט די זיידמאַן־בערשאַדסקי־וויינשטיינס פאַרשאַפט נאָך מער שרעק און נאָך מער אומרו, אָבער געלעבט האָט מען דאָך אי מיט דער פאַרגאַנגענהייט, אי מיט דער צוקונפט.

און אַנדערע בעסאַראַבער האָבן זיך אויך אָנגעהויבן מעלדן צו מיר. דער ערשטער איז געווען יצחק קאָרין, אַ יונגערמאַן פון קעשענעוו, אַן ענערגישער, אַן אַרבעטסזאַמער. ער איז סעקרעטאַר פון אירגון מושב העובדים, אַ טוער ביי די עולי בעסאַראַביע (אין ארץ ישראלדיקע לאַנדסמאַנשאַפט). אַ מחבר פון אַ בוך וועגן קעשענעוו. ער איז אַן אינטימער מענטש פון הרב פישמאַן, כאָטש ער איז אַ מפּאיניק און דער רב איז דאָך אַ מזרחי. זיי פאַרייניקט בעסאַראַבישקייט, וואָס ווערט ניט געשטערט דורך פּאָליטישער פאַרשידנקייט. און ער האָט מיך שוין געפירט צו הרב פישמאַן, ווו איך האָב זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט דעם דיכטער און עסעאיסט יעקב פיכמאַן, וואָס איז דאָך אויך אַ בעסאַראַבער. אַז פיכמאַן איז דורכגעזאַפּט מיט בעסאַראַבישקייט, איז מיר געווען באַקאַנט. ער איז אַלס דיכטער איבערהויפּט פּייזאַזשיסט און ער האָט אין דער קינדהייט און אין דער יוגנט איינגעזאַפּט דעם בעסאַראַבער פּייזאַזש פון וועלכן ער קען זיך ניט באַפרייען. אויך די בעסאַראַבישע יידן זיינען אים פאַרבליבן אין געמיט און ער שרייבט איצט זכרונות וועגן זיי און זיי בעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל זיי באַשרייבן אין זייער לשון, אין יידיש, כאָטש ער איז היינט איינער פון די בעסטע העברעאישע סטיליסטן. אָבער אַז אַ רב זאָל זיין אַזוי פאַרבונדן מיט זיין געבוירן־לאַנד, ווי פישמאַן איז דאָס, האָב איך זיך ניט פאָרגעשטעלט. און אַ ייד איז דער רב קיין עין הרע שוין אַ בן שבעים וחמש און פעלן פעלט ער פון בעסאַראַביע שוין קרוב צו אַ האַלבן יאָרהונדערט און דאָך גיט ער זיך באַזונדער אָפּ מיט בעסאַראַבער עולים. און כאָטש ער איז פאַרנומען איבער דעם קאָפּ, ער איז אויסער מיניסטער פאַר רעליגיעס, מזרחי־מנהיג און ער האָט אַ ריזן ביבליאָטעק און ער האָט ליב אי צו לערנען, אי מעין זיין, אי צו לייענען. און שלמה הלל'ס, דער העברעאישער שריפטשטעלער, וואָס מען האָט ניט לאַנג געפּראַוועט זיין 75־יאָריקן יובילייּ ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז אויך פאַראַן. שוין אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט אַ העברעאישער שרייבער און צום ליבסטן באַשרייבט ער עד היום נאָך אַ בעסאַראַבישן יידן אַ בעל כוח.

מיר האָבן ביי דער ערשטער באַגעגעניש גערעדט אי העברעאיש, אי

יידיש און אַזוי האָבן מיר שוין שטענדיק גערעדט. פיכמאַן רעדט אַ מער, אָדער ווייניקער אָפּגעהיטן ספרדישן דיאַלעקט. אין שרייבן איז ער גאָר אַ מייסטער אין ריטם דווקא לויט דער ספרדישער הברה. זיינע ערשטע לידער, פונקט ווי אַלע ביאַליקס לידער, זיינען געשריבן אשכנזיש. שלמה הללס מישט שוין אַריין אשכנזיש אין ריידן און הרב פישמאַן רעדט שוין דריי פערטל בעסאַראַביש און איין פערטל ספרדיש. ער גיט אַ זאָג „אויד ניפּוגעש" (עוד נפגש — מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען), אַזוי ווי מען האָט געזאָגט אין אונגען (פון וואַנען ער איז) און אין בעלץ און אין קיליע. ער מוז אַזוי ריידן, ווייל — ער דאַוונט דאָך אַזוי. אַ קלוגער ייד הרב פישמאַן און מען זאָגט אים נאָך חכמהס. ער איז פריער געווען קעגן דער צעטיילונג פון ארץ ישראל, אָבער דערנאָך איז ער געוואָרן פאַר. מיט אַ באַנקראָטשיק, האָט ער געזאָגט, מוז מען זיך פאַרגלייכן און נעמען וויפל ער גיט. און די וועלט איז היינט באַנקראָט...

יצחק קאָרין האָט שוין אַראַנזשירט, אַז מיר זאָלן פאָרן אָנקוקן די „שכונת בעסאַראַביע", וואָס עולי בעסאַראַביע בויט פאַר יידן, וועלכע קומען פון ציפּערן. פריער איז פאַראַן אַ שכונת עולי בולגאַריע, דערנאָך אַ שכונת עולי רומניה און דערנאָך דאָס בעסאַראַבישע שטעטל. די שטיבער זיינען געבויט מיט אַ סדר און די טירן און פענצטער זיינען געמאַכט אין הסכם מיט די ווינטלעך, וואָס בלאָזן דאָ אַזוי פּינקטלעך. און מיין באַזוך דאָרט, אין דער באַגלייטונג פון דעם פּרעזידענט פון בעסאַראַבער עולים, פון דעם ענערגישן יצחק קאָרין, פון דעם מזרחי־פירער און מיניסטער פאַר רעליגיעס פון „ישראל" הרב פישמאַן, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו מאַכן די „שהחיינו" אויף דער יידישער מדינה נאָך דער הכרזה און פון די צוויי העברעאישע שריפטשטעלער שלמה הלל און יעקב פיכמאַן, איז פאַר מיר געווען מער ווי אַ סתם איבערלעבעניש. איך האָב דערפילט ווי דאָס יידישע בעסאַראַביע נעמט ווידער אויפוואַקסן אין ארץ ישראל, וווּ עס געפינען זיך אַ צוואַנציק טויזנט יידישע נפשות פון בעסאַראַביע, ווייניקער ווי צען פּראָצענט פון דער גאַנצער בעסאַראַבישער יידישער באַפעלקערונג. און אין ציפּערן זיינען פאַראַן אַזויפיל בעסאַראַבישע יידן. אין אַלע אַמעריקעס זיינען פאַראַן בעסאַראַבער יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס זיצן אָן אַ שטאָך אַרבעט און דאָ האָבן די בעסאַראַבער יידן, וועלכע האָבן ניט קיין געלט און ניט קיין צייט, אַזויפיל אויף זייער קאָפּ. בעסאַראַבער לאַנדס־לייט פאַראיינען פון אַלע אַמעריקעס דאַרפן זיך פאַרבינדן מיט ארץ ישראל און די „עולי בסרביה" פון דאָרטן מאַכן פאַר זייער צענטראַלע און אַריינ־

בויען די בעסאַראַבער עולים אין לאַנד אַריין און אַרויסגעבן ביכער, וואָס זאָלן ראַטעווען פון פאַרגעסנהייט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין בעסאַראַביע. וועגן אַלע אַנדערע אומגעקומענע ישובים זיינען שוין דערשינען צענדליקער און הונדערטער ביכער און וועגן בעסאַראַביע — גאָרניט. און ביכער זיינען פאַראַן און דאָקומענטן זיינען פאַראַן. עס דאַרף נאָר זיין ווער עס זאָל זיך אָפּגעבן מיט זיי און ווער עס זאָל זיי העלפן אַרויסגעבן.

מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזער שפּאַציר ביים פּרעזידענט פון די „עולי בעסאַראַביע" אין שטוב אין שכונת באָראָכאָוו און מען האָט אייגנטלעך ביי מיר געפאָדערט דאָרט ביי אַ גלאָז קאַלטן ביר, אַז איך זאָל



אין עולי בעסאַראַביע: פון רעכטס צו לינקס: י. קאָרין, דר. י. לערנער, מיניסטער הרב י. ל. פישמאַן, יעקב באָטאָשאַנסקי, שלמה הללס, פרוי הללס,
אויבן: קופּערשטיין

אַ וועק טון די בעסאַראַבישע יידן פון דרום אַמעריקע. מען האָט דערמאָנט אויך צפון אַמעריקע און מען האָט באַזונדער גערעדט וועגן דעם דיכטער אפרים אויערבאַך, וואָס איז דאָך אַזוי בעסאַראַביש, ווי גאָר ווייניק...

פאַראַן קרובהשאַפט צווישן בעסאַראַביע און ארץ ישראל?

— איך ווייס ניט! איך האָב אַמאָל געגראַמט בעסאַראַביע מיט אַראַביע. אַזוי פיל זאַפט וויפל די בעסאַראַבער ערד האָט געהאַט, איז אין דער ארץ ישראל ערד ניט פאַראַן, אָבער דערפאַר איז דאָ פאַראַן דער גרעסטער ווילן. קאָפּ, וויסן, קאָנטראָל פאַרייניקן זיך דאָ און זיי

מאַכן, אַז די אָרימע ערד דאָ זאָל געבן מער וויפל דאָרט די פעטע. און דאָ איז ניט פאַראַן אַזויפיל סם וויפל דאָרט. מען וויל דאָ אויך פאַרסמען, אָבער מען לאָזט ניט. דאָס יידישע לעבן אין בעסאַראַביע איז פּאַוואָליע פאַרסמט געוואָרן און דערנאָך אומגעבראַכט געוואָרן.

דאָ וועט מען ניט פאַרסמען און ניט אומברענגען.

אַמאָל האָבן מיר זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז עתידה ארץ ישראל להתפשט בכל הארצות. ארץ ישראל וועט זיך צעשפּרייטן איבער אַלע לענדער. היינט איז פאַרקערט: אַלע ישובים פון דער וועלט קריגן אַ געוויסן תיקון אין ארץ ישראל.

און אַז מען באַגעגנט זיך שוין, באַגעגנט מען זיך. צייטנווייז האָט מיר זיך אויסגעוויזן, אַז ארץ ישראל איז אַ מין מיניאַטור קיבוץ גליות. דאָ טרעפט מען זיך מיט שטיקלעך, מיט זעיר אנפּינם פון אַלע עקן יידישע וועלט. צייטנווייז האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ארץ ישראל איז אַ ברען־גלאָז. אַלע פייערן גיבן אַ דערלאַנג אַהער. איך האָב דאָס דאָזיקע איבער־הויפּט געפילט, ווען איך האָב געזען דעם געשטרעקטן און עלעגאַנטן אברהם סוצקעווער, דעם פּאָעט־פּאַרטיזאַן, ווי מען רופט אים אין דער גאַנצער וועלט. איינער פון די צוויי באַדייטנדיקסטע פּאָעטן פון „יונג־ווילנע" איז ער, דער געבוירענער אין סיביר און דערצויגענער אין ווילנע. אָט ערשט, דאַכט זיך, האָב איך וועגן דער גאַנצער גרופּע אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער אין דער בוענאָס איירעסער „די פּרעסע" וועגן „יונג ווילנע" און די דאָזיקע ווערטער האָבן געגרייכט אומעטום. איין יידישע וועלט איז דעמאָלט געווען און אַ גאַנצע. וויפל יאָר זיינען זייט דעמאָלט פאַרגאַנגען? אַ יאָר זעכצן... זייט איך האָב צום לעצטן מאָל געזען סוצקעווערן ביי־וועלפקען אין רעסטאָראַן אין ווילנע און ביים יובל ייוואָ־צוזאַמענפּאָר זיינען שוין אויך אַוועק דרייצן יאָר. וואָס פאַר אַ בלוטיקע דרייצן יאָר! יאָרן פון אומקום פון אונדזער פאָלק. און סוצקעווער איז, ווייזט מיר אויס, געבליבן דער זעלביקער בחור, וואָס דעמאָלט. דער זעלביקער זיסער שמייכל אין העל־בלויען בליק. אָבער אין שמייכל איז פאַראַן טרויער. צוריק מיט דרייצן יאָר בין איך געווען אַ יונגערמאַן און סוצקעווער אַ יינגל, היינט בין איך אַ ייד און ער אַ יונגערמאַן, אָבער ער זעט פּאָרט אויס ווי אַ יינגל. מיר נעמען זיך אַרום און צווישן אונדז — צענדליקער טויזנטער ווילנער יידן, וואָס זיינען אומגעקומען. גראָד איז געקומען אַ צייכנערן מאַכן אַ צייכנונג פון סוצקעווערן פאַר „ידיעות מעריב". אַ מיידל, וואָס רעדט קוים אַ פּאָר העברעאישע ווערטער. זי איז פון דייטש־

לאַנד און זי האָט געלעבט אין פראַנקרייך. זי ווערט גיך פּאַרטיק און מיר קומט אויס, אַז סוצקעווער איז אויף דער דאָזיקער צייכענונג עלטער מיט צוואַנציק יאָר ווי ער זעט אויס. איך באַמערק דאָס אים און ער זאָגט מיר, אַז זי האָט אים בעסער געזען, ער האָט פאַרלוירן די יוגנט... און סוצקעווער גיט מיר זיין נייַ בוך „געהיים שטאָט", וואָס איז דערשינען טאַקע אין תל אביב. ער שרייבט מיר אָן אין דער דעדיקאַציע: „צו אונדזער היסטאָ־



די היסטאָרישע באַגעגעניש פון מחבר פון „בראשית פון מדינת ישראל" מיטן מחבר פון „געהיימשטאָט"

רישער באַגעגעניש אין ארץ ישראל". אַז מ'קען זיך טרעפן נאָך אַזעלכע דרייצן יאָר, איז די באַגעגעניש טאַקע אַ היסטאָרישע. איך האָב ניט אויפגעהערט פיבערן נאָך יענער באַגעגעניש. אַלץ האָט אין מיר געצי־טערט: וואָס איז געבליבן פון יענעם ירושלים דליטאָ, וואָס איז אייגנט־לעך געווען דאָס ירושלים פון גאַנצן גלות!

אין גאַנצן ווען איז מיר אַרומגעגאַנגען ווילנע, די שטאָט, וואָס האָט

הימלען, ווי א יידישער פּאָעט האָט געזונגען, ווי יריעות. די מתנגדישע און דאָך מיסטישע ווילנע. אַזוי קלוג ווי זי איז געווען און אַזוי פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין געפילן און אַזוי גלויביק.

און וואָס איז פון דעם געבליבן!

איך האָב נאָך אין זעלביקן אָוונט איבערגעלייענט סוצקעווערס פּאָע־מע, וואָס שילדערט אַ מנין יידן, שוין איינינעם מיט די פּרויען, אין אַ געהיימער „שטאָט״, אין וועלכער מען ראַטעוועט זיך פון שונא דעם פייניקער און דעם מלאך המות, וואָס זיינע לאַפּעס מיט די נעגל גרייכן אומעטום. אָט ווי דער דאָזיקער מנין זעט אויס:

גדליה לערער, דער שרייבער פון דער כראָניק.
דר. ליפּמאַן, וואָס וועט פאַרהיטן פון מחלהס.
קריינע די שוואַנגערע, וואָס וועט האָדעווען דאָס קינד, וואָס איז דאָ פאַראַן.
דער בלינדער ייד וועט זיין אַ וועכטער.
דער פּליט אַראָנע וועט צונויפנעמען געלט.
ר׳ נתן דער פּרוש באָט זיך אַליין אָן צו זיין אַ שוסטער.
פאַליע וועט באַזאָרגן מיט בלוט פון נקמה.
פאַליעס מאַמע וועט באַזאָרגן מיט ברויט.
דבורהל וועט וואַשן קליידער און העלפן דעם דאָקטאָר.
דער דיכטער וועט באַזינגען דעם טרויער.

דאָס איז דאָס דאָזיקע פאָלק, וועגן וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז „אַ פאָלק זאַלבעצענט איז מסתמא אויך אַ פאָלק״. און וויל פאַליע אַוועקגיין, הייסט אים ר׳ נתן פּרוש ניט צערייסן די עדה. עס רוט אויף זיי אַלע די תנכישע שכינה, די גילדענע פאַווע און פּרצ׳ס כישופמאַכער פאַרכישופט דאָס הויז מיט אַ לאָמפּ.

און גייט איינער אַוועק, קומט אַ צווייטער. שטענדיק בלייבט אַן עדה. דאָרט אין דער גרויסער וועלט איז מאָרד פון מיליאָנען מענטשן דערלויבט און דאָ איז אַ גרויסע טראַגעדיע דאָס קוילען אַ ציגעלע. אַלץ איז דאָ אַזוי רעאַל, אָבער די רעאַליטעט אַליין איז משוגעת. און די מייז־סימפאָניע, וואָס איז דאָס אירעאַלסטע אין דער פּאָעמע, איז פאָרט ניט אַזוי משוגע, ווי עס איז די רעאַליטעט אַליין. דאָ, אין דער מייז־סימפאָניע:

„ברויזן אַקאָרדן, ווי איינער וואָלט וועלן דעם צווייטן דערמאָרדן״

און דאָרט, אין דער רעאַלער וועלט וויל מען ניט, נאָר מען מאָרדעט.

און ניט אַקאָרדן, נאָר מענטשן. יאָ, מענטשן... אַלע האָבן זיי דאָך די זעלביקע צורה.

איך בין אויף דעם וועג קיין ארץ ישראל, ווייסט איר דאָך, געווען אין רוים און איך בין דאָרט געווען אין די קאטאקאָמבן. און אין ארץ ישראל בין איך שוין געהאט געווען אין די טראַנשייען, וואָס מען רופט „חפירות" און „תעלות" און אין דעם דמיון האָבן זיך אַלע דריי אויסגע־מישט. דאָס שפּאַנען אין די קאַטאַקאָמבן האָט אין מיר אויפגעטויכט.

וואָס הייסט קאַטאַקאָמבן?

קיינער ווייסט ניט גענוי דעם אָפּשטאַם פון וואָרט. אָבער איר ווייסט געוויס, אַז קאַטאַקאָמבן מיינען אור־אַלטע בית עלמינס, וואָס געפינען זיך אונטער דער ערד אַרום רוים. איר ווייסט געוויס, אַז זייט דעם יאָר 50, לויט דער היינטיקער צייטרעכנונג, ווען עס האָט זיך אין רוים באַוויזן דאָס קריסטנטום, ביז דעם יאָר 313, ווען די קריסטלעכע רעליגיע איז אין מילאַנישן עדיקט לעגאַליזירט געוואָרן דורך דעם אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנ־טין, האָבן די באַהאַלטענע קריסטן באַגראָבן זייערע טויטע אונטער דער ערד. און אָט אָ די בית עלמינס זיינען עס געוואָרן די קאַטאַקאָמבן. געווען אַ צייט ווען אָט די אונטערערדישע בית עלמינס האָבן געהערט צו פּרי־וואַטע רייכע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיי פאַרטיידיקט מיט זייערע פּריוואַטע גוואַרדיעס און אַרמייען. ווען דאָס קריסטנטום איז לעגאַליזירט געוואָרן, זיינען די קאַטאַקאָמבן שוין ניט געווען נאָר בית עלמינס און זיי זיינען געוואָרן הייליקע פּלעצער און טעמפּלען, ווו מען דערמאָנט די מאַרטירער. דער פּויפּסט דאַמאַסאָ, וואָס האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון פערטן יאָרהונדערט, האָט געשריבן אַ סך העקסאַמעטערן וועגן יענע מאַרטירער.

און אָט שפּאַנט איר מיט מיר אינײנעם אַראָפּ אין די קאַטאַקאָמבן פון רוים, וואָס פאַרנעמען אַ טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער. מיר גייען אַריין אין אַ היפּשער טיר און עס זעצט אונדז אַנטקעגן אַ נאַסע קאַלטקייט פון שימל און פינצטערקייט און מיר גייען טרעפּ אַראָפּ. אַ היפּשע צאָל טרעפּ. צען און צוועלף מעטער טרעפּ. געבויט זיינען די היילן גאַנץ בריהש (די אַלטע רוימער זיינען געווען די בעסטע בויער). די קברים זיי־נען ניט קיין באַזונדערע, נאָר גאַנצע קייטן. זיי געפינען זיך אין שמאָלע גאַ־לעריען. אייניקע האַלטן אכציק סענטימעטער די ברייט, אַנדערע זיינען נאָך שמעלער. פאַראַן גאַלעריען, וואָס האָבן דריי שטאָק און פאַראַן אַ סך אויך פון פיר און פינף שטאָק. עס ווייזט אויס, אַז די עלטערע וואָס זיינען

געמאַכט געוואָרן, ווען דאָס קריסטנטום איז ניט געווען אַזוי פאַרבאָטן, זיינען געמאַכט געוואָרן העכער. אייגנטלעך זעען די גאַלערייען אויס ווי לאָזשעס און זיי זיינען — פאַמיליען־קברים.

די קברים זיינען באַפּוצט מיט אַלערליי פיגורן. עס איז ניט שווער צו דערקענען וועלכע פיגורן שטאַמען פון די „פּאַגאַנע" און געצנדינערישע צייטן און וועלכע עס שטאַמען שוין פון דער קריסטלעכער עפּאָכע. די עלטערע פיגורן שטעלן פאָר געלעכטער, געוויין, ליידנשאַפט. דער פּראָ־פעסאָר, וואָס האָט אונדז געגעבן אַ גאַנץ פיינע לעקציע וועגן די פיגורן אין די קאַטאַקאָמבן, האָט געהאַלטן אַ סך מעטער וואַקסענע ליכטלעך אַרום אַ שטעקן און דאָס ליכטל מיטן אויסזען פון אַ חנוכה „שמש" האָט געברענט ביים שפּיץ און זיך געהאַלטן אין איין וויקלען. מאָדנע איז עס געווען פאַר מיר: אַ שמש, וואָס באַלייכט ניט קיין חנוכה־לעמפּל, נאָר היילן מיט קריסטלעכע און יידישע קברים.

— יידישע?

— יאָ, איך מאַך ניט קיין טעות, יידישע.

דער פּראָפעסאָר רעדט וועגן דער גרויסער בריהשקייט, וואָס די רוימער האָבן באַוויזן: דעמאָלט, ווען מען האָט זיי פאַרפאָלגט און גע־מאָרדעט אויף דער ערד, האָבן זיי אונטער דער ערד מיט מאָס און מיט ריטם אַרויסגענומען די ערד און געמאַכט פאַרשידענע חללים און זיי האָבן אַריינגעזעצט די סאַקראָפאַגן פון מאַרמאָר און שטיין און זיי אַרומגעבויט. און ער ווייזט אָן אויף די פיגורן, וואָס באַפּוצן די קברים. אייניקע זיינען לצים, וואָס לאַכן און וויינען צוזאַמען. ער באַלייכט מיט דעם וואַקסענעם ליכט די קאָמישע פיגורלעך. און אָט זעט מען זיי וויינענדיקע און אָט — לאַכנדיקע. מיר דאַכט זיך אויס, אַז איין פּנימל איז ענלעך צו אַ באַרימטן קאָמיקער פון אונדזער צייט... ער ווייזט אונדז די שפּעטערדיקע פיגורן, וואָס שטעלן פאָר יעזוסעס האַרץ, אָדער עפּעס אַן אַבסטראַקט געפיל פון גלויבן, חרטה אויף זינד א. אַ. וו. א. אַ. וו. און פּלוצים גיט ער אַ זאָג, אַז ווייטער אַהין, ביים נומער זיבן און דרייסיק געפינען זיך די איזראַעלי־טישע קאַטאַקאָמבן. דאָס וואָרט „איזראַעליטישע" קלינגט איצטער רעטראָספּעקטיוו גאָר אַנדערש. מיר זיינען דאָך געוואָרן „איזראַעליטן". די יידישע מדינה הייסט דאָך „ישראל". די שונאי ציון זיינען דאָך געוואָרן „שונאי ישראל"... שטעקט ניט אַ סימבאָל אין דעם?

אָבער דער געדאַנק ציט מיך אויף צוריק. איך הער ווי אַזוי דער פּראָפעסאָר ציילט זיינע ווערטער. ער זאָגט, אַז באַם נומער זיבן און

דרייסיק געפינען זיך די קאַטאַקאָמבן פון די אידן, וואָס זיינען ענלעך צו די קאַטאַקאָמבן פון די קריסטן, וואָס שטאַמען אָפּ פון זיי...

— ווער פון וועמען שטאַמט אָפּ?

— די קריסטלעכע פון די אידישע...

איר פאַרשטייט אַ פּאַסאַן פון ריידן? די אידישע זיינען ענלעכע צו די קריסטלעכע און די קריסטלעכע שטאַמען אָפּ פון די אידישע.

און מיר גרייכן יאָקאָס צו די אידישע אויך. פיגורן זיינען כמעט ניט פאַראַן. וואָס דען איז פאַראַן? אויפשריפטן. אויך גריכיש זיינען די אויפשריפטן. אין יענער צייט איז די שפּראַך פון די אידן, וואָס האָבן געלעבט אין רוים געווען גריכיש. ציצערא האָט זיך געקלאָגט, אַז די אידן ריידן ניט די שפּראַך פון לאַנד... יידן האָבן אָנגעהויבן אַ שפּראַך פון אַ לאַנד, און זיי האָבן דאָס פאַרלאָזט. זיי האָבן אויסער רוים דערנאָך גערעדט לאַטיין... שפּראַכן זיינען ביי אונדז געגאַנגען און געקומען און מיר זיינען געבליבן... אייניקע פון די אויפשריפטן לייענט דער פּראָפעסאָר איבער. זיי האָבן אַלע אַ שייכות צו משהס גלויבן. זיי דערהויבן משהן און זיין תורה. און דאָך מאַכט דאָס דעם איינדרוק, אַז צווישן די דאָזיקע אידן, וואָס האָבן באַהאַלטענערהייט געבראַכט זייערע טויטע צו קבר ישראל אין די קאַטאַקאָמבן, זיינען געווען אויך קריסטן. די סאַמע ערשטע קריסטן אין רוים זיינען אייגנטלעך געווען יידן און זייער קריסטלעכקייט איז דעמאָלט נאָך געווען אַ סך נענטער צו יידישקייט ווי צו דער היינטיקער קריסטלעכקייט...

בין איך אַזוי געשטאַנען ביים נומער 37 פון די קאַטאַקאָמבן און איך האָב אָנגעהויבן צו האָבן דאָס געפיל, אַז איך בין אויף קבר אבות ביי מיינע אור־אור־זיידעס און באָבעס און פאַר די אויגן זיינען מיר דורך דורות און דורות אידן, וואָס האָבן ניט נאָר באַגראָבן טויטע אונטער דער ערד, נאָר זיי האָבן אויך אָפּגעהיט שבת אונטער דער ערד און געדאַוונט אונטער דער ערד, און אָפּגעהיט אַלערליי אידישע טראַדיציעס טיף אונטער דער ערד.

עס איז מיר געוואָרן קאַלט אין גאַנצן לייב און לעבן, ווען איך בין געשטאַנען אין דעם יידישן קאַטאַקאָמב, אָבער ווי קומט יענע קעלט צו דער באַרפרוירנקייט וואָס סוקצעווערס „געהיימשטאַט" ווייעט אָן?

און אָט בין איך מיט די געדאַנקען צוגעקומען ביז צו די „תעלות" און „הפירות" פון די קיבוצים און מושבים אין ארץ ישראל. גאַנץ ארץ ישראל איז היינט אונטערגעמינעוועט. מען גראָבט אויס שמאָלע און טיפע טראַנ־

שייען און מען ליגט אין זיי אזוי לאנג, ביז וואנען דער שונא שיסט פון ווייטנס, קומט ער אבער צו נאענט, גייט מען ארויס און מען גיט אים שמעקן פולווער. און ווען אראבער דערפילן פולווער פון דער נאענט, אנטלויפן זיי. דאס געהיימע געווער זייערעס איז — אנטלויפן...

און שטייענדיק אין די בונקערס פון „כפר מונש" אין „עמק חפר", האט זיך מיר געדאכט, אז איך בין אין די קאטאקאמבן פון רוים. און דאס זעלביקע אין „שער הגולן", וואס געפינט זיך אי ביי דער גרעניץ מיט סיריע, אי ביי דער גרעניץ מיט עבר הירדן.

...און איצטער ווו בין איך? אין די קאטאקאמבן פון רוים, אין סוצקעווערס „געהיימשטאט", אין די תעלות פון ארץ ישראל. אין רוים הוט מען אפ טויטע, אין „געהיימשטאט" היט מען א מיט צווישן לעבן און טויט און אין די „תעלות" פון ארץ ישראל היט מען אפ דאס לעבעדיקע לעבן. אין די בארבארישע צייטן האבן זיך מענטשן באגראבן אונטער דער ערד צו באגראבן טויטע, אין דער ציוויליזירטער עפאכע דארפן מענטשן זיך באהאלטן אונטער דער ערד צו היטן דאס לעבעדיקע לעבן. געוואלד, וואס פאר א געדאנקען־אוואנטורע סוצקעווער האט עס ארויסגערופן ביי מיר מיט זיין „געהיימשטאט", וועלכע ער האט ארייגעשטעלט אין דער סאמע מיט צווישן די קאטאקאמבן און די „תעלות"....

— ער איז צופרידן מיט ארץ ישראל, דער יידישער פאעט־פארטיזאן?

— ווער רעדט איצטער פון צופרידנקייט אזוי ווי אמאל? די באגריפן זיינען אלע אנדערש. אבער איין זאך דערקוטשעט אים אין ארץ ישראל — מען רופט אים דא „סאצקאווער", ווייל דעם „חולם" לייענט מען דא איבערהויפט ווי אן „א". אז א ייד פרעגט אים, צי ער איז „סאצקעווער", ענטפערט ער אים ברוגז, אז ניט. אזוי א מאכט ער שלום צווישן יידיש און העברעאיש. די הסתדרות האט באשלאסן ארויסצוגעבן א דריי־חודש זשורנאל, וואס י. מ. ניימאן האט אים א נאמען געגעבן „די גאלדענע קייט" און סוצקעווער רעדאגירט אים אינאיינעם מיט א. לעווינסאן, און ער האט גורם געווען צו אט דעם באשלום. און מען זעצט זיינע לידער איבער אין העברעאיש, אבער ער האט דאך א קאנפליקט מיט העברעאיש, ווייל ער וויל ניט הייסן „סאצקעווער"...

און אזוי ווי איך האב שוין איבערגעלאזט די סאלדאטן, די גענעראלן און די מלוכה־מענטשן און איך בין אוועק דורך לאנדסלייט צו ליטעראטור, בין איך שוין אוועקגעגאנגען ביז צום „בית ביאליק". מיין חבר, דער מאלער און דיכטער ראובן וווינט אויף דער ביאליק גאס, טאקע

אַ פּאָר שפּאַן פון ביאַליק הויז. ער געפעלט מיר עפּעס נאָך מער, דער דאָזיקער יונגער חבר מיינער, ווייל סוצקעווער איז אים געפעלן. ער האָט זיך אין יונגן יידישן דיכטער פּשוט פאַרליבט. ער האָט נאָך ניט געזען אַ יידן, זאָגט ער, אַזוי אויסזען. און אַז ראובן ווערט באַגייסטערט, ווערט ער יינגער. די לאַנגע האָר בלייבן אים טאַקע ווייטער ווייס, אָבער דאָס פּנים און די אויגן ווערן יינגער און ער שרייט מיטן קוויטש:

— געלאַמטער טערק, בלייב שטיין! זע נאָר פאַרבן!

אין ראובן איז פאַרבליבן אַ בענקשאַפט צום שרייבן. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידישע לידער, אָנגעהויבן מיט מזל־ברכה און אויפגעהערט. אין זיינע קרייזן האָט מען ניט געשריבן קיין יידיש און עס ציט אים דווקא צו מאַמע־לשון. און אָט דערפאַר האָט עס אים אַזאַ צי געטון צו סוצקעווערן. אָט ערשט האָט ער זיין נאָמען ניט געקענט נאָכזאָגן, און ער האָט געזאָגט נאָך ערגער ווי „סאָצקעווער״ און אָט איז ער אים שוין געווען אייגן ווי אַ יינגערער ברודער. און אַז ראובן ווערט אויפגעלייגט, נעמט ער דערציילן זכרונות און דווקא אויף יידיש. ער וועט נאָך אַמאָל איבערלאָזן אַלצדינג און נעמען שרייבן זיינע זכרונות אויף יידיש... באַגייסטערט איז ראובן, ווען ער גייט מיט מיר איניינעם צו מאָטיע ראַבינאָוויטש אויף די טרעפּ. ער הערט ניט אויף זאָגן: „איך פיר באַטאָ־שאַנסקין צו מאָטיען אין ארץ ישראל... דאָס איז דאָס לעבן! דאָס איז דער זין פון לעבן!״ און אַז מאָטיע הערט דאָס, שמייכלט ער שטיל. קוים, קוים שמייכלט ער. אַמאָל דערציילט ער אויך זכרונות. אָט דערציילט ער ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען קיין תל אביב און ער האָט געהאַלטן אין איין טרעפן באַרימטע שרייבער און ער איז זיי נאָכגעגאַנגען. צוריק מיט אַ יאָר 23 איז צו אים געקומען אַ „גובה״ (אינקאַסענט) נאָך עפּעס אַ מס (שטייער). האָט ער באַצאָלט און ער האָט באַקומען די קבלה, זעט ער, אַז עס איז אונטערגעשריבן ז. י. אנכי. איז צווישן זיי פאָרגעקומען אַזאַ אַ דיאַלאָג:

— אנכי?

— אנכי!

— א גובה?

— א גובה!

— ר׳ אבאָ

— ר׳ אבאָ!

— צווישן הימל און ערד?

— צווישן הימל און ערד!
— טאַקע יענער אנכי?
— טאַקע...

גיי איך דורך ראובנען צום בית ביאַליק. די גאַס איז איינגעטונקען אין ביימער און בלומען. כמעט ביים עק פון דער דאָזיקער גאַס, נומער 22, געפינט זיך דאָס בית ביאַליק. דאָ האָט ביאַליק געלעבט זייט 1924 און אָט אָ דאָ האָט מען אין יאָר 1933 געפייערט זיין זעכציק־יאָריקן יובילײ און די מוניציפּאַליטעט האָט אים דערקלערט פאַר ערן־בירגער; ווער האָט געוווּסט, אַז אין איין יאָר אַרום וועט ער שוין ניט זיין צווישן די לעבע־דיקע? דאָ האָט ביאַליק געזאָגט אַ סך ווערטער, וואָס אייניקע פון זיי וועלן פּונקט אַזוי לאַנג לעבן ווי זיינע שירים. נאָך ביאַליקס פּטירה האָט די מוניציפּאַליטעט (עיריה) אָפּגעקויפט דאָס הויז און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די „אגודת בית ביאַליק״ (דער פאַרבאַנד פון ביאַליקס הויז), וואָס גיט אַכטונג אויף דעם דאָזיקן הויז, וואָס איז אי אַ ביבליאָטעק, אי אַ מין מוזיי און ווו עס קומען אויך פאָר אָפטע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען און ביכער־אויסשטעלונגען. פאַראַן דאָרט אַ לייען־זאַל מיט אַ זעקס טויזנט ביכער. דאָס אַרבעטס־צימער איז געבליבן. דער זעלביקער טיש, בײַ וועלכן דער דיכטער האָט געאַרבעט און די זעלביקע שטול אויף וועלכער ער איז געזעסן. אין שלאָפצימער איז איינגעאָרדנט אַ שטיקל מוזיי. דאָרט זעט מען אויך אַ סך כתב ידן פון דיכטער, פאַרשידענע דאָקומענטן פון זיין לעבן, בילדער, מתנות, וואָס דערוואַקסענע און קינדער האָבן אים געשאָנ־קען. אפילו שילער פון קינדער־גערטנער האָבן אים געשאָנקען מתנות. ס׳הענגט די ״תעודה״ פון דער „עיריה״, אַז ער איז ערנבירגער פון תל אביב און אַ סערטיפיקאַט פון דער שפּאַנישער אַקאַדעמיע פאַר זיין אי־בערזעצן „דאָן קיכאָט״ אין העברעאיש. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז פאַראַן אַן אַרכיו פון בריוו און פון אַרבעטן וועגן פּאָעט. פאַראַן ביכער וועגן אים און קליינע אַרטיקלעלעך אין אַ גאַנצער ריי שפּראַכן און איבערזע־צונגען. ער איז איבערגעזעצט געוואָרן אפילו אין עספּעראַנטאָ. עס ציט די אויפמערקזאַמקייט אַ זייגער, וואָס דער פאַריזער מאָלער משה מיימון האָט אים געמאַכט. די שעהן זיינען מיט גאָלדענע אידישע אותיות און אין דער מיט דאָס וואָרט „תקוה״ מיט בלויע אותיות. דער זייגער הייסט טאַקע „שעון התקוה״. אָנשטאָט דעם „יב״ (12) איז פאַראַן אַ סימבאָל פון האָפענונג: אַ לויפנדיקער הירשט האָט אויף זיך אַ קליין מלאכל מיט אַ פאָן. אויפן אָרט פון דער „ו״ (6) — אַ צווייג און אין זיין שאָטן אַ

פויגל מיט אן אונטערשריפט „שלום" — אן אנדייט אויף ביאליקס ערשטן שיר, וואס הייבט זיך אן מיט א „שלום" צום אומגעקערטן פויגל. די צוויי ווייזער סימבאליזירן דאס וויסן און די ארבעט, דער קלענערער ווייזער איז ווי א קלאץ און דער גרעסערער ווייזער ווי א תורה. פוןביידע זייטן איז אנגעשריבן:

צלצל, צלצל בכל בתי ישראל,
צלצוליך ישמעו על פני רחבי תבל".

(קלינג, קלינג אין אלע יידישע שטיבער, דיין קלינגען וועט געהערט ווערן אין דער גאנצער וועלט.)

אונטן איז אנגעשריבן אויף העברעאיש: „צום אנדענק פון אונדזער משורר ח. נ. ביאליק ז"ל". אויך דער פיעדעסטאל איז א גאנץ אינטערעסאנטער. עס איז אויף אים אנגעשריבן „אחדות ישראל", פון דער רעכטער זייט איז פאראן א מנורה, פון דער לינקער — א ווערדל, אין דערמיט א וויינענדיקע ווערבע און אונטער איר א הארפע — די אידישע פאעזיע באוויינט דעם טויט פון איר דיכטער. דער זייגער קלינגט יעדע שעה די „התקוה".

אביסל צו געצאצקעט און ניט גאר אין ביאליקישן טאן?
קען זיין!

דאס ניט־גרויסע ביאליק־געסל ווערט געשלאסן און געשפארט מיט דעם בנין פון דער מוניציפאליטעט. ניט אזא גוואלדיקער בנין. א נארד אמעריקאנער ייד האט אים געבויט פאר א האטעל און די מוניציפאליטעט האט אים דערוייל געדונגען. ווען עס וועלן קומען בעסערע צייטן, וועט די „עיריה" בויען אן אייגן הויז. דא איז ניט פאראן קיין פלאץ פאר אלע אפטיילונגען און די מוניציפאליטעט איז צעווארפן, דאך באהערשט זי גאנץ פיין די שטאט און זי האט א שטענדיקן קאנטאקט מיט דעם קרן קימת, וואס איז באלעבאס איבער זייער א סך ארץ ישראל באדן בכלל און תל אביבער בפרט. ביים אריינגאנג אין דער מוניציפאליטעט איז פאראן א סימבאלישער טורעם, וואס פארשפרייט ליכט און א טויער. די שטאט תל אביב וויל זיין א ליכט־טורעם און אויך דער טויער פון לאנד. צוויי ווערטער זיינען דא אנגעשריבן: „אבנך ונבנית" (איך וועל דיך בויען און דו וועסט אויפגעבויט ווערן); זיי זיינען ארויסגענומען פון „ירמיהו". מען ווייזט דיר אן, אז די גאסן, וואס אונטער דער מוניציפאליטעט האבן צום מיינסטן געליטן פון דער כוליגאנישער לופט־באמבארדירונג פון 1939. אריבער 350 הייזער זיינען דעמאלט דא צעשעדיקט געווארן און

הונדערט צוואַנציק אידן געהרגעט געוואָרן. אין מאַי 1948 האָבן די זעל־ביקע ווינקלען אויך געליטן פון מערדערישע באָמבאַרדירונגען.

אָבער מיר ציט נאָך אַלץ צוריק צום ביאַליק־הויז. איך בין נאָך דאָרטן אויך דעמאָלט, ווען איך בין שוין פון דאָרט אַוועק.

און אויב אַזוי — גיי איך שוין אויך צום ברענער־הויז; דורך אַ גאַס וואָס הייסט יוחנן הסנדלר, קום איך צו דער ברענער־גאַס און דאָרט ניט ווייט איז דאָס „בית ברענער״.

יוחנן הסנדלר, י. ח. ברענער — עפּעס אַ קרובהשאַפט איז פאַראַן.

דאָס ברענער־הויז האָט אויסגעבויט די הסתדרות. דאָס איז אַ גרוי־סער אַנשטאַלט און עפּעס שוועבט דאָ ברענערס גייסט. אויפן ערשטן שטאָק איז פאַראַן אַ רעסטאָראַן, טרעפסטו דאָרטן אַ סך מענטשן, וואָס זיינען אויסערלעך ענלעך צו ברענערן. טרעפסט דאָ נאָך מענטשן, וואָס גייען מיט רוסישע „קאָסאָוואָראָטקעס״ אָנשטאָט מיט כאַקי־העמדלעך, וואָס די מערסטע מענטשן טראָגן אין לאַנד. פאַראַן דאָ אַ זאַל, וווּ עס קומען פאָר רעפעראַטן און פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. אין אָט דעם זאַל שטייט אַ ברענער־ביוסט פון בתיה לישענסקי, שרייט דער קאָפּ פון הע־ברעאישן שרייבער־מאַרטירער און ער רופט... דאָס גאַנצע ברענער־הויז האָט ניט נאָר דעם גייסט פון תל אביב פון 1948, נאָר אויך דעם גייסט פון האָמעל און אָדעס אין 1905...

איך דערמאָן זיך אין אַ דערציילונג, וואָס איך האָב ניט לאַנג גע־לייענט אין אַ נייעם העברעאישן זאַמלבוך וועגן אָט דעם הויז און טאַקע וועגן דעם ברענער־ביוסט. אַ דערציילונג, וואָס שילדערט ווי אַזוי דער ביוסט באַטייליקט זיך דירעקט אין אַ מיטינג און ער וויינט מיט, ווען אַלע וויינען, אָבער ער ווערט ניט מוטיק, ווען אַלע זינגען.

בית ביאַליק, בית ברענער, בית אחד העם... אין די בעסטע צייטן איז אין ווארשע געווען אַ „בית פּרץ״?

איך געדענק ניט. עס איז געווען אַן „אוהל פּרץ״ אויף דעם בית־עולם און ער איז נאָך איצטער אויך דאָ.

XI

העברעאיש טעאטער, העברעאישע פרעסע, יידיש און די גאָלדענע קייט

בן גוריון האָט גערעדט צו די קעמפער אין ירושלים. ער האָט גערעדט מיט קלאָרע און לויטערע ווערטער. ער האָט ניט איבערגעטריבן. ער האָט געזאָגט, אז די יידישע מלוכה ווערט שטארקער פון טאָג צו טאָג און די הגנה, וואָס שרייבט אריין אַ קאפיטל, וואָס וועט אייביק שיינען אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווערט רייכער אין געווער און פעסטער אין באַוווסטזיין און טעכניש מער צוגעגרייט. אין תל אביב און אויף די פראָנטן אין דער נאָענט, וווהין מיין אויג און חוש האָבן געקענט גרייכן, איז מען סיי ווי געווען מוטיק און מען האָט ניט גענייטיקט זיך אין א ספעציעל רוף. אין ירושלים איז די לאַגע געווען שווערער ווי אומעטום. די שטאָט איז שוין אַ האַלב יאָר געווען באַלאַגערט און יעדע שטוב איז דאָרט געווען פראָנט. און מען איז געווען איזאָלירט פון דער גאנצער וועלט. מען האָט ניט באקומען קיין בריוו און קיין טעלעגראמעס, האָט מסתמא בן גוריונס וואָרט געווירקט ווי דערמוטיקונג פון א טאטן און א ברודער.

און עפּעס אַ טרייסט איז געווען אויך אין דער ידיעה, אז די יידישע לופט־כוחות האָבן באָמבאַרדירט רבת עמון. אבדאַלאַ איז שוין געווען צו־שטארק אין די פעדערן. ער איז שוין אַריינגעריטן אין דער אלטער שטאָט אויף אַ ווייסן פערד און מען איז שוין געווען גרייט אים צו מאכן פאר אַ גאָט. די הייסע באָמבעס, וואָס האָבן קאלט געמאכט לעבנס, האָבן זיין געטלעכקייט אביסל פארקלענערט.

גערעדט האָט מען דעמאָלט ווידער זייער שטארק וועגן וואָפנשטיל־שטאַנד. פאָלקע בערנאַדאָט איז אָנהויב יוני, אָדער טאַקע אין ערשטן טאָג פון אָט דעם חודש, אָנגעקומען קיין חיפה מיט אַ ספעציעלן עראָפּלאַן. ער האָט געהאט אַ קאָנפערענץ מיט שערטאָקן אין חיפה און באלד האָט ער געהאָט אויך אַ שמועס מיט אבדאַלאַן אין רבת עמון; אויף דעם אָרט פון כליענדיקן האָלענדער, האָט זיך באַוויזן אַ פליענדיקער שוועד און טע־

לעגראַמעס זיינען געפלויגן הין און צוריק און מען האָט געהאַפט, ווייל דער ווילן איז דער פאָטער פון געדאַנק. קיין קלאָרע ווערטער האָט מען פון די אומאויפהערלעכע טעלעגראַמעס ניט געקענט אַרויסנעמען. דעם גאַנצן נאָכמיטיק גייען אין תל אביב אַרוים נייע און נייע צייטונג־אויס־גאַבעס; כמעט יעדע שעה אַן אויסגאַבע, האָט מען זיי געלייענט מיט אָטעם־פאַרכאַפּונג און מען האָט אויך געהערט אָן אויפהער דעם ראַדיאָ, וועלכן מען האָט ניט געקענט גוט הערן, ווייל ער איז פאַרדעקט געוואָרן פון אַנדערע ראַדיאָס, און עס איז גאָרניט קלאָר געוואָרן. און פּלוצים איז געקומען אַ ידיעה, אַז מיטוואָך דעם צווייטן איז וואַפנשטילשטאַנד. מען איז גרייט געווען צו טאַנצן אין די גאַסן און מען האָט זיך געצוימט. עלטערן, וואָס האָבן ניט פאַרלוירן קיין קינדער, האָבן געצוימט מיט טאַקט זייער פרייד, בכדי ניט וויי צו טון די עלטערן, וואָס האָבן פאַרלוירן די קינדער. און דער וואַפנשטילשטאַנד האָט געדויערט צוויי שעה ביים יידישן צד, ביי די אַראַבער איז אין גאַנצן קיין וואַפנשטילשטאַנד ניט געווען. איין העברעישע צייטונג האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס איז פּשוט געווען אַ טעות מצד דעם יידישן אויסערן־מיניסטעריום. דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט געשוויגן. וואַרשיינלעך איז דאָס טאַקע געווען אַ טעות. דער איינ־ציקער ביטערער טעות אין דער צייט פון זייט די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן. מען וועט אַמאָל נאָך וויסן וואָס דעמאָלט איז געשען. די צוויי שעה וואַפנשטילשטאַנד האָבן אָפּגעשטעלט דעם ריטם פון דער יידישער קריגספירונג און האָבן פאַרשטאַרקט דעם אַראַבישן אימפּעט.

די אַראַבער האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ סך טומל וועגן זייערע נצחונות. עס איז געווען איבערטריבן. אָבער אָנשטרענגונגען האָבן זיי געמאַכט גרויסע. זייערע מענטשן האָבן ניט מיט צופיל חשק געקעמפט און מען האָט דער־ציילט, ווי אַ פאַקט, אַז זיי האָבן זיך איבערגעגעבן אין מאַסן. איין אָפּטייל האָט זיך איבערגעגעבן צו אַ יידישן פרויען־באַטאַליאָן און דער קאָמענדאַנט האָט געשטעלט אַ קאָנדיציע, אַז מען זאָל ניט אויסזאָגן, אַז ער האָט זיך געלאָזט נעמען געפאַנגען פון פרויען. ווערליק דער שטענדיקער פּאַסיוויטעט פון זייערע אַרמייען, האָבן זיי דעמאָלט געקעמפט ווי די לייבן, כאָטש געוווסט האָט מען, אַז אין צפון זיינען די קאַוקאַדזשי־באַנדעס געשלאָגן און אין דרום גייט עס די מצריים אויך גאַנץ שלעכט. זיי האָבן זיך געשלאָגן עפּעס ווי אין קאָנוווּלסיעס. גליך עמיצער האָט זיי געבריט די טריט. זיי האָבן, האָט מען דערקענט, געוואָלט דערגרייכן געוויסע נצחונות און דערנאָך איינגיין אויף וואַפנשטילשטאַנד. איבערהויפּט זיינען געשפּרונגען

פון דער הויט פרעהס אייניקלעך, וואס האבן מקנא געווען אבדאלאן, וועל־כער האט דאך אין ירושלים געהאט א נצחון. די עגיפטער איז ניט אנגע־שטאנען, וואס דער פריש־געבאקענער קעניג פון עבר הירדן האט א נצחון און זיי, די עלטסטע און גרעסטע אראבישע מלוכה, האבן ניט מיט וואס זיך צו בארימען. עס ווייזט אויס, אז עמיצער האט זיי געטריבן און געזאגט: „גיכער, יידן האבן איצטער נאך ניט קיין געווער...״ איצטער, אדער קיינמאל.

בן גוריון האט פרייטיק דעם פערטן יוני געמאכט א רעוועלאציע ביי א מיניסטארן־זיצונג. ער האט דערציילט וועגן ענגליש־טראנסיארדאנישע פלענער, וואס מען האט באוויזן צו אויפדעקן. די מיניסטארן־זיצונג, געדענק איך, האט שוין געקלאפט, גלייך עס וואלט זיך געהאנדלט אין אן אלטער רעגירונג, כאטש זי איז אין יענעם טאג אלט געווארן גאנצע דריי וואכן. דער פרעמיער פון „ישראל״ האט דערציילט וועגן א פלאן פון ענגלענדער און טראנסיארדאניער צו אריינמארשירן קיין חיפה דעם 20טן און קיין תל אביב דעם 25טן. מען האט דעמאלט געזאלט גאנץ ארץ ישראל ארונטערנעמען אונטער אבדאלאס קרוין...ביים הארצן האט יעדער ייד דעמאלט געפילט דאס ריזלען פון ווארעם בלוט צוליב די געפאלענע יונגע און הארציקע בחורים אונדזערע, אבער די ענגליש־אראבישע מפלה פון ניט דערלעבן צו רעאליזירן דעם פינצטערן חלום, האט לייכטער געמאכט אויף די בלוטנדיקע הערצער.

איך האב אין יענער צייט נאך אלץ ארומגעקוקט תל אביב און די ארומיקע געגנט. עס איז נאך שטענדיק געווען עפעס וואס צו זען. עס איז דא וואס צו זען אין תל אביב אויף יעדן „ככר״ (סקווער), אין יעדער „שדרה״ (בולוואר), אין יעדער שול צום דאווענען, אין יעדער פאבריק, אין יעדער קינדער־שול, אין יעדער געגנט. אזויפיל מינים יידן. הונדערט פעל־קער און צען ראסן, וואס ווילן ווערן איין פאלק. ווען העברעאיש קעמפט קעגן יידיש, רופט דאס ביי דיר ארויס א מוראדיקע פיין, אבער ווען העברעיש קעמפט פאר זיך אליין, ווערט דאס העלדיש. מען דארף האבן א כוח צו וועלן, אז די אלע פעלקער זאלן ריידן איין שפראך און דווקא העברעאיש. באהאלטענערהייט און אמאל מער מיט פויזעם ווי מיט ווערטער זאגט מען דיר, אז מען האט דא קיין שום שפראך ניט באקעמפט, אויסער יידיש, ווייל מען האט פאר קיין שום שפראך חוץ יידיש ניט מורא געהאט... עס איז עפעס ווי די מעשה וועגן דעם פרינץ, וואס דארף פארנעמען דעם טראן און ער האט מורא פאר דעם ברודער... פונקט דעם ברודער דארף ער

אונטערדריקן. פארגעסטו אַ רגע אין טרויעריקן קאמף קעגן יידיש, וואָס האָט צייטנווייז געוואָרגן די מערהייט פון ישוב, באוואונדערסטו דעם קאמף פאַר העברעאיש. אינגאַנצן לאָזן, אַז איש הישר בעיניו יעשה, האָט מען דאָך אויך ניט געקענט. אַ פאָלק און אַ לאנד מוזן דאָך האָבן א שפּראַך.

איך האָב באזוכט די טעאטערס פון תל אביב. אין איינציקע האָבן איך געזען אויך פאָרשטעלונגען. די „הבימה" איז גראָד דעמאָלט געווען אין די פּאריייניקטע שטאטן און איך האָב ליידער געקענט זען נאָר איר בנין. איך האָב די „הבימה" געזען באלד ווי זי איז אַריבערגעקומען פון מאָסקווע און זייט דעמאָלט האָב איך זי ניט געזען. זי איז אמאָל געווען די סענסאַציע פון דער וועלט אַדאנק איין אויפפירונג, וואָס אַ רוסישער רעזשיסאָר, אַ גרוזינער פון אָפּשטאם, האָט געמאכט פון ש. אַנ־סקים „דיבוק", וואָס ביאַליק האָט איבערגעזעצט. זייט דעמאָלט איז די „הבימה" קיין סענסאציע מער ניט געווען. זי זוכט אַ וועג און געפינט אים שווער. זי וויל ווערן דאָס קלאסישע טעאטער פון א פאָלק, וואָס האלט אין באנייט ווערן און אין א שפּראַך, וואָס ווערט פון ס'ניי געבוירן. זי וויל זיך באַהעפטן מיט דער וועלט און וויל אַריבערשפּרינגען צו דעם יידישן אוראַלטער. זי וואַרפט זיך צו שעקספּירן און סאָפאָקלען און צו מיטלמעסיקע ביבלישע פּיעסן פון ניט־יידן און האָט עפּעס ווי מורא פאַר גלות־פּיעסן, כאָטש איך גרויסער דער־פאָלג איז געווען און פארבליבן דער גלותדיקער „דיבוק". מען האָט מיר געגעבן אינפאָרמאציעס וועגן „הבימה", וועלכע האָבן פאַר מיר א קנאַפּן ווערט, אזוי לאַנג איך האָב די גאנצע זאַך ניט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. מען האָט דערציילט וועגן דעם, אַז אַ צייט האָט מען ניט צוגעלאָזט קיין נייע יונגע כוחות און מען האָט זיי אָנגעהויבן צולאָזן, ווען עס איז שוין געווען אַ ביסל צו־שפּעט און מען האָט געמיינט, אַז מען אנטדעקט מיר אַמעריקע. דאָס איז די געשיכטע פון יעדן טעאטער. און דאָס איז די טראַגעדיע פון יעדן אַקטיאָר. די יאָרן מאכן זייער אָפּט, אַז דער אקטיאָר זאָל פילן, אַז ער קען בעסער שפּילן, אָבער דאָס אויסזען ווירקט פאַרקערט און דער עולם פאַרלאַנגט ניט ווייניקער אויסזען ווי טאַלאַנט. יונג און אַלט — אייביקער קאַמף... שווערער און טראַגישער ווי אומעטום קומט ער פאָר אין טעאטער און אין — וואלד. מען איז געווען צופרידן אין ארץ ישראל פון דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען האָט אַרויסגעוויזן אין ניו־יאָרק דער „הבימה". מען האָט דערציילט אין די צייטונגען, אז מען האָט אָפּגעשטעלט די טראַפיק אין א גרויסן טייל פון ניו יאָרק, בכדי די פאר־

שפּעטיקטע „הבימה״־אקטיאָרן זאָלן באוויזן אָנצוקומען צו אַ פאָרשטעלונג. עס האָט געקלונגען ווי אַ לעגענדע.

איך האָב געזען דעם בנין פון „הבימה״. אויף דעם „כבר העיריה״ (סקווער פון דער מוניציפּאַליטעט) געפינט ער זיך. דאָס פּלאַץ איז דאָס העכסטע אין תל אביב. אין לויטערע טעג זעט מען דאָ אָן די בערג פון יהודה; און דאָס שטעטל שרונה, די געוועזענע דייטשע קאָלאָניע, ווו עס געפינט זיך די רעזידענץ פון דער ישראל־רעגירונג זעט מען פון דאַנען שטענדיק אָן. אימפּאָזאַנט איז דער נייער און יונגער בנין פון „הבימה״ און ער קוקט שטאָלץ און ווייך מיט זיינע זיילן און זיינע האלב־קיילעכדיקע ווענט אויף דעם ראָטשילד בולוואַר און אויף דער דיזענגאָף־גאַס און ער



דער בנין פון דעם הבימה טעאַטער אין תל אביב

כאַפּט אַ קוק אויף אַ סך אַרומיקע געסלעך. פאַראַן אין דער אויסערלעכקייט עפּעס פון אַ גריכישן אַמפיטעאטער און עפּעס אויך פון אַ גרויסער יידישער שול. אינעווייניק איז דאָס אַ מאָדערנע טעאַטער אין פולסטן זין פון וואָרט מיט גאָר אַ מאָדערנער בינע. די מיליאָנען יידן אין נאָרד אמעריקע האָבן קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ טעאַטער ווי די „הבימה״. ביז איצטער האָט זיך די „הבימה״ אויסגעהאַלטן דורך דעם „חוג הבימה״ („הבימה־קרייז״) איצטער וועט מסתמא די מלוכה איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם נאַציאָנאַלן יידישן טעאַטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1918 אין מאָסקווע און איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל אין יאָר 1928 און זיך דאָרט באַזעצט אויף שטענדיק. די „הבימה״ האָט אַ טעאַטער־שול

און אַ פּערטליאַריקן זשורנאַל א. נ. „הבימה". די קאָנצערטן פון דעם ווונ־דערלעכן סימפאָנישן אָרקעסטער, וואָס בראָניסלאַוו הובערמאַן האָט פאַר־מירט, קומען אויך פאָר אין „הבימה". און אַ פּאָר קאָנצערטן האָב איך געהערט. דער גאַנצער אָרקעסטער מאַכט אַן איינדרוק פון פאַרנעם און ברייטקייט, אָבער דאָס יידישע פּינטל פעלט. דער דאָזיקער אָרקעסטער וואָלט פאַרנומען אַ חשוב פּלאַץ אין יעדער גרויסער שטאָט פון דער וועלט. אין ארץ ישראל אָבער וואָלט אזא אָרקעסטער געדאַרפט האָבן נאָך עפּעס. די מוזיקער זיינען ניט דורכגעדרונגען מיט דעם גאַנצן נייעם פּראָצעס און וואַרשיינלעך האָבן זיי ניט געהאַט די געלעגנהייט דערפאַר. מסתמא וואָלט מען ערגעץ אַנדערש דערפילט דאָס יידישע ביי אָט די מוזיקער, אין ארץ ישראל דערפילט מען ביי זיי דאָס גוייִשע.

די אַקוסטיק פון דער „הבימה" איז ניט קיין פּערפעקטע. וואַרשיינלעך איז פאַראַן אַן ארכיטעקטור־טעות, אָבער ער קען פאַרריכט ווערן דורך געוויסע מיטלען. אויב ניט — וועט מען אמאָל ערגעץ מוזן איבערבויען. אין ארץ ישראל בויט מען און מען קעמפט און א טעות איז אַזוי מענטשלעך.

ניט ווייט פון דער „הבימה" געפינט זיך אַ גאָרטן פאַר נאַטור וויסנ־שאַפט פאַר שילער און דאָ וועט אין דער נאָענט אויסגעבויט ווערן א גרויסע שטאָט־ביבליאָטעק, אַ מוזיי און עס וועט ווערן א צענטער פאַר קונסט און קולטור.

אין די אַנדערע דריי העברעאישע טעאַטערס האָב איך יאָ באַוויזן צו זען אויפפירונגען. צום מיינסטן האָב איך געזען דעם „אוהל", אָבער איך האָב אויך געזען דאָס קאַמער־טעאַטער און דעם „המטאטא" (דער בעזעם). די העברעישע אָפּערע איז נאָך ניט קיין סטאַביל טעאַטער, אָבער אַן אָנהייב איז ער. אַ ישוב מיט 750 טויזנט נפשות (און אָט ערשט פריער אַ יאָר מיט זעקס און פינף הונדערט טויזנט) און פאַקטיש פינף טעאַטערס, חוץ דראַ־מאַטישע און קליינקונסט־קרייזן. און אַלע פון אַ מער־ווייניקער קולטור־רעלער הייך. וויפל אַזעלכע טעאַטערס האָבן די פּערציק מיליאָן אַראַבער פון אַרום?

איז אפשר האָט ענגלאַנד אויך דערפאַר מורא. אין דאָמיניעס דאַרפן ווינען „נייטיווס", ניט קיין קולטור־מענטשן.

דאָס צווייטע וויכטיקע טעאַטער איז דער „אוהל", וואָס געפינט זיך אַביסל אין אַ זייט פון „כפר צינה דיזנגאָף". (אַ סקוועער אויף דעם נאָמען פון דער פרוי פון תל אביבער ערשטן בירגערמייסטער). דער „אוהל" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1925 און ער האָט דורכגעמאַכט קאַלט און

ווארעמס. היינט איז ער דאס טעאטער פון דער „הסתדרות און ער האט א געזיכערטע עקזיסטענץ. „אוהל" איז ניט אזוי פאפולער ווי „הבימה", אבער ער האט שוין א וועלט־נאמען. ער האט פאר דעם צווייטן וועלט־קריג גאס־טראלירט אין מערב־אייראפע און ער האט געהאט א באדייטנדן דערפאלג. דער פערמאנענטער רעזשיסאר איז משה הלוי און א סך רעזשיסארן, צווישן זיי דייטשע יידן, האבן אין „אוהל" אויפגעפירט פיעסן. דאס טעאטער זוכט ניט נאר ספעקטאקלען, נאר אויך זאפטיקע רעאליסטישע דראמען, אדער קאמעדיעס. „אוהל" שפרינגט ניט אריבער איבער דעם יידישן לעבן פון גלות און מארים שווארץ האט אין אט דעם טעאטער אויפגעפירט י. י. זינגערס „יאשע קאלב" און „ברידער אשכנזי". מען האט אין „אוהל" אויפגעפירט אפילו גארדינען און גאלדפאדענען. איך האב געהאט די געלע־גנהייט צו זען גאלפאדענס „די כישופמאכערן" אין „אוהל". מען האט די פיעסע א קליין ביסל סטיליזירט און פארבונדן דעם שפיל איינינעם מיט דעם פובליקום, אבער די סטיליזאציע האט זיך אלץ מער אליין באזייטיקט און עס איז געווארן א גאלדפאדן־שפיל אין אלטן נוסח און אידן האבן ארויסגעהערט פון העברעאישן דאס אידישע. ווען די אקטריסע האט גע־זונגען „יהודים, בני רחמנים", האט דער עולם אונטערגעזונגען „יידן בני רחמנים". איך האב דערנאך געהערט תימנער בחורים און בחורטעס זינגען „יהודים בני רחמנים" און „הייסע באבקעלעך".

צו יענער צייט איז פארגעקומען די פרעמיערע פון מ. גערשענזאנס „הערשעלע אסטראפאליער", וואס מען האט פארוואנדלט אין א גוטן פארוויילונג־ספעקטאקל. איך האב אין „אוהל" געזען א פיעסע מיט א נעגער־פראבלעם א. נ. „שרשים עמוקים". (טיפעווארצלען) דאס פראבלעם האט ניט צו־שטארק אינטערעסירט, אבער די רעזשי האט געשאפן אזעלכע שיי־נע בילדער און דער שפיל האט פארמאגט אזא קראפט, אז עס האט פאר־כאפט דאס אויג און מיטגעריסן. און „דער בראווער סאלדאט שווייק" איז אין „אוהל" דערהויבן געווארן צו אן עכטן מאליער ספעקטאקל.

פארבליבן אין געמיט איז מיר מיט זיין קרעאציע פון בראוון סאלדאט שווייק דער שוישפילער י. מרגלית. א גרויסע קרעאציע, וואס דערמאנט אין די גאר גרויסע קאמעדיע־אקטיארן. ווען מאגולעסקא און זאץ — מרגליתן צו לענגערע יאר — וואלטן געשפילט אזעלכע פיעסן, וואלטן זיי אפשר געווען בכוח צו שאפן אזא קרעאציע. י. מרגלית דערמאנט עפעס אויך אין גרויסן דייטשן אקטיאר, דעם יידן מאקס פאלנבערג.

מיט פיינער טעאטראלישער סטיליזירטקייט האט זיך מיר איינגע־

קריצט י. שחורי אין גאָלדפאַדנס „כישופמאַכערן”. פאַרבליבן זיינען מיר אין געמיט די צוויי העכסטע שוישפּילער פון „אוהל” ס. צעכאָוואַל און י. נחתומי (נאַכטאָמי), דער ערשטער מיט נייגונג צו עלעגאַנץ, דער צווייטער מיט נייגונג צו פּרימיטיווער קראַפט און ברוטאַליטעט. דער צווייטער איז אויך אַ באַגאַבטער שריפטשטעלער. ליאַלקעדיק און שפּילעוודיק איז י. ח ל פ י, אַן אויסגעשפּראָכענער קאָמיקער, וועלכן איך האָב געזען אין האַצמעך און הערשעלע אָסטראָפּאָליער. פון די פרויען דערמאָנט זיך ב. אָסטראָווסקי.

ליידער קען איך ניט דערמאָנען אַלע שוישפּילער און שוישפּילערנס, וואָס איך האָב געזען, ווייל די פּראָגראַמען זיינען מיר אונטערוועגס פאַרפאַלן געוואָרן און איך געדענק פּנימער, אָבער ניט קיין נעמען. אין גאַנצן גענומען איז „אוהל” אַ טעאַטער מיט מיטליאָריקע און יונגע פרישע און זאַפטיקע כוחות און איז אַ בריק פון און צו דער גאַנצער יידישער וועלט. פאַראַן ביי אַלע שוישפּילער אַזאַ קינסטלערישן דראַנג, וואָס מ'האָט אַמאָל געקענט געפינען אין די אַלטע, גוטע צייטן אין די גאָר גוטע אייראָפּעאישע און באַזונדער רוסישע טעאַטערס און אַ שטיקל צייט אויך ביי די ווילנער.

דער „אוהל” גיט צו פילן אין דער אויפפירונג פון „כישופמאַכערן”, אַז ער פילט זיך ווי אַ המשך פון יידישן טעאַטער און ער איז גאָלדפאַדנס אַ קינד.

דאָס דריטע טעאַטער איז דער „המטאטא”, אַ רעווי און קליין־קונסט־טעאַטער. יאָרנלאַנג איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אָט דעם טעאַטער דער יידישער שוישפּילער און מחבר פון פּיעסן מאַקס נאָזשיק. היינט האָט דער „המטאטא” ניט קיין שטענדיקן רעזשיסאָר. איך האָב באַוויזן צו זען אין אָט דעם טעאַטער אַ רעווי, וואָס הייסט „מדינת שתחיה”. סיי דער שפּיל, סיי די זאַך זיינען געווען פון מיטעלן ווערט. פיינע איינפאַלן האָט דער צונויפשטעלער מ. רוסטי, אַ דייטשער ייד וואָס האָט געשריבן דייטש און וואָס איז געפאַלן ביי ירושלים, געהאַט. אָבער עס איז געווען וויניק געשליפנקייט ביי די נישקשהדיקע שוישפּילער און שוישפּילערנס, וואָס האָבן ניט גענוג אימפּעט פאַר דעם זשאַנר. עס איז אַ גאַנץ פיינער אויפטו צו האָבן אויך אַזאַ טעאַטער אין אַזאַ קליינעם ישוב, אָבער דער ריכטיקער וועג איז נאָך ניט געפונען געוואָרן. פאַראַן גאָר פיינע נומערן, וואָס שטאַמען פון דער פעדער פון אַ סך אָנגעזעענע העברעאישע פּאָעטן, עס האָט אויך ניט געפעלט קיין צענטראַלע אידעע און דאָך האָט עפּעס

געפעלט. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס עס זיינען שוין פאַראַן העברעאישע שוישפילער, וואָס זיינען צוגעפאַסט צו שפּילן ספרדים, תימנים און אַנדערע עקזאָטישע יידן. דער ישוב איז דווקא פול מיט פאַרביקן און עקזאָטישן שטאָף פאַר אַ רעווי. דער „המטאטא״ געפינט זיך אויף גאַס בן יהודה עק מענדעלע מוכר ספרים.

דאָס פערטע טעאַטער, לויט דער עלטער, דאָס יינגסטע, הייסט „קאַמער־טעאַטער״ און איז אויך זייער יונג אין גייסט. ער איז דאָס זוכנדיקסטע טעאַטער און האָט פּראָפעסיאָנעל אויפגעפירט מער זאַכן ווי אַלע אַנדערע העברעאישע טעאַטערס. איך האָב געזען אין אָט דעם טעאַטער די אויפפירונג פון „הוא הלך בשדות״ (ער איז געגאַנגען אין די פעלדער) פון דעם שוין דערמאָנטן משה שמיר. איך האָב דעם ראָמאַן מיטן זעלביקן נאָמען פריער דערמאָנט. דער מחבר האָט אליין אינסצעניזירט דעם ראָמאַן און האָט אים צוגעפאַסט צו דער בינע און ער האָט אַרויסגעוויזן חוש. ער האָט אַרויסגענומען שטעלן וואָס זיינען פיינלעך אין ראָמאַן און וואָלטן אויף דער בינע געווען נאָך פיינלעכער. ער האָט אויך אויסגעלאָזט דעם באַהעם, וואָס פאַרלאָזט דעם קיבוץ, כאָטש ער איז קינסטלעריש אמתדיק און האָט אים פאַרביטן אויף אַ פּאַעטישן העלד, אויף אַ פּאַרטיזאַן.

די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ סך מער לעבן ווי קונסט, אָבער היים לעבן. עס האָט געבריט. אויך די שוישפּילער ווייזן זיך דערווייל מער מיט זייער אויסזען, ווי מיט זייער שפּילן. זיי זיינען די דאָזיקע, וואָס דאַרפן זיין און זעען אוים ריכטיק און מען וואַרט אויף דער קינסטלערישער אַנטפּלעקונג.

די שוישפּילער, וואָס שפּילן עלטערע מענטשן, ווייזן רוטין; די שוישפּילער, וואָס שפּילן די יינגערע, האָבן נאָך קיין רוטין ניט און דאָס דאָזיקע מאַכט דווקא זיי זאָלן ווירקן ווי רויע שטיקער לעבן. אַ רייץ פון עקזאָטיק ברענגט אַריין חנה סוקעניק אין דער ליידנדיקער מיקי. זי איז שוין אַ שוישפּילערן מיט רוטין, אָבער זי פאַרמאָגט דאָך אַזאַ הילפלאָזיקייט, וואָס רייצט און רירט. אַ צוזאָגנדיקע שוישפּילערן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער אויפפירונג פון „הוא הלך בשדות״ זיינען געווען די מאַסן־סצענעס. אַ רוי שטיק לעבן האָט אין זיי געבריט, אָבער אויך געשיינט און געוואַרעמט. „הוא הלך בשדות״ איז אַזוי ניי, ווי ניי ס'איז דאָס לעבן אין ארץ ישראל.

פאַראַן אויך אַן אָפּערן טעאַטער אין תל אביב. ניט קיין שטענדיקער.

ער גיט אָבער פון צייט צו צייט גאַנץ פיין געזונגענע אָפּערן־פאָרשטע־לונגען.

די „הבימה"־שוישפּילער ווינען אַלע אין איין געגנט און זיי האָבן ווינונגען, וואָס זיינען געבויט פאַר זיי. נייגונג צו שאַפן זיך באַזונדערע געגנטן איז פאַראַן אויך ביי די שוישפּילער פון די אַנדערע טעאַטערס. עס איז נישט קיין קיבוץ, אָבער עפּעס פון דעם. ס'איז קינסטלערישער אינדי־ווידואַליזם בשותּפות מיט ארץ ישראלדיקן קאָלעקטיוויזם.

אַלע טרופּעס זיינען ניט נאָר פאַר תּל אביב. זיי שפּילן אין חיפה,

חנה סוקעניק אַלס מיקי

ירושלים, פּתח תּקוה און אין אַלע קיבוצים, קאָלאָניעס און מושבים. זיי האָבן אויטאָבוסן פאַר די שוישפּילער, קליידער און אַלע מכשירים און זיי האָבן וווּנדערבאַרע בינעס, וואָס זיי שטעלן צונויף אין די קיבוצים און שפּילן אויף זיי. מסתּמא איז ניט פאַראַן קיין איין לאַנד אין דער וועלט, ווו שוישפּילער שפּילן פאַר אַזאַ ריזיקן פּראָצענט איינוווינער, ווי עס שפּילן די העברעאישע טעאַטערס אין ארץ ישראל, כאָטש זיי שפּילן אין אַ שפּראַך, וואָס ווייט ניט אַלע פאַרשטייען זי.

פאַראַן איצטער אַ מיליטערישער טעאַטער, וואָס רופט זיך טשיז־

באַטיאָן" און וואָס ניט ספּעציעלע סאָלדאַטסקע פאָרשטעלונגען. טעאַטער פאַר סאָלדאַטן שפּילן אַלע העברעאישע טעאַטערס.

האָב איך זיך, נאַטירלעך, אויך באַקאַנט נענטער מיט דער העברעאי־שער פּרעסע. ניט מיט די מענטשן פון געדרוקטן וואָרט, ניט מיט די צייטונגס־מענטשן, נאָר מיט די צייטונגען גופא. למאי זאָל איך עס באַהאַלטן? די העברעאישע שריפטשטעלער האָבן מיר פּערזענלעך אַרויסגעוויזן מער אויפמערקזאַמקייט ווי די זשורנאַליסטן. עס איז געווען קריג און די



אַ טזשיזבאַט־פאָרשטעלונג אין פעלד

זשורנאַליסטן האָבן געהאַט צו ווייניק צייט און די צייטונגען — צו ווייניק פּלאַץ. עס איז געווען קריג און אָנהויב מדינה. מיך אַליין האָבן דאָך אויך ווייניקער אינטערעסירט די זשורנאַליסטן ווי די מלוכה־מענטשן, מיליטע־רישע קאָמענדאַנטן און פּשוטע סאָלדאַטן.

איך האָב די גאַנצע צייט געקויפט אַלע העברעאישע צייטונגען און איך האָב געטון אַלצדינג צו האָבן געגוג צייט צו לייענען דאָס כאַראַק־טעריסטישסטע אין יעדער איינער פון זיי, כאָטש איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז ס'איז מיר אָנגעקומען גאַנץ שווער צוליב דער פּשוטער סיבה,

וואָס מ'רייסט אין ארץ ישראל אייך ממש אַרויס די צייטונגען פון די הענט...

קיין סך „סטאַרס" האָבן די העברעאישע צייטונגען ניט, כאָטש זיי האָבן אַ סך ערשטראַנגיקע זשורנאַליסטן. די צוויי פּאָפּולערסטע נעמען זיינען זלמן רובאשאָוו און דר. עזריאל קאַרלבאַך, וואָס זיינען מיילן־ווייט איינער פון אַנדערן. דער ערשטער איז אַ פּאַרטיי־מענטש, אַן איינגע־וואָרצלטער אין ארץ ישראל, דער צווייטער — אַן אומפּאַרטייאישער, אַ יונגער תושב אין לאַנד. דער ערשטער שרייבט טיף, דער צווייטער — אויף אַ הויך קול. עס וועט נאָך אויסקומען זיי צו דערמאָנען. אין אַ גרויסער מאָס איז אַ סטאַר דער פּאָעט נתן אַלטערמאַן, וואָס שרייבט פעליעטאָנען אין פערזן, וועלכע ווערן ממש געשלונגען. אָבער מיר וועלן שרייבן וועגן די צייטונגען גופא.

די עלטסטע צייטונג הייסט „הארץ" (דאָס לאַנד); זי האָט געהאַט צווישן רעדאַקטאָרס אַזעלכע באַרימטקייטן ווי וול. זשאַבאָטינסקי און לייב יאפּע. דער ערשטער אַרויסגעבער פון „הארץ" איז געווען י. ל. גאָלדבערג, איינער פון די צוויי ברידער גאָלדבערג, וואָס זיינען געווען באַרימטע ציונים אין ווילנע. דער דאָזיקער, וואָס האָט געגעבן דעם טאָן דעם „הארץ" איז געווען דר. מ. גליקסאָן, אַ רוסישער ייִד, וואָס האָט געקראָגן העכערע בילדונג אין מערב אייראָפּע. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַלגעמיין וויסן און אַ טיפער קענער פון ציוניזם. ער איז געווען אַ פּראָגרעסיווער אַלגעמיינער ציוני. די לעצטע יאָרן געהער דער „הארץ" צו דעם באַוווּסטן אַרויסגעבער און קולטור־בויער זלמן שאָקען און רע־דאַקטאָר פון דער צייטונג איז טאַקע זיין זון גוסטאַוו, וואָס הייסט שוין אויך גרשון. דער „הארץ" דערמאָנט אין סאָלידקייט דעם ניו יאָרקער „טיימס" און די ב. איירעסער „לא פּרענסא". די צייטונג האָט פּרעכטיקע פרייטיק־נומערן מיט אַ סך וויכטיקן פּובליציסטיש־ליטעראַריש־וויסנשאַפט־לעכן שטאָף. און זי האָט די מאָדערנסטע איינריכטונגען, גלייך זי וואָלט גע־האַט הונדערטער טויזנטער לייענער, כאָטש דער טיראַזש איז (און מוז זיין) אַ רעדוצירטער. קיין גרויסע פּאַרטיי רעפּרעזענטירט דאָס בלאַט ניט און אַ גרויסן איינפלוס האָט עס.

די צווייטע צייטונג אין עלטער איז דער „דבר" (דאָס וואָרט), וואָס האָט וואָרשיינלעך דעם גרעסטן טיראַזש. זי איז אַלט 23 יאָר; זי איז אָפיציעל די צייטונג פון הסתדרות אָבער פּאַקטיש דער אָרגאַן פון מפא"י, וואָס איז די גרעסטע פּאַרטיי אין לאַנד, אָפיציעל איז דער ערשטער

רעדאַקטאָר געווען בערל קאַצענעלסאָן — דער קאָפּ פון דער באַוועגונג. געפירט פּאַקטיש די צייטונג האָט אַ זשורנאַליסט מיט אַ לעגענדארישן נאָמען אין ישוב, וואָס איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. זיין נאָמען איז געווען משה ביילינסאָן. איינציקע האַלטן אים פאַר דעם בעסטן זשור־נאַליסט, וואָס דער ישוב האָט געהאַט. היינט איז דער רעדאַקטאָר דער שוין דערמאָנטער זלמן רובאַשאָוו, אַ זשורנאַליסט און אַ רעדנער מיט אַ לעגענדארישן נאָמען אין ישוב. ער שרייבט אויך יידיש און ער האָט זייער ליב יידיש. ער האָט ליב צו טאַנצן אַ „הורא" און ער האָט אויך ליב צו גיין אַ ריקוד מיט די ליובאַוויטשער חסידים. כאָטש ער איז אַ סאָציאַליסט. ער פאַרייניקט אין זיך יידיש לעבן פון דורות און ער רייסט ניט אָפּ די יידישע ליטעראַטור פון זיין גאָלדענער קייט. רובאַשאָוו איז מסתמא מער אָפיציעלער ווי פּאַקטישער רעדאַקטאָר. פּאַקטישע רע־דאַקטאָרן זיינען עטלעכע יונגע זשורנאַליסטן, וואָס זיינען אפשר מער מאָרגנדיקע מיניסטאָרן. דער „דבר" האָט אויך מאָדערנע איינריכטונגען און פרעכטיקע ערב־שבת נומערן. כאָטש ער איז די צייטונג פון הסתדרות פּאָלעמיזירט ער זייער אָפט מיט דעם „על המשמר" (אויף דער וואך), וואָס איז פריער געווען דער אָרגאַן פון „השומר הצעיר" און היינט איז ער דער אָרגאַן פון דעם „מפ"ם", אַ בלאָק פון דריי פּאַרטייען, וואָס האָבן 34 פּראָצענט פון די הסתדרות־מיטגלידער. דער „על המשמר" איז אַ קלענערע צייטונג און האָט אַ קלענערן טיראַזש, אָבער אַ גאַנץ ערנסטע און אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע. זי איז אי פּאַרטייאיש, אי גענוג אומפּאַר־טייאיש אינפאָרמאַטיוו, אַז אַ ניט־פּאַרטייאישער זאָל זי אויך קענען לייענען. זי האָט אַ ליטעראַרישע ביילאַגע „עתים", וואָס ווערט לעבעדיק און שטורמיש אָנגעפירט פון א. שלאָנסקי, וואָס איז איינער פון די פּאָ־פּולערסטע האַלב־יונגע דיכטער אין לאַנד. שלאָנסקי איז שטורמיש אויך פערזענלעך. ער פאַרנעמט אין דער העברעאישער פּאָעזיע אַזאַ פּאָזיציע ווי ה. לייוויק, כאָטש ער זשאָנגלירט מער מיט דער שפּראַך, ווי ער גיט זיך אָפּ מיטן אינהאַלט. (דער פונקט אַזוי און אפשר נאָך מער פּאָפּולערער דיכטער נאַטאַן אַלטערמאַן, אַרבעט אין „דבר"). מרדכי בן טוב, וואָס איז היינט אַרבעטס־מיניסטער, איז פריער געווען רעדאַקטאָר פון „על המשמר".

די דריט־גרעסטע צייטונג איז דער „הבוקר" (פרימאָרגן); איר באַלעבאָס איז דער בירגערמייסטער פון תל אביב ישראל רוקח. די צײ־טונג איז אַלט אַ יאָר דרייצן און זי איז דער אָרגאַן פון די רעכטע און

קאָנסערוואַטיווע אַלגעמיינע ציונים. איינער פון די „הבוקר" רעדאַקטאָרן, דר. בערנשטיין, איז היינט האַנדלס־ און אינדוסטריע־מיניסטער און יוסף העפטמאַן, וואָס איז אויך אַ יידישער שרייבער, איז היינט דער איינציקער רעדאַקטאָר. דער „הבוקר" איז אָפּאָזיציאָנעל און זייער לעבעדיק. דאָ און דאָרט איז דער טאָן זיינער אַביסל סענסאַציאָנעל און ער איז מער ענלעך צו די נאָכמיטיק־ ווי צו די פרימאָרגן־צייטונגען.

דער „הצופה" איז דער אָרגאַן פון מזרחי. ער ווערט רעדאַקטירט פון י. בערנשטיין. די האַלטונג זיינע איז אַ באַלעבאַטיש־דרך־ארצדיקע. די שפּראַך דאָ און דאָרט מליצהדיק. אָבער דאָס לעבן צווינגט אויך די



א. שליאָנסקי און ד. פרישמאַנס אייניקל

קאָנסערוואַטיווע און פרייע שרייבער צו פאַרבייטן די שפּראַך פון ספרים אויף שפּראַך פון לעבן. דער „המשקיף" איז דער אָרגאַן פון די רעוויזיאָניסטן. צווישן זיינע הויפּט־מיטאַרבעטער זיינען פאַראַן אַבאַ אחי מאיר און דר. וואָלפגאַנג פאָן ווייזל. די רעדאַקטאָרן זיינען אייזיק רעמבא און דר. י. רובין (ניט דער מיטאַרבעטער פון „די פרעסע"). אַ קליינע צייטונג מיט דווקא ניט קיין האָפערדיקן טאָן איז דער קאָמוניסטישער אָרגאַן „קול העם", וואָס האָט ניט קיין סך לייענער און איז געשריבן אין אַ גאָר פיינעם העברעאיש... פאַראַן נאָך צוויי פרימאָרגן־צייטונגען — „עתון עממי", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון פּויליש־יידישן זשורנאַליסט ש. סוויסלאָצקי און „המדינה", וואָס האָט

אָנגעהויבן דערשיינען ערשט צוריק מיט צוויי חדשים אונטער דער רע־דאַקציע פון דר. א. פּאָרעצקי. אין סך־הכל זיינען פאַראַן אַכט בריטמאָרגן־צייטונגען.

אין ירושלים דערשיינען צוויי טעגלעכע העברעאישע צייטונגען — „יומן”, אָרגאַן פון „אגודת ישראל” און „עתין היום” — פון יצחק גרינ־בוים.

„הארץ” און „דבר” האָבן נאָכמיטיק צייטונגען. אויסער דעם זיינען פאַראַן צייטונגען, וואָס דערשיינען נאָר נאָכמיטיק און אייניקע פון זיי אין צוויי אויפלאַגעס. די צוויי פּאָפּולערסטע נאָכמיטיק־צייטונגען זיינען „ידיעות אחרונות” און „ידיעות מעריב”. די ערשטע איז רעוויזיאָניס־טיש און זי ווערט אָנגעפירט פון דר. וו. פאָן ווייזל און די צווייטע איז אַ קאָאָפּעראַטיווע און ווערט אָנגעפירט פון דעם „לאַנפאַן טעריבל” פון דער העברעאישער זשורנאַליסטיק אין ארץ ישראל, דר. עזריאל קאַרלבאַך, וואָס איז פון געבורט אַ דייטשער ייד, אַ זון פון האַמבורגער רב און וואָס רעדט און שרייבט אַ גלענצנדיקן יידיש און איז שוין געווען אַ זייער פּאָ־פּולערער יידישער זשורנאַליסט אין וואַרשע. די נאָכמיטיק צייטונגען האָבן כמעט נאָר נייעס, וואָס זיינען געשריבן קורץ און מיט גרויסע קעפּ און פאַקטיש איז ניט נייטיק צו לייענען די גאַנצע נייעס, עס איז גענוג אי־בערצולייענען דעם „קאָפּ” אַליין... און אָט דערפאַר לייענען איין צייטונג איבער צענדליקער מענטשן. גייסט אין גאַס און דו לייענסט און דו באַמערקסט, אַז מיט דיר אינאיינעם לייענען נאָך עטלעכע. און עס פּאַסירט אפילו, אַז ווען דו ווילסט איבערקערן די צייטונג, זאָל עמיצער פון די „שותפים” בעטן, אַז דו זאָלסט צוּוואַרטן. אַ פרעמדער חידושט זיך אויף דעם, די אָרטיקע זיינען צוגעוווינט. דו קענסט גיין אין גאַס און לייענען אַ צייטונג און דריי מענטשן זאָלן דיר נאָכגיין און אויך לייענען. שטעלסטו זיך אָפּ, שטעלן זיך די „שותפים” אויך אָפּ. און אַז לייגסט אַנידער אין אַ קאַפע, אָדער אין אַ רעסטאָראַן אַ צייטונג, וועט זיך באַלד געפינען אַ בעלן אויף איר און ער וועט דיך אפילו ניט פרעגן קיין דערלויבעניש ער וועט איבערלייענען און צוריקברענגען. ווענסטו דאַרפן אַוועקגיין און וועסט אָפּבעטן די צייטונג, איידער ער האָט זי איבערגעלייענט, איז פאַרפאַלן. ווען דו שטייסט אין דער ריי צום אָמניבוס און דו האָלסט צייטונגען און זשורנאַלן, וועט מען זיי בא דיר אַלע אויסלייען. אויך קינדער בעטן צייטונגען און זשורנאַלן. פונדעסטוועגן עקזיסטירן יאָקאָס צען פריי־מאָרגן־צייטונגען און צוויי אָוונט־צייטונגען און זיי האַלטן זיך. באַראַן

אויך אַ סך וואָכן־זשורנאַלן (אפשר אריבער צוואַנציק), די פּאָפּולערסטע זיינען „דבר השבוע", וואָס דער „דבר" גיט ארויס און „עולם הזה". ביי זיינען נישט גלייך אין טאָן (די ערשטע איז סאָלידער), אָבערביידע זיינען פיין אילוסטרירט. פאַראַן פאַכמענישע זשורנאַלן, זשורנאַלן פאַר פרויען, יוגנט א. א. וו. א. א. וו. ספּעציאַליסטן מיינען, אַז קנאַפּע צוויי טויזנט פאַמיליעס לעבן פון געדרוקטן וואָרט אין „ישראל". ווען מען זאָל מאַכן אַ חשבון פון די דאָזיקע, וואָס קענען ניט קיין העברעאיש און פון די צוריקגעשטאַנענע, וואָס דאַרפן נאָך נישט קיין צייטונג, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אַ פּערציק פּראָצענט לייענען נאָך נישט קיין צייטונג. איז טאַקע די עקזיסטענץ פון אַזאַ גרויסע פּרעסע אַ וווּנדער.

פאַראַן צוויי טעגלעכע ניט־העברעאישע צייטונגען, איינע אין ענגליש, די אַנדערע אין דייטש. די דייטשע הייסט „חדשות היום" און האָט אַ העברעישע זייט. זי איז פאַר דייטשע יידן, וואָס לערנען זייער שווער העברעיש און חוץ קליינע אויסנאַמען וועלן שוין זייערע קינדער קענען העברעיש. די ענגלישע צייטונג, וואָס הייסט „פּאַלעסטיין פּאָסט" און איז ביז ניט לאַנג דערשינען אין ירושלים און היינט דערשיינט זי אין תל אביב, איז אַ צייטונג פאַר ניט־יידן און פאַר אויסלענדישע מלוכה־מענטשן. דער אַרויסגעבער פון „פּאַלעסטיין־פּאָסט" איז גרשון אַגראָנסקי און זי האָט מיטאַרבעטער אויך ניט־יידן.

עס וואָלט געווען אַן עוולה ניט צו דערציילן, אַז די העברעאישע פּרעסע האָט קאָנטאַקט מיטן לייענער. זי האָט געטרייע און פלייסיקע לייענער און זי האָט אויך געלערנטע לייענער, וואָס כאַפּן ביי אַ גרייז. און כאַפּן ביי אַ גרייז אין העברעיש איז ניט אַזאַ שווערער ענין. מען זוכט צו סימפּליצירן דעם העברעישן דקדוק. אָבער ער בלייבט נאָך אַלץ גענוג קאָמפּליצירט.

אַלע העברעאישע צייטונגען ווידמען, דאַכט זיך, אַ סך פּלאַץ דער ליטעראַטור, אָבער ווייניק שריפטשטעלער דרוקן זיך אָפּט אין זיי און די העברעאישע ליטעראַטן זיינען ווייט ניט אַזוי „אויסגעקאָכט" מיט די העברעאישע צייטונגען, ווי די יידישע שרייבער מיט די יידישע.

און עס פעלן ניט קיין העברעאישע שרייבער, ביי וועלכע עס איז פאַראַן אַ פאַרדרוס צו דער העברעאישער פּרעסע. זיי האַלטן, אַז מען באַהאַנדלט די עברית־סופרים ווי שטיפקינדער, אָדער גאָר ווי מענטשן פון אַ נידעריקער מדרגה. אייניקע יידן ממש פון אַ שטיק אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס. וואַרשיינלעך מישן זיך אויס פּערזענלעכע פאַרדרוסן מיט כללישע. זייער אָפּט פּאַסירט, אַז ווען אַ העברעאישער שרייבער האָט

פֿערזענלעך ניט קיין דערפֿאָלג, ווער ווייסט צוליב וואָס פֿאַר אַ טעמים, פֿאַרבינדט ער דאָס מיט דער גרינגשעצונג צו דער העברעאישער ליטע־ראַטור.

און מען דאַרף ניט לייקענען, אַז עס איז פֿאַראַן אַ געוויסע באַציאונג פֿון אומצוטרוי צום העברעאישן שרייבער מצד דער גאַנצער יוגנט. עפּעס גלויבט זי ניט, אַז דער העברעאישער שרייבער זאָל קענען זיין אינטע־רעסאַנט. אין קיבוץ „גבעת שלשה" האָב איך געזען אַ מיידל לייענען אַ בוך, האָב איך זי געפֿרעגט ווער פֿון די העברעאישע שרייבער אינטערעסירט זי צום מיינסטן, האָט זי מיר געענטפֿערט „אַף אחד" (קיין איינער ניט) און דעם זעלביקן ענטפֿער האָבן געגעבן נאָך אַ סך און ניט נאָר אין דער־מאָנטן קיבוץ.

פֿאַראַן אַן אומבאַציאונג צום העברעאישן שרייבער, ווייל ער איז איינגעטונקען אין גלות. אויך זיין העברעאיש איז גלותדיק. ביאַליק איז אויך גלות... רידיאַרד קיפּלינג איז ניט גלות, ער איז כיבוש. ביי אים נעמט מען איין ערד, ביי אים איז פֿאַראַן חלוציות... די יוגנט האָט זיך אָפּגעריסן פֿון אונדזער גאַנצן לעבן און מ'האָט זי אָפּגעריסן. וואָס מער? האָט זי מער אַליין זיך אָפּגעריסן, צי מען האָט זי מער אָפּגעריסן? אָט אָ דעם חשבון קאָן מען מאַכן ניט ווי אַ גאַסט אויף אַ וויילע. אָט אָ דעם חשבון דאַרף מען מאַכן אויף דער באַזע פֿון טעסטן. און מ'וועט זיי מוזן דורכפֿירן, אויב מען וועט ניט וועלן לאָזן ווי אַ תהום דעם נעכטן פֿאַר דעם היינט און פֿאַר דעם מאָרגן.

דער באַוווסטער העברעאישער שרייבער אליעזר שטיינמאַן האָט מיר געזאָגט: „די בעסטע באַציאונג האָט מען צום גויישן שרייבער, די ערגסטע צום העברעאישן. צום יידישן נאָך אַ בעסערע ווי צום העברעאישן".

איר וועט מיך געוויס דאָ פֿרעגן אי וועגן יידיש טעאַטער, אי וועגן יידישע צייטונגען. און איך טאָר ניט דאָ עפּעס פֿאַרשווייגן און איך דאַרף זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן, אָבער איך דאַרף שרייבן אַזוי ווי איך פֿיל און פֿאַרשטיי און ניט ווי עמיצער אַנדערש וואָלט געוואָלט, אַז איך זאָל שרייבן:

יידיש טעאַטער איז גאָר ניטאָ אין ישראל.

יידישע צייטונגען — עפּעס.

„ניי־וועלט", דער אָרגאַן פֿון די לינקע פּועלי־ציון דערשיינט צוויי מאָל וועכנטלעך און ער וועט וואַרשיינלעך מיט דער צייט ווערן אַ טאָג־צייטונג. די קאָמוניסטן גיבן אַרויס אַ וואָכן־צייטונג א. נ. „פֿריי ישראל". דער יידישער זשורנאַליסט מ. צאַנין, אַ געוועזענער בונדיסט, גיט אַרויס אַ

יידיש־העברעאישן וואָכן־זשורנאַל א. נ. „אילוסטרירטע וואָכן־צייטונג". עס דאַרף אָנהייבן דערשיינען אַ דריי־חדשימדיקער גרויסער זשורנאַל א. נ. „גאָלדענע קייט", וואָס די „הסתדרות" גיט אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון א. לעווינסאָן און א. סוצקעווער. אַפיציעל דערשיינט דער דאָזיקער זשורנאַל פאַר אויסלאַנד, אָבער טויזנטער עקזעמפּליאַרן וועלן פּאַקטיש „פאַרברויכט" ווערן אין לאַנד. (אויך די זייער גוטע האַלבע ראַדיאָ־שעה אין יידיש איז אָפיציעל פאַר ציפּערן — קפריסין — אָבער פּאַקטיש פאַר אינערלעכן געברויך...).

— איז פאַראַן געגנוג פרעסע אין יידיש אין ארץ ישראל?

— ניין! עס איז נייטיק אַ טעגלעכע יידישע צייטונג אין תל אביב. עס שמאַכטן נאָך אַזאַ צייטונג צענדליקער טויזנטער יידן. איך האָב געזען אומצייליקע מאָל ווי עס נעמט זיך צונויף אַ רעדל יידן, וואָס קענען ניט קיין העברעיש און איין ייד זעצט זיך אנידער און לייענט פאָר און זעצט איבער וואָרט ביי וואָרט אָדער פּראָזע ביי פּראָזע, אַט אַ די יידן קומט אַ יידישע צייטונג.

— ווער איז שולדיק אין דעם וואָס אַזאַ בלאַט איז ניטאָ?

— איך ווייס ניט. איך בין איבערצייגט, אַז מען וואָלט איצטער דערלויבט אַרויסצוגעבן אַזאַ צייטונג. די צוקונפט פון העברעאיש איז שוין סיי־ווי געזיכערט אין „ישראל" און חוץ געציילטע פאַנאַטיקער האָט שוין היינט קיינער קיין מורא ניט פאַר יידיש. ביי אַ באַגעגעניש מיט די לינקע פּועלי ציון, ביי וועלכער עס זיינען בייגעווען ניר, לייבל, פּעטערזייל, מוליע פרידע זרובבל א. אַ. (זרובבל אַליין איז דעמאָלט געווען אין פּוילן), האָב איך געזאָגט: „אין „ישראל" פעלט ניט אַזאַ יידישע פּאַרטיי־צייטונג מיט אַזאַ אָפיציעל פּאַרטייאישע שפּראַך ווי „נייוועלט", נאָר עס פעלט אַ צייטונג פאַר דעם פאָלק, ווי עס איז אין וואַרשע געווען דער „היינט", „דער מאָמענט", אָדער גאָר „דער עקספרעס". אַ צייטונג מיט נייעס, מיט אַ פעליעטאָן, מיט אַ מעשה, מיט אַ ליד, מיט אַ וויץ, מיט אַ ראָמאַן. פּאַרטיי־צייטונגען דאַרפן דווקא דערשיינען אין העברעאיש, אין דער שפּראַך פון דער מדינה.

— פאַר וואָס־זשע דערשיינט ניט אַזאַ צייטונג אין ארץ ישראל?

— איך ווייס ניט. אפשר דערפאַר, ווייל עס פעלט אַ ענערגישער מענטש, וואָס זאָל דאָס אָנהייבן טאָן, אפשר ווייל עס איז נאָך ניט פאַראַן קיין פולע גרופּע יידישע זשורנאַליסטן, וואָס זאָל דאָס בכוח זיין צו טון, כאָטש אָט גייט אַרום דער אַמאָל אין לאָדזש און אין וואַרשע פּאָפּולערער

זשורנאַליסט און שריפטשטעלער א. ניימאַן און ער שרייבט העברעאיש און ער קרעכצט אונטער, אז אום זומער קומט דאָס אים אָן שווער צוליב די היצן... און אז דער אמאָל אין ווארשע פּאָפּולערער ב. מאלקין, וואָס איז היינט מיטארבעטער אין „על המשמר" קרעכצט ניט אונטער. דערפילסטו ניט אין זיין העברעאיש די יידישע ווערטער און דעם יידישן זאצבוי?

איך וויל זיך ניט אומקערן צו דער אַלטער שפּראַכן־פּראגע, זי האָט היינט פארלוירן יעדן זין. קעמפן פאר יידיש דאַרף מען אומעטום אנדערש ווי מדינת ישראל. אומעטום דערוווייטערט זיך די יוגנט פון יידיש און זי גייט אַוועק צו אַ פרעמדער שפּראך. אָט קעגן דעם דאַרף מען קעמפן. אין „ישראל" גייט די יוגנט אַוועק צו העברעאיש. און העברעאיש איז ניט קיין פרעמדע שפּראך, כאָטש דעם זאפט פון אונדזער לעבן אין די לעצטע יאָרהונדערטער האָט זי וויניקער ווי יידיש, האָט זי דערפאר מער דעם גלאַנץ פון ווייטן יידישן אמאָל.

דאַרף איך דאָ גיין דערציילן, וואָס יידיש איז פאר מיר און וואָס ס'איז פאר אַלע יידישע שרייבער? יידיש איז אַ טייער יידיש לשון, יידיש האָט דעם זאפט פון אונדזער לעבן היינט צו טאָג, ווי קיין שום אנדער שפּראך האָט דאָס ניט. אַ יידיש ריידנדיק קינד איז דורך און דורך יידיש, אַ העברעאיש ריידנדיק קינד איז דאָס וויניקער, אַ סך וויניקער. ס'וואָרט „העברעאישע שקצימלעך" שטאַמט פון חיים ווייצמאַן. (אַ סך קלוגע ווער־טער שטאַמען פון אים) אָבער ווו האָבן מיר היינט יידיש־ריידנדיקע קינ־דער? ווייזט אָן אזא ווינקל אין דער וועלט! ווען די יידישע יוגנט אין דער גאנצער וועלט וואָלט זיך אויסגעלעבט אין יידיש, וואָלט געהאט מער פּראקטישן זין צו פאָדערן מער יידיש אין ארץ ישראל, אַזוי אָבער קען מען נאָר פארלאַנגען מער אנערקענונג פון יידיש אין ארץ ישראל.

איך וויל דאָ אויך נישט בארירן צופיל די גאנצע געשיכטע וועגן דעם אומזיסטיקן קאַמף קעגן יידיש אין ארץ ישראל. איך פארשטיי די העברעאיסטן און איך פאַרשטיי זייער קאַמף פ אַ ר העברעאיש. אז מען קומט קיין ארץ ישראל פאַרשטייט מען אַ סך זאַכן, וואָס פון דרויסן פאַרשטייט מען זיי ניט. יידיש איז דאָס טייערסטע לשון. אָבער אַלע ניט־יידיש־ריידנדיקע יידן וואָלטן ניט אקצעפּטירט יידיש. מען וואָלט אלע מזרח יידן ניט באַוואוינגן צו יידיש. און זייער אַ סך מזרח־אייראָפּעישע יידן זיינען דאָך אויך געוועזן פאַר העברעאיש און זיי האָבן דאָך פּאַקטיש איינ־געפירט העברעאיש אין ארץ ישראל. אָבער דער קאַמף פון די העברעאיסטן ק ע ג ן יידיש, קען איך ניט פארשטיין. באַקעמפן פאנאטיש יידיש איז

ניט געווען פארוואָס. און עס איז טאַקע געווען אַ שאָדן פאַר דער ציוניס־טישער זאַך (אָבער אויך דאָס באַקעמפן דעם ציוניזם מצד די יידישיסטן איז ניט געווען ווייניקער שעדלעך פאַר יידיש — ניט נאָר אין ארץ ישראל...). מען האָט דעם קאַמף אָנגעהויבן נאָך אין סאַמע אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט, ווען זשיטלאָווסקי האָט געוואָלט האַלטן אַ פאָר־טראַג אין יידיש און מען האָט אים געשטערט. זשיטלאָווסקי איז אין זיין קאַמף ניט געווען צו פּערזיסטענט און ער האָט באַלד פאַרלאָזט דאָס לאַנד. דוד איינהאָרן דערציילט, אַז ער האָט זיך דעמאָלט געטראָפן מיט זשיט־לאָווסקין באַלד נאָך זיין צוריקקערן פון ארץ ישראל און אַז ער האָט גע־רעדט ווי אַן אַנטוישטער, אָן גלויבן אין דער צוקונפט פון יידישן לאַנד. (די לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן מער ציוניסטיש ווי ציוניסטן און ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט ווערן אויס וועלט־פאָלק און וועט זיך אומקערן קיין ארץ ישראל). די העברעאיסטן האָבן זיך ניט אַנ־טוישט און זיי זיינען געבליבן און זיי האָבן געבויט דאָס לאַנד און זיי האָבן דערפאַר געבלוטיקט און זיי האָבן דאָס געבויט אויף העברעאיש.

דער קאַמף איז אָנגעקומען גאַנץ שווער. ווען עס איז אָנגעקומען שווער דאָס לייענען און ווען — דאָס ריידן! — מי לנו גדול — ביאַליק! ער איז דאָך געווען דער גאון פון די העברעאישע שרייבער. דאָך איז אים שווער אָנגעקומען ריידן העברעאיש און מען דערציילט הונדערטער וויצן וועגן זיין ניט וועלן און ניט קענען ריידן העברעאיש. די פרוי ביאַליק דערציילט, אַז איר מאַן האָט אַמאָל אַ כאַפּ געטון אַ שטיקל הערינג מיט די הענט אין קיך און ווען זי האָט אים געפרעגט, וואָס ער טוט, האָט ער איר געענטפערט: ס'איז אַלץ איינס ווי מען זאָל זיך אָפּמוטשען אויף אַ פאַרזאַמלונג אַ שעה דורכאַנאַנד אויף העברעאיש און מ'זאָל פּלוצים איבער־גיין צו יידיש!" און איך קען אַ סך מענטשן, וואָס ריידן שוין נישקשה העברעיש און לייענען קענען זיי ניט. אַזאַ איינער האָט מיר געזאָגט: „אייך איז שווער צו ריידן העברעאיש און איר לייענט אַזוי גוט און איך רייד שוין ניט שלעכט, אָבער דאָס לייענען קומט מיר אָן שווער!" אוודאי האָט מען דורך דעם „שפּאַלטן די צונג" (נוצנדיק הירשביינס אויסדרוק) פאַרשטאָפּט קוואַלן פון שאַפונג. אוודאי הייבט אָן ווערן העברעאיש פראָזע ערשט ביים סאַמע יונגן דור שרייבער, ווי משה שמיר, יגאל מאָסענזאָן א. א., ווייל זיי באַשרייבן אַן עלעמענט, וואָס רעדט העברעאיש, בעת דער פריערדיקער דור שרייבער האָט אַזאַ עלעמענט ניט געהאַט. ש. עגנון, דער

גרעסטער פּראָזע־שרייבער פון אַלטן דור האָט אייגנטלעך געשריבן ניט קיין בעלעטריסטיק אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט, נאָר — ספרים!

זאָל איך איצטער אָנשרייבן אַ באַשולדיקונג־אַקט קעגן די דאָזיקע, וואָס האָבן געשפּאָלטן אונדזער צונג צוליב זייער העברעאיזם? אַמאַי קלאָגן זיך יידישע פּראָזאַיקער אין נאָרד אַמעריקע, אַז זיי קענען שוין ניט שרייבן פריי, ווייל דער עלעמענט, וואָס זיי באַשרייבן רעדט ניט קיין יידיש... איז וואָס זאָלן די יידישע שרייבער אין אַמעריקע טון — איבערגיין צו ענגליש, בכדי ניט צו שפּאַלטן די צונג? מען האָט געשריבן העברעיש, ווען מען האָט נ אָ ך נ י ט גערעדט קיין העברעאיש. און מען שרייבט יידיש, ווען מען רעדט ש ו י ן נ י ט קיין יידיש...

עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געקעמפּט פאַר יידיש אין ארץ ישראל. ניט נאָר לינקע פּועלי ציון האָבן דאָס געטון, נאָר אויך רעכטע. אין דעם שוין דערמאָנטן בוך „העליה השניה״ דערציילט נטע הרפז אין זיין אַרטיקל ווי שווער אים איז אָנגעקומען דאָס ניט טאָרן ריידן קיין יידיש און ווי פאַרצווייפלט ער האָט קעגן דעם געקעמפּט. דער מחבר איז געקומען אין לאַנד אַריין אין יאָר 1909, אַ יונגער בחור און זיין שפּראַך איז געווען יידיש. ער האָט ליב געהאַט, דערציילט ער, די יידישע ליטעראַ־טור און ער האָט זי פּלייסיק געלייענט. ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער קען זיך שיידן פון יידיש. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דורך דעם דערווייטערט ווערן פון יידיש, ווערט ער אויס־געריסן פון די וואָרצלען פון זיין נשמה און זיין גייסט. די דאָזיקע, וואָס האָבן מזלזל געווען יידיש, זיינען פאַר אים געווען אַזעלכע, וואָס זיינען מזלזל די יידישע פאָלקס־מאַסן, אַ בינטל אַריסטאָקראַטן, וואָס דערווייטערט זיך פון דעם פאָלק. און פּלוצים האָט מען ניט דערלויבט צו ריידן קיין יידיש אין סאַמע ארץ ישראל, צווישן די געטרייסטע שעבעגעטרייסטע צום יידישן פאָלק. ער האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטיין און ער האָט פאַר־מיידיקט יידיש אַלץ שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. ער איז געוואָרן איינער פון די עקסטרעמסטע קעמפער קעגן העברעאיש. יעדע פאַרזאַמלונג איז דעמאָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּראַכן־קאַמף און מען איז צום סדר היום פון דער פאַרזאַמלונג ניט צוגעקומען. עס איז אויסגעקומען, אַז ער איז געקו־מען אין לאַנד אַריין קעמפן פאַר יידיש. ביי איין פאַרזאַמלונג האָט נטע הרפז זיך אויפגעהויבן, דערציילט ער, און ער האָט געזאָגט: „וואָס ווילט איר פון מיר? אַלע יסורים פון לאַנד האָב איך גענומען אויף זיך באהבה, איך האָב צעבראָכן מיין קערפּער ביים איבערגיין צו דער שווערער און

קאטאָרזשנער פיזישער אַרבעט, ביי הונגער־באַדינגונגען. איך שטיי אויף דעם שווערן פראָנט פון דער יידישער אַרבעט און איך בין מקיים אירע אַלע מצוות דורך מסירת נפש, דער קדחת לאָזט מיך ניט אָפּ, איז דאָס אַלץ ווייניק פאַר אייך און איר ווילט אויך די שפּראַך, אין וועלכער איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן און צו וועלכער איך בין צוגעבונדן מיט אַלע פעדים פון מיין נשמה, צונעמען ביי מיר און מיך מאַכן פאַר אַ שטומ־מען?" און דאָך האָט ער מיט דער צייט נאָכגעלאָזט זיין עקשנות פאַר יידיש און ער איז ווי פון זיך אַליין איבערגעגאַנגען צו העברעאיש און ער האָט געקעמפט אין איינעם מיט די העברעאיסטן קעגן פראַנצויזיש און דייטש, וואָס זיינען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן דורך דער „אַליאַנס" און „הילפס־פאַריין".

און הרפז איז ניט דער איינציקער. צווישן די לינקע פועלי ציון האָב איך געטראָפן נאָר איינעם, וואָס האַלט נאָך, אַז יידיש דאַרף זיין די שפּראַך פון דער ארץ ישראל יוגנט. אַלע אַנדערע זיינען מודה, אַז די יוגנט וואַקסט אויף העברעאיש און אַז העברעאיש ווערט אַלץ מער און מער יידיש לשון.

דער לאָזונג: „בדם ואש" איז אין ארץ ישראל דער אני מאמין. יעדער שפּאַן גייט דורך פייער און קאָסט בלוט. און עס איז דאָרט אויך פאַר־גאָסן געוואָרן שאַפונגס־בלוט — אויב מ'קען אַזוי זאָגן. דאָס לעבן האָט אַ סך געביטן. די צאָל פאַנאַטיקער, וואָס ווילן עד היום אָנהאַלטן די ליניע פון „טאַבו" קעגן יידיש אין ארץ ישראל איז קלענער געוואָרן. בכלל איז פאַראַן אַ סענטימענטאַלע באַציאונג צו יידיש אין „ישראל". איך וואָלט געזאָגט, אַז אין אַ געוויסער מאָס איז היינט יידיש „לשון קודש" אין לאַנד. און עס וועט ניט שווער זיין צו אויסקעמפן, אַז מען זאָל אין מיטעלע שולן לערנען יידיש, ווי איינע פון די גרעסטע קולטור־אויסדרוקן פון יידישן פאָלק. בן גוריון אַליין האָט אויך חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז „פאַר אַ סך איז יידיש אַ פרעמדע שפּראַך, וואָס גרילצט דעם אויער". די עלטערע (און פאַקטישע) אָנפירער פון דער „הסתדרות" האָבן ליב יידיש און זיי ריידן זיך מיט אַ סך דורשט אַראָפּ פון די הער־צער אויף יידיש. מען דערציילט, אַז ווען עס ענדיקט זיך אַ זיצונג פון עקזעקוטיוו אין דער „הסתדרות", אין וועלכער עס באַטייליקט זיך די יוגנט, גיט אַמאָל שפּרינצאַק אַ זאָג: „אַוועקגעגאַנגען שוין די העברעאישע שקצימלעך? קען מען שוין אַ ביסל ריידן יידיש..." עס וועלן נאָך קומען רעוויזיעס אין דעם אופן ווי מען דערציט די יוגנט אין „ישראל". איצטער קען מען אַזעלכע רעוויזיעס ניט מאַכן. איצטער איז מלחמה און די יוגנט

ווייזט ארויס אזא מסירת נפשדיקע געטריישאפט צום יידישן פאלק, וואס ראטעוועט ממש. „שקצימלעך און שיקסלעך", וואס גייען אויף קידוש השם, ווי די הייליקסטע פון די הייליקסטע... די הויפט שקאצישקייט דארף מען הפנים זוכן אין דער באציאונג צו יידיש, ווארשיינלעך אויך אין דער באציאונג צו דער יידישער טראדיציע.

עס האט זיך אבער געביטן די באציאונג צו יידיש אין ארץ ישראל. דער סעקרעטאר פון דער קאמפארטיי אין ארץ ישראל, מאיר ווילנער, איז זיך געקומען מאביליזירן, האט מען אים געגעבן אן אנקעטע־בויגן, אין וועלכן עס איז געווען א רובריק וועגן דעם וויפל שפראכן דער מאביליזיר־טער באהערשט. ווילנער האט אנגעגעבן א פאר שפראכן, צווישן זיי אויך יידיש. דער אפיציר פון מאביליזאציע־ביורא האט ניט געוואלט אנערקענען דעם בויגן, ווייל „יידיש איז קיין שפראך ניט". ווילנער האט פראטעס־טירט. עס איז געקומען צו אן אויספארשונג און די העכסטע מיליטערישע מאכט האט געגעבן א באפעל צו באזייטיקן דעם ניט־קלוגן „פילאלאג"־אפיציר פון זיין אמט. מען וועט מער ניט כוליגאנעווען אויף דעם חשבון פון יידיש.

פאראן ביי העברעאישע שרייבער א הארציקע באציאונג צו יידיש. דער יידישער פאעט א. סוצקעווער ווערט ארומגערינגלט מיט א סך ליבע אין לאנד. דער אנגעזעענער העברעאישער דיכטער און עסייאיסט יעקב פיכמאן רעדט מיט ליבע און באגייסטערונג וועגן יידיש און ער האט מיר געזאגט מיט א סך טרויער, אז יידיש איז היינט ווי דאס לעגענדארישע אינדזל „אטלאנטידא", פון וועלכן עס ברעכט זיך אמאל אפ א שטיקל...

און קיין טעגלעכע יידישע צייטונג איז אין ארץ ישראל פארט ניטא אזא צייטונג וואלט געווען א בריק צווישן דער צעשפרייטונג און „ישראל" און וואלט באהעפט די צווייערליי לעבנס אונדזערע און ביידע שפראכן און וואלט איבערגעטראגן טיילן פון די העברעאישע שאפונגען אין יידיש און וואלט אנגעהאלטן קאנטאקט צווישן די יידישע שרייבער אין דער גאנצער וועלט און זייערע לייענער אין „ישראל". און יידישע לייענער זיינען פאראן א סך אין „ישראל". פראפארציאנעל מער ווי אין דער גאנ־צער וועלט! יידישע ביכער לייענט מען דארט א סך מער ווי אין נארד אמעריקע און ארגענטינע.

ראדיא איז יא דא אויף יידיש. א האלבע שעה אין טאג. און אין א פיינעם יידיש. אפיציעל הייסט עס, אז דער ראדיא אין יידיש איז פאר ציפערן, פאקטיש איז ער פאר ארץ ישראל גופא. ווארום מיטן נאר ארי

בערקומען פון ציפערן קיין ישראל קען מען דאָך נאָך ניט קיין העברעאיש. און ווי מען הערט אָט די האַלבע שעה! אַזוי ווי דורשטיקע כאַפּן זיך צו צו אַ טראָפּן רעגן.

— דאָס איז וועגן ראַדיאָ. און וואָס איז וועגן יידיש טעאַטער?

—יידיש טעאַטער איז ניטאָ.

— מען מאַכט ניט?

— איך ווייס ניט! אפשר איז מען פאַרבליבן מיט דער איבערצייגונג, אַז מען דערלויבט ניט און מען פּרוווט מער ניט בעטן. קאָנצערטן און קליינ־קונסט־אָוונטן קומען פאָר אויך מיט יידיש, קיין נאָר יידישע אָוונטן און פאָרשטעלונגען קומען ניט פאָר.

איך האָב געפּרוווט פרעגן ווו מען דאַרף, צי מען וואָלט דערלויבט יידיש טעאַטער, האָט מען מיר געענטפערט אויף דעם שטייגער מיט אַ שאלה:

— וואָס פאַר אַ טעאַטער?

און איך האָב דערפילט, אַז פאַר אַזאַ יידיש טעאַטער ווי מען שפּילט על פּי רוב אין אַמעריקע, פראַנקרייך און אַרגענטינע — קען מען ניט גיין אין קאַמף אַריין. מען וועט פאַרשפּילן. גיין אין קאַמף אַריין פאַר יידישן שונד און פאַר יידיש, וואָס איז קיין יידיש אויך ניט, קען מען ניט. אַז עס וועט קומען אַ קינסטלער־גרופּע, וואָס וועט גאַראַנטירן געוויסע מדרגה, וועט מען דעמאָלט קענען האָבן טענות. פאַר עפּעס איז דאָך אין ארץ ישראל דאָך פאַראַן אַ שטיקל געדרוקט יידיש וואָרט און גאָרניט קיין יידיש טעאַטער. ע ס א י ז א ש ט ר אָ ף פ אַ ר ז י נ ד ... און אָט ענטפער איך מיינע לייענער:

ווען עס וועט זיך האַנדלען וועגן אַזאַ יידיש טעאַטער ווי עס איז פאַראַן העברעאיש טעאַטער, וועט זיין פאַר וואָס צו קעמפן, וועלן יידישע שרייבער קעמפן. אין ארץ ישראל איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיין טעאָרע־טישע קאַמפן, דאָרט איז פאַראַן טאַט, נאָר טאַט!

מען איז שוין היינט אַזוי זיכער מיט העברעיש אין ארץ ישראל, אַז מען שרעקט זיך ניט מיט יידיש. מען שטערט היינט קיינעם ניט צוריידן יידיש. איך האָב אַ פּאָר מאָל געהאַלטן רעדעס אויף העברעיש, אָבער קיי־נער האָט מיך ניט געצוואונגען דערצו. מען האָט מיך טאַקע אַ סך מאָל ספּעציעל געבעטן צו ריידן יידיש. איך האָב געהערט אַ מיניסטער פון ישראל האַלטן עפנטלעך אַ רעדע אין יידיש צו ערשט־אָנגעקומענע סאָלדאַטן.

אַ זייער באַדייטנדיקער העברעאישער זשורנאַליסט אין תל אביב האָט

מיר געזאָגט: „מיט דעם איינפירן נאָר העברעיש האָבן מיר זיך געוואָלט פאַרבינדן מיט די נביאים, אָבער לײדער איז עס ניט געלונגען. און דורך איבעררייסן מיט יידיש, האָבן מיר איבערגעהאַקט דאָס רינגעלע אין דער קייט". איך האָב אים באמערקט, אז צום גייסט פון די מכבים האָט זיך די יוגנט שוין אומגעקערט אין „ישראל", צום גייסט פון די „נביאים" וועט מען דארפן אומקערן אין צייטן פון שלום... און דאָס רינגעלע יידיש קען מען נאָך צוריק באהעפטן, עס איז נאָך פאקטיש ניט איבערגעריסן — „עוד לא נותקה השלשלת"...

עס רעדט זיך ניט וועגן פירן דאָס לעבן אויף יידיש. די שפראך פון ארץ ישראל איז און וועט און — לאָמיר דאָס זאָגן מיטן פולן מויל — דארף זיין העברעאיש. עס רעדט זיך וועגן ניט איבעררייסן מיט יידיש און ניט איבעררייסן מיט דעם יידישן לעבן פון נעכטן, פאַראַיאָרן, פאר צען יאָר, פאַר הונדערט יאָר. עס האנדלט זיך טאקע וועגן ניט איבעררייסן די גאָלדענע קייט.

XII

געפאַלגט און געזען דרום-זייט

איך וועל יענעם ערב שבת ניט פאַרגעסן קיינמאָל. עס איז טאַקע געווען דער דאָזיקער פרייטיק, ווען עס איז געוואָרן דריי וואָכן זייט מען האָט פּראָקלאַמירט די מדינה. עטלעכע מאָל זיינען שוין געווען אַליארמען אין תל אביב וועגן לופט-באָמבאַרדירונגען און איין מאָל, נאָכמיטיק, איז דער אַליארם געווען אַן אויסערגעוויינלעך לאַנגער. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עגיפּטישע שיפן זיינען געווען אין פּאָרט, זיי זיינען געקומען באָמבאַרדירן די שטאָט. פון דער לופט איז זיי ניט געלונגען, האָבן זיי געפּרוווט פון וואַסער. די שטאָט האָט זיך געהוידעט. איינציקע האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס איז ניט געלונגען פון אויבן, וועט חלילה געלינגען פון ים. די שיפן האָבן מיר, די אויסלענדישע זשורנאַליסטן, אַלע געזען. דער באַלקאָן אונדזערער אין דעם קלוב „אָלד סקאָפּוס" האָט אַרויסגעקוקט צום ים. פון דער טעראַסע האָט מען טאַקע געזען אַלצדינג, וואָס כ'טוט זיך ביים ברעג און וייטער אַהין אויך. און כאָטש בכלל האָט מען מורא געהאַט פאַר די דאָזיקע שיפן, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען דריי, האָבן מיר, זשורנאַליסטן, געקוקט אויף זיי רואיק און מיר האָבן געזען אָן שרעק ווי עס פאַלט רויך איבער זיי און ווי עס הייבט זיך פון זיי אויך רויך. ווער האָט געשאָסן? ווער האָט געטראָפן? פאַרוואָס שרעקן מיר זיך אַזוי גאָרניט? טויט און לעבן זיינען דאָ איינס.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג און מען האָט זיך דערוווסט, אַז צוויי יונגע אַוויאַטאָרס האָבן זיך אויפגעהויבן קעגן די עגיפּטישע שיפן און געשאָסן אויף זיי און צעשעדיקט איינע און צוויי געצוווּנגען צו אַנטלויפן, אָבער דעם עראָפּלאַן מיט די צוויי פליער האָט מען מער ניט געזען. איינער פון די פליער איז געווען דער יונגער מתי סוקעניק, פּראָפעסאָר סוקעניקס אַ זון און דעם יונגן גענעראַל יגאל ידינס יינגערער ברודער און איינער איז געווען דער יינגסטער זון פון דעם קלוגן גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער

הסתדרות, דעם ערשטן פּרעזידענט פון ישראל־פּאַרלאַמענט, יוסף שפּרינ־צאַק. עס האָט זיך ניט געוואָלט, אָבער מען האָט געמוזט גלייבן.

דעם גאַנצן פּרייטיק צו־נאַכטס האָט מען אין אַלע שטיבער ניט גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש ווי וועגן די צוויי העלדן. דער קידוש־ווײַן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט טרערן. מען האָט דערמאָנט מתי סוקע־ניקס חנוודיקע, ייִנגלישע, שײַנע און האַרציקע באַשרײַבונג, ווי ער האָט דעם צווייטן אָוונט פון דער ייִדישער מדינה באָמבאַרדירט עזה און ער האָט אויף מאָרגן געלייענט אין די צײַטונגען, אַז דער פּליער האָט זיך אומגעקערט צו דער באַזע. דרײַ וואָכן ווייניקער אַ טאָג איז פאַראַן אין דעם. מען האָט דערמאָנט, אַז דער יונגער שפּרינצאַק האָט געזאָגט צום פאָטער: „דו וועסט דערלעבן די ייִדישע מדינה, איך ניט". וועגן זייערע אייגענע קינדער האָבן מאַמעס ניט געקענט זײַן מער טרויעריק ווי אַלע מאַמעס אין אַלע שטיבער פון ארץ ישראל זײַנען אין יענעם פּריי־טיק צו נאַכטס געווען וועגן אָט די צוויי דערוויילטע זין פון ייִדישן פאָלק. עס האָט זיך נאָך געוואָלט האָפן, אַז עס וועט געשען אַ נס, אָבער — ס'איז ניט געשען. דער בעכער פון קידוש־און גאולה־ווײַן איז פול געווען מיט בלוט.

איך בין געפאָרן קיין דרום. אפשר וועט געלינגען צו זען דעם נגב, אַז ניט איז דרום ארץ ישראל אַליין אויך אַ ענין.

„שא עינך... צפונה ונגבה" — הייב אויף דײַנע אויגן קיין צפון און קיין דרום; אַזוי, דערציילט דער חומש, האָט גאָט געזאָגט צו אברהם אבינו. צו יעקב אבינו איז אויך געזאָגט געוואָרן, אַז ער זאָל גיין „צפונה ונגבה" — קיין צפון זייט און קיין דרום. דאָס וואָרט „נגבה" איז, הייסט עס, שוין דערמאָנט אין חומש און דער הערלאַנישער קיבוץ, וואָס טראָגט דעם נאָ־מען „נגבה" געפינט זיך טאַקע אין דרום זייט, אויף דעם וועג צום נגב. דאָס וואָרט „נגב" האָט אַ פּאָר טײַטשן, עס מיינט: דרום, טריקעניש און וויסטע. און עס איז פאַראַן אַ שייכות צווישן אָט די אַלע דרײַ: די זון גייט אַ גאַנצן טאָג אין דרום זייט (ניט בײַ אונדז, אין דרום אַמעריקע, וווּ עס איז פאַרקערט) און דאָרט וווּ עס איז דאָ צופיל זון ווערט טרוקן און אַז מען פאַרלאָזט, ווערט אַ וויסטע. און וואַרשײַנלעך האָט טאַקע אברהם אבינו געפּאַשעט זײַנע שאָף אין דער געגנט פון הײַנטיקן „נגבה" און די העלדישע יונגעלייט, וואָס פאַרטיידיקן אַזוי מסירת נפשדיק זייער פּאָזי־ציע, דערפילן אפשר אַמאָל אויך דעם אָטעם פון ערשטן טאַטן פון אונדזער פאָלק. און יעקב אבינו איז דאָ אַרומער איבערגעגאַנגען קיין מצרים. דער

מרה־שחורהדיקער חסידישער רבי ר׳ ברוכל, וואָס האָט געדאַרפט האָבן דעם לץ הערשעלע אָסטראָפּאָליער, אַז ער זאָל אים פריילעך מאַכן, האָט געזאָגט, אַז ער געדענקט נאָך, ווען ער איז געווען אַ שעפּעלע אין יעקב אבינוס סטאדע און ער האָט צוגעגעבן: „ווי גוט איז מיר געווען, ווען יעקב אבינו איז געווען דער פּאַסטוך און איך דאָס שעפּעלע"...

דאָס אַלטע ארץ ישראל איז פּאַקטיש צעטיילט געוואָרן אויף צוויי גובערניעס (מחוז): גליל און דרום. דער גליל איז ערשט באַזונדער צעטיילט געוואָרן אויף אַן אויבערשטן און אונטערשטיין טייל; און די צעטיילונג האַלט אָן עד היום און עס איז נאָך פאַראַן אַ מערבדיקער גליל, וואָס מען וויל געבן יידן אַנשטאָט דעם נגב. אין דעם מערבדיקן גליל געפינט זיך די היסטאָרישע פעסטונג עכו און די מאָדערנע קאָלאָניע פון די דייטשע יידן „נהריה". די דאָזיקע געגנט געפינט זיך סיי ווי אין יידישע הענט. דער דרום אַליין צעטיילט זיך אויך אין אַן אויבערשטן און אין אונטערשטן „עילאָה" און „תחתאה" אויף גמרא־לשון.

פאָרן מיר קיין דרום זייט. אין די אויערן קלינגט אונדז „שא עינך נגבה"... מיר פאָרן אַרויס פון תל אביב. איר געדענקט דאָך געוויס, אַז אין דרום זייט פון תל אביב איז יפו. מיר פאָרן טאַקע ניט ווייט פון דאָרט דורך דער הערצל גאַס און מיר קומען אַרויס אויף דעם „כביש" (אַז כביש מיינט שאָסיי, ווייסט איר דאָך שוין) וואָס פירט פון יפו און תל אביב קיין ירושלים. דערנאָך צעטיילן זיך די וועגן און עס טיילן זיך איבערהויפּט אויס צוויי צענטראַלע וועגן, וואָס איינער פירט קיין מזרח, דורך די בערג פון יהודה קיין ירושלים און איינער גייט אַוועק קיין דרום, העט ביז נגב.

— ווו איז ארץ ישראל שענער, אין דרום, צי אין צפון?

— עס איז געווענדט ווו מען איז. אַז מען איז אין דרום, ווייזט זיך אויס, אַז דרום איז שענער און אַז מען אי אין צפון, ווייזט זיך אויס, אַז צפון איז שענער. דאָס דאָזיקע מיינט צו זאָגן, אַז ארץ ישראל איז שיין אומעטום. אַזוי שיין, אַז ווו דו ביסט, ווייזט זיך דיר אויס, אַז דאָרט איז שענער.

— אין וואָס באַשטייט די שיינקייט פון ארץ ישראל?

— פאַראַן זאַכן, וואָס לאָזן זיך נישט דעפינירן און שיינקייט געהער געוויס צו די סאַמע ערשטע פון אָט די זאַכן. די הויפּט־שיינקייט פון ארץ ישראל שטעקט אין דעם, וואָס עס זיינען ניטאָ קיין צוויי ערטער אַלציינע און עס זיינען ניט פאַראַן קיין מאָנאָטאָנע ערטער. עס ציט זיך אין ערגעץ ניט אַוועק קיין גלייכער וועג, וואָס איז כסדר אַלציינס און וואָס פאַר־

מוטשעט דיך מיט זיין לאַנגווייליקייט. עס בערגלט זיך און טאָלט זיך אין ארץ ישראל אַף שריט און טריט. און דו ביסט אויבן, קענסטו זען ווייט און ברייט, ביסטו אונטן, איז אַלץ פאַרשטעלט פאַר דיר. די בערג און בערגלעך פאַרשטעלן. און עס איז גאַנץ שיין צו קוקן אויף די בערג און בערגלעך, וואָס האָבן דעם אויסזען פון שאָף און רינדער, וואָס זיצן ניט אויף קיין פּלאַץ. דו פאַרשטייסט דאָס געזאַנג פון תהלים. „ההרים תרקדו כאלים, גבעות כבני צאן" — די בערג שפּרינגען ווי באַראַנעס, די בערגלעך ווי יונגע שאָף. און די בערג און די בערגלעך און די טאָלן האָבן אַלערליי קאָלירן. און דו ווייסט, אַז דאָרט וו עס איז גרין איז יידיש און דו פרייסט זיך מיט יעדן פּונקט, וואָס איז גרין און דו חלומסט, אַז אַלע געלע פּינטע־לעך וועלן אויך ווערן גרין.

עס איז אום זומער הייס אין דרום זייט. אמאָל גיט די זון טאַקע אַ שרפע אַזוי, אַז דו דערפילסט דעם זין פון „הוציא החמה מנתיקה" — ער האָט ארויסגעצויגן די זון פון איר פוטערפאַס... אָבער די היץ באַגעגנט זיך מיט אַ ווינטל, פונקט ווי יעדער טאָל באַגעגנט זיך מיט אַ בערגל. די ווינטלעך קומען פון ים, פון יענער זייט בערג, פון דעם נילוס. זיי קומען פינקטלעך ווי זייגערס און די איינוווינער ווייסן ווען זיי קומען און די אינזשיניערן און ארכיטעקטן ווייסן דאָס אוודאי. און מען בויט די הייזער אַזוי, אַז די ווינטלעך זאָלן אין זיי זיין אַ ברכה. קומסטו טאַקע אַמאָל אין אַ ברענענדיקן נאָכמיטיק אריין אין אַ שטוב און דו דערפילסט זיך ממש ווי אין גן עדן, ווייל דאָס ווינטל מאַכט דאָ אַזוי פריש, אַז „קאָנדיציאָנעלע" לופט קען דאָס בעסער ניט מאַכן.

אָבער חוץ אָט דעם געזאָגטן און נישט דערזאָגטן שוועבט איבער ארץ ישראל אַזאַ מין שיינקייט, וואָס מען קען דאָס מיט ווערטער ניט ארויס־ברענגען. מיר האָט דער דיכטער אברהם סוצקעווער געזאָגט נאָך אַ רייזע: „איך האָב קיינמאָל זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ארץ ישראל איז אַזוי שיין. דאָס לאַנד האָט אַזאַ גייסטיקע שיינקייט". מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער האָט מיר דאָס וואָרט אַרויסגענומען פון מויל. עס ציטערט אַן איידלקייט פון גייסט איבער ארץ ישראל. עס איז עפּעס אַזאַ מין שיינקייט, וואָס מען דערפילט דאָס מיטן הארצן מער ווי מען זעט דאָס מיט די אויגן, אָבער עס איז דאָך אַ שיינקייט.

פאָרן מיר. דער דזשיפּ לויפט און דער ווינט לויפט אים נאָך, דער־יאָגט אים און יאָגט אים אריבער און עס קומט שוין אויס, אַז דער דזשיפּ יאָגט נאָך דעם ווינט. ס'איז נאָך אַלץ מער וויסט ווי בליענדיק און מער געל

ווי גרין, אָבער עס זיינען פאראַן גרינגע ערטער. אָט איז אַן אַראַבישע דאָרף, וואָס איז פאַרלאָזט, אָט איז אַ יידישע פּאַרשטעטל, וואָס בליט. אין די ווינ־קלען זיינען פאראַן אונטער ביימער קליינע און גרעסערע יידישע פאבריק־לעך און פאבריקן. ווו עס איז פאַראַן אַ פאבריק פון ספּירט און ווו פון שלעסער און ווו פון פּאַפּיר און ווו פון שטאָף. און מען אַרבעט כסדר אין אָט די ווינקלען. און יידן ארבעטן דאָרט. און עס זיינען פאַראַן בעמישע פאבריקלעך און דער אַלטער הימל קוקט אַראָפּ אויף די נייעסטע אינדוס־טריעס, וואָס זיינען אַ פּראָדוקט פון די נייעסטע וויסנשאַפטלעכע דערגריי־כונגען. מען לאָזט ניט נאָר די ערד ניט כסדר שלאָפן, ווי מען האָט אמאָל געלאָזט, נאָר מען לאָזט אויך דעם הימל און די שטערן ניט דרימלען. פאָרסט פאַרביי „פּרדסים”, ווונדערבאַרע ציטרוס־גערטנער, וואָס בלענדן מיט זייי־ערע פאַרשידנערליי מאראנצן. דער שאָפער דערציילט דיר, אַז אין די יאָרן 1936־39 האָבן דאָ די אַראַבער זיך באַהאַלטן אין די גערטנער און געשאָסן אויף יידישע פאַרבייפאָרער. היינט איז דאָ רואיק. אין דער ספּירט־פאבריק גיט עמיצער אַ רעד אַזאַ קאָנסערווירטן ליטווישן יידיש, וועלכן דו וואָלסט געוואָלט פאַרצייכענען...

אין די זייטן אַריין גייען אַוועק אַ סך יידישע ישובים. פאַרשידענע שטעטלעך האָבן דאָ געבילדעט איין גרופּע און געהייסן „שכונות הדרום” — די דרום־ישובים. היינט האָבן זיי שוין באַזונדערע נעמען. עס צייכנט זיך דאָ אויס די קאָלאָניע „חולין”, וואָס איז געבויט געוואָרן אויף דעם זאמד („חול” אויף העברעאיש). אַ דריי טויזנט יידישע נפשות וווינען דאָ. פאַראַן דאָ אַ גרויסע פאבריק, וואָס הייסט „לאָדזיאַ” און וואָס געהער צו לאָדזשער יידן. פאַראַן אַ טליתים־פאבריק, וואָס הייסט „תפארת” און פאַ־ראַן פאבריקן פון מעטאַל. אַ זאמדיקער וועג שניידט פון דאנען אוועק קיין „עזה” — אַ וועג, וואָס מ׳קען אויף אים פאָרן נאָר מיט קעמלען. דער שאָפער איז באַגייסטערט פאַר אָט די באַשעפעניש און ער זאָגט, אַז ווען דער גרעסטער מעכאַניקער וואָלט געוואָלט אויסטראַכטן אַ באַוועג־מאַשין פאַר דעם מדבר, וואָלט ער קיין בעסערס פון קיין קעמל ניט געקאָנט אויס־טראַכטן. אַ מאַשין דאַרף דאָך אויך האָבן וואַסער. און ווו איז נאַפט? און אין מדבר איז ניטאָ דאָס אַלץ. דאָס קעמל האָט אָבער דריי מאָגנס און עס האַלט אין זיך שפּייז אָן אַ שיעור צייט און צוויי וואַסער־רעזערוואַרן האָט דאָס אויך און עס קען טרינקען און טרינקען פון די „אייגענע קוואַלן” און באַזיגן אַלע שוועריקייטן. און ס׳האָט ציין אויף צו אַרויסגראָבן די האַרטסטע גראָזן און עס קען זיי צערייבן אין די דריי מאָגנס. היינט די

הויקערס פון קעמל, וואָס פאַרהיטן און די פיס, וואָס ווערן ניט מיד און דאָס געדולד זייערס בכלל.

באַוווּנדערט מיין שאָפער דעם רבונו של עולמס נסים און איך באַוווּנדער דעם יידישן אונטערנעמונגס־גייסט דאָ. עס ווערט דאָ געבויט מיט אַ סדר און מיט אַ פּלאַן און יידן האָבן שוין אַ סך, אַ סך אייגענע פּראָדוקטן. זיי האָבן ניט נאָר דאָס „טליתל״, נאָר אויך דאָס העמדל און די פּאָר הייזלעך און די לאָפּעטע און די האַק. אליין מאַכן זיי דאָס אַלץ. און איך בין אין אַ שטיק לאָדזש. דאָרט אין לאָדזש איז דער יידישער טייל אינגאַנצן אומגעבראַכט געוואָרן, אָבער דאָ איז געבליבן לעבן אַ שטיק דערפון און אַ שטיק באַלוט און מ׳קען דאָ פאַרצייכענען סיי באַלוטער דיאַלעקט, סיי באַלוטער פאָלקלאָר... און עס גייט מיר נאָך דאָס ליטווישע יידיש פון דער ספּירט־פאַבריק און רומעניש און בעסאַראַביש־יידיש קריכט אויך אַריין מיט שאַרפע „רישן״ אין די אויערן. אַן עמכּהדיקער „קיבוץ גליות״.

ערגעץ הינטער אַ מין בנין, וואָס איז האַלב צעשאָסן, שטייט אַ יונגער אָפיצער און ער לערנט מיט אַ גרופּע „גרינע״ סאָלדאַטן שיסן אויף יידיש. ער דערקלערט טיילן פון דער ביקס און ער ווייזט אָן ווי אַזוי מען דריקט דאָס צינגל און ער זאָגט, אַז ביים ערשטן דרוק גיט די ביקס אַ ווידערשטאַנד און ביים צווייטן דרוק — שיסט זי. עס איז, דאַכט מיר, ניט די שפּראַך פון פּרצס „חסידיש״, אָבער עס איז דאָך יענע... און איך דערוויס זיך, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך מיליטער־טיילן אַזעלכע, אין וועלכע מען לערנט שיסן אויף יידיש. פאַראַן גרופּעס פאַרטיזאַנער און בחורים פון לאַגערן, וואָס האָבן ניט קיין צייט געהאַט צו לערנען העברעאיש און איצטער האַלט מען פאַר וויכטיקער צו לערנען שיסן ווי העברעאיש. „אויף יידיש — באַמערקט איינער — קען מען אויך גאַנץ גוט שיסן אַראַבער, אַז מען מוז... און מען דערציילט מיר, אַז ניט לאַנג האָט דער אַגראַר־מיניסטער פון ישראל, אהרן ציזלינג, גערעדט פאַר אַ גרופּע מאַטראָסן אין יידיש, ווייל זיי קענען ניט קיין העברעאיש; איין צייטונג האָט זיך אַ בייזער געטון, אָבער אָפּגעשמיסן האָט אים קיינער ניט דערפאַר. שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז בן גוריון אַליין האָט אויך גערעדט יידיש צו גרינע. גאַראַנטירן קען איך ניט.

איך דערפיל, אַז דער „לוחמים ובונים״ — זיי קעמפן און בויען — איז ניט קיין פראַזע דאָ און מיר פאָרן צוריק אַרויף אויף דעם „כביש״ וואָס גייט קיין דרום־זייט. מיר האָבן אביסל אָפּגעקערט פון אים. און אָט פאָרן מיר קיין „מקוה ישראל״ און מיר קומען אָן אין אַ גאַנץ היפּש וועלדל

און מיר זעען אַ גרויסן באָטאַנישן גאָרטן מיט אַלערליי ביימער. דאָ איז טאַקע „מקוה ישראל" — די עלטסטע יידישע אַגראַר־שול אין ארץ ישראל. עס האָט זי געגרינדעט די אַמאָל בארימטע פראַנצויזישע אידישע געזעל־שאַ „אַליאַנס איזראַעליט", וואָס האָט אויך יידיש געהייסן מיט דעם העברעאישן נאָמען „כל ישראל חברים". אַ געזעלשאַפט פון אַסימילירטע יידן און טאַקע מיט אַסימילאַטאָרישע טענדענצן אויך. אָבער זי האָט דאָך אײַפּגעטון אַ גרויסע זאַך פאַר דעם ישוב. געגרינדעט געוואָרן איז די דאָזיקע שול אין יאָר 1870. מיט דריי יאָר צוריק האָט זי געפייערט איר 75־יאָריקן יובילײ.

יעדער שפּאַן איז דאָ — געשיכטע פון נייעם ישוב. דער פּאַקטישער גרינדער פון אָט דער שול איז געווען דער שטראַסבורגער ייד קאַרל (יעקב) נעטער, וואָס האָט געלערנט אין פּאַריז. ער איז געוואָרן דער ערשטער דירעקטאָר פון דער היסטאָרישער שול און ער האָט איר געגעבן אַ וואַרעמען יידישן טאָן. ער האָט אין זיין אויפרוף גערעדט וועגן דעם, וואָס מיר דאַרפן ווענדן אונדזערע אויגן און הערצער צו דעם לאַנד פון אונדזערע עלטערן, וואָס איז געווען דאָס וויגעלע פון אונדזער אמונה און אויסרייניקן די בערג און די טאָלן פון די שטעכערס און ווילדע גראָזן און ער האָט געמאָנט צו לערנען אַ מלאכה, ווייל נדבה־געלט דערנידעריקט. די שולן האָבן געקראָגן דעם נאָמען „מקוה ישראל", ווייל אין דער הפטורה פון דעם שבת פאַר דער גרינדונג איז פאַראַן דער דאָזיקער אויסדרוק.דרייפאַכיק איז דער טייטש פון נאָמען, ער מיינט „יידישע האָפענונג", „יידישע צונויפזאַמלונג" און אַ „באָד־פּלאַץ פאַר יידן" — אויך צו אָרומוואַשן זיך פון די דערני־דעריקטע פרנסות. קאַרל נעטער איז געשטאָרבן 12 יאָר נאָך זיין אָנקומען קיין ארץ ישראל און זיין קבר געפינט זיך אין סאַמע מיט פון „מקוה ישראל". בלייבסט שטיין ביי דעם איינציקן קבר אין דער מיט פון אַ גרויסער שול און דער שטיין רעדט.

אין אָט דער שול, אפשר טאַקע אויף דעם פּלאַץ, ווו איך שטיי, האָט זיך הערצל באַגעגנט מיט דעם... קיסר ווילהעלם. דעם 28טן אָקטאָבער 1898 איז עס געווען. דער קיסר איז געווען מיט זיין גאַנצער סוויטע און ווען ער האָט דערזען הערצלען, האָט ער גענומען ריידן צו אים און אים געפרעגט: „ווי גייטס?" הערצל האָט געענטפערט, אז ער באַקוקט דאָס לאַנד — „עס האָט אַ גרויסע צוקונפט, אָבער עס איז נאָך קראַנק. יאָ, מאַיעסטעט, מען דאַרף אויסטריקענען די בלאָטעס. מען דאַרף דאָ אַ סך

וואסער". און קיסר ווילהעלם האָט צוגעגעבן, אז „דאָס איז דאָס לאַנד פון דער צוקונפט".

אין משך פון די 78 יאָר, וואָס „מקוה ישראל" עקזיסטירט, האָט זי אַרויסגעגעבן טויזנטער שילער, וואָס האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען דאָס לאַנד. שוין די „בילוער" האָבן דאָ געלערנט אַגריקולטור. נאָך קאַרל נעטערס טויט איז די שול אַוועק אַביסל אויף פרעמדע וועגן. מען האָט דאָרט געלערנט און גערעדט אַלערליי לשונות אויסער העברעאיש. פון יידיש איז שוין אוודאי אָפּגערעדט. און עס האָבן ניט געפעלט קיין סקאַנדאַלן. אין יאָר 1914 איז געוואָרן דירעקטאָר דער הארציקער ייד א. קראוזע, וואָס שטאַמט פון אוקריינע און איז דערצויגן געוואָרן אין ארץ ישראל און אין מערב איי־ראָפּע. ער איז געווען אַ שילער טאקע אין „מקוה ישראל" און ער איז געפעלן געוואָרן מאַנטעפיאָרען, וועלכער האָט אים אַוועקגענומען קיין פאריז. און שפּעטער מיט יאָרן האָט מען אים צוריקגעקערט אלס דירעקטאָר. ער האָט איינגעפירט אין שול יידישע אַרבעט און יידישע „שמירה". פריער האָבן די גאַנצע אַרבעט אין שול געטון אַראַבער און זיי האָבן זי אויך באַוואַכט. ער האָט בכלל אַריינגעבראַכט אַ נייעם יידישן גייסט אין שול.

א. קראוזע, אַ ייד אין די זיבעציקער קיין עין־הרע, האָט מיט מיר געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער היסטאָרישער שול און ער האָט מיר געוויזן פאַרשידענעביימער פון באָטאַנישן גאָרטן און ער האָט מיר דער־קלערט דעם ווערט פון פאַרשידענע פלאַנצן און ער האָט דערמאָנט די אַמאָליקע ייקא־דירעקטאָרן פון ארגענטינע, וואָס זיינען געווען זיינע פריינט. ער האָט דערמאָנט די דאָזיקע, וואָס זיינען שוין ניטאָ, און ער האָט דערמאָנט — צו לאַנגע יאָר זיי — די היינטיקע דירעקטאָרן. ער האָט זיי מסתמא שוין ניט געזען אַ שיין פּאָר צענדליק יאָר און ער האָט גערעדט וועגן זיי, גלייך ווי וועגן ערשט אָ נעכטן... און ער האָט אַ רגע פאַראייניקט אַרגענטינע מיט „פּאַלעסטינע". מען האָט דאָך איןביידע לענדער אָנגעהויבן אין איין צייט די יידישע קאָלאָניזאַציע, אָבער... קיין פאַרגלייך איז ניטאָ! די „פּיקא" (פּאַלעסטינער „ייקא") האָט אפשר גע־וואָלט זיין די זעלביקע שטיפמאַמע ייקא, וואָס אין אַרגענטינע, אָבער ארץ ישראל האָט ניט געלאָזט.

מיר האָבן שוין דערנאָך געזען אויך די גאַנצע סטראַטעגישע פּאָזי־ציע פון דער שול, וואָס איז אייגנטלעך אַ גאַנץ שטעטל. עס לעבן דאָרט אַ פּינף הונדערט שילער, אויסער דעם פּערסאָנאַל פון אַרבעטער, לערער־און אויפזעער, וואָס וווינען דאָרט מיט זייערע פאַמיליעס. „איר פאַרשטייט

— האָט מיר אליהו קראוזע געזאָגט, אי אין העברעאיש, אי אין יידיש, אי אין רוסיש — די דאָזיקע שילער, וואָס ענדיקן דאָ, לאָזן ניט טויזנטער אַרבעטער בלאָנדזשען. זיי ווייזן דעם ריכטיקן וועג. עס איז ניט קיין אוניווערזיטעט, אָבער עס איז אַ שול און מען גייט אַרויס פון דאַנען אַ קענער פון די וויכטיקסטע דיסציפּלינען און פון אונדזער לאַנד און זיין ערד און זיין קלימאַט. ביי אייך דאָרט, איז דאָס אַלץ ניט געווען, מען האָט געבלאָנדזשעט. נו, ארץ ישראל איז דאָך דאָ...״

איך בין נעבן ה׳ קראוזע אי עלטער געוואָרן, אי יינגער געוואָרן און כ׳בין אוועקגעפאָרן מיט מאָדנע געדאַנקען וועגן „אַרגענטינע און פּאַלעסטי־נע״ און איך וואָלט מסתמא געטראַכט און געטראַכט, ווען דער דזשיפּ וואָלט מיך ניט געשלעפּט אין אַ מקום מיט אַזאַ היסטאָרישן נאָמען ווי „בית דגון״.

מיר קומען צו איינעם פון די צענטראַלסטע פּינטלען פון היינטיקן ארץ ישראל, צו דעם שאָסיי, וואָס גייט אוועק קיין דרום־מזרח — קיין ירושלים. מיר פאָרן סיי־ווי קיין דרום, אָבער מיר קוקן מיט טרויער אויף דעם שטיל געוואָרענעם רוישיקן וועג צו דער הייליקסטער שטאָט פון דעם הייליקן לאַנד. ירושלים איז אָפּגעריסן פון גאַנצן ישוב און באַלאַגערט. מיר זיינען נעבן אַן אַראַביש דאָרף, „בעט דאַדזשאַן״ און עס איז ניט שווער צו דערקענען, אַז עס איז דער אַלטער „בית דגון״, וואָס ווערט אַזוי־פיל מאָל דערמאָנט אין תנך. דאָ איז אַמאָל געווען אַ געצנדינעריש טעמפּל פאַר דעם גאָט פון די פּלישתים „דגון״, וואָס איז געווען האָט מען געזאָגט, האַלב־מענטש און האַלב־פיש. דער געדאַנק טראָגט זיך אַוועק צו די מעשות פון תנך און עס ווערן אויפגעלעבט אין געדאַנק די מלחמות, וואָס יידן האָבן דאָ געפירט מיט די פּלישתים, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען דער סינאָנים פון דעם שונא; איך דערמאָן זיך אין דער מעשה וועגן דעם, ווי אַזוי דער שונא האָט פאַרכאַפּט דעם „ארון הלוחות״ און אים אַוועקגעפירט קיין עקרון און די דאָרטיקע איינוווינער האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם יידישן גאָט, אַז ער וועט זיי שטראָפן — איך נעם זוכן עקרון אויף דער מאַפּע. דער שאָפער — דאָס מאָל אַ פּוילישער ייד און איך רוף אים „פּאַניע נהג״ — זאָגט מיר, אַז איך דאַרף ניט זוכן אויף דער מאַפּע, ער ווייסט, ווו עקרון געפינט זיך, אָט דאָרט אָ, נאָך רחובות, פאַראַן דאָרט אַ גאַנץ פיינע יידישע קאָלאָניע. מיר פאָרן אַהין. אין בית דגון איז ניטאָ וואָס צו זען. דאָס טעמפּל איז ניטאָ,

דער גאָט, וואָס איז האַלב־פּיש און האַלב־מענטש איז אויך ניטאָ און די פּלישתים זיינען אויך ניטאָ.

— אינגאַנצן ניטאָ? קיין זכר אפילו ניט?

— אַ זכר איז דאָך יאָ דאָ. אָט רופט מען דאָך דאָס גאַנצע לאַנד פּאַלעסטינע. יידן אַליין רופן עס דאָך נאָך אויך אין דער גאַנצער וועלט ניט אַנדערש.

איך האָב דעם איינדרוק, אַז דער „נהג" מאַכט מיר אַ פּאָרוואורף און איך דערמאָן זיך, אַז איך פּערזענלעך האָב קיינמאָל ניט ליב געהאַט דעם נאָמען „פּאַלעסטינע" און איך האָב דאָס גערופן „ארץ ישראל", שוין פּשוט, ווייל איך האָב בעסער ליב ווערטער, וואָס זאָגן עפּעס, ווי סתם ווערטער. די ענגלענדער האָבן דאָס אפילו פּאַלעסטינע אויך ניט גערופן זיי האָבן עס גערופן דרום־סיריע... איצטער מוזן זיי אַ טייל דערפון רופן „ישראל" און מען דערציילט, אַז אַן ענגלענדער האָט שוין אפילו גענומען אַ וויזע ביי אַ קאָנסול פון ישראל.

בית דגון איז היינט אַן אַראַביש דאָרף, ווו עס האָבן געוווינט אַ דריי טויזנט אַראַבער און איצטער איז עס אויסגעליידיקט. אַ קליין ביסל אַראַבער איז געבליבן. איך זע אַ מיטליאָריקן אַראַבער זיצן מיט אַ קליין יינגעלע ביי אַ הויפן פּלוצערן — קאַבאַקלעך, אוגערקעס, אַרבוזעס. איך גיי אַראָפּ און איך רייד צו אים העברעאיש.

— יידיש קען ער אויך — זאָגט דער שאָפער.

און ער נאַרט ניט אָפּ. ער רעדט יידיש אויך. פרעג איך אים, צי נאָר ער אַליין קען, זאָגט ער, אַז אָ־אָ — הונדערטער קענען דאָ... אין בית דגון, אויף דעם פּלאַץ פון אַלטן געצנדינערישן טעמפּל, ווו יידן האָבן זיך געשלאָגן און געשלאָגן מיט פּלישתים, ערגעץ ניט ווייט פון די פּלעצער, ווו שמשון הגיבור האָט באַוויזן קונצן, ריידן הונדערטער אַראַבער העברעאיש און יידיש. איך בין אויסגעפּאָרן אַ האַלבע וועלט מיט אַ שמיץ און איך האָב דאָ און דאָרט געטראָפן אַ ניט־יידן ריידן יידיש. אין מיין געבוירן־שטעטל, ווו אַלע יידן האָבן גערעדט יידיש, איז געווען איין גוי — דאַווידקע האָט ער געהייסן, דווקא דעם נאָמען פון דוד המלך האָט ער געטראָגן, — וואָס האָט געקענט יידיש. הונדערטער גויים זאָלן אויף איין פּלאַץ ריידן גאַנצע צוויי יידישע שפּראַכן, האָב איך אין ערגעץ ניט גע־טראָפן. אַוודאי איז גערדונגען דערפון, אַז מזרח אייראָפּעאישע יידן אין ארץ ישראל ריידן אַ סך יידיש, עס איז אָבער אויך גערדונגען, אַז יידן אימפּאָנירן זיך דאָ אַזוי, ווי ניט אין קיין שום ווינקל פון דער וועלט.

אומעטום איז דער אָרימסטער גוי געווען דער האר און הערשער קעגן יידן, דאָ — ניט!

פאַרלאָזן מיר דאָס אויסגעלייִדיקטע אַראַבישע דאָרף און מיר פאָרן אַרויף אויף איינעם פון די הויפּט־שאָסייען פון לאַנד. ס׳איז דער וועג קיין ראשון לציון. דאָ האָט די ערד אַמאָל געהערט צו שבט יהודה און ניט ווייט פון דאַנען איז די גרענעץ מיט דער נחלה פון שבט דן. די באַוועגונג איז דאָ אַ גרויסע און אין פרידנס־צייט איז זי געווען נאָך אַ גרעסערע. אַריבער פופצן הונדערט אויטאָס פלעגן דאָ לויפן אין משך פון אַ מעת־לעת. די יידישע ווייִנגערטן־באַזיצער האָבן פריער דאָ געבויט אַ וועג פאַר פורן, די ענגלענדער האָבן דערנאָך אויסגעבויט מיט יידישע הענט אַ „כביש" פאַר אויטאָס. מיר פאָרן באַלד צווישן ווייִנגערטנער און פּרדסים און עפּעס דערמאָנט מיר דאָ יאָ און ניט אין בעסאַראַביע. ווייִנגערטנער זייִנען דאָרט אויך געווען אַזעלכע, אָבער ביימער מיט אַזעלכע „גאָלדענע עפּל", ווי די פּרדסים האָבן, זייִנען דאָרט ניט געווען. די מאַראַנצן־ביימער זעען אויס, ווי ביימער מיט גאָלדענע שטערן. פון ווייטן זעט מען אַ ווייסן פּאַס. ער לויפט אין מערב זייט. דאָס איז דער ברעג פון ים. ניין, ניט ווי אין בעסאַראַביע. ווו האָסטו דאָרט אי מאַ־ראַנצן־ביימער, אי דעם ים?

— פאַניע „נהג", מיר פאָרן אַהין.

— דאָרט איז דאָך מערב און מיר פאָרן קיין דרום.

— אַ קליינעם אָפּנויג מעג מען מאַכן. אפילו דער האַרטער בן גוריון גיט זיך אַמאָל אויך אַ בייג אין אַ זייט אַריין.

און מיר קומען אָן קיין נחלת יהודה — אַ קאָלאָניע אויף דעם נאָמען פון דעם מחבר פון „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" יהודה לייב פּינסקער. אַ גאַנץ אינדוסטריעלע געגנט. פאַראַן דאָ אַ פאַבריק פון מעבל, אַ פאַבריק פון שיך, פון ראַזיר־מעסערלעך, פון גלאָז. די גלאָז־פאַבריק הייסט „גביש". דערמאָן איך זיך אַ וויץ, אַז דער דרדקי מלמד, וואָס האָט געלערנט אביסל חומש מיט רשי האָט געטייטשט „גביש", וואָס מיינט גלאָז — אַ קריסט... און די מעשה איז געווען כמעט אַ פּשוטע: רש״י פאַרטייטשט „גביש" „קריסטל". ער מיינט — קריסטאַל. אָבער דער ניט־גרויסער למדן האָט פאַרשטאַנען, אַז „קריסטל" מיינט אַ גוי... איך דערצייל דאָס מיין „נהג" און ער איז שוין אינגאַנצן מיינער. ער איילט זיך שוין ניט און ער פירט מיך שוין אין די פאַבריקן אַריין און מיר באַקוקן און מיר הערן דאָס האַרטע העברעאיש פון די דייטשע אינזשינירן, וואָס זייִנען די

ספּעציאַליסטן אין די פאַבריקן און אויך די „מורי דרך“. די „יעקעס“ קענען אָנרופן יעדעס שרייפל אויף העברעאיש. איך וואָלט זיי זיכער ניט געקענט אַלע אָנרופן אפילו אויף יידיש. העברעאיש איז געוואָרן אויס לשון קודש. און יידיש ווערט פּאַוואָליע אַ לשון קודש... נחלת יהודה האָט דער באַראָן ראָטשילד געקויפט פאַר די פויערים פון ראשון לציון, דער־נאָך האָט מען דאָרט אויסגעבויט די דערמאָנטע קאָלאָניע און די ערד איז איבערגעגאַנגען צום „קרן קיימת“. מיר כאַפּן אַ קוק אויף דעם „משק הפועלות“ — אַ מין שטיקל אגראַר־שול פאַר מיידלעך. דער „קרן היסוד“ האָט דעם דאָזיקן „משק“ אויסגעבויט און די וויצאָ האָט אויסגעבויט דאָס הויז פאַר די מיידלעך, וואָס לערנען דאָ פלאַנצן ווייַנשטאָקן, פּרדסים, קולטיווירן גרינצייג־גערטנער, זיך אָפּגעבן מיט מילך־ווירטשאַפט, הינער־צוכט א. א. וו. דאָס איז דער ערשטער מיידלשער „משק“ אין לאַנד. ער איז געגרינדעט געוואָרן נאָך צוריק מיט 26 יאָר. היינט זיינען שוין פאַראַן עטלעכע. שלום עליכם האָט אַזוי גוטמוטיק געלאַכט פון בערל שאַלאַנטנס זון חיים, וואָס וויל פאָרן קיין ארץ ישראל אַקערן ערד און פלאַנצן ביימער. דעמאָלט האָט מען ניט געגלויבט, אַז בחורים וועלן דאָס קענען, היינט קענען דאָס יאַקאָס מיידלעך אויך. און מיידלעך — אַ מחיה צו קוקן אויף זיי, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד. גיסט זיך אַמאָל אַ זאָג, אַז אויב דער רבי ר׳ברוכל האָט געעקנט זיין אַ פּאַסטוך ביי יעקב אבינו אין דער סטאַדע, איז פאַר וואָס זאָל זיינס אַן אייניקל ניט קענען זיין אַ ביימל אין אָט דעם וויינגאָרטן. די פיזישע אַרבעט און די אָנשטרענגונג פאַר דער מלחמה נעמט ניט צו דעם אייביקן יידישן חן ביי דער מוטער רחלס אייניקלעך, אַ לעבן אויף זיי.

און אָט זיינען מיר אין ראשון לציון. דאָס האַרץ קלאַפּט אַביסל. זייט איך לעב הער איך אָט דעם נאָמען. פאַר דעם נייעם ארץ ישראל איז „ראשון“ דאָך אַ קאַפּיטל געשיכטע. די גרוסן זיינען, געדענק איך, צוריק מיט פערציק יאָר ניט געווען קיין זייער גוטע וועגן אָט דער קאָלאָניע, וועלכע מען האָט גערופן „צאַרסקאָיע סעלאָ“1) מ׳האָט דערציילט, אַז עס שאַפט זיך דאָרט אַ „גאָלדענע יוגנט“. מען גייט צו שטאַרק אויסגעפּוצט און אַ סך פון די קאָלאָניסטישע זינדלעך זיינען אין גאַנצן ניטאָ אין לאַנד. און דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט איז דאָ ניט אָנגעקומען גרינג. מען

1) „צאַרסקאָיע סעלאָ“ — דאָס צאַרישע דאָרף אויף רוסיש. אַ פּלאַץ ווו פּרינצן און פּריצים האָבן געהוליעט.

האָט זיך גענוצט מיט אַראַבישע הענט, ווייל זיי זיינען געווען ביליק און מען האָט געגלויבט, אַז ווען יידן זיינען די באַלעבאַטים פון די וויינגערטנער און די פּרדסים און די אַראַבער אַרבעטן, מאַכט מען אויך דאָס לאַנד פאַר יידיש... דאָס איינציקע פּלאַץ, וווּ מען האָט געמוזט צונעמען יידישע אַרבעטער איז געווען דער קעלטער. דער וויין האָט דאָרט געדאַרפט זיין כשר. גויישע אַרבעטער וואָלטן אים דאָ געמאַכט פאַר „נסך". די אַלט־יידישע פרומקייט האָט דאָך אביסל צוגעהאָלפן צום נצחון פון יידישער אַרבעט. ווי שווער די יידישע אַרבעטער איז דאָ אָנגעקומען צו איַמפּאָנירן זיך. די באַלעבאַטים האָבן גענוצט אַלערליי טריקס. זיי פלעגן באַצאָלן די אַראַבישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט איינעם מיט יידישע „פּועלים" בכדיי יענע זאָלן זיי ניט קענען נאָכיאָגן. און זיי פלעגן אַנידערשטעלן א קליינעם שוואַכן יידישן בחור, אַן „אינטעליגענטל", נעבן אַ גרויסן אַראַבער. אַמאָל האָט נאָך דער ייד געטראָגן ברילן, האָט ער זיי אויסגעטון, ווייל ער האָט זיך געשעמט, האָט ער ניט געזען...

און כאָטש אַזוי האָט מען נאָך דעמאָלט, אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט, גערעדט ניט נאָר מיט רוגזה וועגן אָט דער קאָלאָניע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1882. מען האָט דערציילט נסים וועגן איר וויינקעלער (יקב), וואָס איז דער גרעסטער אין נאָענטן אָריענט און איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט. און מען דערציילט נסים וועקן די שפּעטערדיקע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען באַם אָנהייב אַליין געווען אַרבעטער און האָבן פאַרגאָסן שווייס און בלוט צו מאַכן בליענדיק די געגנט און זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין שווערע קאַמפן מיט די דירעקטאָרן פון באַראָן ראָטשילד (דער „נדיב הידוע"), וואָס צו אים האָט פריער געהערט די ערד.

יענע קאַמפן דערמאָנען אין די קאַמפן, וואָס די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע האָבן געפירט מיט די ייקאַ־דירעקטאָרן. דעם באַראָנס פאַרוואַלטער האָט פאַרלאַנגט, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן נישט טאָרן געהערן צו קיין שום געזעלשאַפט און אַז אַ קאָלאָניסט זאָל נישט טאָרן אַריינעמען אַ מענטשן אין זיין הויז אָן אַ דערלויבעניש. עס האָט זיך פּאַוואָליע גע־שאַפן אַ שפּאַלטונג צווישן די קאָלאָניסטן אַליין, וואָס האָבן זיך צעטיילט אין צוויי אָרגאַניזאַציעס — „אגודת אחים" און „רודפי שלום". און ווען דער באַראָן האָט באַזוכט „ראשון", האָט ער געזאָגט מוסר די קאָלאָניסטן, וואָס עס הערשט צווישן זיי ניט קיין אחדות. ער האָט ניט געוווסט, אַז זיינע „טשינאָווניקעס" אַליין האָבן זיי געשפּאָלטן. אַ היפּשע צייט זיינען

אַ טייל קאָלאָניסטן געגאַנגען אינײנעם מיט די יידישע אַרבעטער. די קאָלאָניסטן אַליין האָבן דאָך געשטאַמט פון אידעאַליסטישע קרייזן. געגרינדעט ראשון לציון האָבן „חובבי ציון" פון רוסלאַנד, וואָס האָבן אין יפו געהאַט די געזעלשאַפט „חלוצי יסוד המעלה". די געזעלשאַפט האָט אידעאַליסטיש גערעדט וועגן „עבודת אדמה" און דערצו וועגן בויען ארץ ישראל. אין זייער אויפרוף האָבן זיי געוואָלט העלפן „די פאַרבלאָנדזשעטע שאָף" פון אומעטום, וואָס ווילן זיך אומקערן אין יידישן לאַנד. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען די „בילוצעס", וואָס האָבן געענדיקט די אַגראַרשול אין מקוה ישראל. איינער פון די גרינדער פון „ראשון", יום טוב ליפּמאַן שליט, האָט פאַרפאַסט אַ העברעאישן שיר אין וועלכן ער האָט געזאָגט: „ראשון לציון-שטאָט, וואָס מיר האָבן מיט אונדזערע הענט געבויט, פאַר דיר האָבן מיר בלוט פאַרגאָסן און אַזוי וועלן מיר לעבן פון דור צו דור, ביגיע כפּים, אין פרידן און אין פרייהייט. אין דער וויסטקייט פון מדבר, אין וווינונגען פון שאַקאַלן האָבן מיר אויסגעקליבן אונדזער נחלה און מיט טראָפּן בלוט פון אונדזערע הערצער, אומגליקלעך פאַרלאָזטע, האָבן מיר מיט אונדזערע הענט אַ שטאָט צום וווינען געבויט..." ·

אין ראשון לציון האָט אַ צייט געלעבט דער דאָן קיכאָט פון דעם נייעם ארץ ישראל, מיכל האַלפּערן, וועגן וועלכן עס זיינען פאַרבליבן לעגענדן. ער איז פאַקטיש געווען דער גרינדער פון „חלוץ" און ער איז געווען אין ארץ ישראל נאָך אין סאַמע אָנהויב פון הײנטיקן יאָרהונדערט און ער האָט אַגיטירט די אידישע אַרבעטער פון רוסלאַנד צו פאָרן אין אייגענעם און פאַרלאָזטן לאַנד. ער האָט זיין אַגיטאַציע אָנגעפירט דעמאָלט, ווען מען האָט געלערנט די אידישע אַרבעטער צו זינגען אָט אַזאַ ליד:

„גבירישע קינדער, משכילים, רבנים
זיי רופן אין ציון דעם ייד,
אַ לידל אַן אַלטס פון אונדזערע שונאים:
אַ געטאָ דעם אייביקן זשיד..."

מיכל האַלפּערן איז געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט זיך אַנידערגעשטעלט זינגען די „שבועה" דעמאָלט, ווען מען האָט געשטעלט צו דער אָפּשטימונג אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס די פראַגע פון אוגאַנדע. ער האָט געשטאַמט פון „מלבים" און ער איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטער מאַן מיט אַ גרויסער בלאָנדער, גרוילעכער באָרד און מיט גרויסע קינדישע בלויע און דאָך ברענענדיקע אויגן. ער פלעגט אומגייז אין ארץ ישראל אין אַ רוסיש העמדל מיט אַ גאַרטל און מיט סאַנדאַלן אויף די באָרוועס

פּיס, אָדער אינגאַנצן באַרוויס. ער איז געווען אַ דאָן קיכאָט און אַ שטיק נביא און אַ מענטש — בלויז האַרץ. ער האָט אַרויסגערופן אי קאַמפן, אי שלום געמאַכט. מיכל האַלפּערן האָט שטענדיק געהאַלטן מיט די יידישע אַרבעטער און ער האָט זיך באַטייליקט אין זייערע גרויסע ליידן און שווער פאַרהאַרעוועטע פריידן. ער געהער צו די דאָזיקע העלדן פון ישוב, וואָס וואַרטן נאָר אויף זייער תיקון אין גרויסע קינסטלערישע ווערק.

די הויפּט־גאַס הייסט אין ראשון דאָך „ראָטשילד", כאָטש דער באַראָן האָט ניט געוואָלט דאָס, וואָס הערצל האָט געוואָלט און כאָטש די קאָ־לאָניסטן פון דאָרט האָבן אין יאָר 1898 פאַרזיכערט הערצלען, אַז זיי זיינען זיינע חסידים, ניט דעם באַראָנס... און קיין ליגן האָב זיי ניט געזאָגט. זיי האָבן טאַקע געוואָלט בויען אַ יידיש לאַנד, — כאָטש ניט שטענדיק אויף דעם ריכטיקן אופן. די געוועזענע קאָלאָניע איז שוין היינט אַ היפּש שטעטל פון אַ צען טויזנט איינוווינער און אַלע יידן. פאַראַן אַביסל אַראַבישע אַרבעטער אויך, אָבער — זיי זיינען היינט ווייט ניט קיין סכנה. די גאַנצע אַרבעט ווערט געטון פון יידן און די אַראַבישע אַרבעטער זיינען נאָענט פון דער הסתדרות און זיי ווערן פון איר געשיצט.

אין סאַמע מיט שטאָט איז פאַראַן אַ הויז, וואָס גרויסט זיך מיט דער אויפשריפט, אַז דאָ וווינט אַ בילוער. אַ לעצטער מאָהיקאַנער, מנשה מאיראָוויטש האָט ער געהייסן. ווען בן גוריון האָט גענומען פאַרלאַנגען נאָך דער הכרזה מ׳זאָל זיך העברעאיזירן די נעמען, האָט ער ביי די אַריי־בער אַכציק יאָר געביטן און זיך גענומען רופן מ נ ש ה ה ב י ל ו י.

די סביבה פון „ראשון" איז שענער ווי דאָס שטעטל אַליין. די וויינ־גערטנער און פּרדסים פון אַרום מאַכן דעם איינדרוק פון אַ גן עדן־ווינקל. וויינגערטנער, גערטנער פון מאַראַנצן, לימענעס, מאַנדלען... ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. פאַר דעם פּרייז פון אַ סך יאָרן גיהנום האָט מען געשאַפן אַ שטיקל גן־עדן. פון דאַנען קומט דאָך דער „כרמל"־ווייַן, וואָס איז געוואָרן אומגעהייער פּאָפּולער ביי יידן. דער קעלטער, וואָס איז געבויט געוואָרן פון באַראָן ראָטשילד נאָך צוריק מיט 61 יאָר, געהער שוין זייט 42 יאָר צום פאַרבאַנד פון די יידישע וויינגערטנער און ער איז איינער פון די סאַמע גרעסטע אין דער וועלט. ער שעמט זיך ניט פאַר די גרעסטע וויינקעלטער פון אַרגענטינער מענדאָסאַ. נ. ה. אימבער, דער מחבר פון דער „התקוה", האָט דעם דאָזיקן קעלטער באַזונגען, ווי אַן אָנהויב פון אַ באַנייט יידיש לעבן אין ארץ ישראל און עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָ האָט ער אין יאָר 1886 אָנגעשריבן די „התקוה". דער ווייַן פון ראשון האָט אים גע־

מאכט שטימונג. פאַראַן ניט ווייט פון קעלער אַ היפשע ביר־פאַבריק, וואָס הייסט „נשר" (דער אָדלער). די צוויי פאַרשטעטלעך פון די תימני־שע יידן, וואָס געפינען זיך אין דער נאָענט, זיינען פאַרביק און עקזאָטיש. און זיי זיינען עפּעס ווי סימבאָליש פאַר דעם נייעם ארץ ישראל. די תימנער אַרבעטן אין קעלטער, אין דער ביר פאַבריק און אין די גערטנער. דאָס געלט פאַר זייער שול האָט געשענקט אַ פאַמיליע פון סינגאַפּור. און דאָס נאָענטסטע פאַרשטעטל „גן הערצל", וואָס איז געבויט און באַוווינט פון דייטשע יידן, העלפט שאַפן אַן איינדרוק פון „קיבוץ גליות". רוסישע, תימנישע, דייטשע און ארץ ישראלדיקע.

און ניט ווייט פון די צוויי תימנישע שטעטלעך געפינט זיך אויף אַ בערגל דער בית עולם, וווּ עס ליגן די גרינדער פון דער קאָלאָניע, די „בילוים". דער פאָטער פון דער דריטער עליה יוסף וויטקין, די צאַרטע העברעאישע שריפטשטעלערן נחמה פּאָכאַטשאָווסקי, וואָס אויף איר נאָ־מען הייסט די גאַס „נחמה" און נאָך אַ סך באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן.

אָבער מיר וועלן שוין אַריינגיין אין שטעטל אַריין אַליין אויך. פאַראַן דאָ אַ פאָלקס־הויז, וואָס איז געגרינדעט און אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר 1888. דאָס איז דער עלצטער בית עם אין לאַנד. דאָ טאַקע האָט מען איינגעאָרדנט דעם קבלת פנים פאַר הערצלען און מען האָט דעם נשיא באַגעגנט מיט מוזיק, וואָס איז אים, ווייזט אויס, ניט געפעלן. ער האָט פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך, אַז דער דיריזשאָר האָט ניט באַוויזן צו האַר־מאָנירן די פּלייט מיטן פידל און די פּויק האָט ביידע אַריבערגעשריען. די קלאַנגען פון יענער פאַלשער מוזיק האָבן פאַרקלונגען, די אַלטע עקואַליפּטוס ביימער, מסתמא אויך די עלצטע אין לאַנד, זיינען געבליבן און עס איז אויך איצטער גוט צו הילן זיך אין זייער שאָטן אין אַ הייסן זומערדיקן נאָכמיטיק און חלומען חלומות... פאַראַן דאָ אויך דער ערשטער העברע־אישער קינדער־גאָרטן אין לאַנד. אַ סך ערשטע זאַכן, ניט אומזיסט הייסט עס „ראשון לציון"... און אָט איז דער ערשטער ברונעם פון דער קאָלאָניע. איידער מען האָט דעם דאָזיקן ברונעם אויסגעגראָבן, דערציילן היסטאָרי־קער, האָט מען געבראַכט וואַסער אין פעסער אויף אַ וואָגן, וואָס אַ קעמל האָט געשלעפּט פון בית דגון און מקוה ישראל. אַראַבער זיינען דעמאָלט אַרויסגעלאָפן קוקן אויף דעם מאָדנעם וואָגן און זיי האָבן באַוווּנדערט די יידישע חכמה. ניט אומזיסט האָט מען דאָ פאַרגליכן תורה צו וואַסער. מען דאַרף דאָ תורה און חכמה צו קריגן וואַסער.

עס פעלט ניט קיין שולן צום דאַווענען. די עלצטע שול שטייט אויף

אַ בערגל און זי איז אויסגעבויט געוואָרן נאָך אין יאָר 1885, אין דער צייט פון די טערקן, ווען מען האָט קיין שולן ניט געטאָרט בויען אָן אַ באַזונדער דערלויבעניש און מען האָט בייטאָג געבויט אַ לאַגער און באַנאַכט האָט מען אריינגעגנבעט דאָס בויען די שול. שוין דעמאָלט זיינען די בויער געווען „גנבים אין דער נאַכט". צום חנוכת הבית פון דער שול האָט איינער פון די גרינדער פון דער קאָלאָניע, י. מ. פינס, פאַרפאַסט זיין שפּעטער באַרימט געוואָרן ליד „חושו, אחים חושו" (איילט אייך, ברידער, איילט אייך), וואָס איז געזונגען געוואָרן אויך ניט פון פרומע. דער פאָלקס־גאָרטן איז דאָ אַ פּרעכטיקער און די אַלייע פון די פּאַלמען (עכטע טייטל־ביימער) פאַרבלייבט אין די אויגן. אַ לולב איז אין די קאַסרילעווקעס געווען אַזאַ חידוש און דאָ — סאַמע לולבים.

אַ שטעטל מיט געשעפטן, פאַבריקן, שולן, שולעס, וואַרשטאַטן, מילי־טערישע לאַגערן, אַ שפּיטאָל, אַ קראַנקן־קאַסע, אַ טעאַטער, אַ קינאָ, אַ מוניציפּאַליטעט, אַ פּאָליציי . .. די מערסטע יידן, וואָס דו זעסט דאָ, זיינען געבוירענע אין לאַנד און טאַקע אין „ראשון". מיר שיינט, אַז אויסער אין פתח תקוה זיינען אין ערגעץ נאָך ניט פאַראַן אַזויפיל „צבראס". און פונדעסטוועגן רײדן נאָך אַלע יידיש. און זייער אַ סך פון די ספרדישע יידן ריידן אויך יידיש. און אפילו די ניי־צוגעקומענע „יעקעס" העלפן זיך אַרויס מיט יידיש. אַ סך תימנים פאַרשטייען יידיש. און אָפיציעל איז דאָך די נאַציאָנאַל יידישע שפּראַך דאָ העברעאיש. אפשר ווייסט עמיצער פון אַזעלכע ווינקלען אין אַלע אַמעריקאַנער לענדער, ווו אַלע אָרטיקע געבוירענע יידן און זייערע ניט־יידיש ריידנדיקע שכנים זאָלן קענען אַזוי פיל יידיש; דאָ איז דער רוסישער ייד בער ליבמאַן געוואָרן „דוב חביב" און ער איז יאָרן לאַנג געווען דער בירגערמייסטער און זיין זון, וואָס איז שוין געבוירן געוואָרן ווי זרובבל חביב, דער זייט יאָרנלאַנג בירגער־מייסטער פון ראשון, איז געווען אין אַרגענטינע מיט אַן ארץ ישראל־שליחות, בשעת איך בין געווען אין ארץ ישראל; זיין זון איז, אין זיין אָפּוועזנהייט, געפאַלן אויף דעם פראָנט. עס איז דאָ אַ פראָנט „מני אָז ועדי עד". ווי לאַנג איז עס דען דאָ זייט דאָ איז דערהרגעט געוואָרן דער ערשטער „שומר"?

אין דער קורצער צייט, וואָס איך בין געווען אין ראשון לציון — עטלעכע שעה — האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פּאָר צענדליק יידן פון די פאַרשידנסטע סאָרטן. אַלטע און יונגע, אַלטמאָדישע צווישן די יונגע און גאַנץ מאָדערנע צווישן די אַלטע. טיפּן פון אַמאָליקע פאָלקס־רעוואָלו־

ציאָנערן און פאָלקס־דאָקטוירים. יונגע בחורים, וואָס דאַווענען און אַלטע, וואָס דאַווענען ניט. יעדער איז דאָ פאַרנומען און פאַרפאַרעט. עס איז דאָך (דעמאָלט געווען) קריג דערצו. אָבער ווען דו האָסט נאָר דערציילט, אַז דו ביסט אַן ערשט געקומענער און דערצו אַ זשורנאַליסט, איז געוואָרן צייט און מען האָט דערציילט. דערציילט די געשיכטע פון אַ וויסטע, וואָס איז געוואָרן אַ דאָרף און אַ דאָרף, וואָס איז געוואָרן אַ שטעטל, און אַ שטעטל, וואָס האַלט אין ווערן אַ שטאָט. דערציילט וועגן גלייכע און קרומע וועגן... אידעאַליסטן זיינען געוואָרן בעלי גוף און ציוניסטן זיינען געוואָרן קעגן יידישער אַרבעט און דאָס לעבן אַליין האָט זיי געוויזן, אַז זייער וועג איז פאַלש. דער פאַלשער וועג האָט געקאָסט קרבנות און פאַרגאָסן יידיש בלוט האָט געעפנט די אויגן. וואָס פאַר אַ „וויאַ דאָלאָראָסאַ" מען איז עס דורכ־געגאַנגען! און דער סוף איז פאָרט געווען, אַז „מעז יצא מתוק". סוף־כל־סוף האָט דאָס אַרגענטינער מאָזעסוויל דורכגעמאַכט דאָס זעלביקע פּאָקן און מאָזלען, וואָס „ראשון", אָבער — וואָס איז געבליבן פון דעם פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט?

אַן אַלטער ייד מיט אַ ווייסער באָרד האָט מיר דערציילט: „איך האָב געזען ווי אַזוי דער דירעקטאָר פון באַראָן האָט דאָ אויפגענומען הערצלען. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם באַראָן צו זיין צו ליבנסווירדיק צו אים, אָבער ער האָט אויך מורא געהאַט פאַר אים אַליין צו זיין צו אים ניט ליבנסווירדיק. היינט געפינט זיך דאָס הויז, ווו הערצל האָט דאָ איבער־גענעכטיקט, אויף דער הערצל־גאַס און אין דעם דאָזיקן הויז איז פאַראַן די יידישע פּאָליציי פון דער יידישער מדינה..."

אָט זיינען מיר אין דער היפש באַרימטער קאָלאָניע נס ציונה, וואָס האָט אַריבער צוויי טויזנט יידישע נפשות. די אַראַבער רופן נס ציונה „וואַדי אַל חני" (דער טאָל פון די רויזן). פאַקטיש זיינען דאָ פאַראַן צוויי באַזונדערע שטעטלעך, צווישן וועלכע עס גייט דורך אַ שאָסיי. דער אַראַבישע טייל האָט געקוקט אויף אונדז אינגאַנצן אַ צעשאָסענער. די הייזער זיינען כמעט אַלע געווען איינגעפאַלן. מען דערקענט, אַז דאָ זיינען געווען שווערע קאַמפן. דער רעזולטאַט איז קלאָר: די יידן זיינען געבליבן, פון די אַראַבער איז קיין זכר ניטאָ. אינעווייניק אין די שטעט האָבן יידן שטענדיק באַזיגט די אַראַבער. אפילו אין צפת, ווו עס זיינען געווען אַכציק פּראָצענט אַראַבער און צוואַנציק פּראָצענט יידן און דערצו אַלט־מאָדישע און פרומע, האָבן די יידן געזיגט און פאַרטריבן אַלע אַראַבער.

...קוק איך אויף די חורבות און „מפּלותן" פון אַראַבישן „נס ציונה" און מיר דאַכט זיך, אַז די שטיינער אַפילו פרעגן: פאַרוואָס?

נס ציונה האָט אַ פּאַטעטישע געשיכטע. די ערד האָט דאָ געהאַט געקויפט אַ דייטש נאָך אין יאָר 1858. איין מאָל איז דער דאָזיקער דייטש געפאָרן געשעפטלעך קיין רוסלאַנד און דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט אַן אַלטן „חובב ציון", ראובן לערער. און יענער האָט בא אים אָפּגעקויפט דיווירטשאַפט און ער האָט זיך דאָרט באַזעצט אין יאָר 1882 און ער האָט זי אַ נאָמען געגעבן „נחלת ראובן". ער האָט איינגעפירט בינען־צוכט און נאָך אַנדערע ווירטשאַפטן. עס האָבן זיך באַזעצט יידישע אַרבעטער אין דער נאָענט. דער שוין דערמאָנטער מיכל האַלפּערן, וואָס איז פּאַקטיש פאַרטריבן געוואָרן פון „ראשון" האָט זיך דאָ געקויפט אַ שטיקל ערד און ער האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן „נס ציונה" — אַ פאָן קיין ציון". ער האָט דאָ געבויט אַ צענטער פאַר „פּראָלעטאַרישע חובבי ציון" און געשאַפן אַ גאָרטן פאַר אַלטע לייט און פאַר די פאַרוווּנדעטע אין דער באַפרייאונגס מלחמה. ווען עס איז דאָ געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד, איז האַלפּערן געקומען מיט אַ גאַנצער גרופּע רייטער אויף ווילדע פערד און זיי זיינען אַרויפגעפאָרן אויף דעם העכסטן בערגל און אויפגעהויבן די יידישע פאָן. דאָס איז געווען נאָך פאַר דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. הערצל איז בעת זיין באַזוך געווען באַזונדער באַגייסטערט פאַר „נס ציונה" און ער דערציילט, אַז ער האָט געמוזט אַריינקומען באַזוכן כמעט אַלע יידישע הייזער. מען דערציילט, אַז מיכל האַלפּערן איז דאָ אַמאָל אַרויפגעגאַנגען אויף אַ בערגל און ער האָט גענומען אַ שטיקל ערד און דאָס איינגעשלונגען און געזאָגט: „ווי זיס איז די ערד פון אונדזער לאַנד"... אין נס ציונה איז פאַראַן אַ גאַס תל אביב, וואָס איז געבויט געוואָרן מיט זעקס יאָר פריער איידער די שטאָט תל אביב איז געבויט געוואָרן. הערצלס „אַלט־נייַלאַנד" הייסט אויף העברעאיש „תל אביב" און נאָך הערצלס באַזוך האָט מען דער דאָזיקער גאַס געגעבן דעם נאָמען פון זיין ווערק.

מיר פאָרן אַריין אין דער קאָלאָניע, וואָס איז שוין פּאַקטיש אַ שטעטל. פאַראַן קראָמען, וואַרשטאַטן, פאַבריקלעך, שולן, קינדער־שולן, אַ „בית פרדס", אַ פּאָסט, אַ מוניציפּאַליטעט, אַ פּאָליציי. טרעפּ פירן אַרויף ביז צום שפּיץ פון באַרג, וועלכן מען רופט אי „גבעת החולמים", (דאָס בערגל פון די טרוימער), אי „גבעת האהבה" (דאָס בערגל פון ליבע). יונגע מענטשן האָבן דאָ אי געחלומט וועגן „גאולה", אי זיך ליב געהאַט. און מען זעט אַן אַ גאַנצע רייע ישובים. מען זעט אַן ראשון לציון און כמעט

די גאַנצע געגנט וואָס מיר זיינען דורכגעפאָרן פון תל אביב ביז אַהער און מען זעט אָן אַ היפּש ביסל ישובים ווייטער קיין דרום. ווהין מיר פאָרן און קיין מערב צו, זעט מען אָן די גרויסע אַגראַר־שול פאַר מיידלעך פון דער וויצאָ, „עיינות״ (איאַנאָט) און דעם ים־ברעג. און קיין מזרח־צו קייטלען זיך די „הרי יהודה״. בערג, טאָלן און ים — דאָס איז ארץ ישראל.

ארום און אַרום זיינען דאָ קיבוצים, סתם קאָלאָניעס און אָנהויבן פון ישובים. אָט איז פאַראַן דער קיבוץ גבעת מיכאל, אויפן נאָמען פון מיכל האַלפּערן און ווייטער אַהין איז פאַראַן דאָס דאָרף בית חנן, וואָס באַשטייט פון בולגאַרישע יידן. מען דאַרף אַראָפּקריכן פון „כביש״ און קריכן אין אַ זאַמדיקן וועג. אָבער בולגאַרישע יידן גלוסט זיך זען און הערן. דער „נהג״ שלעפּט זיך אין זאַמד און זאָגט מיר אין חברלעכן ברוגז — אַ ייד זאָל עס וועלן אַלץ זען און הערן! און זיי זיינען טאַקע אביסל מאָדנע, די בולגאַרישע יידן. דאכט זיך ספרדים און אַנדערש. מ׳קען זיך מיט זיי צונויפרעדן סיי אויף שפּאַניש, סיי אויף רוסיש, אָבער אויך אויף העברע־איש קענען זיי זיך שוין דערקלערן. די יוגנט קען שוין ניט עפּעס אַנדערש ווי העברעאיש. און עס הערט זיך אַזאַ פרעמדער קלאַנג אין דעם העברע־איש, וואָס זיי ריידן! עפּעס יאָ אַ יידישער און ניט קיין יידישער... עס גלוסט זיך הערן אָט דעם קלאַנג צוליב נייגעריקייט און עפּעס קראַצט ער אין דער נשמה. די בולגאַרישע יידן דערציילן וועגן זייערע ביטערע איבער־לעבונגען דאָרט; דאָ איז זיי אַ סך בעסער. אויך אביסל מלחמה, אָבער ווי קומט עס צו דער שנאה פון דאָרט? און איין עלטערער ייד זאָגט מיר:

— מיר לייזן דאָ אוים די ערד און מיר פילן, ווי אונדזערע נשמות ווערן אויסגעלייזט.

פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ וואָרט?

מיר קומען צוריק אַרויף אויף דעם שאָסיי און איך הייס מיין שאָפער פאָרן קיין מערב זייט.

— גזלן, מיר וועלן דאָך קיינמאָל ניט אָנקומען...

— ווער זאָגט אייך דען, אז מיר דאַרפן אָנקומען? מיר דאַרפן פאָרן. דער עיקר איז דאָס פאָרן, דאָס זיין אין ארץ ישראל, דאָס אָנזאַפּן זיך מיט דעם, דאָס קענען דערנאָך דערציילן און שילדערן. איך פאָר דאָך ניט פאַר מיר אַליין. איך דאַרף דאָך קענען עפּעס דערציילן די יידן אין אַרגענטינע און אין דער גאַנצער וועלט. זיי דאַרפן דאָך וויסן, אז פאַר דעם „בראשית״ פון „מדינת ישראל״ איז געווען אַן אמתדיקער „בראשית״ אין דרום, אין צפון, אין מזרח און מערב.

— איז וווהין־זשע ווילט איר פאָרן קיין מערב?

— אָט דאָרט איז פאַראַן די מיידלשע אַגראַר־שול „עיינות" (קוואַלן), וואָס די וויצאָ און ספּעציעל דער רומענישער „סניף" האָט געגרינדעט אויף דער ערד פון „קרן קיימת". און איך האָב דער וויצאָ צוגעזאָגט אָנצוקוקן די דאָזיקע שול, וואָס איז איר שטאָלץ — און איך וויל זיך מיט פּרויען ניט קריגן. איך האָב אין גלות קיינמאָל זיך ניט געקריגט מיט פרויען, וועל איך זיך גיין קריגן אין ארץ ישראל? און דערצו בין איך אַ בעסאַראַבער און אַ האַלבער רומענישער און צווישן די רומענישע וויצאָ־טוערנס האָב איך אַזוי פיל פריינדינס פון צוריק מיט אַ סך יאָרן. ערגעץ אין די לענדער וווּ איך ווין, פאָרט אַרום עלאַ קליינער־גאָלד פאַר דער וויצאָ. אין תל אביב געפינט זיך לינקא קליינער־פיין, וואָס ארבעט דאָרט אין וויצאָ און איך קען זיי נאָך פון דעמאָלט, ווען די דאָזיקע שוועסטערקינדער זיינען געווען די האַרציקסטע יידישע מיידלעך פון גאַלאַץ און אַז איך וועל ניט אָנקוקן „עיינות", וועט די גאַנצע וועלט פאַר מיר ניט זיכער זיין.

פאָרן מיר קיין מערב. מיין שאָפער ווייזט מיר שוין דעם מושב בית עובד, וואָס געפינט זיך אויף דעם וועג. אַ הונדערט פאַמיליעס לעבן דאָ. זיי אַרבעטן באַזונדער, אָבער זיי קויפן און פאַרקויפן איינעם און עס איז פאַראַן אַ געמיש פון אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוויזם. אויבן איז פאַראַן אַ מין געקינסטלטע ריטשקע, אין וועלכער מען האָט פאַרפלאַנצט פיש. מען טוט וואָס מ׳קען. יידן אַרבעטן ניט נאָר מיט הענט, זיי אַרבעטן אויך מיט קאָפּ און ביי פּיזישער אַרבעט קומט יאַקאָס שטענדיק צונויץ שכל. און נעבן דער ריטשקע איז פאַראַן אַ גאָרטן, וואָס הייסט „גן קדושים". אָן קרבנות גייט דאָס ניט דאָ. אין 1939 זיינען געפאַלן דאָ יידן אויף זייערע אַרבעטס און פאַרטיידיקונגס פּאָסטנס און צו זייער אָנדענק האָט מען געבויט אָט אָ דעם „גאָרטן פון לעבן", ווי אַ צייכן און אַן עדות „פון אונדזער שטאַרקן באַשלוס צו אויפלעבן די וויסטענישן פון געבוירן־לאַנד אַף צו להכעים פון אַלע פאַרדאַרבער און שלעכט־טוער"... די בויער פון „גן קדושים" שטרעקן אויס אַ פאַרהאָרעוועטע האַנט פאַר שלום צו יעדן ברודער און פאָלק, ביז מיר וועלן דערגרייכן אַן אייביקן פרידן פון וועלט ביז וועלט...

און אָט זיינען מיר אין „עיינות". אויף אַ גאַנץ הויכן באַרג געפינט זיך די שול און די גאַנצע איינריכטונג. און דער באַרג איז גרין און אַרום און אַרום גרין. אַ בליענדיקע געגנט. און גרויסע קלאַסן פאַר לערנען און פיין איינגעאָרדנטע צימערן צום שלאָפן און אַ וווּנדערלעכער עס־צימער און

אַ שטיקל לאַבאָראַטאָריע און אַ שטאַל און שטייגן און גרינצייג־גאָרטן און ציטרוס־גאָרטן.

די פאַרוואַלטערן נעמט מיך אויף וואַרעם און האַרציק און רעדט מיט מיר העברעאיש און דייטש און אפילו יידיש אויך אַביסל און זי וויל איבערהויפּט, אַז איך זאָל וויסן, אַז צוריק מיט אַכצן יאָר איז דאָס געווען אַ וויסטער באַרג. נאַקעט אַזוי ווי אַ ליסע קאָפּ.

— צוריק מיט אַכצן יאָר? עס זעט דאָך אויס אַזוי ווי אַף טאָמאַס מאַנס „צויבערבאַרג".

און די פאַרוואַלטערן דערציילט מיר ווי אַזוי אין די ערשטע יאָרן האָבן די שילערנס געוווינט אין נס ציונה און זיי פלעגן זיך שלעפּן צופוס אַהין און צוריק אין זאַמד. אין יאָר 1932 זיינען געקומען עלף מיידלעך און איין שומר און זיי האָבן אריינגעקלאַפּט פלאָקנס אין דער ערד אַריין, אַזוי ווי מוצאי יום כפור פאַר דער סוכה. און זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט. זיי האָבן פריער געוווינט אין די שטייגן און אין שטאַל און פּאַוואָליע אויס־געבויט דירות, וואָס זעען שוין היינט טאַקע אויס ווי די הייזער אַף דעם צויבערבאַרג.

אַריבער צוויי הונדערט שילערנס זיינען דאָ פאַראַן. זייער אַ סך פון רומעניע. אָט נעבן מיר זיצט אַ גרופּע מיידלעך וואָס ריידן נאָך רומעניש מער ווי אַלץ. און זיי זיינען באַגייסטערט פון דעם אויסזען און פון דער אַרבעט און פון דעם לערנען. אין דער היים זיינען זיי געווען איבעריקע און עס איז פאַר זיי קיין פּערספּעקטיוו נישט געווען און דאָ איז דאָס גאַנצע לעבן פאָרויס — וויפל מאָל איך האָב געקענט אין דער היים געהרגעט ווערן — זאָגט מיר אַ קליין רויטלעך מיידל פון אַ יאָר פערצן — אָבער דאָ... אָט אַזוי הרגענען ווי דאָרט וועט קיינער ניט.

— אָבער דאָ איז דאָך אויך מלחמה.

דאָס גאַנצע רוהישע מיידעלע קוקט מיך אָן און פאָרשט מיך, צי איך מיין דאָס ערנסט. און זי ווייזט מיר אָן, אַז אַרום זיינען פאַראַן אַ סך יידישע „זידלונגען", אָבער אויך אַראַבישע. עס איז ניט ווייט פון דער אַראַבישער גרעניץ. און זי זאָגט מיר:

— איז ווי קען מען פאַרגלייכן דאָס געהרגעט ווערן אין אַ פּאָגראָם צו פאַלן אין אַ מלחמה? אַ פּאָגראָם, אַז מען מאַכט איין מאָל, וויל מען שוין מאַכן אַ סך מאָל, ווייל מען שטעלט גאָרנישט איין. אָבער אַ מלחמה איז אַנדערש. די אַראַבער פון יענע פּאָזיציעס האָבן אַזוי טייער באַצאָלט

פאַר דער מלחמה מיט אונדז, אַז זיי וועלן שוין נישט מאַכן מער קיין מלחמה מיט אונדז.

די יאטעכע האָט זיך פאַרסאַפּעט מיט אַזאַ חן, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט כאַפּט זי די ביקס... און פערצן יאָרעלעך אַלט!

די פאַרוואַלטערן ווייזט מיר די פּילזייטיקייט פון דער גאַנצערווירטשאַפט. דאָ איז פאַראַן אַ וויינגאָרטן און אַן איילבירטן גאָרטן און אַלערליי פרוכטביימער און בלומען־קוסטעס און אַ גרינצייג־גאָרטן און בינשטאָקן. און די שילערנס שטאַמען פון אַריבער צוואַנציק לענדער און אין משך פון צוויי יאָר ווערן זיי איבערגעפורעמט און אַריינגעוואַקסן אין לעבן אַריין און זיי ווערן די געוווּנטשנסטע בויערנס פון ניי לעבן אין קיבוצים, מושבים און ווו עס לאָזט זיך. דעם געדאַנק דאָ צו בויען די שול האָט געגעבן עדה פישמאַן, די וויכטיקע אַרבעטער־פירערן, די שוועסטער פון קולטוס מיניסטער הרב י. ל. פישמאַן, וואָס איז די פאַרפאַסערן פון אַ וואָגיק בוך וועגן דער באַוועגונג פון די אַרבעטערנס אין ארץ ישראל. עדה פישמאַן איז אַ סאָציאַליסטקע און אַ רעליגיעזע פרוי.

פאַרשטייט זיך, אַז מען מוז אַרויפגיין אויך אויפן דאַך פון דער צענטראַלער געביידע. דאָס איז אַ מוז אין ארץ ישראל! אויפן דאַך מוז מען אַרויפגיין און זען די גאַנצע געגנט ווי אויף אַ טעלער. וויל מען זען ארץ ישראל, מוז מען אַ סך מאָל אַרויפגיין אויבן. אמאָל דאַרף מען קלע־טערן אויף פלאַכע לייטערס און מען דאַרף זיך אויסלערנען צו קריכן ממש אויף די גלייכע ווענט, ווי פייערלעשער. דאָ איז גראָד דער אַרויפגאַנג אַ לייכטער. די פאַרוואַלטערן וויל מיר ווייזן דעם ים, רחובות, נס ציונה און נאָך אַנדערע שטעט, שטעטלעך און דערפער פון דרום, אָבער איך קען זיי. ווייזט זי מיר דעם אַראַבישן טייל. קיין מערב־צו איז פאַראַן אַ טורעם אויף אַ הייליקן קבר „נבי רובין" — „דער נביא ראובן". דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי יעקב עלטסטער זון ראובן, ביי אונדז ליידט ער פון דעם, וואָס ער איז דער עלצטער, ער האָט מער התחייבות ווי פריווי־לעגיעס. ביי זיי איז ער אַ נביא. יעדע ענדע זומער פראַוועון דאָ די אַראַ־בער אַ גרויסן פאָלקס־יום־טוב און מ'קען דאָ זען אַ שטיק פון זייער לעבן־שטייגער און פון דעם אופן ווי זיי פראַוועון יום־טובים. דאָ איז פאַראַן אַ טייך, וואָס זיי רופן „רובין" און חורבות באַדעקט מיט ים, וואָס זיי רופן „רובין־פּאָרט". אויך דער פּאָרט פון יבנה געפינט זיך ניט ווייט. די גריכן האָבן אמאָל דאָ געוואָלט דערטרינקען די אידן אין די שיפן און יהודה המכבי האָט אונטערגעצונדן אַלע שיפן אינייינעם מיט דעם פּאָרט

פון יבנה. און דאָס פייער האָט מען אָנגעזען אַזש אין ירושלים, וואָס געפינט זיך אַ זעכציק קילאָמעטער פון דאַנען... יאָ, דאָס זעלביקע יבנה, וואָס רב יוחנן האָט אויסגעבאַרט ביי די רוימער...

— וואו־זשע בין איך? אין דער מיידלשער אַגראַר־שול פון דער וויצאָ, צי אויף דעם שלאַכט־פעלד פון די מכבייער מיט די גריכן? און אין וואָס פאַר אַ יאָר זיינען מיר — אין 1948 נאָך קריסטוס, צי הונדערט עטלעכע און זעכציק יאָר פאַר קריסטוס?

ציית און שטח פאַרלירן דאָ זייער באַשטימטקייט...

אָבער מיר וועלן דאָך ניט פאַרגעסן, אַז מיר זיינען געווען אין דער זייער אינטערעסאַנטער מיידלשער אגראַר־שול פון דער וויצאָ, וואָס איז פון גרויס וויכטיקייט פאַר דעם לאַנד. עפּעס טוען זיי דאָך אויף די ציוניסטישע ווייבער!

ווי דער שאָפער מיינער האָט זיך דאָס אַ לאָז געטון און גענומען שלינגען וועג. איידער איך האָב זיך רעכט אומגעקוקט, זיינען מיר שוין געווען אויף דעם גרויסן כביש און מיר זיינען שוין געווען ניט ווייט פון נס ציונה און מיר זיינען שוין געווען אין דער אַלטער קאָלאָניע באר יעקב, וואָס חובבי ציון האָט געגרינדעט נאָך אין יאָר 1907. די ערשטע קאָלאָניסטן זיינען דאָ געווען די בארג־יידן פון קאַווקאַז, גרוזיניע און דאַגיסטאַן. דערנאָך זיינען צוגעקומען צו זיי אַלערליי ספרדישע יידן. פאַראַן קאַווקאַזער אימפּעט און שטורעם ביי די דאָזיקע יידן, כאָטש אַ סך פון זיי זיינען שוין דאָ געבוירן געוואָרן. דאָרטן אַהין, אין בית חנן — בולגאַרישע יידן, דאָ — גרוזינישע און דאַגיסטאַנער. אַ מיניאַטורנער „קיבוץ גליות", אָבער ניט קיין אויסגעטראַכטער. איין עלטערער ייד האָט דווקא געוואָלט, אַז איך זאָל פאַרזוכן די מאַנדלען און אַז איך זאָל דערציילן, אַז קיין בעסערע מאַנדלען זיינען אין ערגעץ ניטאָ. און רוסיש האָט ער נאָך אויך געדעדט. אַ מין רוסיש...

און מיר פאָרן קיין רחובות. איינע פון די עלטסטע קאָלאָניעס אין לאַנד און די צווייט־גרעסטע קאָלאָניע־שטאָט נאָך פתח תקוה. פאַראַן דאָרט מסתמא שוין ווייט אריבער צוועלף טויזנט איינוווינער. אָבער איידער מיר פאָרן שוין אַריין קיין רחובות, איין קילאָמעטער פריער, פאָרן מיר אַריין אין אַזאַ מין „וויסנשאַפטלעך שטעטל", וואָס איז פאַקטיש דער מאַרך פון גאַנצן אַגראַרן טייל פון לאַנד. דאָ איז פאַראַן קודם־כל די סטאַנציע פאַר אַגראַרער פאָרשונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1921 פון דער „ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר אַגראַר פאָרשונג". זי איז פריער

געווען אין בן־שמן, וווּ עס געפינט זיך דער הערצל־וואַלד, דער באָדן געהער צום „קרן־קיימת" און די איינריכטונגען האָט געהאָלפן שאַפן דער „קרן היסוד". פאַראַן דאָ פאַרשידענע אָפּטיילונגען. די אָפּטיילונג פאַר פלאַנצן גיט זיך אָפּ מיט דעם אַנטוויקלען און פאַרבעסערן די שוין איינגעפירטע פלאַנצן און צופּאַסן נייע פלאַנצן צו די אָרטיקע קלימאַטן און זי גיט זיך אָפּ מיט קראַנקייטן און שעדיקער פון פלאַנצן (פּאַטאָלאָגיע און אַנטאָ־פּאָלאָגיע) די אָפּטיילונג פאַר בהמות־באַשפּייזונג גיט זיך ספּעציעל אָפּ צו זוכן אַזאַ שפּייז, וואָס זאָל פאַרגרעסערן די מילך־פּראָדוקציע. די אָפּ־טיילונג פאַר אַגראַר־כעמיע פאָרשט די ערד אין גאַנצן לאַנד און די באַמיס־טיקונג־מיטלען און וואָס פאַר אַ ווירטשאַפט עס איז צוגעפּאַסט פאַר יעדן געגנט. און עס איז פאַראַן אַן אָפּטיילונג פאַר אינסטרוקציע, („הדרכה") וואָס גיט אַרויס אַ ביולעטין מיט פּראַקטישע אָנווייזונגען פאַר די אַגראַרע אַרבעטער. דער אָנפירער פון אָט דער סטאַנציע איז דער באַוווּסטער גע־לערנטער פּראָפ. אליעזר וואָלקאַני.

אין דער נאָענט פון אָט דער סטאַנציע געפינט זיך דער „מכון זיו" (זיוו־אַנשטאַלט,) וואָס די באַרימטע רייכע ציוניסטישע פאַמיליע זיו פון לאָנדאָן האָט געגרינדעט אויף דעם נאָמען פון זייער זון דניאל. פאַראַן דאָ אָפּטיילונגען פאַר אַגראַרער כעמיע, פאַר טעכנישער באַקטעראָלאָגיע און פאַר סינטעטישער און פאַרמאַצעווטישער כעמיע. ניט ווייט פון אָט דעם אַנשטאַלט געפינט זיך אַ צוויי־שטאָקיק הויז, וווּ ווייצמאַן וווינט און אַר־בעט, ווען ער איז דאָ אין לאַנד. מען ווייזט אויף אָט דעם צימער אָן מיט יראת הכבוד: „ער", „דער פּראָפעסאָר"... אין וואַטיקאַן, נעפּריטשקעס, ווייזט מען אַזוי אָן אויף דעם פּויפּסטס צימער. עס איז לעצטנס אויך גע־שאַפן געוואָרן אַ ווייצמאַן־אַנשטאַלט. אין 1940 האָט מען געשאַפן אַן אינסטיטוט צו לערנען אַגראַרע וויסנשאַפט, וואָס איז אייגנטלעך אַ הויך־שול. די ערשטע צוויי יאָר לערנט מען דאָ אי טעאָרעטיש, אי פּראַקטיש און דערנאָך פאַרענדיקט מען אין אוניווערזיטעט פון ירושלים. לעצטנס האָט ער, דער פּראָפעסאָר, הייסט עס, געמאַכט אַ סך גרויסע דערפינדונגען. מען דערציילט וועגן זיי בסוד און מען הייסט ניט אויסזאָגן. מען דערציילט יאָ וועגן אַ וווּנדערלעכער פּלאַסטיק פון שאָלעכץ פון מאַראַנצן. „ער" האָט געוואָלט פרידן, אָבער מען האָט געמוזט העלפן דער מלחמה...

דער אַגראָנאָם פייגין, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין בעסאַראַביע און איז היינט דאָ אי פּראָפעסאָר, אי אַ אינסטרוקטאָר, האָט מיך אַרומ־געפירט אין דער דאָזיקער וויסנשאַפט־שטאָט מיט אַ באַזונדער אויפ־

מערקזאַמקייט און פאַר מיר זיינען די עטלעכע אַנשטאַלטן אויסגעוואַקסן ווי דער „מורה דרך" פאַר דער גאַנצער אַגריקולטור פון לאַנד. מען שטעלט זיך ניט אַרבעטן אויף אַ נייעם פונקט, ביז וואַנען אַלץ איז ניט אויסגע־פּאָרשט.מען אַנטדעקט ניט קיין אַנטדעקטע אַמעריקעס און מען אימ־פּראָוויזירט ניט און מען מאַכט ניט קיין איבעריקע עקספּערימענטן. דער אַגראַרער ישוב איז אַ קערפּער, וואָס האָט אַ וווּנדערבאַרן קאָפּ. און אַדאַנק דעם קען מען אַרויסברענגען אַ מאַקסימום פּראָדוקטן פון אַ רע־דוצירטן שטח. מ י ט ד ע ר ה י ל ף פ ו ן ו ו י ס נ ש אַ פ ט ו ו ע ט מ ע ן מ אַ כ ן אַ ג ר ו י ס פ אָ ל ק א י ן אַ ק ל י י ן ל אַ נ ד.

ביים אַוועקגיין האָב איך אָפּגעריסן עטלעכע באָקסערן פון די ביימער. איך האָב געוואָלט זען צי די באָקסערן וואַקסן טאַקע אויף ביימער. אין קתרילעווקע זיינען באָקסערן געווען אַ געשמאַקע פּירה אין „חמשה עשר", אין ארץ ישראל ווערן די באָקסערן איבערהויפּט גענוצט אַלס צושמעלץ מאכל פאַר בהמות. דאָס לידל, וואָס האָט געזונגען, אַז ציגן עסן באָקסערן ווי גראָז, איז ניט אויסגעטראַכט.

— איר האָט גוט פאַרשטאַנען — פרעגט מיך אַגראָנאָם פייגין — די אַלע אַנשטאַלטן?

— אַ דאַנק אייך פאַר דער פיינער לעקציע! ווען איך וואָלט געדאַרפט אָנפירן די קלענסטע פון אָט די אָפּטיילונגען, וואָלט איך מסתמא נאָך ניט געקענט, אָבער געבן צו פאַרשטיין מיינע לייענער, וואָס עס איז דער זיוו און וויצמאַן־אַנשטאַלט, וועל איך שוין קענען. מען בויט ארץ ישראל ניט אויף „אפשר", נאָר מען פּרוווט פריער אויס אַלע אפשרס און ווען מען שטעלט זיך בויען און אַרבעטן, איז מען שוין מיט עפּעס זיכער.

מען איז שוין בכלל מיט עפּעס זיכער אין „מדינת ישראל".

זיינען מיר אין רחובות (אין אשכנזיש זאָגט מען: רעכוויוועס, אין ספרדיש: רעכאָוואָט), איינע פון די עלטסטע און גרעסטע יידישע קאָ־לאָניעס אין לאַנד און מען מיינט, אַז זי גופא האָט שוין היינט קרוב צו פופצן טויזנט איינוווינער. איינײנעם מיט איר אומגעגנט האָט זי שוין ביי צוואַנציק טויזנט יידישע תושבים. אין די ביבלישע צייטן האָט די גאַנצע געגנט געהערט צו שבט יהודה. זי געפינט זיך אַ פופציק מעטער איבער דעם ים־ניוואָ. אַמאָל זאָל די דאָזיקע געגנט געווען זיין אַ זייער פּרוכטבאַרע. די אַראַבער האָבן גערופן דאָס פּלאַץ, ווו היינט געפינט זיך רחובות — דוראַן, און אייניקע מיינען, אַז אין תלמוד האָט עס געהייסן

דורון און מען דערמאָנט אַ לעגענדע, אַז צוויי תנאים האָבן דאָ געגעסן איין פּערישקע און ס׳איז נאָך געבליבן פאַר דעם אייזל און דער אייזל האָט אויך איבערגעלאָזט. און מ׳קען פאַרשטיין, אַז דאָ האָט געקענט זיין זייער פּרוכט־באַר, ווייל דער קלימאַט איז דאָ אַ גוטער און אַ געזונטער. דער מיטללענ־דישער ים געפינט זיך דאָ אויף אַ גלייכן וועג אַריבער צען קילאָמעטער פון דאַנען און עס בלאָזן דאָ ווינטלעך אויך בעת די גרעסטע זומער־היצן. וואַסער איז דאָ פאַראַן אַ סך און מען קריגט דאָס ניט פון זייער טיף און עס איז פריש און אנגענעם. עס איז איינגעטונקען אין גראָז און גרינס און די ציט־רוס ביימער פאַרשפּרייטן אַ טייערן ריח. עס ווייזט זיך דיר אויס, אַז מען פאַרפומירט דאָ שטענדיק דעם גרויסן רוים, וואָס איז אויך זייער שיין. גייסט אַביסל ארויף אויבן, זעסטו סיי די פּליינען און סיי די בערג פון יהודה און ס׳איז שוין דאָ פאַראַן דער דאַזיקער בלויער, מיסטישער הויך, וואָלט איך געזאָגט, וואָס ס׳איז פאַראַן אין די בערג פון יהודה. עפּעס ציטערט דאָ שטענדיק אין דער לופט.

ווען די יידן זיינען געקומען אהער אין יאָר 1890, איז דאָ געווען וויסט און פּוסט. עס האָבן דאָ געוואַנדערט בעדוינער, וואָס זיינען געקומען פון נגב און האָבן, אין בעסטן פאַל, אָפּגעגריזעט, וואָס די נאַטור אליין האָט זיי געגעבן. געגרינדעט האָבן רחובות די אַמאָליקע חלוצים וואָס אחד העמס „בני משה" האָבן אָרגאַניזירט אין וואַרשע אונטער דעם נאָמען „מנוחה ונחלה". זיי זיינען געגאַנגען אהער עטלעכע שעה פון יפו און זיי האָבן געמאַכט דעם אָנהייב אויף אַ בערגל. דאָס רחובות, וואָס יצחק אבינו האָט געגרינדעט, געפינט זיך אין סאַמע נגב, ניט ווייט פון באר שבע, אָבער וואַרשיינלעך איז יענע ערשטע חלוצים געפעלן געווען זיך צו מאַכן אַן אילוזיע, אַז זיי געפינען זיך דאָרט, ווו יצחק האָט געגראָבן אַ ברונעם און ער איז דורכדעם אויסגעלייזט געוואָרן. אַך, וואָס פאַר אַ חלום וואַסער איז דאָ אַמאָל געווען!

און אָט דערמיט צייכנט זיך רחובות אויס פון די אַנדערע אַלטע קאָ־לאָניעס: מען האָט דאָ געאַרבעט נאָר אַליין. עס זיינען צוגעקומען סתם יידישע וואַנדערער צו די „בני משה" און זיי האָבן גענומען פלאַנצן וויינ־גערטנער, מאַנדלגערטנער און פּרדסים. מ׳קען זאָגן אָן גוזמא, אַז אָט די קאָלאָניע האָט די ערשטע אריינגעבראַכט דעם ריכטיקן גייסט פון נייעם ארץ ישראל. דאָ האָט מען געבויט אַ שול אָנשטאָט אַ תלמוד תורה, אין די פאַרזאַמלונגען האָבן זיך באַטייליקט אויך פרויען (אין דער ערשטער פאַרזאַמלונג האָט גענומען אַ וואָרט אַ פרוי) און מען האָט דאָ איינגעפירט

די ספרדישע הברה און אָרגאַניזירט אַ ליבהאָבער־קרייז, וואָס האָט געשפילט מ. ל. ליליענבלומס „זרובבל“. די אדוקים האָבן גענומען דערציילן מעשות וועגן „אויסגעלאַסנקייט“ אין דער קאָלאָניע, אָבער מען האָט זיך נישט איבערגעשראָקן און מען איז געגאַנגען ווייטער אויף דעם מאָדערנעם, נאַציאָנאַל־יידישן וועג. די באַציאונג צו די יידישע אַרבעטער איז דאָ געווען אַ פריינטלעכע און מען האָט אפילו אויסגעבויט אַ ספּעציעלן צריף פאַר אַרבעטער. מען האָט דאָ איינגעפירט דעם „צענער אָרגאַניזאַציע“־סיסטעם (הסתדרות העשרות). אַן איינהייט איז באַשטאַנען פון צען מיטגלידער און דער ציל איז געווען — קעגנזייטיקע הילף, מיליטערישע צוגרייטונג און אויך יורידישע צוגרייטונג פאַר דעם קינפטיקן סנהדרין. דאָ האָבן געלעבט אַזעלכע צוויי עפּאָכע־מאַכנדע פערזענלעכקייטן ווי יוסף אהראָנאָוויטש און א. ד. גאָרדאָן. דער העברעאישער פּאָעט נח שאַפּיראָ האָט דאָ געשאַפן זיינע לידער „שם במקום ארזים“ — (דאָרט ווו די צעדער) און „יה חי לי לי עמלי“. רחובות האָט די ערשטע געדונגען יידישע שומרים און צוויי זיינען טאַקע דאָ געפאַלן אין קאַמף מיט די אַראַבער.

די אַלטע קאָלאָניע האָט זיך גענוג אָנגעליטן אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג. דאָ אַרומער האָבן די ענגלענדער אין יאָר 1917 דורכגעבראָכן דעם טערקישן פראָנט און אַריין קיין יהודה און זיי זיינען געווען איבעראַשט צו טרעפן אַזאַ בליענדיקן יידישן ישוב. ביי זיי אויף דער מאַפּע האָט דאָ נאָך עקזיסטירט אַן אַראַביש דאָרף מיטן נאָמען דוראַן. די ענגלענדער האָבן דאָ טאַקע איינגעאָרדנט זייער שטאַב פון די מדבר־רייטער, און ווען מען האָט גענומען בויען די באַן פון עגיפּטן ביז חיפה, האָט מען דאָ געמאַכט אַ וויכטיקע סטאַנציע; עס האָבן אָנגעהויבן קומען נאָך און נאָך יידן און די געגנט האָט אָנגעהויבן בליען. מען האָט אויסגעבויט אַ וועג פאַר אויטאָס און מ׳האָט זיך שוין ניט געדאַרפט שלעפּן אַהער אין זאַמד און פאַרגריזנעט ווערן מיט די פערד און די אייזלען און דאָס דאָזיקע האָט נאָך מער געהאָלפן דעם פאַנאַנדערבלי פון דער קאָלאָניע. דאָ האָט מען צום ערשטן מאָל איינגעפירט אין לאַנד דאָס פלאַנצן גרייפּ פרוט און פון דעם סאָרט מאַראַנצן, וואָס הייסט קלעמאַנטין. דאָ וווינט עד היום דער אַלטער און באַרימטער העברעאישער שרייבער משה סמיליאַנסקי (חוג׳ה מוסה), וואָס איז אויך איינער פון די גרעסטע גערטנער אין לאַנד. ער האָט דאָ יאָרנלאַנג רעדאקטירט דעם זשורנאַל „בוסתנאי“ פון פויערים פאַרבאַנד. דער דיכטער דוד שמעונאָוויטש האָט דאָ געלעבט אַ לאַנגע צייט. דער קרן קימת האָט דאָ געקויפט אַ סך באָדן און איינגעאָרדנט אַ גאַנצע רייע ישובים. אין יאָר

1899 איז דאָ געווען הערצל. ער איז געווען זייער גערירט פון זיין באַזוך אין רחובות. א מחנה פון אַ צוואַנציק רייטער האָט אים אַרומגערינגלט צו זיין אָנקומען און אים געזונגען העברעאישע לידער און ער דערציילט, אַז זיינע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן. ער האָט זיך נישט געגלייבט, אַז אַזוי קענען אויסזען די קינדער פון קרעמער, וואָס פאַרקויפן הויזן... הערצל שרייבט אין זיין טאָג־בוך, אַז ווערליק פאַר די מעגלעכקייטן פון יענער צייט, האָט ער דאָ געהאַט אַ „מלכותדיקע אויפנאַמע".

דער שאָסיי פירט אריין אין דער הויפטגאַס פון שטעטל, וואָס טראָגט טאַקע הערצלס נאָמען. אויף אָט דער גאַס געפינען זיך די מערסטע געזעל־שאַפטלעכע אַנשטאַלטן, ווי די ליי־קאַסעס, דאָס פויערים־הויז, דער טעאַטער און קאָנצערט־זאַל און אַ סך גרויסע געשעפטן. די אַנדערע וויכטיקסטע גאַסן אין קאָלאָניע הייסן רחוב יעקב, רחוב מנוחה ונחלה, רחוב בנימין, רחוב טלר און רחוב סמיליאנסקי. רחוב יעקב, טראָגט דעם נאָמען פון איינעם פון די גרינדער פון רחובות — יעקב ברוידע, וואָס איז אויך געווען אַ גרויסער פילאַנטראָפּ און האָט געהאָלפן אויסבויען אַ סך וויכטיקע אַנשטאַלטן. די גאַס מנוחה ונחלה טראָגט דעם נאָמען פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געגרינדעט די קאָלאָניע; בנימין מיינט ראָטשילדן, וואָס האָט זיין גרויסן חלק אין דעם אָנהויב פון נייעם ארץ ישראל; טלר־גאַס דערמאָנט אין דעם באַוווסטן העברעאישן גראַמאַטיקער ישראל טעלער, וואָס איז דאָ יאָרנלאַנג געווען אַ לערער און ער איז דאָ טאַקע אַוועק אין דער אייביקייט צוריק מיט 26 יאָר. און די סמיליאַנסקי־גאַס טראָגט דעם נאָמער פון דערמאָנטן שריפטשטעלער, וואָס איז זייער באַליבט כאָטש מען איז מיט אים אין אַ סך פּרטים נים מסכים. ער האָט אַ גרויסן איינפלוס אויף די אַראַבער, וועלכע באַציען זיך צו אים מיט גרויס דרך ארץ. פאַראַן דאָ אי א גרויסע שול, אי עטלעכע פיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס, אי גרויסע מאָדערנע שולן, אי אַ פיינע ביבליאָטעק.

אין די צייטן פון די טערקן האָט מען דאָ געדאַרפט האָבן אַ דערלוי־בעניש צו בויען הייזער און עס איז נים גרינג אָנגעקומען זי צו באַקומען, און ווען מען האָט שוין יאָ געקריגן, זיינען ערשט געקומען סאָלדאַטן און איבערגעפאַלן און מען האָט זיך געדאַרפט אויסקויפן דורך באַקשיש. צום גליק האָבן די טערקישע סאָלדאַטן נים געטאָרט איבערפאַלן קיין פרויען און וויפל מאָל זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די רישטאָוואַניעס, זיינען אַרויסגעקומען יידישע פרויען און זיי באַוואָרפן מיט שטיינער. די אַלטע

איינוווינער געדענקען נאָך דעם טורעם מיטן גלאָק, וואָס פֿלעגט אַמאָל רופֿן צו דער אַרבעט און פֿלעגט אויך מודיע זיין וועגן אַן איבערפֿאַל.

דער אייזנבאַן, וואָס פֿירט פֿון דאַנען קיין מצרים, איז געבויט געוואָרן לויט די פֿלענער פֿון דעם אַלטן „דרך הים"־וועג, וואָס די רוימער האָבן גערופֿן „וויאַ מאַרים", וואָס געהער צו די אַלטסטע וועגן אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט. רחובות געפֿינט זיך אין איינעם פֿון די וויכטיקסטע צענטערן אין לאַנד. דער שאָסיי יפֿו־תּל אביב־עזה, גייט דאָ אַרומער דורך און ער גייט פֿאַרביי די גאַנצע לענג פֿון די יהודה־בערג און ער ציט זיך קיין דרום זייט ביז באר שבע. פּאַקטיש איז אָט דער וועג אַן אָפּצווייג פֿון דעם שאָסיי יפֿו־ירושלים; און עס איז דאָ נאָך אַ וועג קיין ירושלים — דורך עזה און ראַמאַלאַ. און לוד, וואָס האָט די צענטראַלסטע באַן־סטאַנציע פֿון לאַנד און דעם גרעסטן עראָדראָם איז אינגאַנצן אַ פֿופֿצן קילאָמעטער פֿון דאַנען. די קאָלאָניע איז היסטאָריש אין אַ סך, אַ סך פּרטים און זי איז היסטאָריש אויך דערמיט, וואָס זי האָט די ערשטע איינגעאָרדנט נעבן זיך תּימנים. איין קילאָמעטער פֿון רחובות געפֿינט זיך די קאָלאָניע שערים, וווּ זייט 1909 לעבן, אַרבעטן און אַנטוויקלען זיך תּימנישע יידן. דער באָדן איז פֿון קרן קימת, און די הילף האָבן געגעבן די אָרטיקע קאָלאָניסטן. שערים גיט צו קאָליר דער גאַנצער געגנט און שטרייכט אונטער די „קיבוץ גליותדיקייט". פֿאַראַן אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער ווייטער רמת אהרון, אַ פֿאָרשטעטל אויף דעם נאָמען פֿון איינעם פֿון די לעצטע אַרבעטער אין נס ציונה און איינעם פֿון די גרינדער פֿון רחובות, ווייטער אַביסל איז פֿאַראַן אַ דאָרף, וואָס הייסט כּפֿר בילו, אַ יונג אַרבעטער שטעטל חבצלת און אינגאַנצן דריי קילאָמעטער די ווייט געפֿינט זיך דער גרויסער קיבוץ גבעת ברענער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן צוריק מיט צוואַנציק יאָר און האָט היינט אַ פֿופֿצנהונדערט נפֿשות. גבעת ברענער האָט אַ געמישטע ווירטשאַפֿט און האָט עטלעכע פֿאַבריקן.

אין אַן אַנדער זייט פֿון רחובות געפֿינט זיך אַ תּימניש שטעטל א. נ. מאַרמאָרעק, וואָס איז געווען איינער פֿון הערצלס ערשטע מיטגייער. אָט דאָס תּימנישע שטעטל איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1932 אויף דעם באָדן פֿון קרן קימת און מיט דער הילף פֿון קרן היסוד. אויך דאָס שטעטל גבתון, וואָס געפֿינט זיך אין דער נאָענט, האָט דער קרן היסוד אויסגעבויט אויף דעם באָדן פֿון קרן קימת. און אָט זיינען מיר נעבן אַן אַראַביש שטעטל, וואָס האָט געהאַט אַ צוויי טויזנט איינוווינער. זאַרנוקאַ הייסט דאָס, און עס איז גאַנץ פֿיין צעשאָסן און קיין אַראַבער זיינען ניטאָ.

די אַרבעטער זיינען דאָ רייך געוואָרן פון די יידן און דערוועיל האָט מען זיי אָנגעגרייצט צו שיסן און אַנטלויפן...

אין די זייטן זיינען דאָ נאָך פאַראַן ישובים, אָבער מיר פאָרן קיין גדרה, וואָס איז איינע פון די בילו־קאָלאָניעס. דער שאָסיי קומט דאָ ארויף אויף אַ בריק, וואָס גייט איבער דעם טייך ערוץ, וואָס איז דער המשך פון טייך שורק, ביי וועלכן שמשון הגבור האָט באַוויזן זיינע אַוואַנ־טורעס. אין דער מערבדיקער זייט גייט דער טייך אריין אין דער נחלה פון יעקבס עלצטן זון ראובן און ער טראָגט טאַקע ראובנס נאָמען. יעדער שפּאַן דערמאָנט דאָ אין אַמאָל. דאָס אַראַבישע דאָרף קאַטראַ, וואָס געפינט זיך דאָ ניט ווייט, זאָל זיין דאָס אַמאָליקע פּלאַץ „קדרון", ווו די גריכן האָבן געפירט מלחמה מיט די יידן. דאָ האָט שמעון הנשיא געהאַט אַ גרויסן נצחון איבער קאַנדוויוסן... אָבער — מיר פאָרן קיין גדרה, אַ שטעטל מיט צוויי טויזנט איינוואוינער און מיט אַ געמישטער ווירטשאַפט פון ערד־אַרבעט און פּלאַנצן. עס שמעקט דאָ ניט נאָר מיט פּיאָנערטום, נאָר אויך מיט אַלטער יידישקייט. דאָ ניט ווייט געפינט זיך אַ פרומע קבוצה, וואָס הייסט חפץ חיים, אויף דעם נאָמען פון גרויסן פרומען שרייבער און מנהיג ישראל מאיר הכהן, וואָס איז באַרימט מיט זיין נאָמען „חפץ חיים", ווייל אַזוי הייסט דאָס פּאָפּולערסטע ספר זיינס. די „פּועלי אגודת ישראל" האָבן די דאָזיקע קבוצה געגרינדעט. אין צענטער פון שטעטל, אויף אַ גאַנץ הויך פּלאַץ, איז דאָ פאַראַן די אַלטע שול און אין דער נאָענט איז פאַראַן די שול, דאָס פאָלקסהויז „בילו" און דאָס „בית לוינסון", וואָס זיין באַלעבאָס האָט דאָס אַוועקגעשענקט אויף אַן אָפּרו־פּלאַץ פאַר אַלטע שרייבער און לערער. די געגנט איז אַ געזונטע. פאַראַן דאָ סאַנאַטאָריעס פאַר אַסטמאַ־טיקער און לונגען־קראַנקע. — אָבער מער פון אַלץ שיינט גדרה מיט דעם סאַמע אָנהייב פון נייעם ארץ ישראל.

גדרה הייסט אויף העברעאיש אַן אַרומצוימונג פאַר שאָף. אין תנך ווערט דערמאָנט, אַז אין יהודהס אַרב איז געווען אַ שטאָט גדרה. אָבער — דער נאָמען זאָגט גאַנץ ווייניק. די געשיכטע דערציילט דאָ אַ סך מער. דאָ האָבן די בילו־סטודענטן מער געליטן ווי אומעטום. פאַראַן וועגן גדרה אַ ליטעראַטור, וואָס פאַרנעמט באַלד מער וויפל די קאָלאָניע אַליין פאַר־נעמט. נאָך אין יאר 1884 זיינען אַהער די בילוער געקומען. זיבן יינגעלייט זיינען זיי געווען, דערנאָך זיינען צוגעקומען נאָך דריי בחורים און איין מיידל. די אַראַבער פון ארום האָבן געקוקט מיט דערשטוינונג אויף די פרעמדע, די „מאָסקובן" (מאָסקווער), וואָס זיינען אַהער געקומען. זיי האָבן

קוים אויסגעבויט אַ שטיקל שטאָל פאַר דעם אייזל און אַ מין שטיבל פאַר זיך אַליין, וואָס זיי האָבן צוגעדעקט מיט ראַגאָזשינעס. וואַסער איז געווען שטייענדיקע פון די רעגן־קאַלוזשעס. געהאַט האָבן זיי אַ פּאָר לאָפּעטעס און אײנגאַנצן איין ביקס. און דער רעגן איז געפאַלן און אַ ווינט האָט געבלאָזן און מיט וואָס צו פאַרדעקן זיך איז ניט געווען. און דאָס ברויט האָט אויך געהאַלטן אין אויסגיין. און וואָס וועט די ערד געבן? — האָבן זיך די בילוער געפרעגט — וואָס דערוואַרט אין דער צוקונפט? אַלע האָבן זיי געוואָלט וויינען און אַלע האָבן זיי איינגעהאַלטן די טרערן און זיך געזאָגט: „דו טאָרסט ניט וויינען, דו ביסט אַ בילו"... נאָך אַ לאַנגער אינטערווענץ האָבן זיי געקראָגן אַ דערלויבעניש פון דער טערקישער רעגירונג צו בויען אַ פּאָר הייזער. די שטאַלן האָבן זיי געבויט איינס נעבן אַנדערן און עס איז געווען ווי אַ מין פעסטונג. די 2 בערגלעך פון דער נאָענט האָבן זיי גערופן „משה" און „יהודית" (אויף די נעמען פון משה מאָנטעפיאָרע און זיין פרוי) און זיי האָבן גענומען אַרבעטן די ערד און פלאַנצן גערטנער. זומער איז געווען אוממעגלעך צו אַרבעטן צוליעב דעם זאַמד און ווינטער — צוליב דער בלאָטע. און מען האָט געאַרבעט. דער וועג קיין יפו איז געווען זאַמדיק. און אָט אַזוי אָפּגעריסן פון דער וועלט, איינזאַם, האָט מען געגאָסן שוויים און בלוט אין דער ערד אַריין און עס האָט אויסגעוואַקסן אַ יידישער ישוב און אַ יידישע פעסטונג. גדרה געפינט זיך פאַקטיש ביים טויער פון נגב און כאָטש ווען די בילו זיינען אַהער געקומען, האָט מען נאָך פון נגב ניט געטראַכט, מעג מען אָבער דענקען, אַז דער אָריענטאַציע־חוש האָט אַהער געטריבן די בילוער, וועלכע האָבן פאַרגעפילט דעם ווערט פון אָט דעם זאַמד־מדבר, ווו עס גרינען זיך שוין יידישע פינטלען און ווו דאָס יידישע בלוט שרייט שוין און זינגט אַרויס.

אין דער נאָענט פון גדרה איז פאַראַן אַ קיבוץ שער־הנגב. דער טויער פון נגב. דאָ, אַפּנים, הייבט זיך אָן דער וועג צו דעם פאַרלאָזטן מדבר־פּאַס, וואָס איז דער חלום פון לאַנד, דער אוצר, וואָס מען וועט געפינען פאַר דעם פּרייז פון דער שווערסטער אַרבעט און ביטערסטן קאַמף. אין דער נאָענט כפר סולד. צום 57־יאָריקן יובילײ פון דער „הדסה"־בויערן האָט מען גענומען בויען אָט דאָס דאָרף אין יאָר 1937 און מען האָט געפונען געזאַלצן וואַסער. קלאַפּ דיר אריין אין קאָפּ, מענטש, אָט אָ די תורה: איז דאָ וואַסער, ווערט אַ ישוב, איז ניטאָ קיין וואַסער, אָדער עס איז דאָ געזאַלצן וואַסער, דאַרף מען זען ווי ווייט ס'איז דאָ וואַסער און גוטע. און נאָך אַ דאָרף — כפר קנאים. ערגעץ אָט אָ דאָ האָבן געקעמפט די קנאים

מיט די רוימער און אַט אָ דאָ האָבן געקעמפּט אייניקלעך פון די קנאים מיט עגיפּטער.

מיר מאַכן אַן אָפּנייג. צוריק מיט אַ טאָג, צווייַ האָבן אונדזערע כוחות פאַרנומען יבנה, דאָס איז דאָס היסטאָרישע יבנה (יאַוונע), וואָס האָט געהאַט איינע פון די גרעסטע ישיבות און וואָס איז היינט אַן אַראַביש דאָרף. מיר לאָזן איבער אַן אַנדער אַראַביש דאָרף מיטן נאָמען אַל בשית (אַל באַשיט), וואָס זאָל זיין די אַמאָליקע שטאָט „בשת" (בוישעם) אויף דעם נאָמען פון אַן אָפּגאָט און וואָס איז דערמאָנט אין „מיכה". דער דזשיפּ שאָקלט זיך אַוועק און מיר לויפן נאָך שטרענגע ווערטער פון דעם דאָזיקן בייזן נביא. ווען ער וואָלט חלילה געלעבט אין אונדזער צייט אין בוענאָס איירעס, וואָלט מען אים יעדן טאָג אַ גאַנצן טאָג פאַרשטיינט. ווי ער האָט עס געדונערט קעגן די דאָזיקע, וואָס טראַכטן אומרעכט און אַר־בעטן אוים בייזס אויף זייערע געלעגערס. אָבער דערנאָך האָט ער אויך געטרייסט און געגעבן האָפענונגען. ער איז געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט געזאָגט „כי מציון תצא תורה" — פון ציון וועט אַרויס תורה און גאָטס וואָרט פון ירושלים. ער האָט צוגעזאָגט דער טאָכטער פון ציון —

דיין האָרן וועל איך מאַכן אייזן
און דיינע קלאָען קופּער
און וועסט צעשטויסן פיל פעלקער.

און מיר קומען אָן קיין יבנה, וואָס איז שוין זעכצן הונדערט יאָר ניט יבנה. (די אַראַבער רופן עס „איבנע").

און עס קלאַפּט דאָס האַרץ. עפּעס האָב איך דאָך געטרונקען פון אָט דעם ברונעם! אָט ערשט אָ האָבן מיר געלערנט אין דער מסיכתא „גיטין" די געשיכטע ווי אַזוי ר' יוחנן בן זכאי איז געקומען צום רוימישן קאָמענדאַנט, וואָס האָט אַרונגערינגלט ירושלים און אים געזאָגט: „איך בעט ניט פון דיר מער ווי יבנה, איך וועל גיין אַהין און וועל דאָרט לער־נען מיט תלמידים און וועל איינשטעלן תפילות און וועל אָפּהיטן אַלע מצוות, וואָס זיינען געזאָגט אין דער תורה". דאָס איז פּאַקטיש געווען די צוגרייטונג אין גלות אַריין. די סנהדרין זיינען דערנאָך אַריבערגעפאָרן קיין יבנה און עס האָבן גענומען שטראָמען תלמידים פון אַלע עקן לאַנד און מען האָט דאָ געלייגט דעם יסוד פאַר דער „משנה". גאָט מיינער, דאָ זיינען דאָך געווען די בית הלל און בית שמאי און דאָ האָבן זיי געפירט זייערע היסטאָרישע דיסקוסיעס, וואָס זיינען נישט איינמאָל דערגאַנגען ביז שווערע און שיר־ניט בלוטיקע קאַמפן. דאָ האָט מען פּאַקטיש רע־

זיגנירט פון בלייבן א פאָלק מיט אן אייגענער מאכט און מען האָט נאָך דעם דורכפאַל פון בר כוכבאן איינגעפירט די גלות־ און רעזיגנאַציע־תפילה „הטוב והמטיב" ווען גאָט, וואָס איז אַ גוטער און ער טוט גוט און עס איז געווען אנטקעגן די „הרוגי ביתר", די דערהארגעטע אין בר כוכבאס פעסטונג ביתר. גוט איז גאָט געווען, וואָס די הרוגים זיינען ניט פאַר־שטונקען געוואָרן, כאָטש זיי זיינען לאנג געלעגן אין דרויסן און גוט געטון האָט ער, וואָס זיינען געבראכט געוואָרן צו קבר ישראל. דאָס איז געווען אין יאָר 120, ניט אין 1943...

מיר פאָרן אדורך דאָס אַראַבישע דאָרף כביבה (קאביבא), וואָס איז אויסגעלייַדיקט פון אראבער און ווו עס געפינט זיך אַ יידישע וואך. דאָס דאָזיקע דאָרף זאָל זיך געפינען דאָרט, וווּ עס האָט זיך געפונען דער יידישער ישוב פקיעין, ווו עס האָט געוואוינט רבי יהושוע בן הנינה. מיר פאָרן אַריין מיט דער דערלויבעניש פון קאָמענדאנט, איבער אַ בריק, וואָס געפינט זיך אויף דעם טייך „רובין" — אויף דעם נאָמען פון יעקבס עלטסטן זון ראובן. דאָס שטעטל ליגט אויף אַ בערגל. אַ געוויינלעך אראביש שטעטל. אַ ישוב ווי צוריק מיט אַ האַלבן יאָרטויזנט, אָדער נאָך פריער. פאַראַן דאָ ערגעץ דער קבר פון רבי גמליאל און קיינער ווייסט שוין ניט ווו ער איז. אין דער שול פון שטעטל איז פאַראַן אַ צימער, ווו עס איז דער קבר פון מחמדס חבר אבו הרירה. פאַראַן דאָ אַלטמאָדישע ברוני־מער מיט עמערס אויף שטריק. דער מעטשעט שטאַמט פון אַ קלויסטער, וואָס די צלם־טרעגער האָבן דאָ אויסגעבויט אין צוועלפטן יאָרהונדערט. אַ יידישער געלערנטער, וואָס האָט באזוכט יבנה אין סוף פון דערמאָנטן יאָרהונדערט, האָט דערציילט, אז ער האָט געזען אַ ברונעם, וואָס אַ גאַנצע וואָך האָט ער געהאַט וואַסער און שבת קיין טראָפּן ניט.

איך קען ניט פארגעסן אַ בילד, וואָס איך האָב געזען אין יבנה. איך בין מיט מיין באַגלייטער אריינגעגאַנגען אין אַ שטיבל אַ קוק צו טון ווי אזוי עס זעט אויס אַן אראבישע וווינונג און עס האָט מיר אַ ברי געטון אַ פּאָר אויגן. דער באַגלייטער האָט זיך געכאַפּט צום רעוואָלווער עס איז אָבער געווען איבעריק. אויף אַ הויפן שמאַטעס איז געלעגן אויף דער ערד אַן אַראַביש מיידל, אַ גרין, אויסגעטריקנט מיידל, פון וועלכער עס איז באַלד מער ניט געבליבן ווי ברענענדיקע אויגן און אַ שלעכטער ריח. דער באַגלייטער האָט גערעדט אַביסל אראביש און ער האָט זיך דער־ווּסט, אז מען האָט דאָס מיידל איבערגעלאָזט, ווייל זי איז קראַנק און

קען ניט גיין. זי האָט שוין אַ פּאָר טעג ניט געגעסן. אַביסל וואַסער האָט זיך נאָך אין אַ קרוג, וואָס זעט אויס ווי דער מוטער רחלס קרוג...

— וואָס וואָלטן אראַבער געטון, ווען זיי טרעפן אַ יידיש מיידל אין אַזאַ צושטאַנד?

— דערשאָסן...

—יידן דערשיסן ניט...

דאָס מיידל איז באַלד אַרומגערייניקט געוואָרן פון אַ קראַנקן־שוועסטער און אָוועקגעפירט געוואָרן אין אַ נאָענטן שפּיטאָל.

מיר פאָרן דורך גן יבנה, אַ קיבוץ פון „הפועל המזרחי״, וואָס וועט האָבן אַ גרויסע ישיבה, טאַקע מיט דעם נאָמען „כרם יבנה״. די היסטאָרישע ישיבה האָט אויך געהייסן „כרם יבנה״, ווייל די סנהדרין זיינען דאָרט געזעסן אין שורות, ווי די ביימער אין אַ ווייַנגאָרטן. די קרוין פון דער תורה וועט זיך דאָ אומקערן אויף דעם אַלטן פּלאַץ. אין דער נאָענט אַ גרעסערער ישוב, אַ מושב, וואָס איז אויסגעבויט מיטן געלט פון קרן היסוד אויף דעם באָדן פון קרן קימת. דאָס אומבאַוועגלעכע האָט געגעבן איין קרן, דאָס באַוועגלעכע דער צווייטער קרן און ביידע קרנות זיינען געוואָרן אומבאַוועגלעך און פעסט. די באַזע פון ישוב — סאָוויעטישע יידן, וואָס שטאַמען פון דער הכשרה ״תל חי״ אין קרים. מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט אין יאָר 1932. בצרון הייסט דער דאָזיקער מושב — אַ פעסטונג. יעדער ישוב איז דאָ אַ פעסטונג קעגן אַן אויסגעטראַכטן שונא, וואָס איז געוואָרן אַזוי בלוטיק רעאַל. פון אַ בערגל דאָ זעט מען אָן ווייטער אַהין דעם קבר פון יונה הנביא, וואָס איז פאַרהיילִיקט ביי די מאַכמעדאַנער. גיי וויס פאַרוואָס? אפשר, ווייל ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון גאָט...

און מיר פאָרן קיין באר טוביה, אַ קאָלאָניע, וואָס איז שוין אַלט אַריבער זעכציק יאָר און האָט אַ גאַנץ לאַנגע געשיכטע פון קאַמף און ליידן און חורבן און אויפבוי. מיר פאָרן דורך דאָס אַראַבישע דאָרף מהמיה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט באַנדיטיזם נאָך אין יאָר 1938. פון אָט דעם דאָרף אַרויס האָט מען חרוב געמאַכט די צענטראַלע עלעקטרישע סטאַנציע און אַכט יידישע יונגעלייט זיינען דאָ געפאַלן. באר טוביה געפינט זיך אַ צען קילאָמעטער אין דרום זייט פון גדרה. עס איז אַ קאָלאָניע מיט אַריבער טויזנט יידישע נפשות, פּויערים, בעלי מלאכות, אַרבעטער. די ערשטע יידן, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט אין יאָר 1887, ווען „דער באַראָן״ (ראָטשילד) האָט געקויפט דעם באָדן, זיינען געווען בעסאַראַבער. עס האָט געפעלט וואַסער און עס זיינען פאָרגעקומען קאָנפליקטן מיט דעם באַראָנס אָנגעשטעלטע.

די יידן האבן ניט געקענט שלום מאכן מיט די באאמטע און זיי זיינען אוועק און די ערד איז ארענדירט געווארן צו די אראבער פון ארום. אין א צייט ארום האבן די אדעסער חובבי ציון אפגעקויפט די ערד ביים באראן און געפרוווט איינארדנען א מוסטער קאלאניע. אין 1896 האבן זיך ווידער דא באזעצט יידן און זיי האבן זיך ביטער געראנגלט עפעס צו אויפטון. ווינטער איז דא געווען שווער צו ארויס- און אריינפארן און אראבער זיינען אי־בערגעפאלן. אין 1912 האט א גרופע ארבעטער געפרוווט שאפן א קבוצה און געפלאנצט אן עקואליפט־וועלדל, אבער זיי איז אויך ניט געלונגען עפעס אויפצוטון. אין 1929, בשעת די טרויעריקע געשעענישן אין גאנצן לאנד, זיינען אראבער איבערגעפאלן באר טוביה און האבן חרוב געמאכט די יידי־שע הייזער, עטלעכע יידן זיינען אויך געפאלן און ס׳איז געקומען א סוף צו דער קאלאניע. דער שריפטשטעלער משה סטאווסקי, וואס האט געוווינט אין באר טוביה, האט אנגעשריבן א הספד אויף דער קאלאניע און ער האט געזאגט: „מיר וועלן דיך נאך בויען און דו וועסט נאך אויפגעבויט ווערן מיין פארשטויסענע און פארשעמטע שוועסטער, באר טוביה". דער קרן קימת האט אפגעקויפט דעם באדן און מיט נייע מיטלען געהאלפן אויפבויען דעם ישוב און זייט 1930 וואקסט די קאלאניע און בליט און גייט בארג ארויף. פאראן דא א וואסער־טורעם און גוטע וואסער און א קינדער־שול און א שול צום דאווענען און א פאלקס־הויז און גרינס און פרוכטן־גערטנער און זי האט קאנטאקט מיט די נאענטע יידישע ישובים, ווי די שוין דער־מאנטע בצרון און גן יבנה און איבערהויפט כפר ווארבורג, וואס איז א מושב און אין וועלכן עס זיינען פאראן אויך דייטשע יידן. מען זעט פון באר טוביה אן דעם שפיץ פון מעטשעט פון אשדוד, וואס געפינט זיך א פינף קילאמעטער פון דאנען. אשדוד איז אין יהושועס צייטן געבליבן ניט אין יידישע הענט. יהושוע, ווערט דערציילט, האט פארשניטן אלע ריזן (ענקים), אויסער די דאזיקע פון עזה און אשדוד. קיין אשדוד האט מען גע־בראכט דעם ארון, וואס די פלשתים האבן פארכאפט און געשטעלט ביים גאט דגון, האט מען אויף מארגן געטראפן דעם געץ צופוסנס פון קאסטן. די „הגנה" האט יא איינגענומען אשדוד. קיין אויסגעשפראכענע יידישע שטאט איז אשדוד קיינמאל ניט געווארן און מען האט דארט אפילו גערעדט אן אייגענע שפראך. נחמיה האט זיך געקלאגט, אז די יידן האבן דא חתונה געהאט פאר אשדודישע ווייבער און זיי האבן גערעדט האלב „אשדודית" — עפעס א מין דעמאלסדיק קוידערוועלש.

מיר קערן זיך אביסל אום, מיר זיינען ווידער אין אראבישן דארף

מסמיה און מיר פאָרן ווייטער קיין דרום, קיין כפר מנחם, אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר" אויף דעם נאָמען פון מ. מ. אוסישקין. אַ העלדישער קיבוץ איז דאָס. עס איז דאָ געווען אַ פּרווו צו מאַכן אויף דעם באָדן פון קרן קימת אַ מושב, אָבער עס האָט זיך ניט איינגעגעבן. פאַר די באַלעבאַטישע מושב־ניקעס איז דאָס געווען אַ צו שווערער ביסן. עס זיינען אונטערגעקומען די געשעענישן פון 1936 און עס איז ניט געווען מעגלעך אויסצוהאַלטן. דע־מאָלט איז געקומען אַ שטאַרקע גרופּע השומר הצעירניקעס און זי האָט זיך דורכגעזעצט. אין דער צייט פון די רעגנס האָבן די יאַטן געמוזט באַ־קומען שפּייז מיט אַן עראָפּלאַן. דאָס ערשטע האָבן זיי אויסגעבויט אַ פאַרטיידיקונג־טורעם. אין 1940 האָט מען דאָ אָפיציעל געגרינדעט אַ קיבוץ פון השומר הצעיר. יעדער ישוב האָט זיינע אַ „מגלת העליה", אין דער „מגלה" פון כפר מנחם זאָגט זיך: „ביים שיין פון די פלאַמען, וואָס הייבן זיך אויף און ווערן פאַרלאָשן פון די חורבות פון פּוילישן יידנטום, אין דער צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז אויסגעשמירט אין בלוט און אַ טיראַנישע האַנט האָט דערשטיקט יעדע האָפנונג אויף פרייהייט, אין דער צייט, ווען די טויערן פון דעם לאַנד זיינען פאַרריגלט פאַר די געיאָגטע ברי־דער, וואָס ווערן פאַרברענט פון בענקשאַפט נאָך דעם געבורטלאַנד, זיינען מיר צו דיר געקומען, כפר מנחם, און דיין פּנים איז גרוי ווי דיין ערד, מיר זיינען געקומען צו דיר דורך אַ לאַנגן וועג, דער וועג פון יידישן חלוץ און דיר אויסגעשטרעקטע אונדזערע האָרעפּאַשנע הענט און מיר האָבן די אמונה, אַז דיין גרוי פּנים וועט באַדעקט ווערן מיט דער שיין פון דער זון פון אַרבעטנדיקן און שאַפנדיקן מענטשן — עס וועט נאָך וואַקסן אויף דיינע פעלדער גלויבן אין ברידערשאַפט פון פעלקער און אין די איצטיקע פינצ־טערע טעג זאָל דאָס דינען פאַר אַ זונען שטראַל און קוואַל פון טרייסט פאַר די פאַרטריבענע קינדער, וואָס קערן זיך אום צו זייער גרעניץ".

בעווין איז קיינמאָל ניט געווען אין כפר מנחם און ער האָט קיינמאָל ניט געזען ווי אַזוי די פאַרטריבענע זין, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע גרעניצן אַרבעטן און קעמפן.

פון דאַנען זיינען מיר אויף דעם וועג קיין נגבה — אונדזער סטאַ־לינגראַד. הייסט מען דערוויל צוריקפאָרן. דערווייל — ניט קיין נגב און ניט קיין נגבה אפילו. גאָט האָט דאָך געזאָגט „שא עיניך... נגבה"? וועט נאָך מקוים ווערן...

מיר פאָרן צוריק און מיר כאַפּן נאָך אַ בליק אויף נען, אַ צען קי־לאָמעטער לינקס פון רחובות. דאָס איז אַ קיבוץ פון „הנוער העובד". יונגע

אַרבעטער פון לאַנד, געבוירענע דאָ, אָדער נאָר דערצויגענע, האָבן מיט דער הילף פון קרן היסוד געבויט אַ קיבוץ אויף דעם באָדן פון קרן קימת. עס לעבן שוין אַ טויזנט נפשות אין נען. די יוגנטלעכע זיינען שוין טאַטעס. דער קיבוץ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1930. זיי האָבן אַן אייגענע ווירטשאַפט און האָבן וואַרשטאַטן פאַר פאַרשידענע טעכנישע אַרבעטן און זיי אַרבעטן אין פרעמדע פּרדסים און האָבן אויטאָס און איבערהויפּט זיינען זיי סאָלדאַטן. דאָ האָט זיך אין אַ היפּשער מאָס אויסגעפורעמט די יידישע אַוויאַציע און אַהער האָבן ענגלענדער כסדר געשמעקט, ווייל זיי האָבן דאָ ניט געפילט צופיל זיכערקייט. „נען" הייסט אייגנטלעך: מיר וועלן ענטפערן. און נען האָט געענטפערט אויף אַלע רופן.

פון יענער זייט נען — אַ בלאָק ציטרוס־גערטנער רמות מאיר אויף דעם נאָמען פון נאָרד אַמעריקאַנער ציוניסט ד"ר. מאיר ראַזאָף און אַהין ווייטער אַביסל — די עלצטע קאָלאָניע אין לאַנד — עקרון, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן דורך דעם באַראָן אין 1883. דאָס איז טאַקע דאָס היסטאָרישע עקרון, וווהין די פּלשתים האָבן געבראַכט דעם ארון מיט די לוחות און די איינוווינער האָבן זיך דערשראָקן. ביי דעם צופוסנס פון די יהודה־בערג און האָט אַן אכט הונדערט נפשות. מען לעבט דאָ פון פּלאַנ־טאַציע און ערד־אַרבעט. אויסער דער אַלטער היסטאָריע האָט עקרון אויך אַ נייע. יהודה גראַזאָווסקי, דער מחבר פון די בעסטע העברעאישע ווער־טער־ביכער, איז דאָ געווען עטלעכע יאָר לערער און ער האָט אפשר טאַקע דאָ אויסגעפּרוווט דעם מעטאָד פון „עברית בעברית".

דאָ זיינען אין די אַלטע צייטן פאָרגעקומען מלחמות און מלחמות און די פּאָזיציעס זיינען געווען אָט אין יידישע הענט און אָט אין די הענט פון פּלשתים. „און עס האָבן זיך אומגעקערט די שטעט, וואָס די פּלשתים האָבן גענומען פון ישראל צו ישראל פון עקרון", זאָגט זיך אין „יהושוע". און אין דער היינטיקער צייט איז אויך ניט געווען אַנדערש...

און נעבן עקרון, אַ דריי קילאָמעטער די ווייט — חולדה. דער העל־דישער קיבוץ חולדה. דער קרן קימת האָט דאָ געקויפט ערד אין יאָר 1907 און אין יאָר 1908 איז געקומען אַ גאַרדאַניע גרופּע און גענומען פלאַנצן אַ וואַלד אויף הערצלס נאָמען און זי האָט אויך איינגעאָרדנט אַ ווירט־שאַפט. אין 1929 איז חולדה איבערגעפאַלן געוואָרן און צעשטערט געוואָרן. טויזנטער אַראַבער זיינען איבערגעפאַלן און אין חולדה זיינען געווען 24 מענער. אפרים טשיזיק איז געפאַלן. און 23 האָבן געפירט אַ שלאַכט ביז נאָך האַלבער נאַכט מיט טויזנטער אַראַבער. און אין 1931

האָט מען דעם קיבוץ באַנייט און אין 1937 האָט מען זיך איבערגעפירט ווייטער אַביסל. אין אַלט־חולדה איז געבליבן דער קבר פון אפרים טשיזיק. א מצבה אויף שטיין פון ירושלים, געמאַכט פון דער סקולפּטאָרן בתיה לישינסקי.

ערגעץ ניט ווייט פון דאַנען האָט שמשון חתונה געהאַט מיט דלילהן. אין אונדזערע טעג זיינען דאָ פאָרגעקומען ניט־ווייניקער פאַר־צווייפלטע קאמפן ווי דעמאָלט. ניט פון שמשונס מיט דלילהס, נאָר פון שמשונס מיט פלשתים.

אויסגעפאָרן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דעם שיינעם און נאָך היפּש וויסטן דרום און דער דזשיפּ יאָגט אויף צוריק. דאָ אַרומער גייט דורך אַן אייזנבאַן, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון יהודה ביז באר שבע. אינגאַנצן 83 קילאָמעטער איז באר שבע פון דאַנען, אָבער די באַן גייט ניט און באר שבע איז דעמאָלט געווען ביי די פלשתים אין הענט. פאָרן מיר 37 קילאָמעטער צוריק קיין תל אביב. קיין ירושלים איז פופציק קילאָמעטער, אָבער לאַטרון איז אינמיטן.

פאָר איך צוריק קיין צפון און איך הער נאָך אַלץ דאָס קול, וואָס האָט גערעדט צו אברהם אבינו און האָט אים געזאָגט: הייב אויף דיינע אויגן און זע... קיין צפון זייט און דרום זייט... האָב איך געפאָלגט און געזען אַביסל דרום זייט.

XIII

קיבוץ, קבוצה און וואָס זיי זיינען

אַז אַ קיבוץ מיינט אַ קאָלעקטיוו פון מענטשן, ווייסט אויך איינער, וואָס קען ניט קיין העברעאיש און ער קען נאָר יידיש. מיר שיינט, אַז אויך אין אַנדערע שפּראַכן האָבן יידן שוין אריינגענומען דאָס וואָרט קיבוץ, פּונקט ווי מיר האָבן אַריינגענומען דאָס וואָרט ישוב. מיר קענען דאָס וואָרט קיבוץ אויך פון דעם טערמין קיבוץ גליות; אין דער גאַנצער וועלט, אויסער אין ארץ ישראל, זיינען ישוב און קיבוץ געוואָרן כמעט סינאָנימען, כאָטש אין אורשפּרונג איז ישוב דער היפּוך פון מדבר און מיינט באַזעצונג, בעת קיבוץ האָט שוין דירעקט אַ שייכות צו דעם מענטשן־צוזאמענשטעל און מיינט אַ קאָלעקטיוו. ישוב מיינט אַ באזעצונג פון מענטשן און קיבוץ — אַ צונויפזאמלונג פון מענטשן. אין ארץ ישראל נוצט מען דאָס וואָרט ישוב כמעט אינגאנצן ניט, מ׳זאָגט — התישבות. א זידלונג הייסט התישבות, בעת קיבוץ איז אַזאַ ישוב (אָדער התישבות), וואָס האָט אַ באַשטימטן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן סדר. אייגנטלעך קען קיבוץ אויף העברעאיש מיינען אויך אַ פאלד. מען דערציילט אַן עפּיזאָד־אַנעקדאָט אין ארץ ישראל, אַז אַן ענגלישער אָפיציר איז געווען אַן עדות אין אַ פּראָצעס און ער האָט קאטעגאָריש דערקלערט, אַז ער קען העברעאיש, מען האָט אָבער געהאט א אינטערעס אים צו פּסלען אלס עדות, האָט מען אין געריכט אנידערגעשטעלט צוויי צברות ריידן צווישן זיך און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ענגלענדער האָט זיי ניט גענוג פאַרשטאַנען. איין מיידל האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיך געמאַכט אַ שמלה קיבוצית. דער אָפּיצער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס הייסט אַ קלייד פארן קיבוץ, עס מיינט אָבער אַ געפאלדעוועט קלייד. דאָך ווערט דאָס וואָרט קיבוץ גענוצט אין דורכשניט נאָר פאַר — אַ קיבוץ.

איז וואָס־זשע איז אַ קיבוץ?

הייבט מען אייך אָן צו דערקלערן און איר הייבט שוין אָן צו פאַרשטיין, אָבער פּלוצים רעדט מען אייך וועגן קבוצה. פילאָלאָגיש מיינט

קבוצה אייגנטלעך דאָס זעלביקע, וואָס קיבוץ, כאָטש קבוצה קען זיין א צוניפזאמלונג פון אלצדינג, פון וואסער אויך, בעת קיבוץ ווערט על־פי רוב גענוצט נאָר פאר צונויפזאמלונג פון מענטשן, און אז איר הערט, אז מען מישט קיבוץ מיט קבוצה, פרעגט איר שוין:

— איר רעדט וועגן קבוצות, צי וועגן קיבוצים?

ענטפערט מען אייך קאטעגאָריש:

— עס איז אלץ איינס!

— טאקע אינגאנצן אלץ איינס? צו וואָס־זשע דארף מען צוויי נעמען?

— בכדי עס זאָל זיין — ענטפערט יעדער מיט אָט דעם וויץ — אי לשון זכר, אי לשון נקבה. מען מוז דאָך יוצא זיין פארביידע מינים.

— און מער איז קיין חילוק שוין אינגאנצן ניטאָ? — ווילט איר זיין אינגאנצן זיכער.

— שייך זאָגן... עפעס אַ חילוק איז דאָך פאַראַן... אַ קבוצה איז אַ קלענערער קאָלעקטיוו און א קיבוץ איז א גרעסערער.

פאראן א נאָרמע ווי גרויס עס זאָל זיין אַ קיבוץ און ווי גרויס א קבוצה?

— ניין, אזא נאָרמע איז ניט פאראן. אָבער אַ קיבוץ איז דאָך גרע־סער. פאראן קיבוצים, וואָס האָבן פופצן הונדערט און אפילו צוויי טויזנט נפשות. יגור האָט היינט צוויי טויזנט נפשות. אַ קבוצה גרייכט ניט מער ווי ביז א פאָר הונדערט נפשות.

— און דער קלענסטער קיבוץ איז גרעסער פון דער גרעסטער קבוצה?

— ניין. עס זיינען דאָך פאראן קבוצות, וואָס זיינען גרעסער ווי קיבוצים.

— פאר וואָס־זשע איז דאָס?

— אפשר ווייל די קיבוצים זיינען נאָך יונג און זיי דאַרפן נאָך וואקסן און די קבוצות האָבן שוין דערגרייכט דעם מאַקסימום. און אפשר האָבן געוויסע סיבות געשטערט דעם וווקס פון קיבוצים און געהאָלפן דעם וווקס פון דער קבוצה.

— און מער איז שוין טאקע גאָר קיין חילוק ניט פאראן?

— פאראן דאכט זיך נאָך אַ חילוק... קבוצות האָבן נאָר אגריקולטור און קיבוצים האָבן אויך אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

— זיכער?

מישט זיך אריין אַ דריטער און ער זאָגט, אז דאָס איז ניט אזוי. דאָ האָט דער אינפאָרמאנט אביסל פארפלאָנטערט. עס איז אָנגעגאנגען

אַ ויכוח און אַ זייער גרויסער וועגן דעם, צי זאָל מען איינפירן אינדוסטריע אין די קיבוצים, אָדער ניט און דער ויכוח איז ביז היינט ניט געענדיקט. פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פון נאָר אַגריקולטור האָט דער „קיבוץ הארצי”, וואָס האָט דווקא ניט קיין קבוצות נאָר קיבוצים.

קריגסטו שוין דערביי די ריכטיקע אינפאָרמאַציע, אַז אין ארץ ישראל זיינען פאַראַן דריי פּאָליטישע ריכטונגען אין די קיבוצים און יעדע ריכטונג האָט איר צענטראַלע. איין צענטראַלע הייסט „חבר הקבוצות” (דער פאַר־באַנד פון די קבוצות) און געהער אינגאַנצן צו מפא”י, (ראשי־תבות פון „מפלגת פועלי ארץ ישראל”), וואָס איז פריער געווען די איינציקע יידישע אַרבעטער־פאַרטיי אין לאַנד און היינט איז זי די פאַרטיי פון די רעכטע סאָציאַליסטן. א צווייטע צענטראַלע הייסט „הקיבוץ הארצי” (דער לאַנד־אָדער דער אַגראַר־קיבוץ) און ער פאַרטרעט די ריכטונג פון „השומר הצעיר”, וואָס איז דער צד פון — די לינקע סאָציאַליסטן.

— שווער צו זאָגן, אַז עס איז טאַקע אַזוי. „השומר הצעיר” איז א גאַנץ אייגנאַרטיקע ריכטונג מיט א גאַנץ אייגענעם סאָציאַליזם. „השומר הצעיר” איז היינט מער ווי תמיד אָריענטירט אויף ראַטנפאַרבאַנד און פונדעסטוועגן זיינען פּוילישע השומר הצעירניקעס ארעסטירט און פאַר־שיקט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד אפילו אין די יאָרן 1939-40, ווען זיי האָבן זיך אַהין געראַטעוועט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. השומר הצעיר איז אַ לינקער סאָציאַליסטישער צד, אָבער ניט ד ע ר לינקער צד. די לינקע סאָציאַליסטן אין ארץ ישראל זיינען די פריער גערופענע „סיעה בית” (צווייטע פראַקציע), וואָס זיינען געווען אַ לאַנגע צייט די אָפּאָזיציע, ביז וואַנען זיי האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן אום ווינטער 1943 און געשאַפן אַ באַזונדערע פּאַרטיי א. נ. „אחדות העבודה”. אין ענגלאַנד זיינען די לינקע לאַבאָריסטן געבליבן אין דער רעכטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָבער די יידישע לינקע לאַבאָריסטן האָבן די מפא”י, די לאַבאָריסטישע פּאַרטיי, פאַרלאָזט און געגרינדעט אַן אייגענע.

— און די „סיעה בית” האָט אויך אַ צענטראַלע פון קיבוצים?

— ניין, זי האָט קיבוצים בשותפות מיט מפא”י און די צענטראַלע הייסט „הקיבוץ המאוחד”. היינט צו־טאָג איז די „סיעה בית” אַריין אין אַ בלאָק מיט השומר הצעיר און לינקע פועלי ציון און געשאַפן די פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי „מפּם” (מפלגת פועלים מאוחדת) און אין הקיבוץ המאוחד זיינען פאַראַן מפא”יניקעס און מפּמניקעס. אָפיציעל וואָלט דאָס געמיינט, אַז עס זיינען פאַראַן אין הקיבוץ המאוחד אויך השומר

הצעירניקעס און לינקע פועלי ציון, אָבער עס איז ניט אַזוי. לינקע פועלי ציון זיינען דאָך דאָ אַביסל, טאַקע זייער, זייער ווייניק, השומר הצעירניקעס זיינען אינגאַנצן ניטאָ, ווייל זיי האָבן דאָך די אייגענע קיבוצים פון הקיבוץ הארצי. די השומר הצעירניקעס זיינען טאַקע אָפיציעל היינט אין דער פאַראייניקטער פאַרטיי און זיי זיינען מסתמא אויך דיסציפּלינירטע מיט־גלידער, אָבער אינטים זיך צוזאַמענלעבן אין קיבוץ מיט מפּא״יניקעס, רעכטע אָדער לינקע, וואָלטן זיי מסתמא ניט געקענט, ווייל זיי זיינען עפּעס אַן אנדער מין שבט, זיי זיינען מאַרקסיסטן און פּרווידיאַניסטן און זיי פאַרמאָגן אַלס אַרבעטער א מין אינטעלעקטואַליסטישן אַריסטאָקראַטיזם. פאַראייניקונגען פון פּאַרטייען ווערן שווער צונויפגעגאָסן. די מפּא״י איז אייגנטלעך אויך אַ פאַראייניקונג פון פועלי ציון און צעירי ציון און מען געדענקט נאָך גאַנץ גוט ווער עס האָט געהערט צו איין צד און ווער צו אַ צווייטן.

אַט אַזוי אַ אינפאָרמירט מיך אַ — יאָ — אַ גאַנץ אָנגעזעענער מנהיג פון „סיעה בית", היינט אַ וואָרטזאָגער אין מפּ״ם. און פאַר די אויגן וואַקסן מיר אויס די צוויי מפּ״ם מיניסטאָרן אהרן ציזלינג און מרדכי בן־טוב, דער ערשטער אַ סיעה ביתניק, דער צווייטער אַ השומר הצעירניק; דער ערשטער אַ צעעפּנטער, אַ צעבראָסטעטער, מיט דער נשמה אין דרויסן; דער צווייטער אַ פאַרשלאָסענער, אַ געצוימטער. די אינפאָרמאַציע איז שוין קלאָר: דריי ריכטונגען האָבן די קיבוצים: „חבר הקבוצות" פון מפּא״י, „הקיבוץ הארצי" פון השומר הצעיר און „הקיבוץ המאוחד" פון מפּא״י און „סיעה בית". אויסער דעם זיינען פאַראַן אויך רעליגיעזע קיבוצים, וואָס געהערן צו פועלי מזרחי און אפילו צו אגודת ישראל. הקיבוץ הדתי פון הפועל המזרחי איז שוין אַ היפּשע צענטראַלע מיט ביי די צוואַנציק קיבוצים. פאַראַן שוין אויך אַ פּאָר קיבוצים פון „הנוער הציוני". פון די אַלגעמיינע ציונים. דאָס מערקווירדיקע אין די לעצטע קיבוצים איז אָט וואָס: דער קיבוץ איז אַ הונדערט פּראָצענטיקע קאָמונע, וואָס די פירער פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם האָבן געפּרוווט איינפירן און זיי איז ניט געלונגען און פונדעסטוועגן פּרוון שאַפן קיבוצים ניט נאָר דער „הפועל המזרחי", וואָס איז דאָך אַ סאָציאַליסטישע ריכטונג (אַ רע־ליגיעזע, אָבער אַ סאָציאַליסטישע) נאָר אויך די אגודת ישראל און די אַלגעמיינע ציוניסטן. דאָס איז די ווירקונג פון ארץ ישראל. און וואַרשיינ־לעך איז דאָס אויך די ווירקונג פון פּאַרטיי־קאָנקורענץ. דער קיבוץ ווערט

אַזאַ כוח און אַזאַ פאַקטאָר אין דער פּאָליטיק פון לאַנד, אַז מ'קען אים ניט אויסמיידן.

דער חשבון איז אויף דער האַנט. מפ"ם האָט אין קיבוץ די מערהייט. דער גאַנצער „הקיבוץ הארצי" און מער ווי אַ העלפט פון „הקיבוץ המאוחד" איז מפּמ'יש און דער גאַנצער „חבר הקבוצות" און די גרויסע מינדערהייט פון „הקיבוץ המאוחד" איז מפּאיש, אָבער דער „הקיבוץ המאוחד" האָט אַ גרעסערע צאָל נפשות, ווי די אַנדערע צוויי ריכטונגען. און ווען אפילו די קיבוצים פון די צוויי רעליגיעזע ריכטונגען און פון די אַלגעמיינע ציונים זאָלן זיין פאַר מפּאי, וואָס דאָס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, האָט מפ"ם נאָך אַלץ די מערהייט. מפּאי האָט אינגאַנצן אויף איר זייט דעם „אירגון מושב העובדים", וואָס איז אינדיווידועל מיט געזעלשאַפטלעכע באַוואָרע־נישן און ער האָט אָנהענגער אין די קאָלאָניעס (מושבות); און דאָך האָט מפ"ם אַ גרעסרע צאָל שטימען אין דאָרפישן ישוב, ווי מפּאי. און בן גוריון, וואָס איז דער רעגירער פון לאַנד און דאָך פּאַרטיי־פירער און וואָס ער איז אַ פּערזענלעכקייט, אי וואַרשיינלעך אויך אַ „פּאָליטישאַן", איז טאַקע שטענדיק — זאָגן זיינע פּאַרטיי קעגנער — גרייט צו אָנרייצן אויף דעם דאָרף און אָנווייזן, אַז דאָס דאָרף טראָגט ווייניקער אחריות ווי די שטאָט. און בן גוריון זאָגט דאָס טאַקע, אָבער ער באַהויפּטעט, אַז דאָס טוט ער ניט צוליב פּאָליטיק, נאָר צוליב דעם, ווייל עס איז דער אמת. איז ניט די אויפגאַבע מיינע דאָ צו אורטיילן, צי טראָגט דער קיבוץ אַלציינס אחריות פאַר דעם גורל פון לאַנד, ווי די שטאָט אָדער נישט, און איך קען דאָס דאָזיקע אויך ניט טאָן, ווייל איך בין געווען אין לאַנד כמעט נאָר אין קריגס צייט און דעמאָלט האָט דער קיבוץ געטראָגן דעם גורל גלייך מיט אַלע און אפשר נאָך מער. עס האָט אין קיבוץ כמעט ניט עקזיסטירט קיין שבת און די גאַנצע צייט פון קריג און אויך אפילו ווען די כלי־זין האָבן שוין געשוויגן, ווען מען האָט מורא געהאַט, אַז אָט וועלן זיי ווידער־אָנהייבן ריידן; און זייער אַ סך קיבוצים זיינען דאָך געווען די הויפּט־פראָנט־פּאָזיציעס.

סיי ווי זיינען די קיבוצים אַן אָרגאַנישער טייל פון גאַנצן לאַנד און זיי מוזן פאַרבונדן מיט דער „תנובה" פון דער הסתדרות, וואָס עקס־פּאָרטירט די פּראָדוקטן פון די קיבוצים און דעם „המשביר", וואָס ברענגט פּראָדוקטן. עקאָנאָמיש איז יעדער קיבוץ אָפּהענגיק פון גאַנצן ווירטשאַפטלעכן סיסטעם פון וועלכן ער איז אַ טייל.

— איז וואָס־זשע פאַרט איז קיבוץ, אָדער אַ קבוצה?

— האב איך דאך אייך שוין טיילווייז געענטפערט: עס איז א הונ־דערט פראצענטיקע קאמונע, אין וועלכער אוטאפישער סאציאליזם איז א ווירקלעכקייט. א גרופע מענטשן באזעצט זיך אויף א געוויסן שטח ערד, וואס געהער צו דעם קרן קימת. די ערשטע מכשירים ווערן געגעבן פון קרן היסוד און פון דער צענטראלע, צו וועלכער די גרופע געהער און מען שטעלט זיך בויען און ארבעטן.

און אפשר דארף מען די דערקלערונג אנהויבן אביסל אנדערש. די ערשטע קיבוצים האבן זיך געגרינדעט, ניט האבנדיק קיין באדן. א גרופע האט זיך צונויפגענומען און זיך באזעצט אויף א געוויסן פלאץ און באַ־שלאסן צו ארבעטן אויף קאמונאלע יסודות. די מיטגלידער פון דער גרופע האבן געקענט ארבעטן אין פארשי־דענע פרדסים, וויינגערטנער און פעלדער, אבער דאס פארדינסט איז אריינגעפאלן אין איין קאסע און אננעמען די ארבעט האט ניט געקענט יעדער באזונדער, נאר דער קיבוץ אלס גאנצער. די אויפגאבע פון די סאמע ערשטע קיבוצים איז געווען ניט צו באזעצן די ארבעטער אויף א פלאץ, נאר דווקא זיי ארומפירן איבער פארשידענע ערטער און איינעמען די ארבעט פאר יידישע ארבעטער. און ווען איינער פון די סאמע ערשטע קיבוצים האט געדונגען ערד אויף צוויי יאר אויף אליין צו באארבעטן זי, האט זיך אויפגעהויבן א טומל און א סך האבן געהאלטן, אז מען טאר דאס ניט טון, ווייל די מיטגלידער וועלן ארבעטן אן חשק — זיי וועלן וויסן, אז זיי באמיסטיקן די ערד און מאכן זי פרוכטבאר ניט פאר זיך, נאר פאר עמיצן אנדערש.

די דאזיקע ארגאניזאציע, וואס האט אויסגעטראטן דעם וועג צום קיבוץ האט געהייסן „גדוד העבודה" — ארבעט־לעגיאן. דער נאמען אליין זאגט אן מיליטערישע דיסציפלין. און דער גדוד האט טאקע איינגעפירט אזא דיסציפלין. זיין אויפגאבע איז געווען צו פאריינִיקן שמירה מיט ארבעט און צו האלטן אין איין האנט א ביקס און אין דער צווייטער א רידל. דער „השומר" האט געזען אין „גדוד העבודה" א קאנקורענץ און עס זיינען פארגעקומען קאמפן צווישן אט די צוויי ארגאניזאציעס. עס האבן ניט געפעלט קיין קעגנער פון „גדוד העבודה" אויך צוליב אידעאלאגישע מאָ־טיוון. עס זיינען געווען אזעלכע, וואס האבן ניט געוואלט קיין מיליטערישע דיסציפלין אין דער ארבעט און וואס האבן בכלל ניט געוואלט קיין צופיל דיסציפלין. ס'איז געקומען צו געשלעגן צווישן „גדוד"־מיטגלידער און סתם ארבעטער. און ווען עס האבן שוין עקזיסטירט קיבוצים איז נאך אלץ פאר־

געקומען אַ קאַמף איבער דעם „גדוד". זייער אָפּט ווערן געבויט צוויי קיבוצים איינער נעבן אַנדערן. די לעצטע צוויי קיבוצים אין „עמק יזרעאל" — „עין הרוד" און „תל יוסף" — געפינען זיך איינער נעבן אַנדערן און ביי די מיטגלידער פון די צוויי שכנותדיקע קיבוצים איז געבליבן אַ קעגנזייטיקער פאַרדרוס צוליב יענעם קאַמף.

איינער פון די ערשטע, וואָס האָט געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער קיבוץ־פאָרם, ס'הייסט פאַר קאָמונע־לעבן, איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי נחמן סירקין, וואָס האָט טאַקע באַוויזן אַ גרופּע יידישע אַרבעטער אין נאָרד־אַמעריקע צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ קאָמונאַלער ברודערשאַפט, וואָס ער האָט גערופן „אחוה". אָט אַ דער קיבוץ האָט אָנגעהויבן מיט אָנעמען אַרבעט אין פאַרשידענע קאָלאָניעס און ער איז דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם סטאַבילן קיבוץ, וואָס הייסט „יגור" און ער איז היינט צו טאָג דער גרעסטער אין לאַנד.

דער איבערגאַנג פון אַרבעטן ביי יענעם ביז אויסבויען אייגענע קיבוצים איז ניט געשען אין איין מאָל. עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, זייער אַ סך פון דעם, וואָס עס איז אויפגעבויט געוואָרן, איז צעשטערט געוואָרן און מ'האָט דערנאָך געדאַרפט ווידער אָנהייבן פון ס'ניי און שטאַרק אַנטוויקלט האָט זיך דער קיבוץ־סיסטעם נאָך 1918, ווען אין פוילן, ליטע און רומעניע האָט גענומען אַלץ מער און מער אויסוואַקסן די חלוצים־באַוועגונג, וואָס האָט איינגעפירט „הכשרה". די באַדייטונג פון וואָרט „הכשרה" (מען זאָגט דאָס מיט דריי „אַ" און מיט דעם אַקצענט אויף דעם לעצטן טראַף) מיינט: צוגרייטונג, און די „הכשרה" האָט טאַקע צוגעגרייט און גרייט צו עד היום מיטגלידער פאַר דעם קיבוץ. אין דער „הכשרה" לערנט מען אויס אַלע אַרבעטן, וואָס אַ קיבוצניק דאַרף קענען און ווי גוט מען זאָל זיין גרייט, מוז מען אין ארץ ישראל ערשט ווידער דורכמאַכן אַ „הכשרה" אויף דעם פּלאַץ אין משך פון אַ געוויסער צייט. און יעדער קיבוץ האָט אין ארץ ישראל אַ „גרעין" (קערן), וואָס פערפעקציאָנירט זיך און ווערט מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם קיבוץ אויף אייגענער ערד, ס'הייסט: אויף ערד פון קרן קימת.

מיר איז אויסגעקומען צו זען ווי אַזוי „גרעינים" האָבן זיך באַזעצט אויף נייער ערד און איך האָב דערפון געקענט אָפּלערנען ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער סאַמע בראשית פון די קיבוצים. די ערד איז וויסט, שטייניק און זאַמדיק. זי איז אָבער אויסגעפּאָרשט (מיר האָבן דאָך שוין דערציילט וועגן דעם ווי אַזוי די אַגראַרע סטאַנציע, דער זיוו און וויצ־

מאַן אינסטיטוט פאַרשן אויס די ערד, איידער מען באַזעצט זיך אויף איר) און מען ווייסט, וואָס מ'קען דאָ אַרויסקריגן פאַר דעם פּרייז פון שווערער אַרבעט. און נאָכדעם, וואָס מען מעסט אויס דעם גאַנצן שטח און מען אַרבעט אויס אַ גענויעם פּלאַן וואָס צו בויען, שטעלט מען זיך פון איין זייט בויען שטיבער, שטאַלן, שטייגן א. אַ. וו. און פון דער אַנדערער זייט נעמט מען אַרבעטן די ערד: אַקערן, אָדער פלאַנצן, אָדערביידע. מען דאַרף האָב אַ סך גלויבן אין דעם מוז פון דער אַרבעט פאַר דער יידישער זאַך און מען מוז האָבן אַ סך זיכערקייט אין די איי־גענע כוחות, בכדי צו אונטערנעמען אַזאַ שווערע אַרבעט, וואָס איז אייגנטלעך אַ לאַנגדויערנדיקע אַרבעט, און וואָס פאַרלאַנגט צו זיין אַ העלד יאָרן־לאַנג.

אוודאי איז היינט דאָך גרינגער צו איינגעמען אַ ניי שטיקל באָדן צוליב אַ סך טעמים. ערשטנס איז שוין פאַראַן אַזוי פיל עקספּעריענץ. צווייטנס איז פאַראַן ווער עס זאָל געבן הילף. די ערד, ווי געזאָגט, גיט דער קרן קימת און די ערשטע מכשירים גיט דער קרן היסוד. די צענ־טראַלע צו וועלכן דער „גרעין" געהערט גיט אַ הלוואה. די הסתדרות העלפט אויך, אַז מען דאַרף. אין דער צייט, ווען דער קרן קימת האָט געהאַט ווייניק באָדן, דער קרן היסוד האָט קוים אָנגעהויבן עקזיסטירן און די צענטראַלעס האָבן נאָך גאָרנישט געהאַט און די הסתדרות האָט אויך נאָך געהאַט ווייניק כוח, איז דאָס געווען שווערער. און נאָך מיט עפּעס איז די לעצטע צייט געוואָרן גרינגער צו נעמען בויען אַ נייעם קיבוץ: אין די סאַמע ערשטע צייטן האָט מען אַ נייע „התישבות" געמאַכט כמעט דורכויס אין אַן אַראַבישן ים. אַרום דעם נייעם קיבוץ זיינען נאָך גאָר קיין יידישע ישובים ניט געווען, אָדער זייער ווייניק און די אַראַבער פלעגן איבערפאַלן די נייַ־אָנגעקומענע. אייניקע האָבן געזוכט פּשוט גנבה און רויב, אַנדערע זיינען שוין געווען אָנגערייצט פון שאָוויניס־טישע העצער. און מען האָט טאַקע געמוזט אין איין האַנט האַלטן אַ רידל און אין דער צווייטער אַ ביקס. און יעדער נייער קיבוץ האָט געקאָסט בלוט. דער בליענדיקער קיבוץ מעלה החמשה, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון ירושלים, האָט געקראָגן דעם דאָזיקן נאָמען, ווייל פון דערביי־איקן קיבוץ קרית ענבים זיינען אוועקגעגאַנגען פינף חברים און זיך געשטעלט בויען אַ נייעם קיבוץ און די אַראַבער זיינען זיי איבערגעפאַלן און אויסגעהרגעט. דער קיבוץ געפינט זיך אויף אַ באַרג און די דער־מאָנטע פינף זיינען אַרויפגעגאַנגען. „מעלה החמשה" מיינט דער

אַרויסגאַנג פון די פינף. און דאָס איז ניט דער איינציקער קיבוץ, וואָס זייערע ערשטע טריט האָבן געקאָסט לעבנס.

מען דאַרף ניט מיינען, אַז היינט איז מען שוין שטאַרק זיכער מיט די שכנים, ווען מען גייט בויען אַ נייעם קיבוץ. די מערסטע אַראַבער האָבן טאַקע פאַרלאָזט דעם יידישן טייל פון ארץ ישראל, אָבער דאָס דאָזיקע איז דאָך געשען ערשט נים־לאַנג. און אויך איצטער בויט מען קיבוצים ביי דער סאַמע גרעניץ, און אַראַבער שיסן אויף די בויער אפילו אין די צייטן פון „הפוגה" (וואָפנשטילשטאַנד). „התישבות" ווערט אין ארץ ישראל אָנגערופן אויך „כיבוש", וואָס דאָס מיינט: איינגעמען. מען באַזעצט זיך אויף אַ ניי שטיקל ערד, בכדי צו פאַרכאַפּן א נייע סטראַטעגישע פּאָזיציע. דאָס דאָזיקע האָבן שוין פאַרשטאַנען די בילו'ער, ווען זיי זיינען נאָך אין יאָר 1884 אַוועק ביז גדרה, גאַנץ ווייט אין דרום, אין אַ הונדערט פּראָצענטיקן אַראַבישן ראַיאָן. אַ דאַנק דעם איינשטעלן זיך און בויען קיבוצים אין די פאַרשידנסטע ווינקלען פון לאַנד, האָט מען אויסגעברייטערט דעם יידישן שטח און דער יידישער טייל האָט באַטראָפן איניינעם מיטן נגב 55 פּראָצענט פון ארץ ישראל (אָן דעם עבר הירדן). אַזאַ קיבוץ ווי נגבה, האָט געהאָלפן פאַרהיטן דעם נגב. און די דריי קיבוצים קרית ענבים, מעלה החמשה און נוה אילון האָבן געהאָלפן פאַרהיטן ירושלים. ווען די ענגלישע מאַנדאַטן־מאַכט וואָלט ניט געווען אַרויסגעגעבן דעם ווייסן בוך און וואָלט נישט געוועזן פאַרזיגלט די טויערן פון לאַנד פאַר יידן, וואָלט אפשר געווען בעסער, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס איז איצטער געשען, זאָל געשען שפּעטער און ירושלים זאָל זיין אַרומגערינגלט פון אַ סך קיבוצים און דער נגב זאָל שוין זיין מער באַפעסטיקט. אָבער ענגלאַנד האָט דאָך פאַרמאַכט די טויערן און בלאָקירט אַלע ימים. צוליב דעם, וואָס כיבוש מיינט פאַרנעמען סטראַטעגישע פּאָזיציעס, האָט מען זיך פאַרגאַלאָפּירט אַזש ביז די בערג פון חברון מיט דעם קיבוץ כפר עציון, וואָס האָט זיך געפונען אַזוי איזאָלירט, אַז ער האָט ניט געקענט איינער אַליין אויסהאַלטן די גאַנצע ענגליש־אַראַבישע קראַפט...

עס מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז ניט נאָר ביים בויען נייע קיבוצים מיינט „כיבוש" דאָס איינגעמען נייע סטראַטעגישע פּאָזיציעס. אויך „מושבים" האָט מען געבויט אויף די זעלביקע אופנים. און אויב השומר הצעירניקעס האָבן באַוויזן און באַווייזן עד היום אַ סך העלדישקייט און זיי לויפן אין די געפערלעכסטע ערטער, האָבן זיי געפונען גאַנץ פיינע

קאָנקורענטן ביי די „פועלי מזרחי" און „אגודת ישראלניקעס". מיר איז אויסגעקומען צו בייזיין א חנוכת הבית פון צוויי נייע קיבוצים אין בית שאָן, נים ווייט פון קיבוץ מסילות, איז איינער געווען פון „השומר הצעיר" און איינער פון „הפועל המזרחי" און עס איז געווען מלחמה־צייט און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די פרומע בחורים, וואָס אייניקע פון זיי טראָגן נאָך פאות און וואָס אַלע לייגן תפילין און היטן אָפּ כשרות, רופן די „כופרי בעיקר", די לינקע, אַרויס אויף אַ פאַרוועט פון העלדישקייט אין אַרבעט און פאַרטיידיקונג...

ערשט איצט וועט איר פרעגן: וואָס זשע איז אַזוינס אַ קיבוץ?

און דער ענטפער קומט שוין איצטער זייער פשוט: אַ קיבוץ איז אַ ווינקל אונטער גאָטס הימל, וווּ עס אַרבעטן עטלעכע הונדערט, אָדער אַריבער טויזנט נפשות און לעבן פון זייער אַרבעט, וואָס ווערט געטון פון אַלעמען גלייך.

יעדער פּאָרפאָלק האָט אַ צימער. אַלע צימערן זיינען גלייך באַקוועם, גלייך לופטיק און גלייך שיין. פאַראַן אין מיט פון קיבוץ אַ גרויסע באָד פאַר אַלע און פאַראַן אַן עס־צימער פאַר אַלע. די קינדער האָבן זייערע באַזונדערע אָפּטיילונגען. פאַראַן אַן אָפּטיילונג, וווּ עס געפינען זיך קינדער פון צוויי וואָכן ביז צוויי יאָר און אָפּטיילונגען, וווּ עס געפינען זיך קינדער פון צוויי יאָר ביז זעקס א. א. וו., א. אַ. וו. פאַראַן, נאַטירלעך, אַ שטיקל שפּיטאָל און אַן אַפּטייק פאַר דעם קיבוץ און פאַראַן קיבוצים, וואָס האָבן גרויסע שפּיטאָלן ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די קיבוצים פון דער נאָענט.

יעדער קיבוץ האָט אויף דעם ערשטן פּלאַן אַ „רפת" (שטאַל) און „לול" (שטייג). זיי זייען דער שטאָלץ און מסתמא אויך די הויפּט־באַזע פון קיבוץ. זיי זיינען זייער מאָדערן איינגעריכטעט און ניט אומזיסט ווייזט מען אַ גאַסט די צוויי אַנשטאַלטן. און זיי מעגן טאַקע שטאָלצירן מיט זיי. איך בין געווען אין לענדער, אין וועלכע מענטשן לעבן אין ערגערע היגיענישע באַדינגונגען ווי די בהמות און עופות אין די קיבוצים. יעדער קיבוץ האָט אַ שטח ערד, וואָס ווערט באַאַרבעט פאַר תבואה, גרינצייג, פאַשע; אַ סך קיבוצים האָבן וויינגערטנער און פרדסים; אויך שיינע וואַרשטאַטן און פאַבריקן האָבן אַ סך קיבוצים.

אַלץ, וואָס דער קיבוץ האָט, געהער ניט צו קיינעם באַזונדער און געהער צו אַלע אינאיינעם. ווען איינער וויל פאַרלאָזן דעם קיבוץ, קען ער אָבער ער באַקומט גאָרניט, מעג ער דאָרט האָבן געאַרבעט יאָרנלאַנג.

אויב עס האַנדלט זיך אין אַ פֿאַל פֿון קראַנקייט, איז פֿאַראַן אַ קראַנקן־קאַסע און ער ווערט ניט פֿאַרפֿאַלן, אָבער אויב עס האַנדלט זיך נאָר וועגן ניט קענען צופּאַסן זיך, איז פֿאַרפֿאַלן. מען נעמט ניט אַרויס קיין ציגל פֿון קיין בנין. און אַ מערקווירדיקע זאַך: אין אַרגענטינע, ווו די ווירטשאַפֿט איז אַ דורכויס אינדיווידועלע, זיינען אין דורכשניט פֿון הונדערט קאָלאָניסטן געבליבן קוים צוועלף אויף דער ערד און אין די קיבוצים פֿון ארץ ישראל באַטרעפֿט די צאָל, וואָס פֿאַרלאָזט די פּאָזיציעס קליינע, טאַקע נישטיקע פּראָצענטן. מיר ריידן ניט וועגן פּערזענלעכקייטן, וואָס צייכענען זיך אויס און זיי ווערן מנהיגים און דאָס לעבן אַליין צווינגט זיי צו פֿאַרלאָזן די קיבוצים. אַזעלכע זיינען פֿאַראַן אַ סך. אויך צווישן די מיניסטאָרן זיינען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס שטאַמען פֿון קיבוצים; איינער וווינט נאָך עד היום אין אַ קיבוץ און זיין פֿרוי איז חלילה ניט קיין מאַדאַם מיניסטערשע און זי אַרבעט גלייך מיט אַלע אין דער וועשעריי, אין קיך, אין שטאַל, אין עס־צימער און אין פֿעלד. מיר ריידן וועגן אַזעלכע, וואָס קענען זיך ניט צופּאַסן. משה שמיר אין זיין שוין דערמאָנטן ראָמאַן „הוא הלך בשדות" האָט אַ מין באָהעם, וואָס פֿאַרלאָזט דעם קיבוץ, ווייל עס געפֿעלט אים בעסער צו זיצן אין קאַפֿע אין שטאָט און קיבעצן, ווי צו אַרבעטן אין קיבוץ. פֿון „קיבעץ" ביז „קיבוץ" איז אַ היפּשער מהלך...

די ווירטשאַפֿט אין די קיבוצים ווערט ניט פֿאַרגליווערט. די קעפּ אַרבעטן דאָרט ניט ווייניקער ווי די הענט און מען זוכט כסדר צו פֿאַרבעסערן דורך אויפֿטוען אויף דעם אַגראַרן און אינדוסטריעלן געביט. אַ סך קיבוצים האָבן אַליין געמאַכט געקינסטלטע ריטשקעס, אין וועלכע זיי פֿאַרפֿלאַנצן פֿיש, און דאָס דאָזיקע איז אַ גרויסע הילף אי פֿאַר דער געגנט, ווו זיי געפֿינען זיך, אי פֿאַר דעם גאַנצן לאַנד.

ניטאָ קיין חילוק צווישן דעם קוואַליפֿיצירטן און ניט־קוואַליפֿיצירטן אַרבעטער און צווישן ביידע און דעם לערער, דעם דאָקטאָר, דעם אַפּטייקער, דער מזכיר (סעקרעטאַר) און אַלע אַנדערע אינטעלעקטועלע אַרבעטער. איבערהויפּט איז דאָ ניט פֿאַראַן קיין חילוק צווישן אַרבעט און אַרבעט. ניטאָ קיין סקאַלע.

איינ קע קיבוצים האָבן אָפּרו־פֿלעצער און סאַנאַטאָריעס. אין די מערסטע זיינען אָט די פֿלעצער פֿאַר אינלענדישע און טאַקע איבערהויפּט פֿאַר מיטגלידער פֿון הסתדרות, אָבער עס זיינען פֿאַראַן אין איינ קע קיבוצים אויך האָטעלן און אָפּרו־פֿלעצער פֿאַר אויסלענדישע טוריסטן.

יעדער קיבוץ האַלט ביי זיך אַ „גרעין" פאַר אַ נייעם קיבוץ און אַ גרופּע „עולים" (אימיגראַנטן).

אין צייט פון קריג האָבן קיבוצים, וואָס געפינען זיך ווייטער פון פראָנט געמוזט אַריינעמען פּליטים פון די פראָנט־זאָנעס.

די פּילזייטיקייט פון דער קיבוץ־ווירטשאַפט קאָמפּליצירט די אָנפירונג און פונדעסטוועגן הערט מען ניט וועגן קיין עקאָנאָמישע קאָנפליקטן. מען הערט ניט, אַז עמיצער זאָל זיך פילן געקריוודעט פון דעם, וואָס אַן אַנדערער אַרבעט ווייניקער. קיבוצים קענען האָבן חשבונות, קאָנפליקטן מיט די צענטראַלעס, אָבער ניט מיט קיין יחידים־מיטגלידער. מער נעמען קען טאַקע קיינער ניט, אָבער ווייניקער אַרבעטן קען מען דאָך, דאָך זיינען אַזעלכע טענות ניט פאַראַן, ווייל עס זיינען אַזעלכע פאַלן ניט פאַראַן. אייניקע מיטגלידער האָבן די עלטערן מיט זיך, אַנדערע — ניט. אייניקע פון די עלטערן קענען זיך נאָך היפּש נוצלעך מאַכן, אַנדערע ווייניקער אָדער גאָרנישט (כאָטש בכלל וויל קיינער ניט זיצן סתם ליידיק). און אויך אין דעם פּרט קומט ניט צו קיין קאָנפליקטן. אפשר אַרבעט אַמאָל אַ קיבוץ מיטגליד, וואָס האָט עלטערן, וועלכע קענען שוין גאָרניט טון, אַביסל מערער, אָבער צופּיל לאָזט מען אים ניט זיך אליין עקספּלואַטירן. פאַר דעם, וואָס ער האָט עלטערן ווינטשט מען אים נאָר, אַז זיי זאָלן לאַנג לעבן.

קיין גאָר פראָסטע אַרבעטער זיינען אין קיבוץ ניט פאַראַן. אדרבה: פאַראַן אפשר אַן איבערפלוס פון צו־אינטעליגענטע אַרבעטער. אייניקע ווילן אַמאָל אַ פּאָר טאָג אין שטאָט אריין. עס גיט זיי אַ צי. מען וויל אַ פּאָר טון אין שכנהשאַפט, אין שטאָט. מ'קריגט אין קיבוץ די זעלביקע גייסטיקע פאַרווייַלונג, וואָס אין שטאָט. אַלע טעאַטערס קומען אַהער מיט אַלע זייערע פאָרשטעלונגען, אַלע קאָנצערטיסטן, דער סימפאָנישער אָרקעסטער פון תל אביב, אַלע רעדנער, אָבער עס גיט דאָך אַ צי ערגעץ אַנדערש. ניט שטענדיק קען מען אָפּלאָזן. די זאַך איז דעליקאַט און מען גייט אום פאָרזיכטיק. איך האָב אין אַ פּאָר קיבוצים געהערט איין און דעם זעלביקן וויץ, אַז געוויסע מיטגלידער דערלויבט מען מער צו אַרומפאָרן, ווייל זיי זיינען נודניקעס און מען וויל אַביסל פון זיי פּטור ווערן. עס איז מסתמא ניט נאָר אַ וויץ. דאָס פּראָבלעם „נודניקעס" האָט נאָך דער קיבוץ ניט געלייזט. ער האָט נאָך אַ סך פּראָבלעמען ניט געלייזט. און אייניקע גיבן אַמאָל אַ זאָג מיט בענקשאַפט, אָדער פאַרדרוס: כאָטש ווער אַ נודניק, בכדי זאָלסט זיך קענען דורכפאָרן. אין צייט פון קריג

איז דאָס כמעט קיין פּראָבלעם ניט, אין צייט פון פרידן, וועט דאָס ווערן א גרויס פּראָבלעם, ווייל קיינער פאָרט ניט און ווייל אלע מוזן אַרבעטן. יאָ, דער קיבוץ מוז צושטעלן כך וכך פּראָדוקטן דעם לאַנד.

ווארשיינלעך האָט דער קיבוץ נאָך ניט געלייזטע פּראָבלעמען אויך. אייניקע האַלטן עד היום, אַז אַן קיבוצים וואָלט דער אַגראַר אַרבעטער ניט געלעבט ערגער און די פּראָדוקציע וואָלט געווען א גרעסערע, אָבער דאָס איז וואַרשיינלעך מער פאַרלאַנג ווי טאַקע איבערצייגונג. די אָנ־הענגער פון „מושב"־סיסטעם — פּריוואַטע אונטערנעמונג, אָבער נאַ־ציאָנאַלער באָדן, און נאָר אייגענע אַרבעט, ניט קיין געדונגענע — באַהויפּטן, אַז זיי פּראָדוצירן מערער. און עס איז אַן ענין צו שטודירן, כאָטש פערזענלעך האָב איך זיך איבערצייגט, אַז עס לוינט צו האָבן קיבוצים אפילו ווען דער פּרייז זאָל זיין אַביסל א קלענערע פּראָדוקציע. די מושבים זיינען אויך א גאַנץ פיינע דערגרייכונג אויף דעם וועג צום סאָציאַליזם, אָבער ניט ווי די קיבוצים!

די ניט־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון קיבוץ זיינען קאָמפּליציר־טער. מער פון אַלץ האָט מיך אינטערעסירט דאָס פּראָבלעם קינדער. פאַקטיש זיינען די קיבוצים די איינציקע פּלעצער אין דער וועלט, וואָס איך האָב געזען, וווּ די קינדער זיינען ניט אינאיינעם מיט די עלטערן. פון צוויי וואָכן אָן זיינען זיי באַזונדער. איז ווי אַזוי וואַקסן זיי דאָ די קינדער? וואַקסן זיי געזינטער, ווי מיט די עלטערן אינאיינעם, צי ניט? בלייבן זיי אינטים צו די עלטערן, צי אָפּגעריסן?

מען האָט מיר ניט געגעבן קיין לייכטזיניקע ענטפערס. און חוץ דעם האָב איך דאָך אויגן און הענט. האָב איך טאַקע געזען און אָנגעטאַפּט קינדער וואָס זיינען קיין עין־הרע געזונט אייזן, אָן זייער שאָדן אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. א דאגה חנעוודיקע קינדער ביי יידן, א יאָ? זאָג איך אייך מיט דער האַנט אויף דעם האַרצן, אַז די חנוו־דיקסטע יידישע קינדער זעט מען אין ארץ ישראל און די חנוודיקסטע צווישן זיי זיינען אין די קיבוצים, וואָס מאַכט פּשוט אויפשפּרינגען פון די ערטער. עס פעלט דאָרט א קינד קיינמאָל ניט אויס א האַרציקער ענטפער, וואָס איז אָדער נאַיוו, אָדער קלוג, אָדער ביידע. די קינדער קלעפּן זיך צו דיר ממש צו. נאָך איידער וואָס ווען, ווערן זיי שוין היימיש מיט דיר. און אַז זיי ווערן אַזוי לייכט אינטים מיט פרעמדע, איז פאַרשטענד־לעך, אַז די היימישקייט מיט די עלטערן ווערט ניט איבערגעריסן. צו די גאָר קליינע קינדער קומען די עלטערן א פּאָר מאָל אין טאָג, די גרעסערע

קינדער קומען צו די עלטערן מיטיק־צייט און פאר דעם שלאָפן גיין. און די קינדער וואַקסן אין אַ קינדישער וועלט און זיי זיינען מער קינדיש ווי אומעטום. און אפשר שטעקט אין דעם זייער חן.

די שולן זיינען געמאַכט אַזוי, אַז די קינדער זאָלן וואַקסן ווי ניט קיין קליינע יידעלעך, נאָר טאַקע קינדער. ביז 12 יאָר לערנט מען אַ גאַנצן טאָג, נאָך 12 יאָר לערנט מען אַ האַלבן טאָג און אַ האַלבן טאָג אַרבעט מען. ווער עס אַרבעט אין פעלד, ווער אין פאַבריק. מען לערנט זיך אַרבעטן, און אַז אַ קינד איז באַרופן צו לערנען מער, לערנט עס. קיין כוחות וועלן דאָ ניט פאַרלוירן גיין. מען האָט נאָך ווייט ניט געלייזט אַלע פּראָבלעמען, אָבער מען זוכט וועגן פאַר זיי.

עס איז געווען קריגסצייט און מיר איז ניט געווען מעגלעך צו קענען אַריינדרינגען צופיל אין דעם עיקר תוכן פון דער קיבוץ־שול און קיבוץ־דערציאונג. דאָך איז מיר ניט געווען שווער צו דערקענען, אַז די צוויי עיקרים זיינען דאָ די אַרבעט און די צוקונפט פון יידישן פאָלק אין יידישן לאַנד. אין די קיבוצים פון מפא״י און פון הקיבוץ המאוחד לערנט מען, האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, פשוטער און ווייניקער געקינצלט. אין די שולן פון „השומר הצעיר״ (הקיבוץ הארצי) לערנט מען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַביסל צו אינטעלעקטואַליסטיש און מען ווענדט דאָרט אָן דעם פּרווידיאַניסטישן סיסטעם שוין ווי אַן אויסגעפּרוווטן עקספּערימענט. און דאָס דאָזיקע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר „השומר הצעיר״, וואָס פאַרט צונויף דעם מאַרקסיזם מיט דעם פּרוידיאַניזם, כאָטש אין ראַטנפאַרבאַנד איז דער פרוידיאַניזם הונדערט פּראָצענט טריף. עס איז ניט די אויפגאַבע פון אַ זשורנאַליסטישן רעפּאָרטאַזש צו אָפּגעבן זיך צופיל מיט ספּעציעלע ענינים און עס קען זיין, אַז איך בין שוין דאָ אַריבער פון יענער זייט רעפּאָרטאַזש און איינדרוקן.

אוודאי קענען לערער פון הקיבוץ הארצי באַ מיר מאַנען פאַקטן. וועל איך דאָ באַמערקן, אַז פאַר מיר איז ניט קלאָר ביז וואָס פאַר אַן עלטער מעגן זיך קינדער פון ביידע מינים באָדן אינאיינעם אבסאָלוט נאַקעט און דערנאָך אַזוי אַרומשפּאַצירן אַ לאַנגע צייט.

די עלטערן אין די קיבוצים (אויסער אין די עטלעכע רעליגיעזע) זיינען הונדערט פּראָצענטיק וועלטלעך. זיי גייען ניט אין שול. עס עקזיסטירט פאַר זיי ניט קיין רעליגיע און ניט קיין רעליגיעזע בענקשאַפט. עס איז מיר ביים אָנהויב ניט קלאָר געווען פאַר וואָס אין די מושבים געפינען זיך מיטגלידער, וואָס גייען אין שול אריין און אין די קיבוצים

פון חבר הקבוצות — ניט. עס זיינען דאָך די זעלביקע מפא"יניקעס. אָבער איך האָב דערנאָך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די ווירקונג פון דער סביבה. אין מושב איז די סביבה אַ לויזע, אין קיבוץ איז זי אַ געצוימטע. אין מושב איז ניטאָ קיין איין וועג פאַר אַלע, אין קיבוץ — יאָ. איז במילא איז אין קיבוץ ניט פאַראַן קיין קאָליזיע צווישן עלטערן און קינדער. צווישן אייניקלעך און זיידעס איז יאָ פאַראַן אַ שטיקל צוזאַמענשטויס. די קינדער זעען ווי זייערע זיידעס און באָבעס דאַוונען טעגלעך און היטן אָפּ שבת. די טאַטעס-רוען אום שבת, אָבער דאָס איז ניט דאָס זעלבע וואָס אָפּהיטן. און די נייטיקסטע אַר־בעט מוז מען דאָך טון אום שבת. קיין סיסטעם פון אַבסאָלוטן שבת איז ניט איינגעפירט, איז דאָך פאַראַן אַ שטיקל צוזאַמענשטויס. דער וויץ דערציילט, אַז קליינע קיבוצים־ קינדער זאָגן, אַז אַ שול איז אַ קינדער־גאָרטן פאַר אַלטע. דאָס איז, ווען זיי זיינען זייער קליין, אָבער וואָס איז ווען זיי ווערן עלטער?

פאַראַן אַ וויץ ביי ארץ ישראל־קינדער, וואָס קען אונדז, די דאָזיקע, וואָס לעבן זיך אויס אין יידיש, געבן אַ צופּ אין דער זיבעטער ריפּ (כאָטש אין גלות איז אין דעם פּרט ניט בעסער. עס איז נאָר ניטאָ אַזאַ וויץ). עס ווערט דערציילט, אַז אַ קינד זאָגט: פריער וועל איך גיין אין שול, דערנאָך וועל איך ווערן אַ פּלמח און גיין אין קריג, דערנאָך וועל איך אַרבעטן אין קיבוץ, דערנאָך וועל איך ווערן אַלט און ריידן יידיש און דערנאָך וועל איך שטאַרבן. אין דער לעצטער צייט האָט מען גע־מאַכט נאָך אַ וואַריאַנט און מען האָט געזאָגט: „דערנאָך וועל איך גיין דאַוונען אין שול און דערנאָך וועל איך שטאַרבן"... אָט דער וויץ מיט דיביידע וואַריאַנטן דערציילט, אַז אין קיבוץ דאַוונט מען און מען רעדט יידיש דעמאָלט, ווען דער מלאך־המוות איז שוין נאָענט...

— נאָר אין קיבוץ?

— ניין, ניט נאָר דאָרט, אָבער דאָרט איז עס אונטערגעשטראָכענער. יידיש נעמט זיך אָפּ רעוואַנש מיט אַ וויץ. מען דערציילט, אַז ווען מען רעדט צו אַ ייד העברעאיש, זאָגט ער: וואָס רעדסטו צו מיר העברעאיש? האַלטסט מיך פאַר אַ קינד?

מען וואָלט געדאַרפט מאַכן אַ שטודיום איבער די דאָזיקע יינגלעך און מיידלעך, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין די קיבוצים און זען וווהין פירט זיי דער וועג. און עס פעלט ניט אַזעלכע שטודיומס פון פּעדאַגאָגן, פּסיכאָלאָגן און עס פעלן ניט קיין באַשרייבונגען פון ליטעראַטן און

דאָס לעבן אליין דערציילט וועגן זיי. מיר זעען דאָך ווי אַזוי זיי פירן די מלחמה און ווי אַזוי זיי אַרבעטן. זיי קענען אַזאַ יידן ווי איך זיין פרעמד אין גייסט, אָבער קיינער קען ניט ניט זען, אז זיי זיינען אַ דור אַ גאראנטיע פאַר אַ יידישער צוקונפט. אַ סך מער גאראנטיע ווי עס זיינען די בעסטע פון אונדזערע קינדער אין ניו יאָרק, שיקאגאָ, בוענאָס איירעס, וויניפעג. אוודאי מוזן זיי ניט זיין אנדערש ווי קינדער פון אלע פעלקער, ווייל זיי לעבן דאָן ניט אין אַזעלכע באדינגונגען ווי יידישע קינדער ערגעץ אַנדערש, דער־אַר טאַקע מוזן זיי זיין אַנדערש אויך ווי די ניט־יידישע קינדער אין דער גאנצער וועלט, ווייל יענע האָבן ניט צו פירן אַזאַ שטענדיקע מלחמה ווי זיי...

נאָך קינדער־דערציאונג, אָדער פריער, אָדער אין איין און דער זעלביקער צייט, איז דאָס הויפט־פּראָבלעם ביי מענטשן, וואו קיין עקאָ־נאָמיישע פראגע איז ניטאָ — געשלעכט. אין דעם פּרט קען איך קיין אייגענע באַאָבאכטונגען כמעט אינגאנצן ניט איבערגעבן. וואָס קען דאָ זען אַ גאסט אויף אַ מייל? לויט שמועסן, לויט ליטעראטור, לויט כאפן אַ קוק, איז דאָ ניט אַנדערש ווי אין דער גאנצער וועלט. די יוגנט זעט ניט אין דעם קיין טראַגעדיע און די געזעלשאַפט זעט יאָ אַ טראַגעדיע. און דערפאַר דערפילט דאָס מיידל, פריער אָדער שפּעטער, אויך די טראַגעדיע, און דער בחור — ווי אַ מאָל. מען פירט מסתמא אַ סטאַ־טיסטיק, אָבער איך שרייב דאָ ניט קיין וויסנשאפט. איז די פּראָפּאָרץ פון טעותן דאָ אַ גרעסערע ווי ערגעץ אנדערש? ווי ערגעץ אנדערש ביי ניט־יידן אין דער גאַנצער וועלט ניט, אויך ניט קיין גרעסערע ווי ביי יידן אין די שטעט פון ארץ ישראל, אָבער אַ ביסל אַ גרעסערע, ווי ביי די עלטערן אין קיבוץ גופא, וואָס זיינען אויך ניט פרום, אָבער זיי זיינען ראָמאַנטישער און סענטימענטאַלער.

מען האָט חתונה אין די קיבוצים. דאָס חתונה האָבן איז, זאָגט אַ וויץ, געווענדט אין סעקרעטאַ־, אָדער דעם ממונה איבער די דירות. איז פאַראַן אַ פריי צימער פאַר אַ פּאָרפאָלק, האָט מען חתונה, איז ניט פאַראַן — האָט מען ניט חתונה. און דאָ איז שוין זיכער די פּראָפּאָרץ פון די ניט געלונגענע חתונות ניט גרעסער ווי ערגעץ אנדערש. מען צעגייט זיך אמאָל, אָבער ניט צו אָפט. און אַ געוויס אויג האָט דער גאנצער קיבוץ. און אויב דער בחור איז א „ספּעציאַליסט" אין זיך ניט קאָרעקט אויפפירן, ווערט ער פאַריאָגט. כ'האָב זיך פערזענלעך באַקענט מיט אַזאַ פאַל. פאַראַן אַזאַ מין פאַרווייַלונג אין קיבוץ, וואָס הייסט

„קום זיץ“. מ׳רופֿט דאָס אויך אויף העברעאיש אַזוי. „קום“ מיינט דאָך אויף העברעאיש דאָס זעלביקע, וואָס איז יידיש (עס מיינט: שטיי אויף), בלייבט איבער דאָס איינע וואָרט „זיץ“. דאָס איז אַ פֿאַרווייַלונג, וואָס קומט פֿאָר אין אָוונט, אָדער באַנאַכט, נאָך אַ פֿאָרטראָג, אַ קאָנצערט, אָדער פֿאָרשטעלונג. אַ גרופּע נאָענטע מיטגלידער פֿון קיבוץ נעמען זיך צונויף צו אַ „קום זיץ“, אָדער אין פֿעלד ביי אַ פֿייער, אָדער אין צימער ביי אַ טישל. מען שמועסט, זינגט, קיבעצט, דיסקוטירט. האָב איך אַמאָל פֿאַרבראַכט ביי אַזאַ „קום זיץ“ און ווען אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, האָט אַ יונגע פֿרוי זיך פֿאַר מיר פֿאָרגעשטעלט, ווי די טאָכטער פֿון מיינעם אַ יוגנט־פֿריינט, וואָס לעבט שוין ניט און זי האָט מיר דערציילט איר לעבנס־טראַגעדיע. זי האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ בחור פֿון קיבוץ, וואָס האָט זי איבערגעלאָזט. אַ לייכטזיניקער בחור. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל איז עס אַזוי געשען. ער האָט שוין פֿריער געטון דאָס זעלביקע מיט נאָך אַ מיידל פֿון קיבוץ. האָט דער קיבוץ אים פֿאַריאָגט. זי האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און איר צווייטער מאַן איז דערהרגעט געוואָרן אין צייט פֿון קריג. נאָך דעם טויט פֿון צווייטן מאַן האָט זיך דער ערשטער ווידער באַוויזן. ער האָט חרטה געהאַט. דער קיבוץ האָט איר דירעקט קיין דעה ניט געזאָגט, אָבער געוואָרנט האָט מען איר, אַז ער מיינט דאָס ניט ערנסט. אָט אַ דער אויסערגעוויינלעכער פֿאַקט דערציילט וועגן דער באַציאונג פֿון קיבוץ אין דעם פּרט.

מען האָט חתונה רעליגיעז אין קיבוץ. ניט מיט צופֿיל פּאַראַד, אָבער מען האָט חתונה. עס גייען אום וויצן, אַז דער חזן, וואָס גיט הופּה־קדושין, האָט אַ רינגל מיט זיך און ער „פֿאַרקויפֿט“ דאָס יעדן חתן און דערנאָך „קויפֿט“ ער דאָס אָפּ ביי דער כלה. און דאָס גלעזל, וואָס דער חתן דאַרף צעברעכן אונטער דער חופּה, איז אַן אויסגעברענט עלעקטריש לעמפּל, וואָס מען דאַרף סיי ווי אַרויסוואַרפֿן, בכדי ס׳זאָל ניט זיין קיין אומזיסטער שאָדן. די אַלע וויצן דערציילן קלאָר, אַז די חתונה־צערעמאָניע איז אַ גאַנץ לויזע. און עס איז זיכער, אַז דעם יידישן שטאַט וועט דער קיבוץ פֿאַרגעבן שווערע אויפֿגאַבעס, אויב די רבנים וועלן פֿאַרלאַנגען מען זאָל איינפֿירן שטרענג דעם ענין גיטין און קדושין און איבערהויפּט, אויב זיי וועלן פֿאַרלאַנגען צו מאַכן אַ חילוק צווישן געזעצלעכע קינדער און ממזרים. אוודאי וועט די זעלבע פֿראַגע פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שווערן קאַמף אויך אין שטאָט, אָבער אין קיבוץ האָט מען פֿאַר זיך אַ קאָמפּאַקטע, אָפּגעזונדערטע מאַסע, וועלכע וועט

אויף קיין צו גרויסע פשרות ניט איינגיין.

דער קיבוץ האָט, ווי געזאָגט, אין גרעסטן רוב געלייזט די עקאָנאָמישע פראַגע. אַ קיבוצניק האָט ניט קיין דאגות פּרנסה און די שרעק פאַר דעם מאָרגן הערט אויף פאַר אים. דאָס ווייב האָט צו אים ניט קיין טענות פאַרוואָס די חברטע גייט שענער אָנגעטון, ווייל אַלע גייען דאָ גלייך, אָבער ערשט דאָ זעט מען, אַז „לא על הלחם לבדו״... דאָרט ווו די עקאָנאָמישע פראַגע ענדיקט זיך הייבט זיך ערשט רעכט אָן די לעבנס־פראַגע אין איר מוראַדיקער קאָמפּליצירטקייט.

און אויסער קינדער־דערציאונג, סעקס, צוזאַמענלעבן, זיינען נאָך פאַראַן פראַגן. דער מענטש בענקט. אין קיבוץ איז ער צוגעשמידט. ער איז אומעטום צוגעשמידט, אָבער ווען ער קען ניט אַוועקפאָרן ערגעץ אַנדערש, ווייל ער וויל ניט איבערלאָזן זיין גרויס געשעפט אפילו (און שוין אָפּגערעדט די אַרבעט ביים באַלעבאָס), איז ער אויף קיינעם ניט ברוגז, אָבער ווען מען איז צוגעבונדן צום קיבוץ, הייבט עס אָן אַמאָל דערקוטשען. און עפּעס פעלט דאָ גייסטיק. איצטער, אין צייט פון קריג, פעלט גאָרניט. איצטער האָט מען ניט קיין שבת און ניט קיין יום־טוב, אָבער מען האָט דעם גרויסן חלום פון נצחון און עס פעלט גאָרניט. אָבער אין די קורצע פויזעס פון שלום האָט אָנגעהויבן פעלן. אין דעם רעליגיעזן קיבוץ פעלט קיינמאָל גאָרניט. דאָרט איז שטענדיק דאָ גלויבן. די וועלטלעכקייט אָבער גיט ניט קיין צופרידנקייט. די וועלטלעכקייט האָט ביי דעם מענטשן אָפּגעצאַפּט אַ סך בלוט און צוגעלייגט פּאַפּירענע פּלאַסטערס. מען האָט נאָך ניט געפונען קיין אינהאַלט פאַר דעם שבת און יום־טוב אין קיבוץ. אין ניו יאָרק און אין בוענאָס איירעס האָט מען נאָך ווייניקער געפונען אַן אינהאַלט. דאָרט איז דאָך ניטאָ חוץ פאַר קליינע, קליינע אויסנאַמען קיין יידישער שבת און קיין יידישער יום טוב, נאָר גויישער און ער זאָגט גאָרניט דער נשמה, אָבער דאָרט איז גלות און מען איז איינגעגאַנגען אויף אַ מיליאָן ניט געלייזטע פּראָבלעמען, אין ארץ ישראל איז מען אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. און אַז עס וועט זיך אַמאָל ענדיקן די מלחמה, וועט מען אין קיבוצים נעמען זוכן דעם זין פון לעבן.

איז געוואָנדט וואָר עס וועט אים זוכן. צי עס וועט אים נאָך זוכן דער דור פון די חלוצים, צי עס וועט אים שוין זוכן נאָר דער דור פון צבראַס. עס איז געוואָנדט פון דעם ווי לאַנג די מלחמה אין ישראל און דער קריגס־צושטאַנד אין דער וועלט וועט נאָך געדויערן.

מיין פריינט, מאָטיע ראַבינאָוויטש, האָט מיר דערציילט דעם אינ־האַלט פון אַ דערציילונג פון אַ העברעאישן שרייבער וועגן אַ קיבוץ־טראַגעדיע. ליידער געדענק איך ניט דעם נאָמען פון מחבר און איך קען דאָ נאָר אויף אַ העלפט זיין אַן „אומר דבר בשם אומרו”. עס הייסט, אַז אין קיבוץ איז געווען אַ מיטגליד אַ בחור, וואָס איז געווען אַ פרו־מער און ער האָט זין דאָרט ניט געקענט איינלעבן; ער האָט דאָרט חתונה געהאַט און געהאַט אַ קינד און צוליב זיינע רעליגיעזע איבער־ציוגונגען האָט ער דעם קיבוץ געמוזט פאַרלאָזן איניינעם מיט זיין פרוי און זיין זון. און אַזוי ווי ער האָט ערגעץ אַנדערש ניט געפונען אין לאַנד, וואָס צו טון, איז ער אַוועק קיין אייראָפּע. ווען דער צווייטער וועלט־קריג האָט זיך געענדיקט, איז אין קיבוץ אָנגעקומען אַ בריוו פון דעם פרומענס אין קיבוץ געבוירענעם זון, דער בחור האָט געשריבן, אַז זיין טאַטע און זיין מאַמע, וואָס זיינען אומגעקומען אין געטאָ, האָבן אים דערציילט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן טאַקע אין דעם קיבוץ, צו וועלכן ער שרייבט. עס ווייזט אויס, אַז דאָ האַנדלט זיך בפירוש וועגן אַ פאַקט, אָבער דער איינדרוק איז דאָ מער ווי פון אַן איינצלנעם פאַקט. עס איז עפּעס ווי אַ גורל־מעשה. פרומע יידן וואָלטן דאָס אויך ניט געקענט אויסטייטשן ווי אַ שטראָף פון גאָטס האַנט, ווייל די שטראָף האָט דאָך דאָ געהאַט דווקא דער פרומער. און דאָך בלייבט עס ווי אַ מעשה, וואָס וואָרנט, אַז קיין פולע פרייהייט קען מען קיינמאָל ניט דורכפירן און אַז ס'איז דאָך ניט פאַראַן אַזאַ פרייהייט, וואָס זאָל זיין דורכאויס גוט פאַר אַלע... עס איז ניט קיין מעשה מיט אַ מוסר־השכל, נאָר אַ טראַגעדיע פון גורל.

און וואַרשיינלעך וועט עס זיין די אויפגאַבע פון קיבוץ צו זוכן דעם אמתן וועג צו זיך — צום אייגענעם יידיש־מענטשלעכן איך און צו געפינען אַזאַ פרייהייט, וואָס זאָל דאָך זיין פאַר אַלע. נחמן סירקין האָט געשריבן אין 1913 וועגן דער אויפגאַבע פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל: „פאַר דעם ציוניזם איז ניט גענוג צו שעפן זיינע כוחות נאָר פון מאַנגל און נויט פון די מאַסן, וואָס ער קומט פאַרענטפערן, נאָר ער דאַרף באַפעסטיקן זיינע יסודות מיט דער העכערער סאָציאַלער מאָ־ראַל, וואָס איז די נשמה פון יידישקייט און די מיסיע פון מענטש־לעכקייט. דער ציוניזם ווערט אַ הויכער אידעאַל, ווען ער שטעלט זיך אַלס אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן גלייכהייט און ברידערלעכקייט און קומט אַריינברענגען אין אונדזער לעבן פרייהייט, פרייד און אמת”.

דעם וועג צו גלייכהייט האָט דער קיבוץ שוין געפונען, דעם וועג צו ברידערלעכקייט, פרייהייט, פרייד און אמת — זוכט ער. און ער וועט אים געפינען. ער וועט אים געפינען אין גאַנצן לאַנד; ווייל עס איז נאָך אומעטום „עוד לא נותקה השלשלת"... ער וועט געפינען אין נגב, ווו מען קען נאָך הערן טריט פון די אבות פון אונדזער פאָלק און אפשר אויך דעם אָפּקלאַנג פון גאָטס קול, וואָס האָט גערעדט צו אברהמען און אים צוגעזאָגט צו מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק און ווו מ'קען דערפילן דעם אָפּקלאַנג פון די יידישע קרעכצן אנטקעגן, אין דעם לאַנד פון די פרעהס און די פּיראַמידן און ווו מ'קען הערן דעם אָפּקלאַנג פון משהס געזאַנג פון פרייהייט און צוריקקער.

דער קיבוץ וועט געפינען דעם ריכטיקן וועג ביי ירושלים, אין די בערג פון יהודה, ווו מען הערט נאָך ער היום אָפּקלאַנגען פון די גרויסע און צאַרטע שטראָף- און טרייסט־רייד פון די נביאים און פון די תהילים געזאַנגען, די פּולסטע און גאַנצסטע געזאַנגען פון מענטש צו קאָסמאָס, און ווו מען פילט דעם הייסן אָטעם פון בר כוכבאס פאַרצווייפלטע קאַמפן מיט די רוימער.

דער קיבוץ וועט געפינען זיין ריכטיקן וועג אין צפונדיקן גליל, ביי דער גרענעץ פון סיריע און לבנון, ווו מען הערט נאָך די טריט פון יהושוע בן נון און פון זיין באַפרייאונג־קאַמף; ער וועט אים געפינען אין עמק ישראל ביי די גלבוע־בערג, ווו מען הערט נאָך די טריט פון פרימי־טיוון גדעון, וועמען גאָט האָט געהייסן אויספּרווון דעם מוט און גלויבן פון זיינע מענטשן; ביים טרינקען וואַסער פון קוואַל „עין חרוד". ווו עס געפינט זיך דער קיבוץ עין חרוד און מען פילט נאָך דעם אָטעם פון שאול המלך, יהונתן און דוד און זייערע קאַמפן מיט שונאים און ווו מען פילט נאָך די אייגנאַרטיקע און באַלערנדיקע שנאה־קנאה צווישן דעם פאַרחלומטן שאול און קריגערישן דוד.

דער קיבוץ וועט נאָך געפינען דעם ריכטיקן וועג אין דרום, ווו מען הערט נאָך די טריט פון שמשון הגבור און זיין פאַרצווייפלטן „תמות נפשי עם פלשתים"־קאַמף און פון די קאַמפן פון דעם אויסגעאיידלטן און אויסגעפורעמטן שמעון הנשיא און זיין קאַמף.

דער קיבוץ וועט נאָך געפינען זיין ריכטיקן וועג אין עמק הירדן, ווו די בערג גולן, קוקן אראָפּ אין טאָל צום ים כנרת. ער וועט אים געפינען אין בית שאן, אין עמק חפר, אין דעם מפרץ חיפה, אין חולה — — — —

אין אָט די אַלע געגנטן זיינען דאָך פאָרגעקומען אין אונדזער צייט

קאַמפּן, וואָס זיינען דער המשך פון די אַמאָליקע מלחמות. זיינען דען די פאַרצווייפלטע קאַמפּן פון די „בילו" אין דער קאָלאָניע „גדרה" מיט דער ערד און מיט דער סביבה ניט דער המשך פון די קאַמפּן פון שמשון הגיבור און ר׳ יהודה הנשיא ערגעץ דאָרט ניט ווייט? און זיינען טרומפּעל־דאָרס קאַמפּן אין כפר גלעדי און תל חי דען ניט דער המשך פון יהושועס קאַמף מיטן מלך הצור? און זיינען די איצטיקע קאַמפּן מיט די קאוקאדזשי־באַנדעס אין דעם זעלביקן פּלאַץ ניט דער המשך פון ביי־דע? און זיינען די קאַמפּן אין די בערג פון יהודה מיט דעם אַראַבישן לע־גיאָן ניט דער המשך פון די קאַמפּן מיט די רוימער? און איז דען ניט פאַראַן אין דעם חילוקע דעות צווישן פּלמח און אירגון עפּעס וואָס דער־מאָנט אין דעם אינערלעכן קאַמף מיט דעם פאַרצווייפלטן העלד בר כוכבא? און זיינען די היינטיקע העלדישע קאַמפּן אין נגב ניט אָפּקלאַנגען פון דעם יידישן קאַמף פאַר באַפרייאונג אין מצרים? און דערמאָנען דען ניט די קיבוצים, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין די בלוטיקסטע אַטאַקעס און האָבן זיי אָפּגעשלאָגן, דערמאָנען דען ניט די נגבהס, שער הגולנס, נוה אילנס, דעם קאַמף פון דוד קעגן גליתן און זיין נצחון איבער אים? דער־ציילן זיי דען ניט, אַז מען קען באַזיגן די דאָזיקע, וואָס זיינען גרויס אין צאָל, כאָטש מען איז אַליין קליין אין צאָל, אויב מען איז גרויס אין מוט און קלאָר און באַוווסטזיניק אין ציל?

אַלס סאָציאַלער עקספּערימענט איז דער קיבוץ מסתמא איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אין דער וועלט און ווען די לערער פון אוטאָפּישן סאָ־ציאַליזם וואָלטן אויפגעשטאַנען תחית המתים, וואָלטן זיי זיך געקענט איבערציייגן, אַז אין ארץ ישראל האָבן זייערע חלומות געקראָגן פלייש און בלוט און ביינער און געזעלשאַפטלעכע פאָרמען. אָבער דאָס דאָזיקע איז געשען, ווייל אין דער באַזע איז דאָ געווען אויך די נאַציאָנאַלע באַפריי־אונג פון אַן אַלט פאָלק, וואָס איז צוגעקומען צום גרענעץ פון תהום. א. ד. גאָרדאָן, דער אַפּאָסטאָל פון אַרבעט אין נייעם ארץ ישראל, וואָס האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן נעמען אַ רידל אין האַנט אַריין און אַרבעטן, אויך אוסישקין און ביאַליק זאָלן דאָס טון, האָט פאַרלאַנגט אייניקייט פון געדאַנק. „מיר האָבן ניט פאַר אונדז — האָט ער געשריבן — נאַציאָנאַ־ליזם און סאָציאַליזם, נאָר אַ נאַציאָנאַליזם, וואָס איז כולל אַלץ. מיר קומען ניט שאַפן קיין חברה, קיין מעכאַנישן קיבוץ, מיר קומען באַשאַפן זיך אַליין, אַ לעבעדיק פאָלק, א קיבוצישע (געזעלשאַפטלעכע) פּערזענלעכ־קייט, אַ קיבוצישן מענטשן. די עקאָנאָמישע גערעכטיקייט, די גערעכטיקייט

בכלל אין אַלע אירע געשטאַלטן און קאָלירן צווישן מענטש און מענטש און פאָלק און פאָלק, פאָדערן מיר ניט אין נאָמען פון סאָציאַליזם, נאָר אין נאָמען פון נאַציאָנאַליזם. „והארץ לא תמכר לצמיתות כי לי הארץ" (און די ערד זאָל ניט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק, ווייל צו מיר געהער די ערד) און „צדק, צדק תרדוף" (גערעכטיקייט, גערעכטיקייט זאָלסטו נאָכיאָגן) זיינען, דאַכט מיר, געזאָגט געוואָרן ניט אין נאָמען פון סאָציאַליזם."

ניט אַלע האָבן מסכים געווען מיט א. ד. גאָרדאָן דעמאָלט, ווען ער האָט געשריבן אָט די ווערטער און היינט זיינען אוודאי און אוודאי פאַראַן אין די קיבוצים אַזעלכע, וואָס ווילן אונטערשטרייכן דעם סאָציאַליזם שטאַרקער און אַלס אַ באַזונדער אידעאַל, אָבער די סאַמע באַזע איז אין קיבוץ די נאַציאָנאַלע דערלייזונג דורך אַ גערעכט און סאָציאַליסטיש צו־זאַמענלעבן, אויף דעם יסוד פון פּערזענלעכער פרייהייט. פּאַקטיש גייט עס אין קיבוץ צו אַזאַ נאַציאָנאַליזם וואָס זאָל כולל זיין אַלץ.

דאָ איז, דאַכט מיר, דאָס פּלאַץ צו דערציילן עפּעס וועגן א. ד. גאָרדאָן, וואָס זיין גייסט שוועבט איבער אַלע קיבוצים, אויך איבער די דאָזיקע, וואָס געהערן ניט צו זיין ריכטונג. מען מוז ניט געהערן דווקא צו דער „גורדוניה", בכדי צו פילן אויף זיך דעם איינפלוס פון דעם אַפּאָסטאָל פון אַרבעט אין נייעם ארץ ישראל. אין יאָר 1904 איז ער געקומען קיין ארץ ישראל, איבערלאָזנדיק אין דער היים ווייב און קינדער, שיר ניט אַזוי אויף הפקר ווי אַמאָל ר' נחמן בראַסלעווער. ער האָט מיט זיך גאָרניט, חוץ אַן „ערוך השלום", וועלכן ער האָט באַלד פאַרזעצט צו באַצאָלן פאַרן האָ־טעל אין חיפה. ער איז אַלט געווען קנאַפּע פופציק יאָר און ער האָט אויסגעזען ווי פון זיבעציק. ער האָט געטראָגן אַ גאַנצע באָרד, וואָס איז באַצייטנס געוואָרן ווייס. מען האָט אים באַלד אַ נאָמען געגעבן „דער אַלטער" (הזקן). ער איז געווען אַ למדן און אַ קענער פון קאַרל מאַרקס און פון ניצשען און ער איז געווען פרום און ער האָט געדאַוונט מיט התלהבות. חוץ „דער אַלטער" האָט מען אים אויך דערפאַר גערופן „דער טשודאַק". אָבער ער איז געווען אַ ליבנסווירדיקער און האַרציקער מענטש און ער האָט זיך אויפגעפירט עפּעס ווי אַ פאָלקסטימלעכער רבי. ער האָט יעדן איינעם גערופן „פריץ". און ווען עמיצער איז געווען אויף גרויסע צרות, האָט ער אים ערשט רעכט גערופן „פּריץ". און חלילה ניט מיט איראָניע. ער איז געוואָרן אַ מין „יידישער טאָלסטאָי". ער האָט געלערנט — אַר־בעטן. און קודם כל האָט ער אַליין שוין מקיים געווען דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט שוין געדרשנט. ער האָט געטון די שווערסטע אַרבעט, כאָטש ער

איז געווען אַ קנאַפּער גבור און ווען מען האָט אים פאַרגעלייגט ביורא־אַרבעט, האָט ער אין דעם געזען די גרעסטע באַליידיקונג. ער האָט זייער געהאַלטן פון ביאַליקן און אוסישקינען, אָבער ער האָט דערביי געהאַלטן, אַז זיי האָבן געדאַרפט אַרבעטן אויך. בפועל ממש אַקערן און זייען. יעקב פיכמאַן דערציילט, אַז ער האָט אים אַמאָל געפרעגט: „פריץ, וואָס טוט איר?" און ווען ער האָט אים געענטפערט, אַז ער שרייבט, האָט ער אים געפרעגט, ווי אַזוי מען קען אויספילן אַ לעבן נאָר מיט שרייבן, אָן אַרבעט. זיין לערע האָט ניט קיין גרויסע פליגל, דאָך האָט זי געהאַט אַ גרויסע השפעה. „דת העבודה" — די רעליגיע פון אַרבעט. — דורך דער אַרבעט באַהעפט זיך דער מענטש מיט דעם קאָסמאָס. און אין ארץ ישראל הערשט עד היום אַ רעליגיע פון אַרבעט. זי הערשט אויך ביי די „צבראָס", וואָס האָבן מסתמא שוין זייער ווייניק געלייענט גאָרדאָנס מאמרים, וואָס זינגען כסדר איין ליד. ער איז געווען אַ פאַציפיסט און ער האָט געפּרעדיקט שלום און ווער ער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער מסתמא גענומען די ביקס פאַר דורך שלום...



דגניה א'

מער ווי אומעטום פילט מען דעם אָטעם פון א. ד. גאָרדאָן אין דגניה, וואָס איז די מאַמע פון אַלע קיבוצים אין ארץ ישראל. מען האָט מורא אין דגניה, אַז מען וועט פאַרגעסן גאָרדאָנען, אָדער מען וועט אים ניט פאַרשטיין. זיינע מאמרים אַליין, אָן זיין פערזענלעכן צויבער, זאָגן ווייניק. רעדט מען וועגן אים כסדר. דערציילט מען וועגן אים. און מען האָט אין דגניה איינגעאָרדנט אַ מוזיי אויף זיין נאָמען.

עס איז אָבער כדאי צו באַמערקן, אַז עס איז פאַראַן אַ נייגונג צו

שאַפן אַרכיוון און מוזייען אין אַלע קיבוצים. מען טרעפט זעלטן אַ קיבוץ, אין וועלכן עס זאָל זיך נישט געפינען עפּעס אַן עקשן, וואָס זאָל זיך ניט אָפּגעבן מיט שאַפן אַ שטיקל מוזיי. ווער עס זוכט נאָר מאַטעריאַלן וועגן דעם קיבוץ גופא, ווער עס זוכט מאַטעריאַלן וועגן גאַנצן ישוב און ווער עס גייט ווייטער. אין עין חרוד, למשל, וואָס איז די מאַמע פון די קיבוצים אין „עמק יזרעאל" (מען האָט אים אַמאָל גערופן סתם „עמק"), איז פאַראַן אַן עקשן, וואָס גייט שאַפן אַ מוזיי אין גרויסן סטיל. דער דאָזיקער עקשן הייסט חיים אַפּטייקער. (אויב ער האָט נאָך ניט נאָכגעגעבן בן גוריונען און ער האָט נאָך ניט איבערגעזעצט דעם נאָמען אויף העברעאיש). ער אַרבעט גלייך מיט אַלע אין קיבוץ. ער איז אַ פּויער, ווי גאָט האָט געבאָטן, אָבער ער איז אַ מאָלער אויך. אין זיין פרייער צייט מאָלט ער און ער גיט זיך אָפּ מיט דעם מוזיי, וואָס ער האָט געשאַפן און וואָס ער רופט „משכן האומנות" (דער משכן — עפּעס ווייניקער ווי בית המקדש — פון קונסט) און ער זוכט איבערהויפּט קונסט־אַרבעט פון יידן. ניט נאָר בילדער און סקולפּטורן, נאָר אויך גראַווירן. ער האַלט יובעלירן אויך פאַר קינסטלער. אַ הויכער, ברייטער ייד איז ער, דער דאָזיקער חיים אַפּטייקער, ער זעט אביסל אוים ווי אַ פּאָניע, און ער שרייבט זיך אריין אין דער יידישער געשיכטע און איך האָב מורא, אַז זיין „משכן האומנות" איז שוין היינט אַ קאָנקורענץ צו דעם „בצלאל" מוזיי אין ירושלים.

פאַראַן נאָך קיבוצים, וואָס האָבן צו פאַרצייכענען עפּאָכע־מאַכנדיקע קולטור־אַרבעט. אָט איז מרחביה אין גליל, דער צענטער פון „הקיבוץ הארצי" און דאָרט געפינט זיך די דרוקעריי, דער פאַרלאַג און דער קולטורעלער הויפּטשטאַב פון „השומר הצעיר". און וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע ביכער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע מען דרוקט עס אין אָט דעם קיבוץ. דאָ ווערט אויף אַן אמת פאַרייניקט די לאָפּעטע מיט דעם בוך און ניט איין מאָל מוז מען נעמען אין דער האַנט אַריין אויך די ביקס און עס ווערט אַ דריי־איינסקייט פון לאָפּעטע, בוך, און שווערד. דאָס איז די פּאַקטישע דריי־איינסקייט פון ארץ ישראל.

און אויב מען דערמאָנט די ביקס, מוז מען דערמאָנען כפר גלעדי, תל חי און יוסף טרומפּעלדאָר. כפר גלעדי און תל חי געפינען זיך ביי דער סאַמע גרעניץ מיט סיריע. די געגנט האָט געהערט צום שבט דן. די סיריער האָבן פּרעטענדירט אויף דער דאָזיקער געגנט. און עס האָבן דאָרט געמוזט פאַרקומען אומרוען. און גראָד האָט זיך באַזעצט יוסף טרומפּעלדאָר, דער רוסיפיצירטער ייד, וואָס איז געווען פון די געציילטע יידן־אָפיצערן

אין דער צאַרישער אַרמיי. ער האָט אין דער יאַפּאַנישער מלחמה פאַרלוירן אַ האַנט. מען פאַררעכנט אים צו די גאַנצסטע יידן, כאָטש געווען איז ער אַ מיליטאַריסט און ער האָט פאַרמאָגט אַ מין ריטערלעכקייט, וואָס איז, דאַכט זיך, פרעמד דעם יידישן גייסט. אפילו פאַר זיין געליבטער איז ער געווען גרייט צו גיין אין קריג אַריין. ער וואָלט זיך ניט געפילט ראוי צו דער כלה אָן זיין העלדישקייט. עס ווייעט מיט אַ צויבער פון טרומפּעלדאָרס פּערזענלעכקייט און פון דעם ביסל כתבים, וואָס איז פון אים געבליבן — צופעליקע אַרטיקלען, אָנפאַנגערישע דערציילונגען און פּריוואַטע בריוו. אַ קינסטלער, וואָס האָט ניט געשאַפן עפּעס אַנדערש ווי זיך אַליין.

דאָס זוכן און געפינען וואָסער אין די קיבוצים איז אַן עפּאָפּעע, וואָס וואַרט אויף אַ נייעם תנך־שרייבער.

פאַראַן אין די קיבוצים יידן פון אַלע עקן וועלט. פאַראַן ספרדישע יידן פון בולגאַריע און פון אַנדערע לענדער. פאַראַן יוגאָסלאַווישע און דייטשע יידן. פאַראַן אַ קיבוץ פון מאַקים, וואָס זיינען טאַקע קינדער פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן, אָבער זיי זיינען שוין געבוירן אין פראַנקרייך און אין אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע לענדער. עס דאַרף ניט פאַרשוויגן ווערן, אַז דייטשע יידן האָבן די לעצטע צייט צוגעגעבן אַ געוויסע דיסציפּלינגאַנצקייט דעם קיבוץ, אָבער דער רוב מנין ורוב בנין פון די קיבוצים באַשטייט פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וועלכע האָבן פאַראייניקט ציוניזם מיט סאָציאַליזם און וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט די זאַפטיקייט און דעם ברען פון חסידים. אויך די „הורה", וואָס מען טאַנצט אין די קיבוצים און מען האָט זי פון דאָרט אַריבערגעטראָגן אין גאַנצן ארץ ישראל ישוב און אין אַלע „הכשרות", איז בעצם אַ חסידישער ריקוד, וואָס פּאַסט זיך צום בעסטן צו אַ חסידישן ניגון. און די שפּראַך פון קיבוץ איז נאָך היינט ניט וויניקער יידיש ווי העברעאיש. עס איז דאָ אויך אין דעם פּרט „עוד לא נותקה השלשלת"...

קיבוץ איז עקספּערימענט... אָבער אַן עקספּערימענט צו געפינען אַ פולע לייזונג פאַר אַלע יידישע און מענטשלעכע פּראָבלעמען. דאָס באַפרייען זיך פון טאָג־טעגלעכע עקאָנאָמישע דאגות פּרנסה וועט געבן מעגלעכקייט צו זוכן דעם ריכטיקן וועג, אָבער — דעמאָלט, ווען מען וועט קענען צעברעכן די שווערדן אויף אַקערס, היינט מוז מען נאָך, לײדער, צעברעכן די לאָפּעטעס אויף שווערדן. וואַקסן קיבוצים אויך אונטער דעם פייער, אָבער דאָס זוכן נייע וועגן האָט דאָס פייער לײדער אָפּגעשטעלט. ווען עס וועט קומען די צייט פון שלום, וועלן די קיבוצים נאָך זאָגן אַ ניי וואָרט דעם יידישן פאָלק און אפשר דער גאַנצער מענטשהייט.

ביכער פון זעלבן מחבר

נאָך דער פאַרשטעלונג (גראָטעסקן און בילדער פון יידישן לעבן) 173 זייטן, בוענאָס איירעס, 1926.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער (טראַגיקאָמעדיע אין 3 אקטן) 41 זייטן, ב. איירעס, 1928 (אויספאַרקויפט)

פון ביידע זייטן ים (נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער) 156 זייטן. בוענאָס איירעס, 1929.

בעסאַראַביע (לעגענדעס, מעשהס און בילדער) 125 זייטן. בוענאָס איירעס, 1929.

משה לייב האַלפּערן (אַ קליין קרענצל אויפן קבר פון אַ גרויסן דיכטער), 56 זייטן, בוענאָס איירעס, 1932.

פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, 277 זייטן, ווארשע 1932 (אויספאַרקויפט).

דראַמען (ר׳ בער ליעווער, צווישן רעוואָלוציאָנערן, הערשעלע אָסטראָ־פּאָליער), 186 זייטן. בוענאָס איירעס, 1932.

די לעבנס געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט (מעמוארן)
ערשטער באַנד: 398 זייטן; ב. א., 1942
צווייטער באַנד: 414 זייטן; ב. א. 1942
דריטער באַנד: 444 זייטן; ב. איירעס 1942
(אַלע אויספאַרקויפט)

מיר ווילן לעבן (ראָמאַן אין פיר טיילן), 521 זייטן, ב. א. 1944. (אויספאַרקויפט).

רשימה פון די בילדער

1 די גרינדונג פון תל אביב — — — — — — — — 33
2 די הזמנה צו דער הכרזה — — — — — — — — — 42
3 שדרות ראָטשילד — — — — — — — — — — 43
4 דאָס מיידל מיט דער פאָן — — — — — — — 64
5 ד. בן גוריון לייענט די פּראָקלאַמירונג פון דער
יידישער מדינה — — — — — — — — — — — 49
6 דער טעקסט פון דער פּראָקלאַמירונג — — — — — — 51
7 עפּילאָג פון „ליכט". (ראובן, מאַטיע ראַבינאָ־
וויטש און דער מחבר) — — — — — — — — 67
8 אַ ליכטיק פּנים פון אַ געפאַלענעם — — — — — — 138
9 נאָך אַ ליכטיק פּנים פון אַ געפאַלענעם — — — — — 139
10 אַ טיפּישער סאָלדאַט פון נגב — — — — — — — 140
11 בערנאַרדאָט און באָנטש — — — — — — — — 156
12 אַ ח"ן פליערן — — — — — — — — — — 159
13 אין עולי־בעסאַראַביע — — — — — — — — — 167
14 די היסטאָרישע באַגעגעניש פון מחבר פון
„בראשית" מיטן מחבר פון „געהיימשטאַט" — — — — 168
15 דער בנין פון דער הבימה — — — — — — — — 183
16 חנה סוקעניק אַלס „מיקי" — — — — — — 188
17 אַ טשיזבאַט־פאָרשטעלונג אין פעלד — — — — — — 189
18 א. שלאָנסקי און פרישמאַנס איינִיקל — — — — — — 192
19 דגניה — — — — — — — — — — — — 264

רשימה פון נעמען

א

אביגדור, יוסף — 134
אבן, דן — 134
אבנרי, מ. — 154
אגראָנסקי, גרשון — 194
אהראָנאָוויטש, י. — 77, 231
אהראָנסאָן, הרב — 75,73
אוסישקין, מ. מ. — 6, 74, 78, 240, 262, 264
אויערבאך, אפרים — 29, 167
אחד העם — 35, 36, 75, 76, 110, 230
אימבער, נ. ה. — 218
אלון, יגאל — 134, 136
אלטערמאן, נתן — 190, 191
אלענבי, עד׳ — 37
אנכי, ז. י. — 75, 175
אנ־סקי, ש. — 182
אָסטראָווסקי, ב. — 186
אַפּטייקער, חיים — 265
אָפּאטאָשו, יוסף — 29
אַרלאָזאָראָוו, חיים — 24, 76, 77, 78

ב

באלפור, לאָרד — 17
באַנטש, ראלף — 156
בארלאס — 113, 155
ביאליק, ח. נ. — 37, 74, 76, 102, 166, 182, 195, 262, 264
ביילים — 164
ביילנסאָן, משה — 77, 191
בייגין, מ. — 32, 72, 134
ביקל, שלמה — 29, 163
בן גוריון, דוד — 24, 25, 26, 32, 47, 48, 50, 52, 77, 82, 84, 93, 105, 110, 135, 136, 164, 179, 181, 200, 209, 214, 218, 246, 265
בן טוב, מרדכי — 47, 53, 82, 191, 245
בן יהודה, אליעזר — 85
בן צבי, י. — 129
בערנארד שאָו — 34
בעווין, ערנסט — 17, 152, 240
בערנארדאָט, גראף פּאָלקע — 156, 179
בערנשטיין, י. — 192
בערנשטיין, דר. פ. — 47, 48, 53, 192
בראסלאווער, ר׳ נחמן — 263
ברוידע, יעקב — 232
ברענער, י. ח. — 17, 73, 77, 129, 177

ג

גאָלאָמב, אליוהו — 35, 36, 135
גאָלד, לייבוש — 68
גאָלד, עלא קליינער — 68, 224
גאָלדבערג, י. ל. — 190
גאָלדפאדען, א. — 75, 185
גאנדי, מאהאטמא — 84
גאָרדאָן, א. ד׳ — 17, 21, 32, 74, 78, 129, 130, 231, 262, 263, 264
גאָרדאָן, ש. ל. — 77
גאָרדין, יעקב — 185
גלאָוב, פּאשא — 137, 155
גלאַטשטיין, י. — 29
גלילי, ישראל — 47, 134, 135, 136
גליקסאָן, דר. מ. — 77, 190
גערשענזאָן — 185
גראַזאָווסקי, יהודה — 240
גראָפּער, יעקב — 68
גרוזנבערג — 164
גרינבוים, י. — 52, 82, 193

ד

דורי, י. — 134, 135, 136
דיזענגאָף, מאיר — 43, 77, 93
דרויאַנאָוו, אַלטער — 77

ה

האָז, דוב — 35, 36, 77, 135
האלפערן, מיכל — 217, 218, 222
הירשביין, פּרץ — 198
הלוי, יהודה — 37
הלוי, משה — 185
הללס, שלמה — 165, 166
העס, משה — 9, 17, 37
העפטמאן, יוסף — 108, 192
הרפז, נטע — 199, 200
הערצל, דר. — 17, 34, 47, 73, 76, 79, 111, 210, 220, 221, 222, 232, 233

ו

וואלדמאן, א. — 68
וואָלטער — 76, 77
וואָלקאני, א. — 228
ווקאָפּ — 20
וויטקין, יוסף — 219
ווילנער, מאיר — 201
וילנאי, י. — 112
ווינגייט, לאָרד — 135
ווייסמאן, מישו — 59
ווייצמאן, חיים — 19, 151, 228
ווערטהיים, דוד — 24

ז

זאַץ, לודוויק — 185
זבארזשער, וועלוול — 75
זיוו, דניאל — 228
זיוו, פאמיליע — 228
זינגער, י. י. — 185
זרבבל — 196
זרבבל, פרידע — 196
זשאבאָטינסקי, וו. — 17, 131, 151, 190
זשיטלאָווסקי, חיים — 198

ח

חביב, זרבבל — 220
חבס, ברכה — 29
חלפי, י. — 186

ט

טויבמאן, י. ל. — 64, 66
טורנער, יצחק — 38
טעלער, ישראל — 222
טרומפעלדאָר, יוסף — 17, 32, 78, 130, 131, 265, 266
טשאפּלין, טש. — 24
טשווירטשיל, ווינסטאָן — 84, 152
טשיזיק, אפרים — 240, 241
טשערניכאָווסקי, שאול — 158

י

ייבין, ש. — 21
יבנאלי, ש. — 90
ידין, יגאל — 134, 136
יוריס, א. ש. — 71
יפה, לייב — 190

כ

כהן, אליהו — 134
כהן, דר. מטמון — 110

ל

לייוויק, ה. 29, 191
ליליענבלום, מ. ל. — 30, 33, 231
ליעסין, א. — 103
ליפמאן, שליט — 217
ליפע, דר. ל. — 75
לישענסקי, בתיה — 107, 177, 241
לעווין, חנה — 158
לעווין, י. מ. — 53, 83
לעווין, שמריהו — 76
לעווינסאָן, א. 174, 196
לעווינסקי, א. ל. — 86
לערנער, דר. יוסף — 69

מ

לערער, ראובן — 222
מאָגולעסקאָ — 185
מאיר, אבאָ — 192
מאיראָוויטש, משה — 218
מאירסאָן, גאָלדע — 48, 53, 54, 92
מאָסינזאָן, יגאל — 142 198
מאלקין, ד. ב. — 197
מאן, טאָמאס — 225
מאָנטעפיאָרע, משה — 235
מאָנטעפיאָרע, יהודית — 235
מארקוס, דוד — 137
מאַרקס, קארל — 263
מוליע — 196
מייזיל, נחמן — 75
מילער, שלמה — 96
מיימון, משה — 176

מענדעלע מ. ספרים — 6, 21, 28
מרגלית — 141, 185

נ

נאָזשיק, מאקס — 186
נאפּאָלעאָן — 95, 115, 116
נאָרדוי, מאקס — 73, 75, 76, 79
נחתומי, י. — 186
ניימאַן א. — 197
ניימאַן, י. מ. — 174
ניר — 196
ניצשע, פ. — 263
נעטער, קארל — 210, 211

ס

סאָקאָלאָוו, נחום — 150
סוויסלאָצקי, ש. — 192
סוצקעווער, א. — 168, 169, 173, 174, 196, 201, 207
סוקעניק, א. ל. — 21
סוקעניק, חנה — 187
סוקעניק, מתי — 96, 201, 205
סטאַווסקי, משה — 239
סטאלין, מאַרשאַל — 164
סירקין, נחמן — 248, 260
סמאָלענסקי, פּרץ — 111
סמיליאנסקי, משה — 231

ע

עגנון, ש. — 198
עמיר, ישראל — 134
ענגעל, יואל — 75
עשת, שלום — 134

פּ

פּאָכאַטשעווסקי — 219
פּאלנבערג — 185
פּאָרעצקי, דר. א. — 193
פּינס, י. מ. — 220
פּינסקער, י. ל. — 17, 30, 214
פּעטערזייל — 196
פּרץ, י. ל. — 6, 28, 209

פ

פאַן ווייזל, וו — 192, 193
פייגין, אגר — 228, 229
פיכמאַן, יעקב — 165, 166, 264

פיין, לינקא־קליינער — 224
פינקעלשטיין, לעאָ — 108
פישמאַן, הרב י. ל. — 42, 43, 48, 52, 53, 165, 166, 226
פישמאַן, עדה — 226
פרידמאַן, מ. — 68

צ

ציזלינג, אהרן — 47, 53, 82, 209, 245
צעכאָוואל, ס. — 186

ק

קאפּלאַן, אליעזר — 61, 82, 83, 111
קאָרין, יצחק — 165, 166
קארלבאך, עזריאל — 190, 193
קאצענעלסאָן, בערל — 17, 29, 30, 32, 79, 191
קיטעווער, ר׳ גרשן — 50
קיפּלינג, ר. — 195
קמחי, דזשאָן — 100
קעסטלער, ארטור 150, 151
קראוזע, אליהו — 211, 212
קראָן, דאנציגער — 108
קרעמער, אָ — 69

ר

ראַבינאָוויטש, מ. — 67, 174, 259
ראובן — 67, 174, 175
ראווינא, חנה — 92
ראָזאָף, דר. מאיר — 240
ראָזנבליט, פעליקס — 47, 48, 53, 82
ראָזענבערג, יאָשע — 60
ראָטנער, יוחנן — 134
ראָטשילד, עדמאָנד — 34
רובאַשאָוו, זלמן — 31, 48, 190, 191
רובין, דר. י. 192
רוסטי, מ. — 186
רוקח, אליעזר — 75
רוקח, ישראל — 75, 191
רוקח, שמעון — 75
רחל — 30
רידינג, לאָרד — 20
רמב״ם — 31, 90
רמון, יצחק — 161
רמז, דוד — 24, 47, 52, 82, 83
רעמבא, אייזיק — 192

ש

שאליט — 45
שאלתיאל, דוד — 134, 135, 136
שאפּיראָ, הערמאַן — 64
שאפּיראָ, משה — 47, 53
שאַפּיראָ, נח — 231
שאָקען, גרשן — 190
שאָקען, זלמן — 108, 190
שדה, יצחק — 134, 135
שוחט, אליעזר — 29
שחורי, י. — 168
שטיינבערג, יעקב — 39
שטיינמאַן, אליעזר —195
שיטריט, בכר — 53
שיינקין, מנחם — 75, 79
שכר, יחזקאל — 134
שלאָנסקי, א. — 191
שלום עליכם — 6, 28, 46, 215
שמיר, משה — 142, 143, 187, 198
252
שמיר, שלום — 134
שמעונאָוויטש, דוד — 231
שעפּנער, ב. — 29
שערטאָק, יעקב — 74
שערטאָק, משה — 21, 22, 23, 35, 47, 52, 53, 60, 82, 108, 109, 110, 128, 179
שפּרינצאַק, י. — 24, 69, 70, 200, 205

Este libro fué terminado el día 31 de Diciembre de 1948 en los Talleres Gráficos de Zlotopioro Hnos., Gascón 1231 Buenos Aires